ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשועי

שער
שלישי

ספר השיחות
תנש״א

- כרך א -

ערב ראש השנה - אחרון של פסח



מכבוד קדושת

אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

שניאורסאהן

מליובאוויטש

- הוצאה שלישית -



יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושלש לבריאה

מאה שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

SEFER HASICHOS -- 5751
Volume One

Second Printing 1998
Third Printing 2003
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
Orders Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehotonline.com

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data
Schneerson, Menahem Mendel, 1902-—1994
[Sihot 5751]
Sefer ha-sihot, 5751 / mi-kevod Kedushat Menachem
Mendel Shene'ursohn, mi-Lyubavitsh.
p. 15x22 1/2 cm. -- (sifriy. Otsar ha-hasidim, Lyubavitsh)
(Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3.)
Hebrew and Yiddish.
Title on v. 1. t.p verso: Sefer Hasichos, 5751
Includes bibliographical notes and indexes.
Contents: kerech 1. Erev rosh HaShanah—Yud Alef Nissan.
ISBN 0-8266-5770-2 (v.1): $13.00
ISBN 0-8266-5771-0 (v. 2): $13.00
1. Jewish Sermons, Hebrew. 2. Jewish Sermons, Yiddish.
3. Hasidism--Sermons. 4. Habad--Sermons.
I. Title. II. Title: Sihot, 5751. III. Title: Sefer hasichos,
5751. IV. Series. V. Series: Sifriyat Otsar ha-Hasidim,
Lyubavitsh.
BM740.2.S298 1993 Hebr
296.8'3322--cd20
Library of Congress Catalog Card #89-15226 CIP

Printed in Israel

בס"ד.

פתח דבר

בקשר עם יום הבהיר, יום עשתי עשר לחודש ניסן (חודש הגאולה) — נשיא לבני אשר, אשר „הוא יתן מעדני מלך"[1] —

יום הולדת הצדי"ק[2] של כ"ק אדמו"ר שליט"א,

הננו מו"ל בזה את „ספר השיחות ה'תנש"א" חלק ראשון, שבו נכללו השיחות המוגהות שנאמרו בחצי הראשון של שנת תנש"א (ערב ראש השנה — אחרון של פסח).

מאז שנת תשמ"ח זכינו, אשר חלק הארי מהתועדויות שבתות השנה יו"ל מוגה מכ"ק אדמו"ר שליט"א, ועפ"י בקשת רבים, ומפני כמות השיחות שראוי שיקבעו ברכה לעצמן, לא צרפנו שיחות אלו ב„הוספות" לספרי לקוטי שיחות (כשיחות השנים הקודמות), אלא אספנו אותן תחת כפיפה אחת, בספר בפני עצמו.

* * *

השיחות מופיעות כמתכונתן המקורית, ומכאן — ההבדל בצורתן הלשונית, פעם בלשון הקודש ופעם באידית, כפי שהוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ויצאו לאור בשעתן[3].

* * *

ויה"ר שנזכה בקרוב להו"ל עוד שיחות ומאמרים של כ"ק אדמו"ר שליט"א, ויחזק השי"ת בריאות כ"ק אדמו"ר שליט"א וישלח לו רפואה שלימה וקרובה בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, ויתן לו אריכות ימים ושנים טובות ונעימות, ויראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות, הרחבה ונחת, ובקרוב ממש יוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה במהרה בימינו ממש.

י"א ניסן ה'תשנ"ב, (הי' תהא שנת נפלאות בכל),
צדי"ק שנה לכ"ק אדמו"ר שליט"א
ברוקלין, נ.י.

---

1) ראה לקוטי לוי"צ — אגרות קודש (ע' שכד־ה; ע' תיט).

2) ראה זח"א (בהקדמה) ב, ב. פרדס שכ"ז פכ"א. קה"י מערכת צ. וראה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות צדי"ק ס"ב וס"ח, וש"נ.

3) בעתון „כפר חב"ד" ועתון „דער אלגעמיינער זשורנאל" (ואח"כ בקונטרסים בפ"ע).



בס"ד.

להוצאה החדשה

בקשר עם יום הבהיר י"א ניסן – יום מלאות מאה ואחת שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע,

הננו מדפיסים בהוצאה חדשה את ספר השיחות תנש"א (כרך ראשון).

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד „הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשאינו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, „תורה חדשה מאתי תצא".

מערכת „אוצר החסידים"

מוצש"ק פ' שמיני, יום הבהיר כ"ה אדר-שני, ה'תשס"ג
מאה ושתים שנה להולדת הרבנית הצדקנית נ"ע זי"ע
ברוקלין, נ.י.

בס"ד.

להוצאה החדשה

בקשר עם יום הבהיר י"א ניסן – יום מלאות מאה ואחת שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע,

הננו מדפיסים בהוצאה חדשה את ספר השיחות תנש"א (כרך ראשון).

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד „הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשאינו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, „תורה חדשה מאתי תצא".

מערכת „אוצר החסידים"

מוצש"ק פ' שמיני, יום הבהיר כ"ה אדר-שני, ה'תשס"ג
מאה ושתים שנה להולדת הרבנית הצדקנית נ"ע זי"ע
ברוקלין, נ.י.

בס"ד.

פתח דבר

בקשר עם יום הבהיר, יום עשתי עשר לחודש ניסן (חודש הגאולה) — נשיא לבני אשר, אשר „הוא יתן מעדני מלך"[1] —

יום הולדת הצדי"ק[2] של כ"ק אדמו"ר שליט"א,

הננו מו"ל בזה את „ספר השיחות ה'תנש"א" חלק ראשון, שבו נכללו השיחות המוגהות שנאמרו בחצי הראשון של שנת תנש"א (ערב ראש השנה — אחרון של פסח).

מאז שנת תשמ"ח זכינו, אשר חלק הארי מהתועדויות שבתות השנה יו"ל מוגה מכ"ק אדמו"ר שליט"א, ועפ"י בקשת רבים, ומפני כמות השיחות שראוי שיקבעו ברכה לעצמן, לא צרפנו שיחות אלו ב„הוספות" לספרי לקוטי שיחות (כשיחות השנים הקודמות), אלא אספנו אותן תחת כפיפה אחת, בספר בפני עצמו.

* * *

השיחות מופיעות כמתכונתן המקורית, ומכאן — ההבדל בצורתן הלשונית, פעם בלשון הקודש ופעם באידית, כפי שהוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ויצאו לאור בשעתן[3].

* * *

ויה"ר שנזכה בקרוב להו"ל עוד שיחות ומאמרים של כ"ק אדמו"ר שליט"א, ויחזק השי"ת בריאות כ"ק אדמו"ר שליט"א וישלח לו רפואה שלימה וקרובה בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, ויתן לו אריכות ימים ושנים טובות ונעימות, ויראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות, הרחבה ונחת, ובקרוב ממש יוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה במהרה בימינו ממש.

י"א ניסן ה'תשנ"ב, (הי' תהא שנת נפלאות בכל),
צדי"ק שנה לכ"ק אדמו"ר שליט"א
ברוקלין, נ.י.

---

1) ראה לקוטי לוי"צ — אגרות קודש (ע' שכד־ה; ע' תיט).

2) ראה זח"א (בהקדמה) ב, ב. פרדס שכ"ז פכ"א. קה"י מערכת צ. וראה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות צדי"ק ס"ב וס"ח, וש"נ.

3) בעתון „כפר חב"ד" ועתון „דער אלגעמיינער זשורנאל" (ואח"כ בקונטרסים בפ"ע).



מפתח



ספר השיחות
ה'תנש"א

ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א אחרי קבלת הפ"נ הכללי, ערב ראש השנה, ה'תנש"א

מפני טורח הציבור איז איצטער ניט די צייט צו לייענען די פדיונות,

און כלפי שמיא גליא – במילא ווייסט מען אַלץ וואָס איז דאָ געשריבן בפרטיות,

און דער אויבערשטער, "שומע תפלה"[1], וועט זיכער מקיים זיין תפלת עמו ישראל, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה[2], אין די אַלע ענינים וועגן וועלכע מ'האָט געשריבן אין די פדיונות,

ביז די תפלה ובקשה הכי כללית – גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

ובדרך ממילא איז אין דעם אויך נכללי[3] דער מילוי פון אַלע בקשות פרטיות, הן בגשמיות והן ברוחניות, והן ברוחניות והן בגשמיות, און אויך ברוחניות ובגשמיות גם יחדי[4], וועלכע זיינען אַלע נכלל אין די אותיות פון די אל"ף בי"ת:

עס זאָל זיין אַ שנת אורה, שנת ברכה, שנת גאולה, שנת דיצה, שנת הוד והדר, שנת ועד טוב, שנת זכיות גדולות, שנת חיים טובים וארוכים, שנת טובות גדולות בטוב הנראה והנגלה, שנת יעוד טוב, שנת כלכלה, שנת לימוד בהצלחה מופלגה, שנת מילוי משאלות לבב כל אחד ואחת בתוך כלל ישראל מיט כח הצבור, שנת נסים גדולים[5], נסים פרטיים און אויך כלליים, שנת סייעתא דשמיא בכל הענינים, הן בגשמיות והן ברוחניות, שנת עוז והדר פאַר יעדער אידן און פאַר אַלע אידן, בחייו הפרטיים ובחייו הכלליים, און אין זיין אידישקייט ביתר שאת וביתר עז, שנת פדות, שנת צדקה, שנת קדושה, שנת קוממיות, שנת רוממות, שנת שמחה, שנת ששון, שנת תורה, שנת תפלה, שנת תשובה און שנת תהלה,

ובכללות (כאמור) – אַ שנה פון מילוי משאלות לבב כל אחד ואחת, בתוך כלל ישראל, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה,

ביז דעם מילוי משאלות לבב – אויך פון כל אחד ואחת מישראל – די שאלה ובקשה הכי עיקרית, צו וועלכער "קוינו כל היום"[6]: גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

ויוליכנו קוממיות לארצנו, לארצנו הקדושה, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובנותנו"[7], ובתוכם (כפשוט) – די אַלע וואָס האָבן דאָ דערלאַנגט די פדיונות, צוזאַמען

---

1) ברכת שמע קולנו בתפלת העמידה דחול. – ולהעיר מסיום ברכת שופרות במוסף ר"ה "שומע קול תרועת עמו ישראל ברחמים".

2) ברכה השלישית – ומן התורה האחרונה – דברכת המזון (ברכות מה, ב. שם מח, ב).

3) ראה רמב"ם הלכות תשובה פ"ט, שהשלימות דיעודים גשמיים (בעוה"ז), תהי' בימות המשיח. וברמב"ם סוף הל' מלכים: "ובאותו הזמן לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות שהטובה תהי' מושפעת הרבה וכל המעדנים מצויין כעפר".

4) ראה לקוטי לוי"צ אגרות ע' רצג. וראה ס' השיחות ה'תש"נ ח"ב ע' 606 ואילך.

5) והרי עומדים אנו בסיום וחותם שנת ה'תש"נ, ר"ת הי' תהא שנת נסים, ונכנסים לשנת ה'תנש"א, ר"ת הי' תהא שנת אראנו נפלאות (ל' הכתוב – מיכה ז, טו), כמדובר כמ"פ לאחרונה.

6) ברכת את צמח בתפלת העמידה דחול.

7) כמ"ש ביצ"מ (ו"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות") – בא י, ט.

מיט אַלע זייערע בני בית און משפחות, און מושפעים און מושפעות,

און מ'גייט אַלע, כאמור, אין ארץ הקודש, און דאָרטן גופא — אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, ביז אין קודש הקדשים, אין „מקדש אד' כוננו ידיך, הוי' ימלוך לעולם ועד"[8],

בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

און מיר אַלע, בתוך כלל ישראל בכל קצוי תבל, פראַוועז דעמולט ראש השנה בארצנו הקדושה בירושלים עיר הקודש — יום אחד ראש השנה אָדער שני ימים (בהתאם צו זמן ביאת העדות)[9], ובכל אופן — איז דאָס אַלעמאָל „כחד יומא אריכא"[10*],

ביז אַז דער „יומא אריכא" ווערט תיכף ומיד אַ התחלה צו דעם „יומא אריכא" („יום שכולו ארוך"[11]) פון חיים נצחיים, בלי הפסק בינתיים, נשמות בגופים דוקא[12],

„והקיצו ורננו שוכני עפר"[13], ונשיא דורנו בתוכם, ובראשינו,

און דאָס אַלץ (כאמור) — בארצנו הקדושה, בירושלים עיר הקודש, אין „מקדש אד' כוננו ידיך", בבית המקדש, בקודש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

---

8) בשלח טו, יז-יח. וראה פרש"י עה"פ שם, יז. פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. תוד"ה אין — שבועות טו, ריש ע"ב. ועוד.

9) כפי שהי' בזמן שהיו מקדשין ע"פ הראי' ש„בירושלים עצמה שהוא מקום בית דין פעמים רבות היו עושין יום טוב של ר"ה שני ימים שאם לא באו העדים וכו'" — רמב"ם הל' קדוה"ח פ"ה ה"ח. וראה שו"ע אדה"ז הל' ר"ה סתר"ס ס"ד ובהנסמן ב„מ"מ וציונים" לשם.

— משא"כ רוב בני א"י, שהיו עושין ר"ה לעולם שני ימים (לשיטת התוס' ר"ה יח, סע"א. רמב"ם שם ה"ז. שו"ע אדה"ז שם ס"א), או לעולם יום אחד (לשיטת רש"י ר"ה שם ועוד. — וראה לח"מ הל' קדה"ח פ"ג ה"ט. לקו"ש ח"ט ע' 370. ובכללות הענין — המועדים בהלכה (להרש"י זוין) ר"ה ע' כט ואילך).

ולהעיר, ד„בראשונה היו משיאין משואות (עד ש„קלקלו הכותים", שאז „התקינו שיהו שלוחין יוצאין") . . עד שהי' רואה כל הגולה לפניו כמדורת האש" (ר"ה כב, ב — במשנה), ובמילא נהגו כל בני א"י בהתאם לקביעות ר"ה בב"ד שבירושלים (יום אחד או שני ימים). ואולי י"ל, שכן יהי' גם לע"ל — כיון שאז אין החשש דקלקול הכותים*.

10) ל' הטור או"ח ר"ס ת"ר. וראה שו"ע אדה"ז שם ס"ג-ד ובהנסמן ב„מ"מ וציונים" לשם.

11) ראה תו"א יח, ד: כמאחז"ל . . יום שכולו ארוך. והוא ע"פ מאחז"ל עה"פ (תצא כב, ז) „והארכת ימים — לעולם שכולו ארוך" (קידושין לט, ב. חולין קמב, א). וראה ספר הליקוטים — דא"ח צ"צ ערך יום סכ"ו (ע' שפב), ושי"נ.

12) שזהו תכלית השכר — כפס"ד הרמב"ן (בשער הגמול בסופו) — ראה מכתב מוצש"ק פ' נצבים וילך, כ"ה אלול, ה'תשי"ג. ושי"נ (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

13) ישעי' כו, יט.

---

*) ראה פני משה ירושלמי ר"ה פ"ב ה"ב: אע"פ שבימי רבי בטלו המשואות . . מ"מ מפרש כיצד היו עושין בשעה שהיו נוהגין בהן, ונ"מ שאם יתבטלו המינין יחזרו למנהג שלהם. ולהעיר גם מקרבן העדה שם ה"א, שמבאר הטעם שלא בטלו המשואות מים טברי' (כדאיתא בירוש' שם), מפני „שלא היו כותיים דרים שם".

משיחות ש"פ האזינו, שבת שובה
– התוועדות א' וב' – ה'תנש"א

א. מ'האָט גערעדט מערערע מאָל אַז אין צוגאָב צו דער אַלגעמיינער באַדייטונג פון די ימים טובים פון חודש תשרי (המרובה במועדות[1]), אין וועלכע אַלע יאָרן גלייכן זיך אויס, איז אויך דאָ אַ ספּעציעלע באַדייטונג וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער קביעות מיוחדת פון די ימים טובים אין דעם באַשטימטן יאָר, מיט וועלכע דער נייער יאָר טיילט זיך אויס פון אַנדערע יאָרן.

היי־יאָר צייכנט זיך אויס דערמיט וואָס די ימים טובים[2] פון חודש תשרי פירן אַריין גלייך אין שבת: די צוויי טעג פון ראש השנה זיינען דאָנערשטיק און פרייטיק (ערב שבת), וואָס פירן גלייך אַריין אין דעם טאָג פון שבת קודש; און אין חוץ לארץ איז אַזוי די קביעות אויך פון די ערשטע טעג סוכות, און די לעצטע טעג, שמיני עצרת און שמחת תורה, אַז זייענדיק דאָנערשטיק און ערב שבת, קומט נאָך זיי גלייך דער יום השבת קודש[3].

אין אַזאַ קביעות קומט אויך צו, אַז אין דעם שבת נאָך ראש השנה לייענט מען פרשת האזינו[4].

אַלע זאַכן, ובפרט פאַרבונדן מיט דער תורה'דיקער קביעות פון ימים טובים און פרשיות אין תורה, זיינען בהשגחה פרטית[5] און בתכלית הדיוק. איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אַט די קביעות פון ראש השנה (און עד"ז פון סוכות און שמיני עצרת ושמחת תורה), אַז דאָס פירט אַריין גלייך אין שבת, און אין שבת פרשת האזינו – גיט אַ ספּעציעלע אָנווייזונג (תורה מלשון הוראה[6]) וועלכע מאַכט נאָך קלערער און גיט צוגאָב כחות אין אויספירן דעם אַלגעמיינעם באַדייט פון די ימים טובים.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין דעם כללות'דיקן אינהאַלט און

---

1) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב. הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראוונע) או"ח סקל"א ס"ח.

2) ראה רמב"ם ריש הל' יו"ט: ששת ימים האלו כו' שהן ראשון ושביעי של פסח וראשון ושמיני של חג הסוכות וביום חג השבועות ובאחד לחודש השביעי הן הנקראים ימים טובים. וכ"ה בשו"ע אדה"ז שם (לפי סדר המועדים בשנה).

3) וגם בארץ ישראל (שיו"ט שם הוא יום אחד) – הרי נכלל ביום זה גם הגילוי דיו"ט שני (של גליות), כמבואר בכ"מ (לקו"ת שמע"צ צב, ג. סהמ"צ להצ"צ קיד, ואילך. – מס' אור נערב להרמ"ק) בביאור מאחז"ל (שהש"ר פ"א, ה) „אמרה כנס"י בארץ ישראל הייתי שומר יום אחד עכשיו שני ימים, סבורה הייתי לקבל שכר של שניהן ואיני מקבלת אלא על יום אחד" – „שהרי באמת אותה ההארה המאיר בחו"ל בשני ימים, מאיר בא"י ביום אחד".

וכפי שהוא ע"פ הלכה בנוגע לשמע"צ ושמח"ת, שבארץ ישראל חוגגים שמח"ת ביום שמע"צ, וכן י"ל בנוגע ליו"ט ראשון של חג, שנכלל בו הפעולה דיו"ט שני (שבחו"ל)*.

4) משא"כ בקביעות שיום א' דר"ה חל ביום ב' או ביום ג' – קורין פ' וילך בשבת שובה, כידוע הסימן דפת בג המלך (טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד. מחזור ויטרי סי' שנ. אבודרהם סדר הפרשיות וההפטרות. בעה"ט ר"פ וילך).

5) כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

6) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. וראה זח"ג נג, ב.

---

*) ויום שני דחגה"ס בארץ ישראל הוא חול המועד (שאין בו המשכת הקדושה ואיסור מלאכה כו' כמו ביו"ט עצמו). ואכ"מ.

פעולה פון שבת און יום טוב אין דעם לעבן פון אַ אידן — סיי די געמיינזאַמע נקודה פון שבת און יום טוב, און סיי דעם אונטערשייד צווישן זיי (כדלקמן ס"ה).

די טעג פון שבת און יום טוב (כולל ראש השנה און חג הסוכות) ברענגען אַריין קדושה אין דעם לעבן פון יעדן אידן. „ושמרתם[7] את השבת כי קודש היא", „מועדי[8] ה' אשר תקראו אותם מקראי קודש": די ג־טלעכע קדושה פון שבת קודש און פון יום טוב דרינגט אַריין אין יעדן אידן, אַזוי אַז דעם גאַנצן טאָג, און אין אַלע טעטיקייטן פון טאָג, פילט מען זיך אַנדערש און קדושה'דיק דערהויבן,

ביז אַז דאָס ברענגט אַריין היילִיקייט אין זיין פיזישן לעבן — אין זיין פאַרגעניגן (עונג) אויף פון זיין גשמיות'דיקן גוף און פאַרבונדן מיט זיין גשמיות'דיקן טייל פון וועלט: ביום השבת מצוה „לענגו בעונג אכילה ושתי'"[9], ועד"ז ביום טוב האָט מען דעם חיוב פון שמחת יום טוב במאכל ובמשתה[10],

ביז אַז די קדושה פון שבת ויו"ט ווירקט אויך אויף די וואָכעדיקע טעג וועלכע קומען דערנאָך, אַז די קדושה הויבט אויף און נעמט דורך אויך די ימי ועובדין דחול פון אַ אידן, אַז זיין אויפפירונג אין טאָג טעגלעכן לעבן, אין עסן און טרינקען, שאַפן אַ פרנסה, משא ומתן וכו', זאָל זיין באַווירקט דורך רוחניות'דיקער קדושה פון דעם שבת ויו"ט נאָך וועלכע זיי קומען, עס איז דעמולט לייכטער מקיים זיין דעם אָנזאָג — „כל מעשיך יהיו לשם שמים"[11], און „בכל דרכיך דעהו"[12] (נוסף אויף דעם וואָס עס גיט צו — בכמות ובאיכות — אין זיין לימוד התורה און קיום המצוות בימי החול).

ובפרטיות, צווישן שבתות און ימים טובים גופא — ווערט דאָס אויפגעטאָן ספּעציעל דורך דעם יום טוב פון ראש השנה, און דעם שבת וואָס קומט נאָך ראש השנה — שבת שובה:

די טעג פון ראש השנה — ימים נוראים[13] — פילן אָן יעדע אידישע האַרץ מיט אַ הייליקן ציטער געפיל, וואָס נעמט דורך דעם מענטשן, במשך דעם גאַנצן טאָג — מער ווי דאָס איז אין אַנדערע ימים טובים, ווי מ'זעט עס בפועל אין דער התעוררות וואָס איז דאָ באַ אידן בראש השנה, דער יום המשפט והדין ווען עס ווערט באַשטימט דער לעבן פון יעדער איד במשך דעם גאַנצן יאָר.

און דער קדושה־געפיל פון ראש השנה באַווירקט אַ אידן באַם עסן, באַ סעודות יום טוב, און אדרבה: בסעודות ר"ה איז אין צוגאַב צו דעם חיוב פון עונג יום טוב (ווי אין יעדער יום טוב), וואָס „ירבה בבשר ויין ומגדנות כפי יכלתו"[14], איז מען אָנגעזאָגט געוואָרן „אכלו[15] משמנים ושתו ממתקים", „לאכול[16] בשר שמן ולשתות דבש וכל מיני מתיקה"[17]. און דאָס איז דער איינפלוס פון דעם ראש־השנה'דיקן הייליקן געפיל (ווי דער פסוק „אכלו

7) תשא לא, יד.

8) אמור כד, ב. שם, לז.

9) שו"ע אדה"ז ריש הל' שבת.

10) שו"ע או"ח סתקכ"ט.

11) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

12) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם.

13) ראה לקו"ת ר"פ עקב. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' שב. אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע' קכ. ובכ"מ.

14) שו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ט ס"ד.

15) נחמי' ח, י.

16) ב"י ושו"ע אדה"ז או"ח סתקפ"ג ס"ד.

17) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ט ס"ה, שמצות כבוד ועונג יו"ט „נוהגות ג"כ בר"ה שהרי נאמר בו מקרא קודש". וראה לעיל הערה 2.

משמנים גו'" איז ממשיך) „כי קדוש היום לאדונינו".

אין צוגאָב צו די מעלה אין ראש השנה אַלס יו"ט, האָט ער אויך די מעלה אין זיין השפעה והמשכת קדושה אין דעם גאַנצן יאָר — ווי באַוואוסט[18], אַז ער ווערט אָנגערופן „ראש השנה" (ניט „תחילה השנה"), ווייל אין צוגאָב צום זיין דער אָנהויב פון יאָר, איז ער בעיקר דער קאָפּ פון יאָר: אַזוי ווי אַ קאָפּ פירט אָן מיט די אברים פון גוף, אויך ווי די אברים שטייען פאַר זיך — אַזוי אויך דאַרף ראש השנה אָנפירן און באַלעבען די טעג, יעדער טאָג פון יאָר, ביז אין פרטים פון טעגלעכן לעבן.

ענלעך דערצו איז אויך שבת שובה (דער שבת וועלכער קומט נאָך ראש השנה): די פעולה פון שבת קודש איז נאָך שטאַרקער אין שבת (ת)שובה — דער ערשטער שבת פון יאָר — זייענדיק דער שבת פון די עשרת ימי תשובה („עשרה ימים שבין ראש השנה ויום הכפורים"[19]), ווען תשובה קען לייכטער דערגרייכט ווערן און די תשובה איז אויך ווירקזאַמער[20], ווי עס שטייט[21] (אויף די טעג[22]) „דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב";

נאָכמער: דער שבת האָט אין זיך און פון אים ווערט נמשך כח צו אַלע שבתות השנה — ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל[23], אַז די שבעה ימים רצופים פון די עשי"ת (צווישן ר"ה ויוהכ"פ) זייגען כנגד די שבעה ימים פון אַלע וואָכן אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (על מנת זיי צו מתקן ומשלים זיין[24]), ויש לומר, ע"פ הידוע[25] אַז די טעג פון חודש תשרי (אותיות רשית[26]) זיינען ימים כלליים על שנה הבאה[27], אַז זיי זיינען אויך כנגד די שבעה ימים פון אַלע וואָכן פון דעם קומענדיקן יאָר. ועפ"ז קומט אויס, אַז שבת שובה (דער שבת פון די שבעה ימים בין ר"ה ויוהכ"פ), איז כנגד און פון אים נעמט זיך כח אין דער עבודה אין אַלע שבתות פון יאָר (שנה שעברה און שנה הבאה).

ג. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם אויפטו פון היינטיקער קביעות, ווען די צוויי טעג ראש השנה פירן גלייך אַריין אין יום השבת קודש:

בשעת ראש השנה איז אין מיטן וואָך (מאָנטיק און דינסטיק, דינסטיק און מיטוואָך, שבת און זונטיק) — איז הגם אַז אויך דעמולט ווערט ראש השנה נתעלה אין שבת שובה (ווי אַלע טעג פון וואָך ווערן נתעלה ביום השבת באופן פון

18) ראה לקו"ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א־ב. דרושים לר"ה נח, א־ב. עטרת ראש שער ר"ה בתחלתו. אוה"ת דרושים לר"ה כרך ה ע' ב'עז ואילך. וש"נ.

19) ל' חז"ל — ר"ה יח, א.

20) רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ו־ז.

21) ישעי' נה, ו.

22) ר"ה שם.

23) פע"ח שער תפלות ר"ה ספ"ז. שער הכוונות דרושי ר"ה (לפני דרוש הא'). סידור האריז"ל להר"ש מרשקוב — סדר עשי"ת.

24) ראה גם פרדס שער השערים פ"ג. ראשית חכמה שער היראה פ"י. של"ה מס' חולין קכ, ב.

25) מאמרי אדה"ז תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. תש"ב ע' 49.

26) בעל הטורים עה"פ עקב יא, ב. אוה"ת סוכות שם. סה"מ תר"ל ע' רפז. תרנ"ו ע' רעז.

27) ואדרבה — זהו העיקר דחודש תשרי, התחלה וראש דשנה חדשה. אלא בפרטיות, יש בחודש תשרי ב' הענינים: התיקון ושלימות דשנה שעברה, והתחלה דשנה החדשה. ע"ד הב' ענינים בחודש אלול (חודש האחרון דשנה שעברה): חודש החשבון של שנה שעברה, וחודש ההכנה לשנה הבאה. ועצ"ע.

„ויכולו[28] השמים והארץ וכל צבאם"[29]) — איז אָבער דאָ אַ הפסק פון ימי החול צווישן ר"ה און שבת, ווי אונטערשטראָכן אין דעם אַז במוצאי ראש השנה מאַכט מען דעמולט הבדלה — „המבדיל בין קודש לחול כו'"[30], און דערנאָך, לאחרי הפסק כמה ימים, קומט צו די עלי' בפ"ע פון קדושת שבת.

משא"כ בשעת ראש השנה איז דאָנערשטיק און פרייטיק, פירט עס גלייך אַריין אין שבת אָן קיין הפסק בינתיים, ווי דער דין איז[31] אַז מ'מאַכט דעמולט ניט קיין הבדלה צווישן יו"ט און שבת [אע"פ וואָס בר"ה איז דאָ מעין שמחת יו"ט און ער ווערט אָנגערופן יו"ט, ווייל צווישן שמחה און קדושה איז ניט שייכות הבדלה, כדלקמן ס"ו]. ואדרבה — מ'מאַכט (נאָר) קידוש בליל שבת, וואָס באַווייזט אַז עס ווערט אַן עלי' בקדושת הזמן והאדם.

אַזוי אַז מ'האָט אַ „חזקה"[32] פון דריי קדושה־טעג נאָכאַנאַנד[33], אַ חזקה וואָס פאַרפעסטיקט די קדושה (וועלכע איז בכלל נצחית), באופן אַז דאָס האָט גאָר אַ שטאַרקע, דויערהאַפטיקע און שטענדיקע ווירקונג אויף דעם גאַנצן יאָר, אַז די ג־ט־לעכקייט־קדושה זאָל דורכדרינגען אויך די גשמיות'דיקע ענינים פון אידן,

ביז אַז אין חוץ לארץ קומט צו נאָכמער התחזקות דורך דעם וואָס אויך די ערשטע טעג סוכות און די לעצטע טעג, שמע"צ ושמח"ת, פירן אַריין גלייך אין שבת, אַזוי אַז ס'איז דאָ אַ „חזקה" אין דער „חזקה" — דריי מאָל דריי קדושה־טעג נאָכאַנאַנד — וואָס דאָס גיט נאָכמער התחזקות (אין חוץ לארץ) בכדי די קדושה זאָל דורכנעמען (אין אַן אַנטפּלעקטן אופן) די גשמיות'־דיקע מציאות פון חוץ לארץ, ביז — דער גילוי פון שלימות הקדושה, ביז אין אַלע טיילן פון זיין נשמה[34], ביז יחידה שבנפש, און נאָכמער — „יחידה לייחדך"[35], יחיד שלך[36], אַזוי אַז דער גוף און די גשמיות פון אַ אידן ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם גילוי פון די העכסטע דרגות אין קדושה,

— ווי אויספירלעך ערקלערט אין די בריוו אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָנהויבס פון דעם יאָר[37].

ד. בכדי דאָס קלערער פאַרשטיין דאַרף מען ערקלערן דעם אונטערשייד בפרטיות צווישן (די קדושה ושמחה[38] פון) שבת און יום טוב, דיש בזה מה שאין בזה, אַזוי אַרום אַז די דריי קדושה־טעג נאָכאַנאַנד, וועלכע זיינען (ניט דריי טעג יו"ט, נאָר) צוויי טעג יו"ט און איין טאָג שבת, באַדייטן (נוסף צו דער צד השוה שביניהם — דריי טעג קדושה) דער פאַרבונד פון צוויי באַזונדערע דרגות אין קדושה — קדושת יו"ט און קדושת שבת.

---

28) בראשית ב, א.

29) ראה אוה"ת עה"פ. ובכ"מ.

30) נוסח ברכת הבדלה — ע"פ שמיני י, י.

31) חולין כו, ב — במשנה. פסחים קד, א. רמב"ם הל' שבת פ"ה הכ"א. פכ"ט הי"ח. טושו"ע ודאדה"ז או"ח סתצ"א. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הבדלה.

32) „בתלתא זימני הוי חזקה" — ראה יבמות סד, ב.

33) משא"כ כשיו"ט של ר"ה חל להיות בשבת, אין בזה העילוי דג' ימים רצופים של קדושה.

34) ראה ב"ר פי"ד, ט.

35) פיוט הושענות דיום ג' דחה"ס.

36) ראה ע"ח שער דרושי אבי"ע פ"א, הובא בלקו"ת ראה כז, א.

37) מכתבים: מוצש"ק ח"י אלול: מוצש"ק כ"ה אלול: ג' דסליחות — התש"נ: וא"ו תשרי ש.ז. (נדפסו לקמן ח"ב בהוספות).

38) גם בשבת אין עצב בה (משלי י, כב. ירושלמי ברכות פ"ב סוף ה"ז. הובא בתוד"ה מאן דאמר — מו"ק כג, ב), ואחז"ל (ספרי בהעלותך י, י) וביום שמחתכם אלו השבתות, וגם ביו"ט יש מקרא קודש דשבת.

ובהקדמה:

ענין הנ"ל, אַז די קדושה פון שבת ויו"ט דאַרף נמשך ווערן אויך אין ימי החול — פאָדערט הסברה: במוצאי שבת ומוצאי יו"ט מאַכט מען דאָך הבדלה, „המבדיל בין קודש לחול", בכדי אונטערשרייכן די הבדלה וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט צווישן הייליקייט און וואָכעדיקייט (אַזוי ווי די הבדלה בין אור לחושך, בין ישראל לעמים[39]). און אע"פ אַז אַ איד דאַרף ממשיך זיין קדושה אין חול, בלייבט אָבער דער אונטערשייד והבדלה (שעשה הקב"ה) צווישן קודש וחול (ניט אַז מ'זאָל ח"ו מבטל זיין די הבדלה). לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין: ווי איז מעגלעך, אַז דורך ממשיך זיין אין חול פון קדושת שבת ויו"ט (ביז — די העכסטע דרגות אין קדושה, כנ"ל) זאָל דער חול בלייבן חול (אָפּגעזונדערט פון קדושת שבת ויו"ט), און צוזאַמען דערמיט זאָל ער אויפנעמען די קדושה פון שבת ויו"ט (און ניט נתבטל ווערן)?

וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור החילוק צווישן קדושת שבת וקדושת יו"ט.

ה. דער אונטערשייד צווישן שבת און יום טוב זעט מען אין כמה ענינים:

(א) אַלע (ל"ט) מלאכות זיינען אסור בשבת. ביו"ט איז מותר מלאכת אוכל נפש („אך[40] אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם")[41]. (ב) עיקר ענין השבת איז עונג — „וקראת לשבת עונג"[42], און ניט אַזוי שמחה („בשבת[43] לא נאמר בה שמחה")[44]. עיקר ענין היו"ט איז שמחה — „מועדים לשמחה". און „לכן נהגו להרבות במיני מאכלים בי"ט יותר מבשבת שלא נאמר בה שמחה, וכן בגדי יו"ט צריכים להיות יותר טובים מבגדי שבת"[45]. (ג) שבת ווערט אָנגערופן (בתורה) „קדש"[7] — קדש מלה בגרמי'[46]. יו"ט ווערט אָנגערופן (בתורה) „מקרא[47] קדש"[48].

וביאור הענין:

בנוגע דעם טעם פאַרוואָס בשבת זאָגט מען דעם לשון „מקדש השבת" און ביו"ט זאָגט מען „מקדש ישראל והזמנים" — זאָגט די גמרא[49], אַז שבת „מיקדשא וקיימא" מלמעלה (מששת ימי בראשית, ואינה תלוי' בקביעות דראש חודש[50]), משא"כ יום טוב איז תלוי אין קדושת ישראל (על ידי קדושת ישראל נתקדשו הם, ואילו לא נתקדשו ישראל לא היו קובעים חדשים וקוראין מועדים בבית דין[50]) — „ישראל אינהו דקדשינהו לזמנים".

ובפנימיות הענינים[51]:

שבת איז אַן עלי' למעלה מזמן העולם [וואָס דערפאַר הויבט זיך אָן יעדע וואָך פון יום ראשון, ווייל לאחרי די עלי' בשבת למעלה מזמן, הויבט זיך אָן אַ נייער

39) נוסח ברכת הבדלה — ע"פ בראשית א, ד. קדושים כ, כו.

40) בא יב, טז.

41) ביצה לו, ב — במשנה. רמב"ם ריש הל' יו"ט. טושו"ע ודאדה"ז או"ח ריש הל' יו"ט.

42) ישעי' נח, יג.

43) שו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ט סוס"ז.

44) וראה לקו"ש ח"ד ע' 1090. חי"ג ע' 25. סה"מ תש"ט ע' 130 בהערה. ושם, בנוגע לדרשת חז"ל וביום שמחתכם — אלו השבתות.

45) שו"ע אדה"ז שם.

46) זח"ג צד, ב.

47) אמור כג, ב ואילך.

48) ראה לקו"ת צו יב, ב. סידור עם דא"ח ר, ג ואילך. וראה תו"א ר"פ חיי שרה.

49) ביצה יז, א.

50) פרש"י שם.

51) בהבא לקמן — ראה אוה"ת שבועות ע' פג ואילך. פינחס ע' א'קד ואילך. ועוד.

היקף פון זמן[52]; יום טוב איז אַ המשכה — דורך דער עבודה פון אידן — פון קדושה אין זמן, אין ימי החול.

ובסגנון אחר: יו"ט איז דער „ממוצע" דורך וועלכן עס ווערט נמשך די קדושה פון שבת (שלמעלה מהזמן) אין ימי החול[53] (שתחת הזמן)[54].

אין דעם באַשטייט אויך דער חילוק וואָס שבת ווערט אָנגערופן „קדש", בחי' קדש מלה בגרמי' — העכער פון (צו האָבן אַ שייכות מיט) עולם (און מיט אַנ־דערע זאַכן בכלל — ס'איז בגרמי'), און יו"ט איז „מקרא קדש", „מקרא" מלשון קורא וממ־שיך — אַז אַ איד איז קורא וממשיך פון קדושת שבת (בחי' קדש) אין ימים דחול[48] [וואָס דערפאַר איז יו"ט חל, ע"פ רוב, בימי החול[54]].

און דאָס שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דעם חילוק, אַז שבת זיינען אַלע מלאכות אסור — ווייל דעמולט איז אַן עלי' אין אַ דרגא בקדושה וואָס איז העכער פאַר מלאכות העולם; משא"כ יום טוב איז מותר ב־מלאכת אוכל נפש — ווייל די המשכת קדושה ביו"ט איז פאַרבונדן מיט עניני העולם.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מתאים דערמיט וואָס שבת איז בעיקר עונג און יו"ט — בעיקר שמחה: עונג קען זיין אויך ווען אַ מענטש געפינט זיך פאַר זיך — זיין פאַרגעניגען איז ניט אָפּהענגיק אין אַנ־דערע, ע"ד קדש מלה בגרמי' — וכידוע אַז קדושה (קדש) איז לשון פרישות[55], אַז ער איז פרוש ונבדל מכש"כ מהעם[56], ע"ד ההעלאה פון שבת (למעלה מעולם)[57]; משא"כ שמחה (שלימות השמחה) ביי אַ מענטשן, איז דוקא בשעת ער איז מצרף אַנדערע צו זיך צו זיין שמחה, ווי דער דין איז אין הל' יו"ט[58] — ע"ד די קדושה פון יו"ט — איז מקרא קודש, אַ המשכה[57].

לויט דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז שבת ויו"ט יש בזה מה שאין בזה: אין דרגת הקדושה איז קדושת שבת העכער פאַר קדושת יום טוב; אָבער בשמחה איז המשכת השמחה אין עולם (חול) — ווערט אויפגעטאָן דורך יו"ט[59].

ו. עפ"ז יש להוסיף אין „דעם אויפטו" פון קביעות שנה זו ווען יו"ט פירט גלייך אַריין אין שבת:

ברוב השנים איז דאָ אַ הפסק פון ימי החול צווישן יום טוב און שבת (כנ"ל ס"ב), וואָס אונטערשטרייכט דער אונטערשייד צווישן די צוויי אופני עבודה פון יו"ט

52) ראה גם לקו"ת שה"ש כה, סע"א. ובכ"מ.

53) אף שבכללות גם משבת — מיני' מתברכין כולהו יומין (זח"ב סג, ב. פח, א). ואכ"מ.

54) אוה"ת שם.

55) ראה פרש"י ר"פ קדושים: קדושים תהיו — הוו פרושים.

56) בלשון הרמב"ם (סוף הל' טומאת אוכלין): חסידים הראשונים כו' הן הנקראים פרושים ודבר זה קדושה יתירה היא כו' שיהי' נבדל אדם ופורש משאר העם כו'.

57) מובן שגם בשבת יש פעולה בעולם (וגם באופן של המשכה) — מצוה לענגו באכילה ושתי' וכו', וכן ביו"ט יש בו ענין הקדושה וההעלאה — איסור מלאכת עבודה. אלא שבשבת הוא ויכולו השמים והארץ — עלי' מלמטה למעלה, וביו"ט הוא מקרא קודש — קריאת והמשכת הקדושה למטה.

58) רמב"ם הל' יו"ט פ"ו הי"ח. טושו"ע ושו"ע אדה"ז סוף הל' יו"ט (סתקכ"ט סי"א). וראה סידור (עם דא"ח) שער הסוכות רנז, רע"ג. ועוד.

59) ואולי י"ל דחילוק דשבת ויו"ט הוא ע"ד החילוק בין קרבן (שהוא קדש מן התורה) וקונמות (שקדושת הגוף נעשה ע"י האדם הנודר), „דהא ודאי שמ"מ הקרבן ממש חמור מקונם אף שהקונם שרשו מבחי' גבוה יותר, היינו רק שרשו ולא עצמו ממש" — אוה"ת שבועות שם (ע' פח ואילך). ועיי"ש עוד בזה.

(המשכה למטה בעולם) און שבת (העלאה למעלה). ד.ה. אַז מ'האָט צוויי באַזונדערע ענינים: א) די המשכה פון יו"ט אין חול, אָבער דאָס איז נאָר די דרגא פון יו"ט. און ב) די העלאה פון שבת.

דער חידוש בקביעות שנה זו, ווען יום טוב פירט גלייך אַריין אין שבת (בלי הפסק והבדלה בינתיים), איז — אַז מ'האָט דעמולט דעם המשך תיכף פוןביידע מעלות צוזאַמען, מעלת יו"ט און מעלת שבת — די המשכה בעולם (מקרא קודש) און די העלאה למעלה מעולם (קדושת שבת, קדש מלה בגרמי').

ועפ"ז איז מובן אַז דאָס גיט אַריין דעם כח אין דער עבודה, אַז מ'זאָל קענען ממשיך זיין ביז אין גדרי העולם (חול) די העכסטע דרגות בקדושה (ביז קדושת שבת, קדש מלה בגרמי', וכו'), באופן אַז עולם זאָל ניט נתבטל ווערן.

און נאָכמער: מ'מאַכט ניט קיין הבדלה צווישן יו"ט און שבת — אע"פ וואָס ביו"ט איז דאָ שמחה — ווייל צווישן שמחה און קדושה איז ניט שייכות הבדלה.

וי"ל יתרה מזה: אפילו בין שמחה לחול אין הבדלה, און די הבדלה דמוצאי יו"ט איז אַ הבדלה בין קדושת יו"ט לחול. והנקודה בזה: שמחה איז ענינה לפרוץ ולבטל הבדלות, ואדרבה — להתחבר עם עוד אנשים וכו' (היפך הבדלה), כנ"ל.

ז. דער ענין הנ"ל (וואָס איז שייך צו סמיכות יו"ט לשבת וועלכן יו"ט און שבת עס זאָל נאָר זיין) איז ספעציעל אונטערשטראָכן אין ראש השנה און שבת שובה:

ראש השנה איז דער טאָג ווען אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן ביום השׂשי למעשה בראשית. איינער פון די טעמים פאַרוואָס ראש השנה איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם טאָג (און ניט אויף יום ראשון דמעשה בראשית), ביז אַז מ'זאָגט דעמולט (בר"ה) „זה[60] היום תחלת מעשיך" — איז[61] ווייל די כוונה ותכלית פון כל הבריאה כולה פירט זיך דורך בריאת האדם — עיקר הבריאה, און איז אַ שותף להקב"ה במעשה בראשית[62]. און ער ברענגט די בריאה צו איר שלימות, „אשר ברא אלקים לעשות — לתקן"[63], ביז — צו אריינברענגען הייליקייט און ג־טלעכקייט אין דער וועלט, אין אַן אַנטפּלעקטן אופן (ווי אדם האָט געטאָן דעם ערשטן ר"ה, דורך דעם וואָס ער האָט געזאָגט צו כל הנבראים און גע'פועל'ט: „בואו[64] נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו").

און דערפאַר איז אדם הראשון באַשאַפן געוואָרן בסוף מעשה בראשית (כאָטש אַז זייענדיק דער עיקר ותכלית כל הבריאה, האָט ער געדאַרפט באַשאַפן ווערן פאַר אַלע נבראים[65]), „כדי שיכנס לסעודה מיד"[66] — ואולי יש לפרש בזה (אַז

---

60) תפלת מוסף דר"ה, מר"ה כז, א.

61) ראה לקו"ת נצבים מז, ג. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ג ע' תתמ. אוה"ת נצבים ע' ארנד. ועוד — נסמן בסה"מ מלוקט ח"ג ע' ג.

62) ל' חז"ל — שבת קיט, ריש ע"ב.

63) בראשית ב, ג. ב"ר פי"א, ו ובפרש"י.

64) תהלים צה, ו. פדר"א פי"א. זח"א רכא, ב. ח"ג ס"פ אמור. תקו"ז תנ"ו (צ, ב).

65) ועי"ד הדין בברכות הנהנין, שמקדימין הברכה על מאכל העיקרי והחביב (ברכות מ, ב במשנה. מא, א. רמב"ם הל' ברכות פ"ח הי"ג. הל' ברכות הנהנין לאדה"ז פ"י ס"ז ואילך).

וכפי שהוא בששת ימי בראשית גופא — שיש מעלה ביום ראשון במעשה בראשית, שבו נבראו כל הנבראים (פרש"י בראשית א, יד), עד שנקרא „יום אחד", שבו הי' הקב"ה יחיד בעולמו (בראשית א, ה ובפרש"י עה"פ — מב"ר פ"ג, ח).

ואף שסוף מעשה במחשבה תחלה, הי"ז גופא צריך ביאור: למה המעשה לא בא בתחלה כמו המחשבה (במעשה זו) תחלה?

66) סנהדרין לח, א.

דאָס איז ניט בלויז בכדי אדם זאָל נהנה זיין פון כל הבריאה, נאָר — בכדי דאָס זאָל שטימען מיט דעם וואָס „אדם לעמל יולד"[67], „לעבדה ולשמרה"[68] — אַז אדם דורך זיין עמל ועבודה זאָל אויפהויבן די וועלט[69], דורך עסן די „סעודה" לשם שמים וכו', און דורך כללות העבודה בתומ"צ, „לעבדה ולשמרה"[70].

און דאָס איז דער תוכן פון ראש השנה מדי שנה בשנה, ווען עס חזר'ט זיך איבער (באופן נעלה יותר) דער ענין פון בריאת האדם ותכלית בריאתו, צו אויפטאָן (דורך זיין עבודה) דעם „תמליכוני עליכם"[71], גילוי מלכותו ית' ביז בכל העולם — אַז דורך זיין עבודה זאָל ער ממשיך זיין ג-טלעכקייט אין וועלט: בהתאם צו דער תוכן כללי פון יום טוב (כולל דער יו"ט פון ר"ה), ווען מלאכת אוכל נפש איז מותר, כנ"ל.

וכשם ווי בריאת האדם ביום ששי למעשה בראשית, האָט דערנאָך גלייך אַריינגעפירט צו יום השבת (בלי הפסק ביניהם), ווען עס ווערט די עלי' פון כל מעשה בראשית בשלימות פון שבת, אַזוי שטייט עס בגלוי בקביעות שנה זו, ווען דער „יומא אריכא"[72] פון ראש השנה איז חל ביום חמישי וששי[73], וועלכער פירט גלייך אַריין אין שבת.

ולהוסיף דוגמא לדבר — פון תקיעת שופר בראש השנה, וואָס „מצות היום בשופר"[74], וועלכער טוט אויף דעם „תמליכוני עליכם" („ובמה בשופר"[71]): ווען יו"ט של ראש השנה חל להיות בשבת אין תוקעין (במדינה)[75]. איז מבואר אין חסידות[76] דער טעם לזה, ווייל דעמולט ווערן די המשכות פון תק"ש אויפגעטאָן דורך קדושת שבת מצ"ע, און דורך אמירת פסוקי שופרות כו'. ס'איז אָבער פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד המעשה הוא העיקר[77], איז די שלימות פון תק"ש בשעת דאָס קומט אַרויס אין מעשה בפועל — אין תקיעת ושמיעת קול שופר בפשטות [כדמוכח אויך דערפון וואָס אין ביהמ"ק האָט מען יע תוקע געווען בשבת[75], צוליב די שלימות וואָס האָט דאָרט געלויכטן[76]]. לאידך גיסא, איז מובן אַז ס'איז דאָ אַ מעלה ברוחניות אין דער המשכה (פון תק"ש) וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך שבת מצ"ע, שמיקדשא וקיימא מלמעלה.

בקביעות שנה זו, ווען ראש השנה פירט גלייך אַריין אין שבת (בלי הפסק), האָט מען דעם המשך תיכף פון ביידע מעלות: „תמליכוני עליכם" וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך פעולת ועבודת האדם

---

67) איוב ה, ז. וראה סנהדרין צט, ב. ב"ר פי"ג, ז.

68) בראשית ב, טו.

69) ראה מכתב ח"י אלול תשל"ה (לקו"ש חי"ד ע' 450 ואילך).

70) ועפ"ז יומתק הקשר והתיווך עם הפירוש בגמרא שם, „כדי שיכנס למצוה מיד". ולהעיר שה„מצוה" הוא שבת (פרש"י שם), הבא תיכף לאחרי יום בריאת האדם (ביום הששי). וראה לקמן בפנים.

71) ר"ה טז, א. לד, ב.

72) טור או"ח ר"ס תר. שו"ע אדה"ז שם ס"ג־ד. וראה בהנסמן ב„מ"מ וציונים" לשם.

73) ובקביעות ע"פ החשבון — הי"ז האפשריות היחידה לקביעות ר"ה בערב שבת (כי „לא אד"ו ראש" — רמב"ם הל' קידוה"ח פ"ז ה"א. וראה גם טואו"ח רסתכ"ח). ולדעת הרס"ג (הובא ביסוד עולם שער ד פ"ו. וראה תו"ש בא ח"ג בארוכה) יש בזה תוקף גם בזמן שהיו מקדשין ע"פ הראי'.

74) ר"ה כו, ב.

75) ר"ה רפ"ד (כט, ב).

76) ראה לקו"ת דרושי ר"ה נו, א ואילך. סידור (עם דא"ח) שער התקיעות רא, ג ואילך. סה"מ מלוקט ח"א ע' תכא ואילך. ושי"נ.

77) אבות פ"א מי"ז.

פון תקיעת שופר צוויי טעג ראש השנה, און דערנאָך פעולת יום השבת (ובפרט שבת שובה, הכולל כל שבתות השנה), מיט דער מעלה רוחנית וואָס שבת טוט אויף.

ובסגנון פון די דרושי ראש השנה (אין סידור פון דעם מיטעלן רבי'ן שער התקיעות[78] ד"ה להבין ענין תק"ש ע"פ כוונת הבעש"ט): דער קול פשוט פון תקיעת שופר — וואָס איז בדוגמת הברת אות א' — דערגרייכט און איז מעורר אין עצמות ומהות א"ס דער תענוג ורצון למלוכה; און דערפון ווערט דערנאָך נמשך די השפעה אין גאַנץ סדר השתל־שלות, בדוגמא צו הברת אות א' וועלכער איז דער ממוצע צווישן „עצמות הבל הלב עצמו"[79] און די כ"ב אותיות הדיבור, וואָס אַ ממוצע האָט אין זיך פוןביידע זאַכן וואָס ער פאַרבינדט: הברת הא' בקול פשוט איז מבחי' האחרונה פון הבל הלב, און דער ראשון לכ"ב אותיות הדיבור, שבהם נברא העולם.

ואולי י"ל אשר עד"ז איז עס בקביעות דשנה זו: דורך דער קול פשוט בתק"ש בר"ה, דער א' ר"ת אלופו של עולם[80], איז מען ממשיך דעם גילוי פון עצמותו ית'; און דאָס ווערט דערנאָך נמשך ונתעלה ביום השבת, די שלימות הגילוי פון דעם א' (אלופו של עולם) בכל סדר השתל־שלות, בכל הכ"ב אותיות, ביז די שלימות פון יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העול־מים[81] — די גאולה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך אַריינשטעלן דעם א' פון אלופו של עולם אין גולה, וכמרומז אין דעם וואָס עיסקא דשבתא כפול, כידוע אַז אותיות כפולות (מנצפ"ך) זיינען פאַרבונדן מיט גאולה[82], און די אותיות כפולות באַווייזן אויף שלימות ענין האותיות וועלכע ווערן נמשך פון דעם אות א'[83].

78) רמד, ג ואילך.

79) ל' הסידור שם רמו, רע"ג.

80) ועפ"ז יומתק השייכות דאות א' לענין הקול פשוט שמעורר וממשיך מעצמותו ית'.

81) תמיד בסופה.

82) פדר"א פמ"ח. ילק"ש ר"פ לך. וראה אוה"ת לך עדרת, א. רד"ה לך תרכ"ז. תר"ל.

83) עפ"ז אולי יש לומר ע"ד הרמז שהתחלת הלקו"ת (שסודר ע"י הצ"צ) הוא בדרוש דפ' בשלח ד"ה ראו כי ה' נתן לכם את השבת גו', אף שספר לקו"ת הוא המשך לספר תורה אור (עד שנקרא לפעמים „חלק שני", כי תו"א ולקו"ת הם „שני חלקים מספר אחד"), ותו"א מסתיים עם דרושי פ' ויקהל (ויש בו גם מדרושי פ' בשלח), ועפ"ז הי' צ"ל התחלת הלקו"ת מפ' פקודי?!

אלא הצ"צ סידר שהתחלת הלקו"ת תהי' בענין השבת, שעיסקא כפול („א"ר יצחק כל עיסקא ד־שבתא כפול") — שבזה מרומז ההוספה והעילוי דלקו"ת, בדוגמת ענין השבת וכפל דשבת (המורה על ענין הגאולה*), הבא תיכף לאחרי ספר תורה אור, המתחיל מפ' בראשית, הקשור עם ענין ר"ה (זה היום תחלת מעשיך), בדוגמת קביעות שנה זו (כפי שהי' בתחלת הבריאה בפעם הראשונה), שתיכף מראש השנה (ע"ד תורה אור) נכנסים לשבת (ע"ד לקו"ת).

וי"ל הטעם שענין זה הוא דוקא בלקו"ת, כי הסיבה בטבע לעיכוב הדפסת הספר (ושינוי שם הספר) הי' מפני גזירת המלכות, וע"י ירידה זו נעשה העלי' שהלקו"ת נדפס יחד עם הגהות והערות כו' הצ"צ (ראה בארוכה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר מח' אלול תרצ"ט — נדפס בהוספות לתו"א יט (קמג), א. הוספות ללקו"ת ג, ב. אגרות קודש שלו ח"ד ס"ע תקס ואילך), [וי"א, שכיון שהדפסתו היתה כמה שנים לאחרי הדפסת ספר תורת חיים לאדהאמ"צ, יש בלקו"ת גם מתורתו של אדהאמ"צ], וי"ל שעל שם זה נקרא לקוטי תורה, שכולל ליקוטים נוספים (גם מהצ"צ) של תורה (ולא רק כמו ספר תורה אור, שכולל תורת אדה"ז בלבד).

*) ולהעיר מדברי הצ"צ (תורת שלום ע' 237. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה) במענה על השאלה בנוגע להקץ דשנת תר"ח — שהרי נדפס הלקו"ת, שזהו ענין הגאולה (שע"י יפוצו מעיינותיך חוצה אתי מר דא מלכא משיחא — אגה"ק הידועה דהבעש"ט, נדפסה בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ).

ח. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות מיט פ' האזינו, „האזינו השמים גו' ותשמע הארץ":

ביידע ווערטער, „האזינו" און „תשמע", האָבן דעם באַדייט פון הערן (פאָלגן), ס'איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן זיי אין דעם אופן פון דעם הערן: „האזינו" מיינט אַן איינהערן זיך צו רייד וואָס ווערן געזאָגט פון נאָענט, און „תשמע" באַציט זיך צו רייד וואָס מ'הערט פון ווייטן[84]. און דערפאַר האָט משה רבינו געזאָגט „האזינו השמים גו' ותשמע הארץ", ווייל ער איז געווען „קרוב לשמים" און „רחוק מן הארץ"[84].

לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין: דער פסוק אין תורה (אַזוי ווי אַלע ענינים אין תורה) איז אַ הוראה פאַר יעדן מקבל התורה, פאַר יעדן אידן, אַז ער דאַרף זיין „קרוב לשמים" און „רחוק מן הארץ". ולכאורה: וויבאַלד אַז אידן (די מקבלי התורה) געפינען זיך למטה בארץ — וואָלט געפאַסט נוצן די לשונות אין אַ פאַרקערטן סדר: בנוגע די הימלען, וועלכע זיינען ווייט, האָט געדאַרפט שטיין שמעו שמים; און בשייכות צו דער ערד וואָס איז נאָענט — האזיני ארץ (ווי מ'געפינט עס טאַקע אַזוי אין דעם לשון פון ישעי' הנביא[85]: שמעו שמים והאזיני ארץ)? נאָכמער: אַנהויבן דאַרף מען מיט דאָס וואָס איז קרוב אליו — ארץ, און דערנאָך רעדן וועגן שמים.

לכאורה וואָלט מען געקענט ענטפערן, אַז דאָס איז דער אויפטו פון תורה: דורך דעם וואָס אַ איד לערנט תורתו של הקב"ה, די תורה וועלכע איז געגעבן געוואָרן מן השמים — ווערט ער, אַלס אַ נשמה בגוף בארץ, קרוב לשמים.

אָבער דאָס פאָדערט ביאור, ווייל מ'האָט דעם כלל אַז תורה „לא בשמים היא"[86], נאָר זי איז געגעבן דוקא בארץ הלזו התחתונה, און דער כח אויף פסק'נען אַ דין איז אָפּגעגעבן געוואָרן דוקא צו ב"ד, ביז אַז אויך ב"ד שלמעלה (בשמים) קומט הערן ווי מ'פסק'נט דעם דין ל־מטה[87]. ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין לימוד התורה דאַרף מען זיין „קרוב ל־ארץ", ד.ה. לערנען און פאַרשטיין און מברר זיין די דיני התורה מיט דעם שכל הגשמי וואָס מ'האָט למטה בארץ, און ניט נאָר וואָס תורה איז „רחוק מן השמים", נאָר בכלל „לא בשמים היא".

ויש לומר דעם ביאור אין דעם: אַ איד האָט דעם כח — ווי אונטערשטראָכן אין דער קביעות פון ר"ה און שבת בשנה זו [וואָס דעמולט לייענט מען אַלעמאָל פ' האזינו] — אַז זייענדיק למטה אין ארץ, און לערנענדיק תורה און פסק'נען שאלות לויט די כללי השכל און פאַרשטאַנד פון „ארץ", זאָל ער זיין „קרוב לשמים", און דאָס זאָל ניט מבטל זיין די מציאות הארץ וואו ער געפינט זיך — ע"י דעם המשך פון יו"ט ושבת (בקביעות שנה זו), וואָס יו"ט איז תלוי אין קביעת ב"ד למטה (בארץ), און שבת איז מיקדשא וקיימא מלמעלה (בשמים):

בשעת יו"ט און שבת זיינען ניט בסמיכות זה לזה, דעמולט איז דאָ אַ באַזונדער מציאות פון חול (ארץ), אין וועלכע עס ווערט נמשך (בפנימיות) מקדושת יו"ט, אָבער ניט קדושת שבת (שמים), און אַ באַזונדער מציאות פון שבת (שמים), אָבער ניט אַז זייענדיק און

84) ספרי ר"פ האזינו.

85) ישעי' א, ב. וראה ספרי שם.

86) נצבים ל, יב. וראה ב"מ נט, א.

87) שמו"ר פט"ו, ב. דב"ר פ"ב, יד, וראה ב"מ פו, א: מאן נוכח רבה בר נחמני. וראה כס"מ לרמב"ם הל' טומאת צרעת ספ"ב.

בלייבנדיק אין גדרי הארץ איז מען „קרוב לשמים": בקביעות שנה זו איז דער אויפטו, אַז מ'האָט דעם המשך פוןביידע ענינים: זייענדיק אין ארץ ווערט מען „קרוב לשמים", נוסף צו יו"ט, אויך שבת (שמים בשלימות).

ובלשון הנגלה וההלכה: צוזאַמען דערמיט וואָס לימוד התורה (תושבע"פ) דאַרף זיין בהבנה והשגה פון „ארץ" (און ניט דורך קוקן אין „שמים" און זעען ווי מ'פסק'נט דאָרטן), איז מען מחוייב אין ברכת התורה קודם הלימוד, די ברכה והמשכה פון דעם נותן התורה אין תורה, [ביז אַז חז"ל זאָגן[88] עה"פ[89] „על מה אבדה הארץ גו' על עזבם את תורתי", „שלא ברכו בתורה תחלה", אַז הגם מ'האָט געלערנט אַ סך תורה, האָט געפעלט אין דער כוונה „להתעצם ולהתדבק בקדושה ורוחניות התורה ולהמשיך השכינה כו'"[90]], אַז מ'דערהערט אַז די תורה קומט פון „שמים", ביז אַז דער לומד התורה ווערט דורך דעם „קרוב לשמים", ובפרט דורך דעם יחוד נפלא כו' מיט תורה, חכמתו ורצונו של הקב"ה[91] — אַז ווי אידן שטייען למטה בארץ ווערט ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד[92].

ואולי יש לומר יתירה מזה, אַז אויך אין דער תורה ווי זי געפינט זיך למטה בארץ דיו על הקלף [וואָס די תורה „נסעה וירדה כו' עד שנתלבשה בדברים גשמיים ועניני עולם הזה כו' ובצרופי אותיות גשמיות בדיו על הספר כו'"[93]] קען מען אויפטאָן אַז די תורה (אַ ספר תורה גשמי) זאָל זיין „קרוב לשמים" — ע"ד ובדוגמא וואָס „בתורתו[94] של רבי מאיר מצאו כתוב כתנות אור" (און ניט „עור"[95]), דיש לומר (ע"פ הנ"ל) אַז דאָס איז געווען ניט נאָר ברוחניות[96], נאָר אויך „כתוב" בגשמיות ממש, דיו על הקלף — ווייל רבי מאיר איז על שם „מאיר עיני חכמים בהלכה"[97], ביז אַז „לא יכלו חבריו לעמוד על סוף דעתו" (און דערפאַר איז לפעמים די הלכה ניט כמותו)[98], ווייל רבי מאיר זייענדיק למטה בארץ איז געווען בדרגת „שמים". וי"ל אַז דאָס דריקט זיך אויך אויס אין דעם וואָס סתם משנה רבי מאיר[99], און הלכה כסתם משנה[100] — אַז מצד דרגת רבי מאיר שלמעלה משם (סתם משנה), איז אַזוי די הלכה בארץ הלזו התחתונה (וואו מ'האָט דעם אָנזאָג אַז תורה „לא בשמים היא").

ט. ע"פ הנ"ל יש להנהיג צו דערמאָנען רבותינו נשיאינו בשמם אין דער התוועדות פון ראש השנה[101], אָדער וועלכע איז בהמשך צו ראש השנה.

און דערמאָנען ניט בשמם הפרטי, נאָר מיט זייערע נעמען אַלס רביים נשיאים, נעמען וועלכע אונטערשטרייכן זייער עבודה אַלס רועי ישראל: דער בעל שם טוב, הרב המגיד, דער אַלטער רבי, דער

---

88) נדרים פא, ב. ב"מ פה, ריש ע"ב.
89) ירמי' ט, יא־יב.
90) ב"ח או"ח סמ"ז. וראה רבינו יונה — הובא בר"ן נדרים שם. שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס מז.
91) תניא פ"ה.
92) ראה זח"ג עג, א.
93) תניא פ"ד.

94) ב"ר פ"כ, יב.
95) בראשית ג, כא.
96) ראה תו"ש לבראשית פ"א אות תקיז. פ"ג אות קעח. ועוד. וראה ע"ד החסידות — או"ת להה"מ ס"פ בראשית. מאמרי אדה"ז פרשיות ח"א ע' ג ואילך. דרמ"צ ח, א. ועוד.
97) עירובין יג, ב.
98) עירובין שם.
99) סנהדרין פו, א. ושי"נ.
100) שבת מו, א. ושי"נ.
101) ראה שיחת ליל ב' דר"ה תשי"ד (ע' 3). לקו"ש חי"ד ע' 376 הע' 4.

מיטעלער רבי[102], דער צמח צדק[103], דער רבי מהר"ש [ואולי להוסיף דעם תואר "מלכתחילה אריבער"[104]], דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, און כ"ק מו"ח אדמו"ר, נשיא דורנו,

נוסף אויף דעם וואָס מ'טראַכט בשעת מעשה וועגן שמם הפרטי, און דער פירוש אין די נעמען (כמבואר ומדובר בכ"מ): דער בעש"ט — ישראל, על שם וואָס ער האָט מעורר ומגלה געווען דעם "ישראל" אין אַלע אידן (ששמם ישראל)[105]: הרב המגיד — דובער, על שם די המשכה פון אלקות ביז למטה מטה, בבחי' דוב, המסורבל בבשר[106]: דער אַלטער רבי — שניאור זלמן, די המשכה פון "שני אור" (נגלה ופנימיות התורה) אין זמן ומקום[107]: דער מיטעלער רבי — דובער, ע"ד הנ"ל בנוגע דעם מגיד, און באַ דעם מיטעלן רבי'ן איז דאָס אַ המשכה פאַרבונדן מיט חסידות חב"ד — רחובות הנהר: דער צמח צדק — מנחם מענדל, שמו של משיח צדקנו[108] וכינוי השם: דער רבי מהר"ש — שמואל, פאַרבונדן מיט נבואת חנה[109] און לידת שמואל הנביא, ביז דער סיום — "וירם קרן משיחו": דער רבי נ"ע — שלום דובער, די המשכה פון שלום (פון תורה בכלל, און פנימיות התורה במיוחד) למטה מטה, ועד בדוב המסורבל בבשר (ביז ווי דאָס שטייט בלע"ז — בער)[110]: כ"ק מו"ח אדמו"ר — יוסף יצחק, על שם די עבודה פון "יוסף ה' לי בן אחר"[111] (עבודת התשובה), און "כל השומע יצחק לי"[112], מתוך צחוק ושמחה.

און נוסף אויף דעם דערמאָנען די נשיאים בשמם, דערמאָנען זיי דורך זינגען זייערע ניגונים.

והענין בזה:

דער טעם בפשטות אויף דערמאָנען די נשיאים (בפרט בתחלת השנה — בר"ה), איז ע"ד ווי די משנה זאָגט[113] בנוגע צו הקרבת תמיד של שחר (בתחלת היום), אַז בשעת מ'האָט געזען דער אור הבוקר (וואָס דעמולט "הגיע זמן השחיטה") האָט דער רואה מכריז געווען "האיר פני כל מזרח עד שבחברון", "כדי להזכיר זכות אבות"[114] — עד"ז ווען מ'שטייט בראש השנה, בראש ותחלת העבודה פון דעם נייעם יאָר (ע"ד דער קרבן תמיד של שחר, התחלת עבודת היום בביהמ"ק) — דערמאָנט מען זכות אבות — די נעמען פון רבותינו נשיאינו, בכדי ממשיך זיין דער זכות אין אַ נתינת כח אויף דער עבודה במשך כל השנה.

וע"פ המבואר לעיל יש להוסיף בעומק יותר: ס'איז ידוע אַז דער נשיא הדור איז

102) אף ששם זה מדגיש שהוא בא לאחרי אדה"ז (ולפני הצ"צ), ולא כ"כ ענינו מצ"ע, בתור "מאור הגדול" בפ"ע.

103) אף ששם זה (על שם ספריו) הוא בפשטות מפני שהוא הגימטריא של שמו הפרטי "מנחם מענדל".

104) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז.

105) ראה סה"מ תרס"ג (בהוספות) ע' רנא ואילך. לקו"ש ח"ב ע' 516. ועוד.

106) קידושין עב, א ובפרש"י.

107) ראה לקו"ש ח"ו ע' 37 ואילך. וש"נ.

108) ראה סנהדרין צח, ב.

109) שמואל-א בתחלתו.

110) ויש לומר ולקשר זה עם עבודתו ב־התייסדות ישיבת תומכי תמימים, שעל ידו ניתן הכח להפוך תענוגי עוה"ז (בבחי' דוב המסורבל בבשר) לתענוג של מצוה, ע"ד בשר שמן ויין ישן במצות עונג שבת, ואכילת משמנים ושתיית ממתקים בר"ה.

111) ויצא ל, כד. וראה אוה"ת עה"פ.

112) וירא כא, ו.

113) יומא רפ"ג.

114) ירושלמי יומא פ"ג ה"א.

בחי' יחידה הכללית פון זיין דור[115], ווי"ל אַז דורך דעם איז ער ממשיך כח צו יעדן אידן צו מגלה זיין יחידה שבנפשו ביז אין זיין גוף הגשמי און אין חלקו בעולם. און בכדי מוסיף זיין אין דער המשכה וגילוי – דערמאָנט מען בגלוי ובדיבור די שמות הנשיאים, און בעיקר זייערע נעמען אַלס נשיאים (כנ"ל), וואָס איז נאָכמער מדגיש זייער ענין אַלס יחידה הכללית [נוסף צו שמם הפרטי, וואָס איז פאַרבונדן מיט הנפש פון דעם וועלכער ווערט אָנגערופן בשם זה[116]], און צוזאַמען מיט זייער אַ ניגון, קולמוס הלב[117], המגלה הפנימיות וכו' – וואָס דורך דעם קומט צו אין דער גילוי היחידה פון כל הנשיאים, און אין דעם נתינת כח צו מגלה זיין יחידה שבנפש – ועאכו"כ חי', נשמה, רוח ונפש (די חמשה שמות שנקראו לה[118]) – ביז אין דעם גוף הגשמי, און אין די גשמיות'דיקע ענינים פון אַ אידן.

ביז נאָכמער – דער גילוי פון יחידה הכללית של כל הדורות – משיח צדקנו[119], דער נשיא של כל הנשיאים [ולהעיר מהידוע אַז „נשיא" איז ר"ת „ניצוצו של יעקב אבינו"[120] (שהי' כולל כל נשמות ישראל[121]),

וצע"ק וואָס לויט דעם קומט אויס אַז יעקב איז דער נשיא של כל הנשיאים (כולל אברהם ויצחק), וויבאַלד ער איז כולל אַלע ניצוצות שלו, ובמילא – אַלע נשיאים].

ביז – דער גילוי פון „יחידה לייחדך", יחיד שלך, גילוי עצמותו ית' אין דער דירה לו יתברך בתחתונים.

י. ויהי רצון, אַז יעדער איד זאָל אויסנוצן בשלימותה ובמילואה די נתינת כח חדשה וואָס מ'האָט פון ראש השנה (און די ימים טובים כללים דחודש תשרי) בקביעות שנה זו – אין זיין עבודה במשך די טעג פון חודש תשרי, און דערנאָך – דאָס ממשיך זיין אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן בכל השנה כולה ובכל השנים כולם.

און זיכער גיט דאָס אויך צו אין די המשכת ברכות פון דעם אויבערשטן צו אידן פאַר אַ כתיבה וחתימה וגמר חתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה, בגשמיות וברוחניות ובגשמיות וברוחניות גם יחד, ואדרבה – דער עיקר הדין ובמילא ה־השפעה והברכה בר"ה איז – אויף ענינים גשמיים אין ארץ הלזו הגשמית[122], און צוזאַמען דערמיט זיינען זיי ברכות וועל־כע קומען פון „שמים", פון למעלה למעלה, און זיי ווערן נמשך למטה מטה אין „ארץ".

ובפרטיות – ווי די ברכות שטעלן זיך אויס אין די אותיות פון אל"ף־בית וועלכע זיינען כולל אַלע ברכות: עס זאָל זיין אַ שנת אורה, שנת ברכה, שנת גדלות, שנת דיצה, שנת הוד והדר, שנת ועד טוב, שנת זכיות גדולות, שנת חסדים גדולים, שנת טובות גדולות בטוב הנראה והנגלה, שנת יעוד טוב, שנת כלכלה בהצלחה מופלגה, שנת לימוד בהצלחה מופלגה,

---

115) שערי תשובה (לאדהאמ"צ) ח"א שער התפלה ד"ה פדה בשלום פ"ב (נו, ג־ד).

116) ראה סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 197 ואילך. וש"נ.

117) ראה לקו"ד ח"ג תקי, סע"ב.

118) ב"ר פי"ד, ד (בשינוי סדר).

119) ראה רמ"ז לזח"ג רס, ב. ועוד.

120) קהלת יעקב מע' רבי.

121) אגה"ק ס"ז. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1051 הערה 18, שזהו הטעם שנאמר דוקא ניצוצו של יעקב אבינו, מפני היתרון שבו לגבי אברהם ויצחק.

122) הגמ"י לרמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ג (אות א') בשם הרמב"ן (בשער הגמול), הובא בלקו"ת דרושים לר"ה נט, ב.

שנת מרומים, שנת נסים גדולים[123], שנת סימן טוב, שנת עוז, שנת פדות, שנת צדקה, שנת קדושה, שנת רוממות, שנת שמחה, שנת תורה, שנת תפלה, שנת תשובה ושנת תהלה,

ועוד והוא והעיקר — שנת גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און שנת שירה, ביז — די שירה העשירית דלעתיד לבוא,

ותיכף ומיד ממש.



123) ובפרט שבאים משנת ה'תש"נ, ר"ת הי' תהא שנת נסים, ונכנסנו לשנת ה'תנש"א, ר"ת הי' תהא שנת אראנו נפלאות, היינו שהנסים והנפלאות הם באופן ד„אראנו" (ולא באופן דאין בעל הנס מכיר בנסו — ראה נדה לא, א), שעי"ז אפשר ליהנות ולהתענג מהנס, ולנצלו כדבעי.

שיחת יום א' פ' ברכה, ד' תשרי, צום גדלי' נדחה — יהפך לשמחה — ה'תנש"א

א. ב„צום גדלי'"[1] — א' מ„ארבעה ימי הצומות . . (ה)מפורשין בקבלה, צומי ה־רביעי וצום החמישי וצום השביעי (זה שלשה בתשרי שהוא בחודש השביעי) וצום העשירי"[2] — מצינו ענין מיוחד לגבי שאר הצומות המפורשין בקבלה, כמודגש בשמותם של „ארבעה ימי הצומות":

נוסף על השמות שבהם נקראים בכתוב („צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי") ע"ש שמות החדשים[3], נק־ראים בדברי חז"ל ועפ"י מנהג ישראל (תורה היא[4]) גם ע"ש היום בחודש — שבעה עשר בתמוז, תשעה באב ועשרה בטבת (שמות הזמן), משא"כ שלישי בתשרי ש־נקרא גם (ובעיקר) בשם מיוחד (נוסף על שם הזמן) — „צום גדלי'".

ויש לומר, שבשם זה נרמזת מעלת צום זה לגבי שאר הצומות — כי, „גדלי'" הוא מלשון גדלות, ועפ"ז י"ל ש„צום גדלי'" פירושו (גם) צום גדול, כלומר, גדלות ב־ענין הצום, כדלקמן.

ב. ובהקדמה:

ימי הצומות נחלקים (בכללות) לב' סוגים: (א) יום צום שהוא מצות עשה מן התורה — יום הכיפורים, כמ"ש[5] „בחודש השביעי בעשור לחודש תענו את נפשו־תיכם", „אי זה הוא עינוי שהוא לנפש זה הצום"[6], (ב) ימי צומות שחיובם מדרבנן — המנויין בסוף מגילת תענית[7], ולכל לראש — ארבעה ימי הצומות המפורשין בקבלה.

והנה, גם ימי הצומות שמדרבנן שייכים (— מעין ודוגמא) למצות עשה מן התורה דצום יום הכיפורים — שהרי כל המצוות שמדרבנן „יוצאות ונמשכות ממצוות ה־תורה" (דוגמתן)[8], ועד"ז בנדו"ד, שמצות התענית דרבנן נמשכת מהמצוה דוגמתה בתורה — תענית דיוה"כ.

[ופשוט, שאף שהתעניות שמדרבנן נמשכו ונשתלשלו מהתענית דיוה"כ, אין בהם החומר שבתענית דיוה"כ (שיוהכ"פ לילו כיומו, ויש בו חמשה עינויים[9], משא"כ תעניות שמדרבנן[10]) — ככל ה־מצות, גזירות ותקנות שמדרבנן, שאינם אלא „כעין דאורייתא"[11], ואין בהם כל הדיוק, כל הפרטים ופרטי פרטים שב־מצוות התורה. ואולי יש להוסיף בטעם הדבר בנוגע לתעניות שמדרבנן — שלא רצו להוסיף בהעינוי דבנ"י].

ג. וביאור השייכות דכל ימי הצומות לצום דיוה"כ:

ענינו של יום צום מפורש בהפטורה

---

1) זכרי' ח, יט.

2) רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ד (מר"ה יח, ב).

3) ולכן נימנו בכתוב בסדר זה (שלא „כסדר פורעניות", ש„ראשון במקרא (י"ז תמוז) אחרון ל־סמיכת בבל (עשרה בטבת) שהוא מאוחר במקרא") — „לסדר חדשים" (ר"ה יח, א ובפרש"י).

4) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס קפ. סתצ"ד סט"ז. הנסמן בלקו"ש חכ"ב ע' 56 הערה 2.

5) אחרי טז, כט.

6) רמב"ם הל' שביתת עשור פ"א ה"ד.

7) אלא שרובן בטלו כש„בטלה מגילת תענית" (ר"ה יח, ב).

8) ראה אגה"ק סכ"ט: „ז' מצות דרבנן אינן נח־שבות מצות בפני עצמן, שהרי כבר נאמר לא תוסף, אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהם במספר תרי"ג".

9) טושו"ע ואדה"ז או"ח סתרי"א.

10) מלבד תשעה באב שחמור כיוה"כ (רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ז. טושו"ע או"ח סתקנ"ן).

11) פסחים ל, ב. רש"נ.

דיוה"כ (הצום שחיובו מן התורה) — "יום רצון לה'"[12], ומזה למדים שכל ימי הצומות הם "ימי רצון לה'"[13].

והשייכות שביניהם מודגשת גם בענין התשובה:

"יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים והוא קץ מחילה וסליחה לישראל"[14], להיותו הסך־הכל (גמר ושלימות) דה"עשרה ימים שבין ראש השנה ויום הכפורים", שבהם "התשובה והצעקה . . היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד, שנאמר[15] דרשו ה' בהמצאו"[16].

ואולי יש להוסיף, שיוה"כ הוא סיום וחותם ארבעים יום דעבודת התשובה שמתחילים בר"ח אלול (שעי"ז נתרצה הקב"ה לישראל בשמחה ובלב שלם[17]), כמרומז בד' יודי"ן שבסופי־תיבות "אני לדודי ודודי לי"[18] (ר"ת אלול)[19] — שאז נעשה שלימות הענין ד"אני לדודי ודודי לי"[20], ההתקשרות והחיבור דהקב"ה ובנ"י מתוך אהבה ורצון, שזהו גם תוכן הענין ד"בהמצאו" ו"בהיותו קרוב", "יום רצון לה'".

ודוגמתו בכל ימי הצומות[21]:

התענית — "מדרכי התשובה הוא"[22], "לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה"[23], היינו, שיום התענית הוא זמן מסוגל ביותר לתשובה, להיותו "יום רצון לה'", שרצון העליון נמשך ומתגלה ומתאחד עם הרצון דבנ"י, מעין ודוגמת יוה"כ שבו נאמר "צום ויום רצון לה'".

ומודגש יותר בהפטורה (סיום וחותם הקריאה בתורה) דימי הצומות — שהתחלתה וראשיתה "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", שמזה מובן שבימי הצומות הקב"ה מצוי ("בהמצאו") וקרוב ("בהיותו קרוב") לכאו"א מישראל, ע"ד ובדוגמת יוה"כ, הסך־הכל (גמר ושלימות) דהעשרה ימים שעליהם נאמר "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב".

ד. ויש להוסיף, שהשייכות דימי הצומות ל(עשרה ימים שבין ר"ה ל)יוה"כ מרומזת גם בסיום וחותם ההפטורה דימי הצומות — "נאום[24] ה' אלקים מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו":

בפירוש "עוד אקבץ עליו לנקבציו" (בהוספה על "מקבץ נדחי ישראל" שלפניו), קיבוץ לאחרי קיבוץ — יש לומר[25], שנוסף על הקיבוץ דכלל ישראל ("מקבץ

---

12) ישעי' נח, ה.

13) ראה אגה"ת ספ"ב: "סוד התענית הוא סגולה נפלאה להתגלות רצון העליון ב"ה . . וכמ"ש בישעי' הלזה תקרא צום ויום רצון לה', מכלל שהצום הנרצה הוא יום רצון".

14) רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ז.

15) ישעי' נה, ו.

16) רמב"ם שם ה"ו.

17) פרש"י תשא לג, יא. עקב ט, יח. ועוד.

18) שה"ש ו, ג.

19) ב"ח או"ח ר"ס תקפא (ד"ה והעבירו). ועוד.

20) ובפרטיות יותר — הן השלימות ד"דודי לי", שקאי על העשרה ימים מר"ה עד יוה"כ, והן השלימות ד"אני לדודי", שקאי על חודש אלול (לקו"ת פ' ראה לב, א. ובכ"מ).

21) להעיר, שסוגיית הגמרא בפירוש ד' הצומות שבכתוב "צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי" היא (לא במסכת תענית, אלא) במסכת ראש השנה* (יח, ב), ובסמיכות להסוגיא אודות מעלת ה"עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ" (שם, א), ששלימותם ביוה"כ.

22) רמב"ם הל' תעניות פ"א ה"ב.

23) שם רפ"ה.

24) ישעי' נו, ח.

25) נוסף על הפירוש הפשוט (פרש"י ועוד) "עוד אקבץ עליו מן העכו"ם שיתגיירו ונלוו עליהם, לנקבציו נוספים על קיבוצי ישראל" — בהמשך

---

*) ששייך גם ליוה"כ, ש"נקרא ג"כ ראש השנה בכתוב" ("בראש השנה בעשור לחודש" (יחזקאל מ, א)) — ראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א.

נדחי ישראל") ישנו גם הקיבוץ דכל יחיד בפ"ע, כמ"ש[26] „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל".

ובפשטות — שלאחרי שהקב"ה „מקבץ נדחי ישראל" מהמקומות שבהם נמצא „ציבור" (עשרה, ועאכו"כ יותר מעשרה) מישראל, חוזר ומקבץ גם את ה„יחידים" שנשארו בגלות גם לאחרי קיבוץ הרבים. ועז"נ „עוד אקבץ עליו לנקבציו" — שגם הקיבוץ דיחידים הוא ע"י הקב"ה בעצמו, דלכאורה, יש מקום לומר שהקיבוץ ע"י הקב"ה בעצמו הוא רק בנוגע לציבור, מצד מעלת וכח הציבור, אבל בנוגע ל־יחיד מספיק שיהי' הקיבוץ ע"י מלאך וכיו"ב, ולכן מוסיף הכתוב ומדגיש „נאום ה' אלקים מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו" — שגם קיבוץ היחיד נעשה ע"י הקב"ה בעצמו, „הוא עצמו . . אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו"[27], כל יחיד ויחיד במקומו.

וענין זה (מעלת היחיד, „עוד אקבץ עליו לנקבציו") מודגש ב„עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ" — שהרי עיקר החידוש דימים אלו שעליהם נאמר „דרשו ה' ב־המצאו גו'" הוא בנוגע ליחיד, כדרשת חז"ל[28] „התם ביחיד . . אימת (מצוי לו ד־כתיב בהמצאו) . . אלו עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ", שבימים אלה מודגשת מעלת היחיד (שהקב"ה מצוי לו) כמו מעלת הציבור בכל השנה (ומזה מובן — במכ"ש וק"ו — גודל מעלת הציבור בעשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ).

ויש לומר, שמעלת היחיד („התם ב־יחיד") מודגשת בעיקר ביוה"כ[29] — כיון שיוה"כ הוא „אחת בשנה"[30], שבו מתגלה בחינת היחידה[31] (שנקראת אחת[32]) שב־כאו"א מישראל (הקשורה ומיוחדת עם בחי' „יחיד"), „יחידה לייחדך"[33], ומיוה"כ נמשך בכל ה„עשרה ימים"[34], שבכולם מודגשת מעלת היחיד, בחי' היחידה[35].

ה. ע"פ המבואר לעיל השייכות דימי הצומות ליוה"כ, יש לבאר מעלת „צום גדלי'" לגבי שאר הצומות המפורשין ב־קבלה — כיון שבו מודגשת ביותר השיי־כות ליוה"כ[36]:

צום גדלי' נקרא בכתוב „צום השביעי", ע"ש היותו בחודש השביעי — שבזה מוד־גשת שייכותו ליוה"כ שגם הוא בחודש ה־שביעי („בחודש השביעי בעשור לחודש").

ונוסף על היותו בחודש השביעי (כמו יוה"כ) ה"ה גם ב„עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ" — שבזה מודגשת עוד יותר שייכותו ליוה"כ:

ובהקדים — שבלשון חז"ל „עשרה ימים

למש"נ בפסוקים שלפנ"ז (ו־ז) „ובני הנכר הנלוים על ה' וגו' כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים".

26) ישעי' כז, יב.

27) פרש"י נצבים ל, ג.

28) ר"ה יח, א. ושי"נ.

29) ועפ"ז יומתק לשון הרמב"ם „יום הכיפורים זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים" — שבזה מרומז שעיקר הענין ד„דרשו ה' בהמצאו . . ביחיד" הוא ביוה"כ.

30) ס"פ תצוה. אחרי טז, לד.

31) ראה לקו"ת ס"פ פינחס. עט"ר שער יוה"כ פ"ב ואילך. ובכ"מ.

32) תוד"ה עד אחת — מנחות יח, א.

33) נוסח הושענות דיום ג' דחה"ס.

34) כלומר: נוסף על המעלה הכללית שבכל העשרה ימים ש„התשובה . . היא יפה ביותר כו'", נמשך בהם העילוי המיוחד דיוה"כ, „זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים . . קץ מחילה וסליחה לישראל" (ומרומז גם בדיוק הלשון „עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ", כדלקמן ס"ה).

35) ראה לקו"ת תבוא מג, סע"ד: „כאן ליחיד פי' בחי' יחידה".

36) נוסף על שייכותם מצד סמיכותם זל"ז בזמן, ונפק"מ לדינא — כשיש צורך להקל בתענית דצום גדלי' כדי שיוכל להתענות ביוה"כ (ראה בארוכה שד"ח אסיפת דינים מע' יוה"כ ס"א סק"י).

שבין ר"ה ליוה"כ" יש (לכאורה) סתירה מיני' ובי'[37]: "ימים שבין ר"ה ליוה"כ" — שר"ה ויוה"כ אינם בכללם, ולאידך, "עשרה ימים" (ולא "שבעה ימים"[38], מספר הימים ש"בין ר"ה ליוה"כ") — שבהם נכללים גם ר"ה ויוה"כ.

וי"ל הביאור בזה — שגם העילוי המיוחד דר"ה ויוה"כ (שלמעלה מהימים ש"בין ר"ה ליוה"כ") נמשך וחודר גם בימים שבין ר"ה ליוה"כ, ועד שנעשים המשך אחד ומציאות אחת: "עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ".

ובפרטיות יותר — יש בהימים שבין ר"ה ליוה"כ הן הענין הכללי המשותף ל־ר"ה ויוה"כ (שבכמה ענינים עיקרים שוים הם, כידוע ש"יוה"כ נקרא ג"כ ר"ה בכתוב"[39]), והן הענין הפרטי דר"ה בפ"ע ויוה"כ בפ"ע, שחלוקים זמ"ז במצות ועבודת היום, החל מהחילוק בנוגע לענין ה"אכילה"[40] — שיוה"כ אסור באכילה[41], משא"כ בר"ה "מצוה לאכול ולשתות"[42], "נוהגין לאכול בשר שמן ולשתות דבש וכל מיני מתיקה . . אכלו[43] משמנים ושתו ממתקים"[44] — אכילה ביתר שאת וביתר עוז, מצד (ובהתאם ל)קדושת היום, כסיומא דקרא: "כי קדוש היום לאדוננו".

ומזה מובן שבצום גדלי' ש"בין ר"ה ליוה"כ" מודגש בעיקר ענינו של יוה"כ (יותר מענינו הפרטי של ר"ה) — להיותו יום צום, כמו יוה"כ, ולא כמו ר"ה שמצוה לאכול ולשתות משמנים וממתקים.

ויש לומר, שהשייכות דצום גדלי' ל־יוה"כ מרומזת גם בפסוק[45] "יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו" — כ־ידוע ש"יחיינו מיומיים" רומז על ב' הימים דראש השנה, ו"ביום השלישי" רומז על יוה"כ[46], וגם על שלישי בתשרי, צום גדלי'[47], וכיון ששניהם (יוה"כ וצום גדלי') נרמזים באותם התיבות בכתוב "ביום ה־שלישי יקימנו"[48], מודגשת עוד יותר ה־שייכות שביניהם[49].

37) ראה גם לקו"ש חכ"ט ע' 203. וש"נ.

38) לשון הטור — או"ח סתר"ג.

39) נסמן לעיל בשוה"ג להערה 21.

40) להעיר שכללות עבודת האדם נקראת בשם "אכילה" — כלשון חז"ל בטעם בריאת האדם בגמר מעשה בראשית: "כדי שיכנס לסעודה (יאכל) מיד" (סנהדרין לח, א ובפרש"י), היינו, שעבודת האדם (תכלית בריאתו — "לעבדה ולשמרה", ע"י רמ"ח מ"ע ושס"ה ל"ת (זח"א כז, א. ועוד)) נקראת בשם "סעודה" ו"אכילה".

41) ולהעיר, שגם התענית דיוה"כ נקראת "אכילה" — "סוד אכילה ושתי' פנימית" (פע"ח שער יוה"כ פ"א). וראה יומא פא, ב: "כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי".

42) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תקצז.

43) נחמי' ח, יו"ד.

44) שו"ע אדה"ז שם סתקפ"ג ס"ד.

45) הושע ו, ב.

46) לקו"ת דרושי ר"ה סג, סע"ב.

47) ראה חדא"ג מהרש"א לר"ה יח, ב: "יחיינו מיומים, דהיינו בב' ימים ראשונים מימי התשובה שמתפללים על החיים, אבל ביום הג' מימי התשובה, שבו נהרג גדלי', שהי' לנו נפילה בו ביום, יש לנו לדאוג ביותר ולבקש רחמי שמיא בתרתי, דהיינו שיקיימנו מאותה נפילה וגם שנחי' שיגזור עלינו חיים".

48) ואולי יש לומר, שהשייכות שביניהם נרמזת גם בהתחלת הפסוק, "יחיינו מיומים" — שהחיות ד"יום השלישי" (יום צום, הן צום גדלי' והן יוה"כ) היא ע"י האכילה שלפנ"ז באופן ד"יחיינו מיומים": בצום גדלי' — ע"י האכילה דשני ימי ר"ה, וביוה"כ — ע"י האכילה בערב יוה"כ "כמו שיעור ב' ימים"* (סידור אדה"ז אחרי סדר כפרות. ועוד).

49) להעיר שכל הפירושים שבענין אחד שייכים זל"ז — ראה לקו"ש ח"ג ע' 782. וש"נ.

*) שיעור ב' ימים ביום א', ודוגמתו בר"ה — שב' הימים דר"ה כיום א' הן חשובין (שו"ע אדה"ז או"ח סת"ר ס"ג. ועוד).

ועפ"ז יש לבאר גם פירוש השם „צום גדלי'", מלשון גדלות (כנ"ל ס"א) — דכיון שבצום זה מודגשת השייכות ליוה"כ (שורש ומקור כל הצומות שמדרבנן) יותר מבשאר הצומות, הרי, כל עניני הצום („יום רצון לה'", „בהמצאו גו' בהיותו קרוב", „ביחיד", „עוד אקבץ עליו לנקבציו") ש־עיקרם ושלימותם ביוה"כ (כנ"ל ס"ג־ד) נמשכים בו באופן של גדלות לגבי שאר הצומות.

ו. ויש להוסיף בהפירוש ד„צום גדלי'" — שהגדלות היא (לא רק בתוכן מעלת הצום, אלא) גם בה„צום" עצמו, צום גדול:

אע"פ שב„סדר חדשים" (שמתחיל מ־ניסן) צום גדלי' (בחודש השביעי) הוא השלישי במנין הצומות (לאחרי י"ז תמוז ותשעה באב), הרי, בסדר השנה (שמתחיל מתשרי, אותיות „רשית"[50]) הוא הראשון וה„ראש"[51] דכל ימי הצומות[52] — שמורה על הקדימה (ראשון) גם בחשיבות (גדלות) וחומר הצום.

ובטעם הדבר יש לומר — שהירידה שבו היא למטה ביותר:

גם לאחרי הירידה שע"י המאורעות דג' הצומות שלפנ"ז, ש„סמך מלך בבל . . על ירושלים והביאה במצור ובמצוק" (בעשרה בטבת), הובקעה העיר (בי"ז תמוז) וחרב הבית (בתשעה באב) — עשה ה' חסד עם בנ"י ע"י ש„נתן מלך בבל שארית ל־יהודה . . הפקיד עליהם את גדליהו בן אחיקם"[53]:

ולאח"ז (בשלישי בתשרי) ניתוסף עוד יותר בהירידה למטה ביותר (אחרון ותח־תון ב„סדר פורעניות") — ש„נהרג גדלי' בן אחיקם ונכבת גחלת ישראל הנשארת וסיבב להתם גלותן"[54].

ויש לומר, שענין זה מודגש גם בחומר מיוחד שישנו בצום גדלי' לגבי שאר הצומות[55] — שכיון שנקבע למחרת ראש השנה שבו נאמר „אכלו משמנים ושתו ממתקים", ה"ז באופן שיוצאים „ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית", שאז העינוי גדול יותר, כפי שמצינו[56] ש„אנשי המעמד . . לא היו מתענין . . באחד בשבת כדי שלא יצאו ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית"[57].

ז. וענין נוסף והוא העיקר בהגדלות דהצום (צום גדלי') — בנוגע להפיכת ה־צום ליום טוב, ששון ושמחה, כפס"ד ה־רמב"ם[58] „כל הצומות האלו עתידים לי־בטל לימות המשיח, ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים וימי ששון ושמחה, שנאמר' כה אמר ה' צבאות צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום

50) בעה"ט עקב יא, יב.

51) ויומתק יותר — להדעה שהמאורע שבגללו נקבע צום גדלי' הי' בראש השנה (כדלקמן ס"ז).

52) ומודגש במנין ארבעה ימי הצומות בדברי הרמב"ם (הל' תעניות רפ"ה) — „ואלו הן שלישי בתשרי . . ועשירי בטבת . . וי"ז בתמוז . . ותשעה באב", שמונה הצומות על סדר השנה, אף שבהלכה שלאח"ז ממשיך „וארבעה ימי הצומות האלו הרי הן מפורשין בקבלה צום הרביעי וצום החמישי וגו'", שנימנו בכתוב על סדר החדשים.

53) ירמי' מ, יא.

54) רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ב.

55) להעיר מדברי העמק שאלה (שאילתא קנח אות א') בביאור הטעם שדחו התענית מר"ה לג' בתשרי ולא לב' תשרי (כשר"ה הי' יום א') — שנהגו בצום גדלי' חומר התענית של תשעה באב בהפסקה מבעוד יום, ולכן לא יכלו לקבוע הצום לב' תשרי כי ההפסקה מבעוד יום בר"ה יש בה משום בזיון כבוד המועד (וראה לקמן הערות 77־67).

56) תענית רפ"ד.

57) ובהדגשה יתירה להדעה שצום גדלי' נדחה למחרת ר"ה — דכיון שקביעת התענית מלכתחילה היא באופן של דחי', היו יכולים לדחותו ליום נוסף „כדי שלא יצאו ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית".

58) הל' תעניות בסופן.

העשירי יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים".

ובהקדמה — שע"פ האמור לעיל שהירידה דצום גדלי' היא למטה מטה ביותר, כמודגש גם בחומר הצום, מסתבר לומר, שגם העלי' שבו (הפיכתו ליום טוב) היא באופן נעלה יותר משאר הצומות, וזוהי הגדלות האמיתית של הצום (צום גדלי') — שמודגשת בו יותר התכלית והכוונה דהפיכת הצום ליום טוב.

והביאור בזה:

בנוגע לצום גדלי' — יש דעות[59] שנהרג בראש השנה, וכיון שאסור להתענות בר"ה (מצוה לאכול ולשתות ולשמוח בר"ה)[42], דחו הצום לשלישי בתשרי.

וע"פ מארז"ל[60] (בנוגע לתשעה באב שחל להיות בשבת) ש„רבי . . ביקש לעקור תשעה באב" (של אותה שנה), דכיון ש„דחינוהו לאחר השבת אמר רבי הואיל ונדחה ידחה" — מובן, שבצום גדלי' שנקבע מעיקרו באופן של דחי', מודגשת יותר הנתינת־כח לעקירת הצום לגמרי[61], בימות המשיח, שיבטלו הצומות ויהפכו לימים טובים ומועדים[62].

ועניין נוסף בנוגע לקביעת הצום בשלישי בתשרי — גם (ובהדגשה יתירה) להדעות[63] שנהרג בשלישי בתשרי (כפשטות לשון הגמרא[64] „ג' בתשרי שבו נהרג גדלי' בן אחיקם")[65] — בימים שבין ר"ה ליוה"כ:

ידוע מ"ש בסידור האריז"ל[66] ש„הימים שבין ר"ה ויוה"כ הם כמו חול המועד", ועפ"ז י"ל, שבצום גדלי' מודגש הפיכת הצום ל„מועד", להיותו ביום שנקרא „מועד" גם בזמן הזה[67].

ובהדגשה יתירה (בימים שבין ר"ה ויוה"כ גופא) בשלישי[68] בתשרי — שקשור עם הגאולה השלישית וביהמ"ק השלישי, גאולה נצחית וביהמ"ק נצחי, כמ"ש „יחיינו

---

59) ראב"ע זכרי' ח, יט. רד"ק שם ז, ה. ירמי' מא, א. רבינו ירוחם בתולדות אדם וחוה נתיב יח ח"ב. הובא בב"י או"ח סרי"ס תקמט, ובט"ז שם.

60) מגילה ה, רע"ב.

61) להעיר מהשקו"ט אם יש לצום גדלי' דין של „נדחה" שהוא קל יותר מצום ביומו (ראה נו"כ השו"ע או"ח סתקמ"ט).

62) ויש לומר, שהפיכת הצומות לימים טובים מודגשת יותר בצום גדלי' גם מצד שייכותו המיוחדת ליוה"כ (כנ"ל ס"ה) — כי, יוה"כ קשור עם חמשה עשר באב, כמארז"ל (תענית כו, ב) „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים", וידוע שגודל היו"ט דחמשה עשר באב הוא בגלל שבו נעשה התיקון דתשעה באב, ועד"ז ביוה"כ (שניתנו בו לוחות שניות) שבו נעשה התיקון דשבירת הלוחות בי"ז בתמוז — שזהו"ע הפיכת הצומות לימים טובים.

63) סדר עולם פכ"ו. הובא בסדה"ד ג"א של"ט.

64) ר"ה יח, ב. ירושלמי תענית פ"ד ה"ה. וכ"ה במגילת תענית (בסופה), ברמב"ם (הל' תעניות פ"ה ה"ב), ובטור (או"ח סתקמ"ט. סתק"פ). ועוד.

65) ומודגש יותר ע"פ המבואר בכתבי האריז"ל (פע"ח שער ר"ה פ"ב. מ"ח מס' ימי תשובה פ"א) שהריגת גדלי' היתה מפני תוקף הדינים וחסרון המתקתן ע"י תקיעת שופר — למחרת ר"ה.

ולהעיר שבלקוטי לוי"צ (אג"ק ע' שו) מתווך עם הדעה שנהרג בר"ה — ש„אין הכוונה על יום א' דר"ה רק על יום ב' דר"ה, שאצלנו אחר החורבן הוא יו"ט, ובזמן הבית הי' חול . . הריגתו הי' ביום . . שיש הרבה דינין ואין אז תק"ש, ואצלנו היום הזה הוא יום ג' דתשרי", עיי"ש.

66) בעשי"ת.

67) ועד"ז תשעה באב, שנקרא מועד גם בזמן הזה, כמ"ש (איכה א, טו) „קרא עלי מועד". ובטעם הדבר יש לומר, שכיון שבשניהם הירידה היא גדולה ביותר (כנ"ל ס"ז), הרי, גם העלי' (הפיכת הצום) היא גדולה יותר, ועד שנרמז כבר בזמן הזה (וראה לקמן הערה 77).

68) וגם „שלישי" במנין הצומות על סדר החדשים כפי שנתפרשו בקבלה — „צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי".

מיומיים ביום השלישי[69] יקימנו ונחי' ל־פניו", „שלח לנו רפואה משני העתים ש־עברו עלינו הוא גלות מצרים וגלות בבל, בעת השלישי בגאולה העתידה יקימנו מן הנפילה ונחי' לפניו עד עולם"[70].

ח. ויש להוסיף, שהגדלות האמיתית דהצום (צום גדלי') ע"י הפיכתו ליום טוב בימות המשיח, מרומזת גם ב(סיבת ה)מאו־רע שבגללו נקבע הצום:

בפסוק שבו מסופר אודות הריגת גדלי' בן אחיקם ע"י ישמעאל בן נתני' מודגש שישמעאל בן נתני' הי' מזרע ה־מלוכה — „ויהי[71] בחודש השביעי בא יש־מעאל בן נתני' בן אלישמע מזרע המלוכה גו' ויכו את גדליהו גו'"[72] — „מלכות בית דוד"[73], „בעבור זה הרג לגדליהו בחשבו שאליו ראוי הממשלה כי הוא מזרע המלוכה, ולא לגדלי'"[74], „שלא הי' מזרע המלוכה כמוהו"[75].

ויש לומר, שאף שהמאורע דהריגת גדלי' הו"ע הכי חמור, ועד שעי"ז „נכבת גחלת ישראל הנשארת", שבטלה גם ה־„שארית ליהודה" שנתן מלך בבל כדי שיומשכו חיי בנ"י בהמשך חייהם במלכות דוד[76], מ"מ, בסיבת המאורע, קנאתו של ישמעאל בן נתני' „שאליו ראוי הממשלה כי הוא מזרע המלוכה, ולא לגדלי'", נרמז גם ענין טוב[77] — רצון שתהי' „שארית ל־יהודה" (לא רק במלכות דוד, אלא גם) ע"י מושל שהוא „מזרע המלוכה", „מלכות בית דוד".

ועפ"ז י"ל שבצום גדלי' מודגשת הפיכת הצום באופן של „אתהפכא" בענין זה עצמו[78] — שהרצון שתהי' שארית ל־יהודה ע"י מלכות בית דוד (סיבת המאורע דהצום) מביא ופועל החיות של גדלי'[79] (היפך המאורע דהריגת גדלי') — שמסמל המשך חייהם של ישראל במלכות דוד — בתכלית השלימות (באופן של גדלות), ב־גאולה האמיתית והשלימה ע"י „המלך ה־משיח שעתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד . . ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל"[80].

ויש להוסיף, שהתוכן דהפיכת הצום בימות המשיח מרומז גם בשם „גדליהו" — כי, „גדליהו" הוא גם „גדול י־ה", וגדולתו של הקב"ה קשורה עם הגאולה ע"י משיח צדקנו, כמ"ש[81] „גדול הוי' ומהולל מאד בעיר אלקינו"[82], „לעתיד לבוא כשיבנה את עירו יהי' בשבילה גדול ומהולל"[83],

---

69) ראה חדא"ג מהרש"א (שבהערה 47) ש־„ביום השלישי יקימנו גו'" קאי על שלישי בתשרי, צום גדלי'.

70) מצו"ד עה"פ.

71) ירמי' מא, א־ב.

72) משא"כ בפסוקים שלפנ"ז (מ, ח ואילך) נזכר שמו מבלי להזכיר שהי' מזרע המלוכה.

73) רד"ק עה"פ.

74) מצו"ד מ"ב כה, כה.

75) אברבנאל עה"פ.

76) ולהעיר שזו היתה שיטת בבל — ע"ד הנהגתם לאחרי מלכות יכני', כמ"ש (מ"ב כד, יז) „וימלך מלך בבל את מתני' דודו תחתיו".

77) ועד"ז בתשעה באב — שבחורבן הבית יש גם ענין טוב, כמארז"ל (איכ"ר פ"ד, יד. ועוד) „מזמר אני ששפך הקב"ה חמתו על העצים ועל האבנים ולא שפך חמתו על ישראל".

ועפ"ז יומתק שתשעה באב וצום גדלי' נקראים „מועד" בזמן הזה (כנ"ל ס"ז ובהערה 67) — כיון שבשניהם נרגש שבירידה עצמה (בזמן הזה) יש גם ענין טוב.

78) ע"ד מארז"ל (מנחות מד, א) „מצעות ש־הציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר".

79) כשיקויים היעוד „הקיצו ורננו שוכני עפר", והוא בתוכם, ובפרט שבזכותו נקבע „יום רצון לה'" במשך ריבוי שנים, יותר מאלף ותשע מאות שנה!

80) רמב"ם הל' מלכים רפי"א.

81) תהלים מח, ב.

82) ולהעיר מדרשת חז"ל „אימתי הוא גדול כשהוא בעיר אלקינו" (ראה זח"ג ה, א. זו"ח תשא (מד, א) — בשינוי לשון).

83) פרש"י עה"פ.

ו„בעיר אלקינו" גופא — ב„הר קדשו", ב־הר הבית, ובבית המקדש השלישי, ששם תתגלה גדולתו של הקב"ה[84] בתכלית השלימות.

ט. ובקביעות שנה זו ששלישי בתשרי חל בשבת, וצום גדלי' נדחה ליום ראשון, ניתוסף עילוי מיוחד בכהנ"ל — בחומר הצום, במעלת הצום, ובהפיכת הצום ליום טוב:

בחומר הצום (שנקבע למחרת ר"ה, שיוצאים ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית, כנ"ל ס"ו) — שעי"ז שניתוסף גם המנוחה ועונג דיום השבת (לאחרי ב' ימים דר"ה), נעשה „חזקה" בהמצב של מנוחה ועונג ב־משך ג' ימים, ובמילא, ניתוסף עוד יותר בחומר הצום, שהענין שביציאה ממנוחה ועונג (במשך ג' ימים) ליגיעה ותענית גדול יותר.

במעלת הצום (הדגשה יתירה בהעילוי ד„יום רצון לה'", „דרשו ה' בהמצאו גו'", מצד שייכותו המיוחדת ליוה"כ, כנ"ל ס"ה) — שקביעותו ביום הראשון בשבוע מדגי־שה את שייכותו ליוה"כ גם מצד ימי ה־שבוע (נוסף על השייכות הכללית ד־„עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ") — כי:

א) יום ראשון הוא מוצאי השבת שממנו מתברך[85] (גם) השבת שלאחריו שבו חל יוה"כ[86].

ב) יום ראשון הוא התחלת השבוע שסיומו וחותמו ושלימותו ביוה"כ שחל בשבת, וכיון שנעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן[87], מודגשת יותר השייכות דצום גדלי' (תחלת השבוע) ליוה"כ (סוף ה־שבוע).

ג) יום ראשון נקרא בכתוב „יום אחד"[88], „שהי' הקב"ה יחיד בעולמו"[89], שבו מודגש יותר הגילוי דבחי' „יחיד" שלמעלה לבחי' היחידה („יחידה לייחדך") שבכאו"א מישראל, ששלימותו ביוה"כ (כנ"ל ס"ד).

ובהפיכת הצום (שייכותו להגאולה, כנ"ל ס"ז־ח) — שבקביעות כזו מודגשת יותר דחיית הצום והפיכתו ליו"ט בימות המשיח, כי:

א) דחיית הצום היא דחי' כפולה[90] — מר"ה לג' תשרי, ומג' תשרי (שחל בשבת) לד' תשרי — שבזה מודגשת יותר הנתינת־כח לדחיית הצום לגמרי, „הואיל ונדחה ידחה".

ב) שלישי בתשרי („ביום השלישי יקי־מנו") חל ביום השבת שקשור עם הגאולה — כמודגש בשירו של יום, „מזמור שיר

---

84) כולל גם הגדלות דהארון עם הלוחות והספר־תורה — עי"ז שמתגלה מגניזתו במטמוניות עמוקות ועקלקלות (רמב"ם הל' ביהב"ח רפ"ד), יחד עם הלוחות בשלימותן, לוחות ראשונות ולוחות שניות, והספר תורה דהארון (שבתוך הארון או מצד הארון — ב"ב יד, א־ב).

85) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

86) ואף שיוה"כ הוא „שבת שבתון", מ"מ, נמשך בו תוספת ברכה מהשבת שלפניו — כשם שיום השבת שחל בו יוה"כ מוסיף בעניני יוה"כ* (שבת שבתון), כדמוכח מחילוקי הדינים דיוה"כ שחל בשבת מצד הוספת קדושת השבת (ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתרי"א ס"ו. סתרי"ט ס"י־יא. ועוד), כפי שמזכירים גם בברכת היום (בהדלקת הנרות ובתפלה).

87) ספר יצירה פ"א מ"ז.

88) בראשית א, ה.

89) פרש"י עה"פ (מב"ר פ"ג, ח).

90) ולהעיר ש„כפל" קשור עם ענין הגאולה (ראה פרדר"א פמ"ח. יל"ש ר"פ לך לך (רמז סד). ד"ה לך לך תרכ"ז. תר"ל. ועוד).

---

*) נוסף לכך שיוה"כ מוסיף בשבת, ע"ד מארז"ל „שבת למוספין אהנאי לתמידין לא אהנאי" (בתמי'), „שם שבת עליהם" (זבחים צא, רע"א ובפרש"י).

ליום השבת", "מזמור שיר לעתיד לבוא ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[91], וכמ"ש בברכת המזון דיום הש"ק: "הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים".

ג) צום גדלי' חל ביום ראשון, "יום אחד", ש"הקב"ה יחיד בעולמו" — שקשור אף הוא עם הגאולה, כמ"ש[92] "ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד".

וכל זה — נוסף על המעלה הכללית שבקביעות שנה זו[93] בהדגשת ה"חזקה" דקדושת שבת ויו"ט במשך ג' ימים, בהתחלת וראשית השנה, ב' ימי ר"ה ויום השבת, ובחוץ־לארץ גם בימים הראשונים דחג הסוכות, (ובמילא גם) בימים האחרונים, שמע"צ ושמח"ת (כמשנת"ל בארוכה[94]), שבזה מודגש יותר הקשר והשייכות לגאולה השלישית וביהמ"ק השלישי, "ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו".

י. ועילוי נוסף מצד הקביעות דצום גדלי' בפרשת השבוע:

בשלישי בתשרי (שחל בשבת) במנחה מתחילין לקרוא "וזאת הברכה אשר ברך משה גו' את בני ישראל גו'"[95], ולומדים התחלת פרשת ברכה בשיעור חומש דצום גדלי' שנדחה ליום ראשון פ' ברכה — שבזה מודגש שבשלישי בתשרי ובצום גדלי' ישנם כל הברכות אשר ברך משה את בנ"י[96], החל מהברכה העיקרית דגאולה האמיתית והשלימה, הקשורה עם משה, "גואל ראשון הוא גואל אחרון"[97].

ויש להוסיף, שבקביעות כזו קורין ולומדים (כולל בשיעורי חת"ת) פרשת ברכה ג' פעמים[98] — במשך ג' שבועות, כ"א יום (ממנחת שבת פ' האזינו עד יום שמח"ת) — "אך טוב לישראל"[99], דיש לומר, שבזה מרומזת גם הדגשה יתירה בהפיכת ג' השבועות וכ"א יום ד"בין המצרים" (מ"צום הרביעי" עד "צום החמישי", ובהמשך לזה — גם "צום השביעי וצום העשירי") לששון ולשמחה ולמועדים טובים[100], ובלשון

---

91) תמיד בסופה.

92) זכרי' יד, ט.

93) כולל גם המעלה במספר השנה — תנש"א, מלשון התנשאות וגדלות ("גדליי"), שרומז על ההתנשאות וגדלות דמלך המשיח (ראה לעיל ס"ח), ומרומז גם בהר"ת תהא שנת אראנו נפלאות (בהוספה על הר"ת דשנה שלפנ"ז — "תהא שנת נסים") — "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

94) ראה מכתבים: ח"י אלול, כ"ה אלול, ג' ד־סליחות תש"נ, וא"ו תשרי תנש"א. (נדפסו לקמן ח"ב בהוספות). שיחות ש"פ האזינו (לעיל ע' 3 ואילך).

95) וקורין ג' קרואים — כהן לוי וישראל (כללות ישראל), ואין פוחתין מעשר פסוקים (רמב"ם הל' תפלה רפי"ב — מלבד קריה"ת דפורים (הגהות מיימוניות בשם הסמ"ג)) — די"ל שכולל כל העשר סוגים דפרטי בנ"י (וח"ב פב, א. לקו"ת ר"פ נצבים), עד להשלימות ד"העשירי יהי' קודש", ובדיוק יותר — קורין (בפרשה זו) י"ז פסוקים, בגימטריא טו"ב.

96) ויש לומר, שכולל גם כל הדברים (והמעשים) אשר דבר (ועשה) משה — כמ"ש בהתחלת ספר דברים (שסיומו וחותמו — נעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן — בפרשת ברכה): "אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל", משנה תורה*, עד לסיום וחותם פרשת ברכה (ספר דברים וכל התורה כולה): "לכל האותות והמופתים גו' ולכל היד החזקה גו' אשר עשה משה לעיני כל ישראל".

97) ראה לקו"ש ח"א ע' 8 ואילך. וש"נ.

98) ראה גם מכתב וא"ו תשרי ש.ז. בסופו (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

99) תהלים עג, א.

100) ובפרט לאחרי הנתינת־כח ד"שבע דנחמתא", החל מ"נחמו נחמו עמי", "נחמה בכפלים" ("כפלים" דוקא, שקשור עם גאולה (כנ"ל הערה 90)), ומוסיף והולך עד לסיום ה"שבע דנחמתא" בשבת שלפני ר"ה, ולאח"ז ניתוסף גם ההפטרות דר"ה, הן ההפטורה דיום א' דר"ה שסיומה וחותמה

---

*) שמשה אמרו מפי עצמו, וברוח הקודש (מגילה לא, ב ובתוס').

הכתוב בהפטורה דיום ב' דר"ה — „והפכתי אבלם לששון"[101].

*

יא. כדי למהר ולזרז עוד יותר הקיום דכהנ"ל — יש להוסיף במצות הצדקה ש„מקרבת את הגאולה"[102], ולכן יתנו לכאו"א מהנוכחים כאן שליחות־מצוה לצדקה כרגיל בכגון־דא, ובהוספה — באופן משולש [בשייכות ל„שלישי בתשרי", ובפרט בשנה זו שבה מודגש העילוי ד„שלש", שקשור עם הגאולה השלישית וביהמ"ק השלישי, כנ"ל] — ג' שטרות, על מנת ליתן לצדקה, ובהוספה מדילי'.

ויה"ר — והוא העיקר — שההוספה לצדקה תמהר ותזרז ותביא את הגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד, ביום זה ממש — שהרי „אחכה לו בכל יום שיבוא"[103], שיבוא בכל יום, ועאכו"כ ביום סגולה זה, „יום רצון לה'", „בהמצאו גו' בהיותו קרוב", „ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו", ובפרט שביום זה עצמו נמצאים כבר לאחרי תפלת מנחה (כולל גם קריאת התורה וההפטורה), הרי בודאי שצריך להיות באופן ד„לא עיכבן כהרף עין"[104], תיכף ומיד ממש, לפני סיום היום[105].

ובלשון הכתוב בסיום וחותם ההפטורה דיום התענית — „עוד אקבץ עליו לנקבציו", „והביאותים אל הר קדשי וגו'"[106], להר הקודש (בארצנו הקדושה, בירושלים עיר הקודש), לבית המקדש השלישי („מקדש אדנ־י כוננו ידיך"[107]) ולקדש הקדשים (קדושה הג' שבהם) — תיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א מהנוכחים שיחיו ג' שטרות ליתנם (או חילופם) לצדקה].

„וירם קרן משיחו" (ש"א ב, יו"ד), והן ההפטורה דיום ב' דר"ה שבה מדובר בארוכה אודות הגאולה העתידה, ועד להפטורה השלישית דשבת שובה בענין התשובה („שובה ישראל") הקשורה עם גאולה — שע"י התשובה „מיד הן נגאלין" (רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה), ועד שמשיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא (ראה זח"ג קנג, ב. ועוד).

101) ירמי' לא, יב.

102) ב"ב יו"ד, א. וראה תניא פל"ז.

103) עיקר הי"ב מי"ג העיקרים.

104) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

105) להעיר מחילוקי הדינים בנוגע להשלמת התענית (שנקבעה על צרה) כשבטלה הצרה באמצע יום התענית (ראה טושו"ע או"ח סתקס"ט ובנו"כ).

106) ישעי' נו, ז.

107) בשלח טו, יז.

שיחת יום ד' פ' ברכה, ז' תשרי ה'תנש"א

— למשתתפים בקרן לטובת „מחנה ישראל" —

א. פותחין בברכה[1].

ווען מענטשן טרעפן זיך דאַרף מען אָנהויבן אין אַ גוטן אופן — דורך בענטשן און ווינטשן איינער דעם צווייטן מיט גוטע זאַכן.

זיכער אַזוי ווען אידן טרעפן זיך צוזאַמען, וואָס זיי האָבן דאָך די תורה, תורה אשר מלשון הוראה[2], און תורת חיים — די תורה ווייזט אָן אַ ליכטיקע אָנווייזונג ווי מ'דאַרף זיך אויפפירן אין אַלע פרטים פון טאָג טעגלעכן לעבן, איינגעשלאָסן אויך די הוראה הנ"ל — אַז פותחין בברכה,

און במיוחד — מיט אַ ברכה פון שלום („שלום עליכם"[3]), מיט אַלע פירושים אין דעם וואָרט „שלום", אָנהויבנדיק פון דעם פירוש הפשוט: שלום בין אדם לחבירו[4] — אַ גוטע באַציאונג פון איין מענטשן מיט דעם צווייטן,

און שלום אויך פון לשון שלימות, פולקאָמענהייט, „פערפעקשען" (אין ענגליש), וואָס דאָס איז דער תפקיד און טבע פון יעדער מענטש — צו האַלטן שטענדיק אין „פערפעקטן" זיין לעבן און אַלע זיינע טעטיקייטן, דורך זיין אַ „מהלך"[5], נישט בלייבן שטיין אין דעם זעלבן צושטאַנד, נאָר גיין און שטייגן „מחיל אל חיל"[6], זוכן וועגן ווי צו אויסנוצן זיינע כחות און כשרונות און מעגלעכקייטן אויף'ן בעסטן, „פערפעקסטן" אופן.

ווי דאָס איז ספּעציעל אונטערשטראָכן באַ ביזנעסלייט וועלכע האָבן מצליח געווען, מיט דעם איבערשטן'ס ברכה, אין זיין ערפאָלגרייכע ביזנעסלייט, וואָס דאָס באַווייזט אַז זיי האָבן אויסגענוצט און נוצן אויס זייערע כחות און מעגלעכקייטן צו דערגרייכן „פערפעקשען", און אין אַן אופן פון מוסיף והולך, אַנטוויקלען זייערע געשעפטן און ביזנעסעס, ביז אין אַ „פערפעקטן" אופן.

*

ב. יעדע זאַך איז בהשגחה פרטית[7].

אַזוי אויך בנוגע צו דעם איצטיקן צוזאַמענקלייבן זיך, קומט עס אויס בהשגחה פרטית אין יום הרביעי פון פ' וזאת הברכה, וועלכע האָט אַ ספּעציעלע שייכות און אַ ליכטיקע אָנווייזונג צו דעם צוזאַמענקומען זיך,

[ווי באַוואוסט[8] אַז אַ איד דאַרף „לעבן מיט דער צייט", מיט דער פרשת השבוע און שיעור חומש פון דער צייט, לעבן און אַרויסנעמען אָנווייזונגען פון דעם חלק בתורה אין זיין לעבן, וואָרום התורה היא נצחית[9], אַ הוראה נצחית אויף אַלע דורות]:

---

1) ע"פ פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שב־תניא. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 641 בהערה.

2) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

3) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 165 ואילך. וש"נ.

4) לשון המשנה ריש פאה.

5) ראה תו"א ל, סע"א ואילך. ובכ"מ.

6) ל' הכתוב — תהלים פד, ח.

7) כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

8) „היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך.

9) תניא רפי"ז (כב, ב). ובכ"מ.

דער שיעור חומש פון דעם טאָג הויבט זיך אָן מיט דער ברכה פון משה צו שבט זבולון[10]: „שמח זבולון בצאתך":

שבט זבולון האָט זיך אויסגעטיילט דערמיט וואָס די מיטגלידער פון דעם שבט זיינען געווען ביזנעסלייט, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און פרקמטיא[11].

און דעריבער בענטשט זיי משה מיט דער ברכה „שמח זבולוך בצאתך": בכדי אַ ביזנעסמאַן זאָל מצליח זיין אין זיין געשעפט, קען ער ניט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, און אין דעם זעלבן צושטאַנד, נאָר ער דאַרף אַרויסגיין פון זיין „אָרט", ווי מ'זעט עס אויך היינט בפשטות, אַז ביזנעס ועניני מסחר פירט מען בעיקר אין אַן אָפיס (משרד), און דורך אַרומפאָרן[12] אין אַנדערע פלעצער און שטעט, וועלכע געפינען זיך חוץ פון זיין (אָרט), ואדרבה — אין דעם איז אָפּהענגיק די הצלחה פון דער ביזנעס, אַז מ'זאָל האָבן אַ ספּעציעלן אָרט, אַן אָפיס וואו מ'פירט די ביזנעס, און וואָס מער הצלחה אין דעם געשפעט — אַלץ גרעסער ווערט דער אָפיס.

ונוסף אויף דער „צאתך" בגשמיות אין אַ הצלחה'דיקן געשעפט, דאַרף באַ „זבולון" זיין אויך — ועיקר — „צאתך", אַרויסגיין פון זיך, פון די אייגענע באַגרענעצונגען און פון די באַגרענעצונגען פון דער סביבה אַרום אים, און שטייגן און דערגרייכן מערער „פּערפעקשען" (כנ"ל).

און אין דעם באַשטייט די ברכה „שמח זבולון בצאתך" — „הצלח בצאתך לסחורה"[11]: משה בענטשט שבט זבולון [אַ ברכה בתורה הנצחית — צו אַלע אידן בכל הדורות וואָס זיינען שייך צו דער עבודה פון זבולון, מסחר ופרקמטיא], אַז די יציאה לסחורה — די יציאה וועלכע פאָדערט זיך בכדי מצליח זיין אין ביזנעס — זאָל זיין מיט הצלחה, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מ'גייט אַוועק פון דעם אייגענעם אָרט און צושטאַנד אין אַ פרעמדן אָרט, זאָל דאָס זיין בהצלחה (במנוחת הנפש, אָן שטערונגען וכו'), און דורך דעם — ווערט דאָס באופן פון „שמח", אמת'ע שמחה און פרייד, כולל אויך דערפון — וואָס ער איז מצליח אין אויסנוצן זיינע פעאיקייטן און שטייגן צו מערער שלימות, דורך אַרויסגיין „מ־מקומו".

ג. נוסף צו דעם קומט צו נאָך אַ הוראה פון ברכת משה לזבולון:

אין דער זעלבער ברכה (און פסוק בתורה) האָט משה כולל געווען די ברכה צו יששכר: „שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך". דער עיקר עבודה פון שבט יששכר איז — לימוד התורה[11], און דעריבער באַקומען זיי אַ ספּעציעלע ברכה: „שמח . . יששכר באהליך". אָבער ווי־באַלד אַז די ברכה צו שבט זבולון ווערט פאָרגעזעצט אין איין המשך (און לשון) צו ברכת יששכר, איז פאַרשטאַנדיק אַז די שלימות פון ברכת זבולון איז פאַרבונדן מיט דער ברכה צו יששכר[13].

און אין דעם זיינען פאַראַן כמה הוראות ופרטים:

א) צום אַלעם ערשטן — בנוגע צו דעם עצם עסק אין מסחר: אין דעם אופן ווי מ'שטעלט איין און מ'פירט אָן מיט ביזנעס (זבולון) פאַרלאָזט ער זיך ניט אויף דעם אייגענעם פאַרשטאַנד און אָפּשאַצונג אַליין (ווייל אדם קרוב אצל עצמו[14], און

---

10) ברכה לג, יח.

11) פרש"י עה"פ.

12) ובפרש"י כאן: „יוצא לפרקמטיא בספינות".

13) ראה לקמן הערה 18.

14) יבמות כה, ב. וש"נ.

ער קען אין דעם מאַכן אַ טעות), נאָר ער באַגרינדעט זיין הנהגה אויף די הוראות התורה (יששכר), און טאָמער ער האָט אַ שאלה וספק – פרעגן ביי אַ רב. אין יעדער זאַך וואָס ער טוט אין זיין ביזנעס זוכט ער אויס וואָס זאָגט אויף דעם תורה צי איז דאָס אינגאַנצן מתאים מיט די הוראות פון תורה.

ולדוגמא: ער מאַכט זיכער אַז זיין וואַקסן אין ביזנעס זאָל ניט זיין באופן פון השגת גבול ח״ו, אָדער היפך היושר ח״ו, ואדרבא – באופן פון לפנים משורת הדין, כציווי התורה[15]: „ועשית הישר והטוב ב־עיני ה׳״, ביז אין אַן אופן אַז דער טוב (ב־עיני ה׳) איז אויך ישר בעיני האדם[16]: ער פאַרלאָזט זיך ניט נאָר אויף דעם וואָס באַ אים קומט אויס אַז די הנהגה איז „טוב בעיני ה׳״ (וואָס אין דעם קען ער מאַכן אַ טעות), נאָר אַז אויך אַנדערע מענטשן זעען אַז דאָס איז אַ הנהגה טובה וישרה[17].

און דורך דעם וואָס דער עסק פון „זבולון״ איז מיוסד אויף „יששכר ב־אהליך״ (הוראות התורה) – ווערט די שלימות פון „שמח זבולון בצאתך״: נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז אַ לשון של ברכה וציווי, איז דאָס אויך לשון הבטחה – אַז דער אויבערשטער (דורך משה רבינו) איז מבטיח „זבולון״ (און יעדערער וואָס איז שייך צו דער עבודה), אַז בשעת ער פירט זיין ביזנעס לויט די הוראות התורה, וועט ער האָבן שמחה אין זיין ביזנעס, דערפאַר וואָס ער וועט האָבן די גרעסטע הצלחה, דעם מאַקסימום אין „פראַפיט״ (רווחים), און דעם מינימום אָנשטרענגונג און עגמת נפש, וכיו״ב.

ב) נוסף אויף דעם וואָס די הנהגת המסחר דאַרף זיין לויט די הוראות פון „יששכר״ – דאַרף „זבולון״ אויך נעמען אַן איינטייל אין די ענינים פון „יששכר״[18], דורך דעם וואָס ער נוצט אויס אַ טייל פון זיינע געלט, פון דעם „פראַפיט״ (ריוח) וואָס ער פאַרדינט, צו תומך זיין מוסדות פון תורה (יששכר[18]), סיי מוסדות פון תינוקות של בית רבן, און סיי מוסדות פון ערוואַקסענע – ישיבות, בתי כנסיות, בתי מדרשות וכו׳,

בהתאם צו דער הוראה און פסק־דין אין תורה[19] – אַז יעדערער דאַרף מפריש זיין לצדקה אַ חלק מסויים (עכ״פ מעשר) פון זיין פאַרדינסט. ווי מ׳געפינט באַ יעקב אבינו („בחיר שבאבות״[20]), אַז זיי תפלה און בקשה צו באַקומען דעם אויב־ערשטן׳ס ברכות איז געקומען צוזאַמען מיט זיין הבטחה און נדר „וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך״[21]. ועד״ז דאַרף זיין באַ יעדער סוחר און בעל עסק, אַז ער

---

15) ואתחנן ו, יח, ובפרש״י שם: זו פשרה לפנים משורת הדין.

16) כמ״ש (ראה יב, כח) „כי תעשה הטוב והישר בעיני ה׳ אלקיך״, „הטוב – בעיני השמים, והישר – בעיני אדם״ (ספרי ופרש״י עה״פ).

17) להעיר מאבות רפ״ב: „איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושי׳ ותפארת לו מן האדם״. „שגם בנ״א אחרים מפארים ומשבחים אותו״ כי „אם היא ישרה רק בעיניו גם דרך אויל ישר בעיניו״ (ר״ן נדרים כב, סע״ב – בעין יעקב). וראה סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 419 ואילך.

ולהעיר ממאחז״ל (אבות פ״ג מ״י): כל מי שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו כו׳.

18) ראה פרש״י כאן: „זבולון ויששכר עשו שותפות, זבולון לחוף ימים ישכון ויוצא לפרקמטיא בספינות ומשתכר ונותן לתוך פיו של יששכר, והם יושבים ועוסקים בתורה, לפיכך הקדים זבולון לישכר שתורתו של יששכר על ידי זבולון היתה״. ועד שזבולון לוקח חלק בתורתו של יששכר – ראה טור יו״ד ר״ס רמו ובב״י שם. שו״ע ורמ״א שם ס״א.

19) שו״ע הלכות צדקה (יו״ד סימן רמז ואילך).

20) ב״ר פע״ו, א.

21) ויצא כח, כב.

דאַרף אָפּגעבן אַ חלק מסויים פון זיין הכנסה אין ביזנעס (לכל הפחות מעשר, ובהוספה פון אַ דאָלאַר (אָדער פּרוטה) עכ"פ) אויף דער „ביזנעס" פון דעם אויבערשטן, וואָס דאָס איז: צדקה צו עניים (וואָס דורך דעם איז מען מקיים די הבטחה פון דעם אויבערשטן צוצושטעלן עניים מיט אַלע זייערע צרכים דורך זיינע (דעם אויבערשטן'ס) שלוחים, וואָס דאָס זיינען אַלע אידן, ובמיוחד — עשירים[22]; צדקה צו עניני תורה וקדושה, וכו'.

און דאָס אַלץ — באופן פון „שמח זבולון" — מתוך שמחה, ווייל אַזוי ווי אַ סוחר דאַרף זיין צופרידן פון זיין הצלחה אין געשעפט, אַזוי אויך — און נאָכמער דערפון — דאַרף ער זיין צופרידן פון דער ידיעה אַז ער נוצט אויס זיינע געלט כדבעי.

ד. ועוד וגם זה עיקר — ג)

אַ סוחר דאַרף מקדיש זיין אַ טייל פון זיין צייט יעדן טאָג — צו לערנען תורה[23] (יששכר), ועאכו"כ ווען עס קומט אַ טאָג ווען ער איז באַפרייט פון אַרבעט (ובפרט שבת, יום טוב, ראש השנה וכו') — נוצט ער אויס די פרייע צייט אויף מוסיף זיין בזמן לימוד התורה:

און דורך דעם, איז ניט נאָר וואָס עס פעלט ניט אין זיין הצלחה און קאָנסענטראַציע אין דער צייט וואָס ער דאַרף האָבן בכדי מצליח זיין בעניני המסחר שלו, נאָר אדרבה: דורך זיין לימוד התורה ווערט ביי אים אַ קלערערער און רואיקערער קאָפּ צו קענען טראַכטן, באַשליסן און אויסשטעלן ווי צו פירן זיין געשעפט אין אַ קירצערער צייט ווי עס נעמט אַנדערע מענטשן: און דורך דעם קומט ביי אים צו מער הצלחה אין זיין מסחר, און במילא — אויך אין זיין שמחה („שמח").

ובפרט בשעת זיין קביעות עתים בתורה איז בשלימות — מתוך מנוחה און אָן שטערונגען מבחוץ, דורך דעם וואָס ער גייט לערנען אין אַ „מקום תורה" (וואו עס זיינען ניטאָ קיין בלבולים מבחוץ) — אין אַ שול, אַ בית המדרש, אַ ישיבה וכיו"ב, וואָס דעמולט איז דער לערנען מיט מעט הצלחה, און דאָס גיט אים דערנאָך אויך מער כח און מעגלעכקייט צו (דערנאָך) נאָכמער צוגעבן אין זיינע ביזנעס־אַקטיוויטעטן — מיט אַ רואיקע קאָפּ, מתוך מנוחה אמיתית ושלימה, אַן אמת'ער רואיקייט, וואָס דורך דעם קומט נאָכמער צו אין זיינע ברכות און הצלחות („שמח זבולון").

וכמפורש אין תורה[24]: „אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמורו ונתתי גשמיכם בעתם וגו'". דורך דעם וואָס מ'לערנט תורה — ווי רש"י איז מפרש, „שתהיו עמלים בתורה" — ווערן נמשך אַלע ברכות פון דעם אויבערשטן[25], און אין אַן אופן פון „בעתם" — אַז מ'האָט ניט קיין דאגה אַז די ברכות וועלן זיך פאַרשפּעטיקן ח"ו, נאָר זיי ווערן נמשך „בעתם".

ה. און שטייענדיק אין אָנהויבס פון דעם נייעם יאָר — איז דער עיקר הברכה: עס זאָל זיין אַ שנת הצלחה אין אַלע אויבנגערעדטע ענינים.

---

22) ראה ד"ה א"ר שמואל בר נחמני תרי"ץ פ"ג (סה"מ קונטרסים ח"א ע' קיט, א). וראה גם לקו"ש ח"ב ע' 410. ח"ג ע' 909. ח"ט ע' 288 ואילך. חי"ז ע' 230. ועוד.

23) כפס"ד בשו"ע ריש הל' ת"ת (יו"ד ר"ס רמו).

24) ר"פ בחוקותי.

25) ראה רמב"ן עה"פ. ולהעיר מכתר שם טוב (הוצאת קה"ת) סו"ס רז (וראה ס' השיחות תשמ"ט ח"א ע' 19 בשוה"ג), ובארוכה יותר או"ת להה"מ פ' בחוקותי.

וכלשון התפלה פון „אבינו מלכנו" (וועלכע מ'זאָגט ראש השנה און אַלע טעג פון די עשרת ימי תשובה) — „אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה", און מ'נוצט אויס די כלכלה צוצוגעבן אין גוטע זאַכן און געזונטע זאַכן (און ניט ח"ו צו מסלק און מבטל זיין שטערונגען), וואָס דורך דעם קומט צו נאָכמער אין דער הצלחה במסחר, ובמילא — אויך אין קביעות עתים לתורה וכו'.

כולל כנ"ל, אַז די הנהגת המסחר זאָל זיין אָן דאגות, נאָר מתוך שמחה — „שמח זבולון בצאתך", אע"פ וואָס דער מסחר איז פאַרבונדן מיט „צאתך", אין דעם משרד (חוץ מביתו), כנ"ל (ס"ב).

ויהי רצון, אַז דער אויבערשטער זאָל בענטשן יעדערער וואָס האָט אַן אָפיס אויף זיין ביזנעס (באיזה בנין שהוא), אַז זיינע געשעפטן זאָלן פאַרברייטערט ווערן און ברענגען אַז ער זאָל צוליב דעם פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן זיין אָפיס, אויך אין צאָל פון די חדרים וכו'.

— ולעורר, אַז ס'איז כדאי ונכון ביותר אַז אין יעדער חדר פון אָפיס זאָל זיין אַ קופת צדקה, וואָס דורך דעם ווערט דער אויבערשטער אַ „שותף" מיט דעם חדר און ביזנעס, ווייל די געלט אין משרד איז מוקדש צו דעם אויבערשטן, למצות ה־צדקה (וואָס דורך דעם קומט צו אין דעם חיבור פון „זבולון" און „יששכר").

ו. אין דעם אַלעם קומט צו לויט דער קביעות פון דעם טאָג בימי החודש — שביעי בתשרי, וועלכער באַדייט אַז עס זיינען שוין דאָ שבעה ימים רצופים פון ראש השנה. דער עילוי אין דעם: יש לומר, אַז יעדער טאָג פון די זיבן טעג איז כנגד דער זעלבער טאָג אין די אַלע קומענדיקע וואָכן פון יאָר (יום ראשון — כנגד יעדער יום ראשון פון יאָר, וכו')[26], און דעם טאָג (שביעי בתשרי) ענדיקן זיך די שבעה ימים.

וואָס דאָס אַלעם גיט צו נאָכמער אין די המשכת הברכות פון דעם אויבערשטן, אַז עס זאָל זיין אַ „שנת פרנסה וכלכלה", כולל ועיקר — דער קיום הבקשה פון „אבינו מלכנו כתבנו בספר סליחה ומחי־לה", אַז דער אויבערשטער איז סולח, מוחל, „מקנח" און מבטל אַלע חובות.

— ולהעיר אַז בתקופה האחרונה זעט מען במיוחד דעם ענין, אַז גרויסע גאָ־ווערמענטס (ממשלות) זיינען מוחל חובות פון אַנדערע גאָווערמענטס, און טוען עס מתוך שמחה, וויסנדיק די תועלת אין דעם פאַר זיי אַליין.

ובפשטות ועיקר — כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה, וחיים טובים וארוכים, אַ לאַנגן לעבן, אַ פריילעכן לעבן, אַ רואיקן לעבן און אַ געזונטן לעבן, אַ לעבן וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אידישקייט.

און מ'ווערט געבענטשט מיט אַלע ברכות — על סדר האותיות אל"ף־בי"ת: שנת אורה, שנת ברכה, שנת גאולה (האמתית והשלימה), שנת דיצה, שנת הוד והדר, שנת ועד טוב, שנת זכרונות טובות, שנת חיים ארוכים, שנת טובה, שנת יעוד טוב, שנת כלכלה בהצלחה, כולל — אין עניני מסחר, שנת לימוד (כולל אויך — אַז די קביעות עתים לתורה, אפילו אויב דאָס איז אַ זמן קצר, איז בהצלחה אין הבנת ועומק הלימוד כו'), שנת מלכות, וועלכע ווערט אַ הכנה צו מלכות דוד משיחא, שנת נסים, ובפרט געפינענדיק זיך בשנת

26) ע"ד המבואר בפע"ח שער תפלות ר"ה ספ"ז. שער הכוונות דרושי ר"ה (לפני דרוש הא'). סידור האריז"ל להר"ש מרשקוב — סדר עשי"ת.

תנש״א, ר״ת תהא שנת אראנו (נסים, און נאָכמער —) נפלאות[27], שנת סייעתא ד־שמיא, שנת עוז, שנת פדות, שנת צדקה, שנת קדושה, שנת רוממות, שנת שמחה, שנת תורה ושנת תהלה — אַז יעדער איד שטייט אין אַ שטענדיקן מצב פון דאַנקען און לויבן (תהלה) דעם אויבערשטן פאַר אַלע ברכות, כולל אויך בעניני מסחר.

ובפרט אַז מ׳וועט איצטער מקיים זיין דעם מנהג ישראל[28] צו אויסטיילן „זיסע לעקאַח״, וועלכער האָט אין זיך אויך דעם רמז, אַז אַזוי ווי מ׳קען אָנטאַפּן די לעקאַח מיט די הענט, און מ׳עסט און מ׳פילט דעם זיסן טעם — אַזוי זאָל מען אויך קענען „אָנ־טאַפּן״ די ברכות פון דעם אויבערשטן בגשמיות וברוחניות, אויף אַ זיסן אופן.

ועוד ועיקר הברכות — גאולה האמי־תית והשלימה תיכף ומיד ממש.

[אח״כ ניגשו המשתתפים שיחיו לקבל ברכתו של כ״ק אדמו״ר שליט״א ולקבל „לעקאַח״].

*

[אח״כ אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א לה־שלוחים שיחיו:]

ז. האמור לעיל (ס״ב ואילך) וועגן דעם שיעור חומש פון היינטיקן טאָג, „שמח זבולון בצאתך״ — האָט אויך אַ ספּעציעלע שייכות צו די שלוחים:

ובהקדמה — אַז בכללות טיילן זיך אידן אין צוויי חלוקות: זבולון און ישכר, אָבער בפרטיות, איז דאָ בײַ יעדן אידן גופא ביידע חלוקות פון זבולון און ישכר[29],

[ובפרטיות יותר — איז דאָ אויך די חלוקה פון י״ב שבטים בײַ יעדן אידן (אויך בײַ כהנים ולוים[30]), ובפרט אַז בײַ יעדן אידן איז דאָ אַ חלק (ניצוץ) פון נשמת יעקב (ש„נשמתו . . כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם״)[31] — אביהם (ומקור) דכל השבטים],

ובמילא איז אויף יעדן אידן געזאָגט געוואָרן דער ציווי און נתינת־כח „שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך״.

ח. והענין בזה:

„בצאתך״ — איז רומז אויף דער נשמה פון יעדן אידן וואָס „גייט אַרויס״ („ב־צאתך״) ממקורה ושרשה למעלה, און קומט אַראָפּ למטה אין אַ גוף גשמי בעוה״ז הגשמי.

און די יציאה („בצאתך״) איז כדי דורכפירן דעם אויבערשטנ׳ס שליחות לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים[32] — וואָס דאָס איז דער ענין פון „זבולון״, „לשון בית זבול . . בית מדור״[33], אַז מ׳מאַכט פון די גאַנצע וועלט (תחתונים) אַ „בית זבול״

27) לשון הכתוב — מיכה ז, טו.

28) ראה אלף המגן למטה אפרים סתר״ד סקל״ח. ס׳ טעמי המנהגים ריש ע׳ שכז. ס׳ המנהגים חב״ד ע׳ 58. שיחת ש״פ האזינו, שבת שובה ה׳תש״נ (ס׳ השיחות ה׳תש״נ ח״א ע׳ 23 ואילך).

29) ראה אגה״ק ס״ה: „יש ב׳ מיני נשמות ב־ישראל, נשמות ת״ח העוסקים בתורה כל ימיהם, ונשמות בעלי מצות העוסקים בצדקה וגמ״ח״, ו־אעפ״כ, „גם ת״ח צריכים לעסוק בגמ״ח, כמארז״ל שאפילו תורה אין לו״, וגם נשמות בעלי מצוות צריכים לעסוק בתורה.

30) להעיר מהוראת כ״ק אדנ״ע („היום יום״ א׳ ניסן) שגם כהן או לוי צריך לומר ה„יהי רצון״ שלאחרי אמירת הנשיאים („באם אני עבדך משבט פלוני״) — כי כל שבט כלול מכל השבטים (ראה גם לקו״ש חכ״ג ע׳ 59 הערה 51).

31) אגה״ק ס״ז.

32) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל״ו.

33) פרש״י ויצא ל, כ.

און אַ „בית מדור" (דירה[34]) צום אויבערשטן, ע"ד ווי עס שטייט[35] אויפן בית המקדש „בנה בניתי בית זבול לך"[36], ועד"ז אין דעם ביהמ"ק שבכאו"א מישראל, כמ"ש[37] „ושכנתי בתוכם", בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כאו"א[38], בחלקו בעולם ו(ע"י) בכל העולם כולו.

און אויף דורכפירן די שליחות פון „זבולון בצאתך" דאַרף מען אָנקומען צו „יששכר באוהליך" — ענין התורה[39], לערנען תורה און פירן זיך ע"פ הוראות התורה, וואָס דורך דעם ווייסט מען ווי אַזוי דורכצופירן די שליחות פון „זבולון בצאתך", לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און די הקדמה דערצו איז „ שמח (זבולון בצאתך ויששכר באוהליך)" — אַז כללות העבודה פון יעדן אידן („זבולון בצאתך ויששכר באוהליך") דאַרף זיין מתוך שמחה[40], וואָס דורך דעם ווערט געטאָן די עבודה ביתר שאת וביתר עוז, וביתר הצלחה, ווי מ'זעט במוחש.

און וויבאַלד אַז „איני מבקש . . אלא לפי כחן"[41], איז פאַרשטאַנדיק אַז דער אויבערשטער גיט יעדן אידן די כחות און די מעגלעכקייט צו ממלא זיין די שליחות בתכלית השלימות (לויטן אויבערשטנ'ס „פאַרשטאַנד" (כביכול) וואָס מיינט „שלימות" און וואָס מיינט „תכלית השלימות"), כולל ובמיוחד דורך דערויף וואָס ער גיט יעדן אידן אַלע ענינים גשמיים בהרחבה — ווי דער רמב"ם[42] איז מבאר בנוגע צו די יעודים גשמיים שבתורה: „הבטיחנו בתורה . . שיסיר ממנו כל הדברים המונעים ידינו מלעשותה . . וישפיע לנו כל הטובות המחזיקות את ידינו לעשות התורה, כגון שובע ושלום וריבוי כסף וזהב, כדי . . (ש)נשב פנויין ללמוד בחכמה ולעשות המצוה כו'".

ט. אין דערויף קומט צו אַ ספּעציעלע הדגשה בנוגע צו די שלוחים שיחיו:

יעדער איד איז שלוחו של הקב"ה לעשות לו ית' דירה בתחתונים, ובמיוחד — די וואָס ווערן אָנגערופן מיטן תואר „שלוחים", דערפאַר וואָס זיי זיינען געשיקט געוואָרן איבער דער וועלט אויף צו טאָן אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה (כמדובר כמ"פ בארוכה), וואָס באַ זיי איז נאָכמער מודגש דער ענין פון „זבולון בצאתך ויששכר באוהליך" — די יציאה אין וועלט („זבולון בצאתך") כדי מאַכן פון איר אַ דירה לו ית', דורך

34) ויש לומר, שב„בית זבול בית מדור" יש עילוי לגבי „דירה" — כי, „דירה" סתם יש במשמעה גם דירת עראי, משא"כ „בית זבול בית מדור" מורה על בית קבוע, ע"ד ביהמ"ק שנקרא „בית זבול" (כדלקמן בפנים) להיותו דירת קבע להקב"ה, כהמשך וסיום הכתוב „מכון לשבתך עולמים".

35) מ"א ח, יג.

36) להעיר ש„זבול" הוא א' משבעת הרקיעים — „השמים ושמי השמים . . שבעה ואלו הן . . זבול שבו ירושלים ובית המקדש . . שנאמר בנה בניתי בית זבול לך" (חגיגה יב, ב), אבל, עיקר ושלימות הענין ד„בית זבול" הוא (לא ברקיע שנקרא „זבול" שבו ביהמ"ק של מעלה, אלא) בביהמ"ק של מטה, כמ"ש (מ"א שם, יז) „השמים ושמי השמים (שביניהם גם הרקיע שנקרא „זבול") לא יכלכלוך אף כי הבית הזה" בניחותא (ראה לקו"ש חכ"א ס"ע 147 ואילך. וש"נ).

37) תרומה כה, ח.

38) ראה אלשיך עה"פ. של"ה סט, א. ועוד.

39) להעיר שבקריאת שם זבולון נאמר „הפעם יזבלני אישי", „מעתה לא תהא עיקר דירתו אלא עמי" — דירתו של יעקב, שעניני תורה (ראה בארוכה לקו"ש חלק ל ע' 134 ואילך).

40) כמ"ש (תבוא כח, מז) „עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב". וראה רמב"ם סוף הל' לולב. תניא פכ"ו. וראה בארוכה סה"מ מלוקט ח"ב ס"ע עח ואילך. שם ע' קמז ואילך.

41) תנחומא נשא יא. ועוד.

42) הל' תשובה רפ"ט.

הפצת התורה והמעיינות חוצה („ישכר באוהליך"[43]).

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז באַ זיי איז נאָכמער מודגש אויך דער „שמח[44] זבולון בצאתך וישכר באוהליך" — דער ציווי און נתינת־כח אַז די עבודה זאָל זיין בשמחה, דורך דערויף וואָס דער אויבער־שטער שטעלט צו יעדערן פון די שלוחים אַלץ וואָס זיי דאַרפן האָבן כדי צו דורכ־פירן די שליחות בתכלית השלימות מתוך שמחה וטוב לבב (ופשיטא — אַז עס ווערן בטל לגמרי אַלע מניעות ועיכובים), ו־בפשטות — הרחבה אין אַלע ענינים גשמיים, און הרחבה אמיתית, לפי „השג ידו" (כביכול) של הקב"ה, ביז — באופן של עשירות, וואָס דורך דעם קומט צו אין זייער עבודה באופן של הרחבה, ובלשון חז"ל[45] אַז „דירה נאה" און „כלים נאים" זיינען „מרחיבין דעתו של אדם", און זי־כער אַז דורך דעם ווערט אַ „הרחבה" אין עבודת ה' דורך „דעתו של אדם" — „דע את אלקי אביך ועבדהו בלב שלם"[46].

און אין דערויף קומט צו אַ נתינת־כח מיוחדת היינטיקן טאָג, יום רביעי פרשת ברכה — ווען מ'לערנט (און מ'לעבט מיט) דעם פסוק „שמח זבולון בצאתך וישכר באוהליך" אין דעם שיעור חומש היומי.

י. ויש להוסיף, אַז דאָס איז אויך מ־רומז אין דעם תוכן פון דעם טאָג — יום רביעי פרשת ברכה:

יום רביעי — שבו ניתלו המאורות, „שני המאורות הגדולים"[47], ווי עס איז געווען בהתחלת הבריאה (לפני מיעוט הלבנה), און אַזוי ווערט אויך באַ יעדן אידן און באַ אַלע אידן ש„מונין ללבנה"[48] וויבאַלד אַז „דומין ללבנה"[49] — אַז יעדער איד שטייט אין אַ מעמד ומצב פון „מאור הגדול", דורך דערויף וואָס ער „באַלייכט" אידן אַרום זיך [לויטן ציווי התורה וועלכער איז אַ „כלל גדול בתורה"[50] ביז „כל ה־תורה כולה"[51] — „ואהבת לרעך כמוך"[52], אָנהויבנדיק פון די אייגענע משפחה און קרובים בפשטות, ביז צו אַלע קרובים (במובן הרחב) — יעדער איד, האנשים וה־נשים והטף], וואָס דאָס איז דער תפקיד פון יעדער „שליח" — צום אַלעם ערשטן באַלייכטן אידן אַרום זיך, און ערשט דערנאָך (און דורך דערויף) באַלייכטן די וועלט.

יום רביעי פון פרשת ברכה — אַז אין אַלע עניני עבודה פון אַ אידן אַלס אַ „מאור הגדול" (יום הרביעי) קומט צו אַ ברכה מיוחדת וואָס איז אַריינגעשטעלט און געוואָרן אַ חלק פון תורתינו „תורה אור"[53], ותורה נצחית עד סוף כל הדורות: „וזאת הברכה אשר ברך משה גו' את בני ישראל וגו' לעיני כל ישראל", אַז יעדער איד און אַלע אידן באַקומען אַלע ברכות, אָנהויבנדיק פון די ברכה העיקרית — גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, „גואל ראשון הוא גואל אחרון"[54].

---

43) „אוהליך" (דייקא) — לשון רבים, עי"ד מ"ש ביעקב „יושב אהלים", „אהלו של שם ואהלו של עבר" (תולדות כה, כז ובפרש"י), שרומז גם על תושב"כ ותושבע"פ, נגלה דתורה ופנימיות התורה (אוה"ת עה"פ (קמה, רע"ב)).

44) להעיר ש„שליח" בגימטריא „שמח" (ראה לקו"ש חכ"ה ע' 342).

45) ברכות נז, ב.

46) דה"א כח, ט. וראה תניא קו"א (קנו, ב).

47) בראשית א, טז.

48) סוכה כט, א.

49) ראה סוכה שם. ב"ר פ"ו, ג. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

50) תו"כ ופרש"י עה"פ קדושים יט, יח.

51) שבת לא, א.

52) קדושים שם.

53) משלי ו, כג.

54) ראה לקו"ש ח"א ע' 8 ואילך. וש"נ.

און אַ תוספת נתינת־כח בקביעות שנה זו — אַז מ'לייענט און מ'לערנט פרשת ברכה דריי מאָל, במשך דריי וואָכן, פון דעם שבת וואָס קומט בהמשך ובסמיכות צו ר"ה (שלשה ימים רצופים[55]) ביז שמח"ת — אַז עס קומט צו דער תוקף פון „חזקה" אין די ברכות און נתינת־כח [סיי כללות הענין פון „וזאת הברכה", סיי דער ענין פון יום הרביעי דפרשת ברכה, און סיי דער ענין פון „שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך"] וואָס ווערן נמשך „לעיני כל ישראל", און דורך זיי אויך אין דער גאַנצער וועלט, כמודגש אין דעם המשך הקריאה בשמח"ת (און דערנאָך אין שבת בראשית) — „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז די גאַנצע וועלט (וועלכע טיילט זיך אין „שמים" ו„ארץ") ווערט באַשאַפן פון דאָס־ניי, און אין אַ מעמד ומצב וואָס איז באין־ערוך — „שמים חדשים וארץ חדשה"[56], וויבאַלד אַז עס ווערט אַ דירה לו ית' בתחתונים בפועל ובגלוי.

יא. האמור לעיל איז אויך מודגש אין דעם תוכן הזמן (נוסף אויפן יום בשבוע און אין פרשת השבוע) — „עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ"[57] (און צווישן זיי גופא — ביום השביעי):

ס'איז ידוע וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק[58] אַז אין יעדן ראש השנה ווערט נמשך אַן „אור חדש ומחודש . . עליון יותר שלא הי' מאיר עדיין מימי עולם אור עליון כזה", און פון ר"ה נעמט מען מיט און מ'טיילט עס פאַנאַנדער אויפן גאַנצן יאָר, אין דער עבודה פון „ויעקב[59] הלך לדרכו"[60] (כדי ממלא זיין די שליחות פון „זבולון בצאתך"), וואָס (בפרטיות ובשלימות איז עס במוצאי שמח"ת (ושבת בראשית)[60], אָבער) בכללות הויבט זיך עס אָן גלייך במוצאי ר"ה, און נאָכמער — גלייך נאָך תקיעת שופר[61].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז אין היינטיקן ראש השנה זיינען נמשך געוואָרן אַלע ברכות (וועגן וועלכע מ'האָט גערעדט פריער) באופן נעלה יותר פון אַלע פריערדיקע יאָרן, און בפרט אַז מ'שטייט שוין נאָך ר"ה — אין עשרת ימי תשובה[62], און אין עשי"ת גופא זיינען שוין דורכגעגאַנגען רובם (ששה ימים), און מ'שטייט שוין ביום השביעי, אַז עס זיינען שוין דאָ שבעה ימים רצופים פון ר"ה וועלכע זיינען כולל כל שבעת ימי השבוע דכל השנה כולה[63] (כנ"ל ס"ז) — איז אַ זיכערע זאַך אַז ס'איז שוין נמשך געוואָרן אַלע ברכות והשפעות על כל השנה כולה, וכאמור, באופן נעלה יותר פון די פריערדיקע יאָרן.

---

55) ובחוץ לארץ ניתוסף גם הקביעות דימים ראשונים דחג הסוכות, וימים האחרונים, שמע"צ ושמח"ת — וש"ק באופן של שלשה ימים רצופים — ג"פ.

56) ישעי' סו, כב.

57) ר"ה יח, א. וש"נ.

58) סימן יד.

59) ויצא לב, ב.

60) ראה לקו"ש ח"כ ע' 556, ובהערות שם. וש"נ.

61) להעיר מהפירוש במארז"ל (ר"ה טז, ריש ע"ב) „כל שנה שרשה מתחילתה מתעשרת בסופה", ש„מתעשרת בסופה" הוא מיד לאחרי תקיעת שופר (ראה סה"מ תרכ"ז ע' שצה ואילך. קונטרסים ח"א קיח, א ואילך. ד"ה תקעו דיום ב' דר"ה תשח"י).

62) ראה אגה"ק שם (בסופה) שגילוי האור חדש שנמשך בר"ה „תלוי במעשה התחתונים וזכותם ותשובתם בעשי"ת".

63) נוסף לכך שבכל שבוע חוזרים ונשנים כל הענינים דימי בראשית, שלכן „אנו מונין היום יום ראשון בשבת יום שני כו' עד יום השבת" אע"פ ש„כבר עברו רבבות ימים משימ"ב עד עתה", כיון ש„כל יום א' הוא ממש יום ראשון כמו יום א' של ששת ימי בראשית כו'", כדמוכח משירו של כל יום א' (ראה לקו"ת שה"ש כה, א).

און אין דערויף איז נכלל די נתינת־כח און מעגלעכקייט אַז די עבודה זאָל זיין בתכלית השלימות ומתוך שמחה וטוב לבב, דורך דעם וואָס דער אויבערשטער שטעלט צו אַלע ענינים גשמיים בהרחבה (כנ"ל ס"ח) – ווי ס'איז מודגש אין ראש השנה סיי דער ענין השמחה, און סיי דער ענין פון השפעת גשמיות:

דער ענין השמחה – ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין לקו"ת[64] דאָס וואָס מ'זאָגט אין דער הפטורה פון שבת שלפני ר"ה „שוש אשיש בה' תגל נפשי באלקי"[65] אַז די עבודה פון ר"ה איז אין אַן אופן פון „גילו ברעדה"[66] (אַז „בהתגלות נראית ונגלית בחינת רעדה", אָבער „תוכו רצוף השמחה"):

און דער ענין פון השפעת גשמיות – ווי דער אַלטער רבי ברייִנגט אין לקו"ת[67] אַז „עיקר הדין[68] שבר"ה הוא על הגופות . . עניני עוה"ז" (ש„הרחמים נמשכים כ"כ למטה . . עד שיהיו השפעותם בגשמיות").

און פון ר"ה ווערט עס נמשך על כל השנה כולה – אַז ס'זאל זיין אַ שנה של שמחה, און אַ שנה של עבודת ה' מתוך שמחה וטוב לבב, וויבאַלד אַז דער אויבערשטער גיט אַלע ענינים גשמיים בהרחבה.

יב. ועד"ז איז מודגש דער ענין פון השפעת הגשמיות און שמחה אין די הכנה צו יוהכ"פ[69] – וואָס הויבט זיך אָן שבעה ימים קודם יוהכ"פ, „שבעת[70] ימים קודם יום הכפורים מפרישין כהן גדול כו'":

בערב יוהכ"פ (עיקר ושלימות ההכנה לעיוהכ"פ) איז מען מרבה באכילה ושתי' „כמו שיעור ב' ימים"[71] (אַ ריבוי אין גשמיות באופן פון „כפלים"), און דורך דעם האָט מען די מעלה פון עבודת יוהכ"פ, כמארז"ל[72] „כל האוכל בתשיעי . . כאילו התענה תשיעי ועשירי".

ויש לומר אַז אין דערויף איז דאָ נאָך אַ גרעסערע מעלה ווי יוהכ"פ, ע"ד ובדוגמת די מעלה פון פורים לגבי יוהכ"פ, ביז אַז יום הכפורים ווערט אָנגערופן „כפורים" (בכ"ף הדמיון)[73], וויבאַלד אַז די ענינים וואָס מ'טוט אויף דורך דעם תענית פון יוהכ"פ, טוט מען אויף אין אַ העכערן אופן דורך דעם „משתה ושמחה" פון פורים, ועד"ז י"ל בנוגע צו די אכילה ושתי' בערב יוהכ"פ – אַז דאָס איז ע"ד ובדוגמת סעודת פורים שלמעלה מיוהכ"פ.

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז בערב יוהכ"פ קומט צו אויך אין דעם ענין השמחה[74] ע"ד ובדוגמת שמחת פורים – שמחה שלמעלה מהגבלה („עד דלא ידע"[75]).

יג. ויה"ר אַז יעדערער פון די שלוחים, בתוככי כלל ישראל, זאָל משלים

---

64) נצבים מז, א ואילך.

65) ישעי' סא, יו"ד.

66) תהלים ב, יא.

67) דרושי ר"ה נט, ב.

68) בלקו"ת שם: „עיקר הדין", אבל בהגמ'י (שהובא בלקו"ת שם): „אדם נדון כו'", דין סתם.

69) נוסף על שייכותו לר"ה, כמ"ש רבינו הזקן בלקו"ת (שם נח, א) ש„יוהכ"פ נק' ג"כ ר"ה בכתוב (יחזקאל מ, א) והוא בחי' נשמה ופנימיות כו'".

70) ריש מס' יומא.

71) סידור אדה"ז לאחרי סדר כפרות. אשל אברהם לשו"ע או"ח ר"ס תר"ד.

72) יומא פא, ב.

73) תקו"ז תכ"א (נז, ב). וראה תו"א מג"א צה, סע"ד ואילך. צט, ד ואילך. ובכ"מ.

74) נוסף על השמחה שבעבודת התשובה שהיא למעלה מהשמחה שבכל המצוות כיון שעל ידה מתקנים ומשלימים העבודה דקיום כל המצוות, ועאכו"כ בנוגע לתשובה דערב יוהכ"פ ויוהכ"פ, תשובה עילאה, שהיא בשמחה רבה (אגה"ת פי"א).

75) מגילה ז, ב.

זיין (און שוין משלים געווען) די שליחות לעשות לו ית' דירה בתחתונים, האָבנדיק שוין אַ כתיבה וחתימה טובה וגמר חתימה טובה[76] לשנה טובה ומתוקה, און האָבנדיק שוין אַלע ברכות („וזאת הברכה אשר ברך משה גו' לעיני כל ישראל") מיט אַלע אותיות האל"ף־בי"ת (כנ"ל ס"ז), און אין אַן אופן פון הולך ומוסיף ואור, „ילכו מחיל אל חיל", ביז צו די ברכה העיקרית — כהמשך וסיום הכתוב „יראה אל אלקים בציון", אין ירושלים עיר הקודש, הר ה־קודש, בית המקדש און קדש הקדשים — גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ולהעיר, אַז די גאולה האמיתית וה־שלימה איז נאָכמער מודגש קומענדיק פון תקיעת שופר דראש השנה (און תקיעת שופר במילואה ובשלימותה — אין ביידע טעג פון ר"ה), ווי מ'זאָגט אין פסוקי שופרות „והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול"[77], און מ'איז מסיים וחותם פסוקי שופרות[78] מיט דער ברכה ותפלה „תקע בשופר גדול לחרותנו".

ויה"ר והוא העיקר — אַז יעדערער פון אונז זאָל ווערן אַ „שליח"[79] אויף אָנזאָגן זיך, זיינע בני בית און אַלע אידן אַרום אים, אַז „הנה זה בא"[80], „הנה אלקינו זה גו' זה ה' קוינו לו"[81] (כ"פ זה[82]), והנה דוד מלכא משיחא, און אַז אליהו הנביא איז שוין מיט אַ טאָג פריער געווען אין טבריא[83] און האָט אָנגעזאָגט וועגן ביאת משיח צדקנו.

ויש לומר, אַז וויבאַלד משיח קען קומען יעדער טאָג, „אחכה לו בכל יום

---

76) ראה לקוטי לוי"צ אגה"ק ע' רי: „בפרט ה־כתיבה היא בר"ה והחתימה ביוהכ"פ כו' אך בכלל הן הכתיבה והן החתימה נעשית בר"ה, וכמא' (ר"ה טז, סע"ב) צד"ג נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים, וכמו שאומרים בליל ר"ה לשנה טובה תכתב ותחתם, וממה שאומרים זה בליל ר"ה ולא ביום, וקודם תק"ש, מוכח מזה שהכתיבה והחתימה לטוב נעשית עוד קודם תק"ש, ובליל ר"ה . . אך שיוגמר הכתיבה והחתימה לטוב („גמר חתימה טובה") הוא ע"י תק"ש כו'".

ולהעיר משו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תקפב: „אין לומר דבר זה (לשנה טובה כו') ביום ב' של ר"ה אחר חצות היום, לפי שכבר נגמרה הכתיבה של ר"ה" (כתיבה ולא חתימה) — בהמשך למ"ש לפנ"ז „נוהגין שכל או"א אומר לחבירו לשנה טובה תכתב" (ואינו מזכיר החתימה), אבל, למנהגנו (ע"פ מ"ש אדה"ז בסידורו) לומר „לשנה טובה תכתב ותחתם", הרי ביום ב' של ר"ה אחר חצות היום (שאז „אין לומר דבר זה") כבר נגמרה גם החתימה.

ועפ"מ"ש אאמו"ר ש„הכתיבה והחתימה לטוב נעשית עוד קודם תק"ש, ובליל ר"ה . . אך שיוגמר הכתיבה והחתימה לטוב הוא ע"י תק"ש כו'" — אולי יש מקום לאמירת „לשנה טובה תכתב ותחתם" גם בליל ב' דר"ה, קודם תק"ש דיום ב' דר"ה, כיון שגמר (ושלימות) הכתיבה והחתימה לטוב הוא ע"י תק"ש (דיום ב' דר"ה), משא"כ ביום ב' דר"ה אחר חצות (לאחרי תק"ש) „אין לומר דבר זה", לפי ש־כבר נגמרה הכתיבה והחתימה*. ועצ"ע.

*) ועפ"ז יומתק שבסידור כותב רק „נוהגין בליל ראשון של ר"ה לומר לחבירו לשנה טובה תכתב ותחתם" (ואינו מוסיף אודות הזמן שאין לומר דבר זה), ובשו"ע מוסיף „ואין לומר דבר זה ביום ב' של ר"ה אחר חצות".

77) ישעי' כז, יג.

78) וגם הסיום וחותם דמלכיות וזכרונות, כמובן גם ממארז"ל (ר"ה טז, סע"א. וש"נ) „אמרו לפני מלכיות כו' זכרונות כו' ובמה בשופר".

79) להעיר מהשייכות ד„שליח" ל„משיח" (גאו־לה) — כי „שליח" בתוספת יו"ד (עשר כחות הנפש שבהם ועל ידם נעשית עבודת השליחות) בגימטריא „משיח" (ראה בארוכה שיחת ליל שמח"ת תשמ"ו (לקו"ש חכ"ט ע' 358 ואילך)).

80) ל' הכתוב — שה"ש ב, ח.

81) ישעי' כה, ט. וראה תענית בסופה.

82) שמו"ר ספכ"ג.

83) ראה עירובין מג, ב: „אתא אליהו מאתמול . . לבית דין הגדול", וב"ד הגדול „בטבריא עתידין לחזור תחילה" (רמב"ם הל' סנהדרין ספי"ד).

שיבוא"[84], און אליהו הנביא דאַרף אָנזאָגן אַ טאָג פריער אויף ביאת המשיח — קומט אליהו הנביא אין טבריא בפועל ממש יע־דער טאָג און זאָגט אָן אויף ביאת המשיח (במיוחד) צו די וואָס שטייען אין אַ מעמד ומצב פון „אחכה לו בכל יום שיבוא" — אויך די וואָס זאָגן דאָס ניט בדיבור (כ־מנהג חב"ד)[85], נאָר מ'טראַכט וועגן דעם, ובפרט ווען מ'זאָגט אין דעם באַוואוסטן קאַפּיטל תהלים[86] „מצאתי דוד עבדי ב־שמן קדשי משחתיו", כולל אויך אַז די מחשבה איז אין אַן אופן פון „היסח ה־דעת"[87] (למעליותא), „למעלה[88] מבחי' ה־דעת"[89] — „מצאתי דוד עבדי", אין אופן פון מציאה וואָס קומט בהיסח הדעת, כ־מארז"ל[87] „שלשה באין בהיסח הדעת . . משיח מציאה".

און אין דערויף קומט צו אַ ספּעציעלע הדגשה היינטיקן יאָר — סיי מצד דעם קאַפּיטל תהלים אין וועלכן מ'זאָגט „מצא־תי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו", און סיי מצד די שלימות פון ארבעים שנה וואָס דעמולט איז שוין „נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[90], ובפרט נאָך דעם וואָס מ'איז שוין אַריין (ושבעה ימים) אין שנת הנ"א (ה'תנש"א), וואָס אידן האָבן איר אָנגערופן (און מפי׳ץ געווען) מיטן ר"ת „אראנו נפלאות".

וכן תהי' לנו — מ'זאָל זען בפועל ממש דעם „(כימי צאתך מארץ מצרים) אראנו נפלאות" אין דער גאולה האמיתית וה־שלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד *ממש*.

און מ'איז ממשיך ומסיים די הכנה צו יוהכ"פ, ועאכו"כ די עבודה פון יוהכ"פ עצמו — אין ארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש, אין בית המקדש, ביז אין קדש הקדשים, ניט נאָר אין אַן אופן פון „ונשלמה פרים שפתינו"[91], נאָר אין אַן אופן פון „ותחזינה עינינו (בשובך לציון ברחמים)", אַז מ'זעט די עבודה פון יוהכ"פ דורך אהרן הכהן (וויבאַלד אַז „משה[92] ואהרן עמהם"[93]) אין בית המקדש השלישי („מקדש אדנ־י כוננו ידיך"[94]), ביז אין קדש הקדשים, וואָס דאָרטן ווערט געטאָן די עבודה העיקרית והמיוחדת פון יוהכ"פ.

ועוד והוא העיקר — *בפועל ממש*, ותיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א מהשלוחים שיחיו שטר של דולר, ליתנו (או חילופו) לצדקה].

---

84) עיקר הי"ב מי"ג עיקרים.

85) ראה לקו"ש ח"ט ע' 282 ואילך.

86) פט, כא.

87) סנהדרין צז, א.

88) אגה"ק ס"ד.

89) ע"ד הענין ד„עד דלא ידע" (ראה לעיל ס"ב).

90) תבוא כט, ג.

91) הושע יד, ג.

92) להעיר ממחז"ל שמשה רבינו שימש ב־כהונה גדולה כל ימי חייו (ראה זבחים קב, א וב־פרש"י. וראה בארוכה לקו"ש חל"ב צו תשמ"ט). אבל, מסתבר בפשטות שעבודת יוהכ"פ (היתה ו)תהי' ע"י אהרן הכהן.

93) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד — פסחים קיד, סע"ב.

94) בשלח טו, יז.

ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א ערב יום הכפורים בביהכנ"ס אחרי תפלת מנחה, ה'תנש"א

א. אַ גאַנץ יאָר האָט מען דעם כלל אַז „פותחין בברכה"[1], עאכו"כ אין די „עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים"[2] [וועלכער „נקרא ג"כ ראש השנה בכתוב"[3]] — וועלכע זיינען די פתיחה וראש (אויך) פון די ברכות אויף כל השנה כולה[4]. און אין די טעג גופא — בפרט אין דעם טאָג פון ערב יום הכפורים.

צווישן אַלע ברכות — איז אַממייסטנ'ס צוגעפּאַסט (צו אָנהויבן דער „פותחין בברכה" מיט) דער נוסח הברכה פון ברכת כהנים[5], די ברכה וועלכע דער אויבערשטער האָט אים אַליין אויסגעקליבן בתורתו הקדושה[6], און האָט אָנגעזאָגט און געגעבן כח די כהנים, אַז מיט דער ברכה זאָלן זיי בענטשן אידן („כה תברכו את בני ישראל") בכל יום[7]

— ווי מ'פירט זיך בפועל אין ארץ ישראל (עכ"פ בכמה מקומות) — נשיאת כפים בכל יום[8], אָדער עכ"פ בכל שבת [ווי עס פירט זיך בכמה ספרד'ישע קהילות אויך בחוץ לארץ], און בכל הקהילות, אויך אין חוץ לארץ — וואו מ'איז נושא כפים נאָר ביו"ט[9] — זאָגט יעדער איד דעם נוסח פון ברכת כהנים בכל יום בברכות השחר[10] [נוסף אויף דעם וואָס דער שליח ציבור[11] זאָגט עס בכל יום בסוף תפלת העמידה[12]],

---

1) ע"פ פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שבתניא. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 641 בהערה.

2) לשון חז"ל — ר"ה יח, א.

3) „יחזקאל ר"ס מ"ם" — לקו"ת דרושים לר"ה נח, א. סד, א. וראה תוד"ה ואת — נדרים כג, ב. רא"ש סוף יומא.

4) כי ההשפעה דבחי' ראש (דראש השנה ויוהכ"פ) נמשכת בימים אלו במיוחד (שבין ראש השנה ויוהכ"פ, שבהם נעשה בנין המלכות — פע"ח שער ר"ה. שער הכוונות דרושי ר"ה. סידור האריז"ל סדר עשי"ת). נוסף על זה שכל ימי חודש תשרי — אותיות רשית (בעה"ט עה"פ עקב יא, יב) — הם ימים כלליים שמהם נמשך על ובכל השנה כולה (מאמרי אדה"ז תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. תש"ב ע' 49).

5) וכידוע המנהג שברכת הבנים (וכיו"ב) בערב יוהכ"פ תהי' בברכת כהנים (ראה ברכת ערב יוהכ"פ (להת' שי') תשמ"ז ס"ב. וש"נ). — השייכות (והכח) דברכת כהנים לכל א' מישראל (גם ישראלים) — ראה בארוכה בברכה הנ"ל, ובברכת ערב יוהכ"פ (לאחרי תפלת מנחה) תשמ"ח.

6) נשא כב, ו ואילך.

7) שו"ע אדה"ז או"ח ריש סקכ"ח, ובהנסמן ב„מ"מ וציונים" לשם.

8) ראה שו"ע אדה"ז שם סנ"ז (מב"י סו"ס קכח ד"ה כתב האגור): יישר כחם של בני א"י וסביבותיהם שנ"כ בכל יום כתיקון חכמים (לברך בכל תפלה — כמ"ש שם לעיל ס"א) ומקיימים ג' מ"ע בכל יום.

9) ב"י שם. רמ"א שם סמ"ד. ובארוכה — שו"ע אדה"ז שם. וש"נ.

ולהעיר שאדה"ז רצה להנהיג שישאו כפים (גם בחו"ל) בכל יום, ולא עלתה בידו (ראה לקו"ש חי"ח ע' 448). וי"ל שהברכה דנשיאת כפים של הכהנים בארץ ישראל בכל יום נמשכת גם לבנ"י שבחו"ל (ע"ד מאחז"ל (תענית י, א) שמתמצית א"י שותה כל העולם כולו). וכפרט ע"י הכהנים שמכוונים גם עבור בנ"י שבחוץ לארץ, ע"ד „אחיהם שבשדות" (ראה סוטה לח, סע"ב. טושו"ע או"ח שם סכ"ה. שו"ע אדה"ז שם סל"ח).

10) לאחרי ברכת התורה — תוד"ה משכבר (ברכות יא, ב) מנהג „הצרפתים". שו"ע או"ח סמ"ז ס"ט. שו"ע אדה"ז שם סמ"ז.

11) אבל לא יחיד (שו"ע אדה"ז או"ח סקכ"א ס"ג), משא"כ אמירת ברכת כהנים בברכות השחר היא גם ע"י יחיד.

12) שהוא בדוגמת וכנגד נשיאת כפים ע"י

און די כהנים זאָגן די ברכה בפרהסיא, ובקול רם, און דוקא בלשון הכתוב בלשון הקודש ("כה תברכו")[13].

וואָס דעריבער איז מתאים אַז דער "פותחין בברכה" זאָל זיין מיט דעם נוסח פון ברכת כהנים, בפרהסיא ובקול רם ובלשון הכתוב, צוזאַמען מיט דער הקדמה וסיום לזה אין תורה שבכתב (ווי מ'זאָגט עס בכל יום בבוקר בברכות השחר קודם התפלה):

"וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל אהרן ואל בניו לאמר, כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחנך, ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום, ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם".

ב. דער נוסח הברכה איז כולל אין זיך אַלע ברכות[14], סיי הרוחניות, סיי הגשמיות (סיי די ענינים עיקריים און סיי די ענינים וואָס זיינען ניט אַזוי עיקריים) — ווי פאַרשטאַנדיק ע"פ הנ"ל, אַז דאָס איז דער נוסח הברכה וואָס דער אויבער־שטער האָט אויסגעקליבן בתורתו הק', די ברכה וועלכע ער האָט אָנגעזאָגט די כהנים אַז דערמיט זאָלן זיי בענטשן אידן אין אַלע זייערע ענינים.

ועפ"ז יומתק דעם טעם פאַרוואָס מ'האָט איינגעשטעלט זאָגן ברכת כהנים בכל יום בברכות השחר, דלכאורה: דער טעם אויף דעם וואָס מ'האָט קובע געווען זאָגן (גלייך נאָך ברכת התורה) די פסוקים פון ברכת כהנים איז "לשם לימוד" ("ולא משום זכר לנשיאות כפים")[15], בכדי אַז נאָך ברכת התורה זאָל מען גלייך מקיים זיין מצות תלמוד תורה (דורך זאָגן דברי תורה)[16]. האָט מען דאָך לויט דעם געקענט אויסקלייבן צו זאָגן אויך אַן אַנדער ענין אין תורה[17], ובפרט אַן ענין הכי עיקרי וכללי בתורה — ווי די עשרת הדברות (וועלכע זיינען "כללות כל התורה"[18]), אָדער "שמע ישראל" אָדער אויך "והי' אם

הכהנים, שלכן אומרים זה דוקא בעשרה ולא ביחיד (כבהערה הקודמת), "כי בציבור נתקנה כנגד נשיאת כפים שאינה אלא בעשרה", "לפיכך אף הש"ץ א"א במנחה כו' מפני שאין נ"כ במנחה כו' משום חשש שכרות" (שו"ע אדה"ז שם).

13) סוטה לח, א. ספרי נשא שם, כג. רמב"ם הל' נ"כ פי"ד ה"א. שו"ע אדה"ז שם סכ"ג (וראה בהנסמן ב"מ"מ וציונים" לשם).

14) ראה ספרי נשא שם, כב־כז. ועוד.

15) שו"ע אדה"ז או"ח סמ"ז ס"ז, ממג"א שם סק"ח. ולכן "אומרין אותה אפילו קודם אור הבוקר אע"פ שאין נשיאת כפים בלילה" (שם), דלא כדעת הרש"ל (הובא במג"א ובאה"ט שם) "לומר קודם אור הבוקר פסוקים אחרים כיון שאין נשיאות כפים בלילה".

ודיוק לשון אדה"ז שם הוא "ולא משום זכר לנשיאות כפים"*, "זכר" דוקא — כי אפילו לדעת הרש"ל אמירת פסוקים אלו הוא ע"י כ"א מישראל (לא ע"י כהנים בלבד), ואינו אלא "זכר לנשיאות כפים" (וראה שו"ת מהרש"ל סי' סד), כפשוט. אבל גם בתור זכר לזה (כדעת הרש"ל) יש מקום לומר שאין אומרים זה בלילה כיון שזה זכר לנשיאות כפים ואין נ"כ בלילה (ע"ד מ"ש בשו"ע שבהערה 12 בנוגע לאמירתה ע"י הש"ץ, שגם זה אינו כמו נשיאות כפים של הכהנים, ומ"מ נתקנה בעשרה וא"א זה בזמן מנחה כיון שנתקנה כנגד נ"כ). ולדעת המג"א ואדה"ז, שזהו "לשם לימוד" ("ולא משום זכר לנשיאות כפים"), אומרים אותה גם קודם אור הבוקר.

16) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך ברכת התורה. וש"נ.

17) להעיר משו"ת מהרש"ל שם: אני נוהג לומר ג' פסוקים של תורה והן לא תלך רכיל וגו' עד ואהבת לרעך וגו' שהוא שקול ככל התורה, ואח"כ ג' מנביאים כו', ע"ש.

18) תניא רפ"כ. וראה תו"ש יתרו כרך טז מילואים אות א. וש"נ.

---

*) ולכאורה זהו הכוונה גם בבאה"ט שם: ולא מטעם נשיאת כפים.

שמוע" (אַז ענין כללי בעבודת ה' – „יקבל עליו עול מלכות שמים (בשמע ישראל)[19] ואח"כ יקבל עליו עול מצוות" (בוהי' אם שמוע)[20], וכיו"ב?

ויש לומר דעם ביאור אין דעם: וויבאַלד אַז דאָס קומט בהמשך צו די י"ח (כ')[21] ברכות השחר (און אַלס הקדמה צו די תפלות ובקשות אין תפלת שחרית בכלל), וועלכע זיינען כולל בפשטות כל צרכי ישראל – האָט מען איינגשטעלט אַז די דברי תורה (וואָס קומען בהמשך צו ברכת התורה) זאָלן זיך אָנהויבן מיט ברכת כהנים, וועלכע איז אַ ברכה כללית[22], הכוללת כל הברכות כולן[23].

נאָכמער: ברכת כהנים האָט אין זיך דעם אויפטו, אַז נוסף צו דער מעלה פון ברכה בכלל – וועלכע איז מגלה וממשיך פון המקור (של הברכה)[24] – האָט עס אויך די מעלה פון תפלה, וועלכע טוט אויף אַ רצון חדש – „יהי רצון"[24] [ווי מ'זאָגט עס אויך בסיום תפלת העמידה בכל יום, בימי החול און אויך בשבת ויו"ט], וואָס דורך דעם ווערן געשאַפן נייע ברכות והמשכות, וועלכע נעמען זיך פון העכער פון מקור הברכה, און [אין תפלה עצמה האָט ברכת כהנים די מעלה לגבי שאר התפלות, אַז] זיי ווערן זיכער[25] נמשך – במהירות בלי עיכוב – למטה מטה, אין גשמיות העולם[26]. ביז – אויך דעם מבטל און מהפך זיין דינים וגבורות[27].

וואָס עפ"ז יומתק פאַרוואָס מ'זאָגט ברכת כהנים בכל יום קודם התפלה – (אויך) אַלס (תוספת) הכנה ונתינת כח צו אויפטאָן[28] און אַראָפּברענגען ל־

---

19) להעיר שעומ"ש קשור במיוחד לענין ברכת התורה – כמובן מביאור הב"ח (או"ח סמ"ז ד"ה ומ"ש דאמר).

20) ברכות פ"ב מ"ב.

21) ראה שער הכולל פ"א אות יב. ושי"נ.

22) וראה מעדני חמודות לרא"ש ברכות פ"א סי"ג: טעם דסמכו אלו פסוקים לפי שרצו לסדר ג' פסוקים כדרך הקורא בתורה דתנן במגילה (פ"ד מ"ד) שלא יפחות מג' פסוקים. ולכך התקינו אלו שיש להם ברכה. ויומתק עוד יותר ע"פ המבואר בפנים.

23) היינו: באמירת נוסח ברכת כהנים זו יש ב' המעלות – מעלת התורה*, ומעלת הברכה** (וראה אוה"ת במדבר (הוספות) ס"ע א'תמג ואילך), נוסף על מעלת התפלה (כדלקמן בפנים, שבברכת כהנים יש בה הן מעלת הברכה והן מעלת התפלה).

---

*) וראה סה"מ מלוקט ח"ד ע' שטו־שטז, שמעלת ברכת כהנים היא כמו מעלת התורה.

**) שהרי גם לדעת המג"א ואדה"ז (שזהו „לשם לימוד" ולא „משום זכר לנשיאות כפים", כנ"ל הערה 15 — הרי בפועל אומרים הנוסח דברכת כהנים כפי שנאמר בתורה. ובפרט דכל הקורא ושונה בתורה הקב"ה קורא ושונה כנגדו, היינו שזהו כמו לימודו ובמילא ברכתו של הקב"ה בעצמו (כדלקמן בפנים). ועאכו"כ לדעת הרש"ל שיש בזה גם זכר לבר"כ.

---

24) ראה לקו"ת ראה יט, א. אוה"ת ויחי תתשכה, ב. שמיני ע' כו. ע' כט. ד"ה פדה בשלום תרע"ה. מקומות שבהערה הבאה. ועוד.

25) משא"כ בתפלה בכלל – ה"ז בקשה של אדם המתפלל (מלמטה למעלה) לפעול רצון חדש למעלה, ואין ודאות שתתמלא הבקשה, ואילו ברכה (מלמעלה למטה) היא בלשון ציווי (או בלשון הבטחה), שבודאי נמשכת ההמשכה (ראה מקומות שבהערה 24): ובברכת כהנים ב' המעלות (ראה אוה"ת נשא ע' ער ואילך. ד"ה כה תברכו תרכ"ו, תרנ"ד. ד"ה אריב"ל תרכ"ט. לקו"ש ח"י ע' 41).

26) ראה לקו"ת ס"פ קרח. סהמ"צ להצ"צ מצות ברכת כהנים – קיב, א. ועוד.

27) ראה זח"ג קלג, ב. קמה, סע"ב ואילך. מקומות שבהערה הקודמת.

28) ולהעיר מאוה"ת נשא ע' רעו (וכ"ה באוה"ת במדבר (הוספות) ע' א'תמט): „אומרים ברכת כהנים בתפלה (לאחרי הודאה – ברכות יח, א), כי הברכה מצד עצמה אין בה כח זה (להמשיך רצון חדש) כי זה רק כח התפלה, אבל ברכת כהנים שהיא בתפלה יש

מטה[29] (בלי עיכוב)[30] די המשכות חדשות וואָס ווערן אויפגעטאָן דורך די תפלות.

ג. דער ענין [המשכת כל הברכות בברכת כהנים ממקום שלמעלה ממקור הברכה ובאופן שנמשך למטה מטה] איז נאָכמער אונטערשטראָכן אין דעם סיום וחותם פון דעם נוסח הברכה הנ"ל — "ואני אברכם":

"ואני אברכם" גייט אויף דער ברכה פון דעם אויבערשטן. דאָס הייסט, אַז נוסף צו דער ברכה פון (די כהנים) "יברכך ה' וגו'", קומט צו די ברכה פון דעם אויבערשטן אַליין ("אני")

— לויט ביידע פירושים (דיעות) אין דעם[31]: (א) "ואני אברכם" — לכהנים, "כהנים מברכין לישראל והקב"ה מברך לכהנים"[32], (ב) "ואני אברכם" — לישראל, "כהנים מברכין לישראל והקב"ה מסכים על ידם", ועפ"ז איז די ברכה צו אידן "מפי גבורה"[33] נוסף אויף "מפי כהנים" [און לויט דער דיעה איז "ברכה לכהנים מנא לי"? "מואברכה מברכיך"[34]]. —

דער לשון "אברכם" סתם אָן קיינע פרטים) איז כולל — נוסף (כפשוט) אויף די ברכות המפורשות אין די פסוקים פון ברכת כהנים — אַלע ענינים וואָס גייען אַריין בכלל ברכה ("אברכם").

און נאָכמער: מ'איז מוסיף "ואני

בה הכח לברך שיהי' קיבול התפלה בבחי' ישא ה' פניו כו'". ועפ"ז נמצא שברכת כהנים מצ"ע אין בה כח התפלה, וכח התפלה שבה היא ע"י (אמירת ברכת כהנים ב)תפלה [וההוספה של בר"כ היא — לברך שיהי' קיבול התפלה].

אבל בד"ה כה תברכו תרכ"ו (ע' קלא) ובד"ה אריב"ל תרכ"ט (ובארוכה בלקו"ש ח"י ע' 38 ואילך. וראה גם סד"ה כה תברכו תרנ"ד) משמע, שבברכת כהנים מצ"ע יש בה מעלת התפלה, כי הכהנים המברכים עושים זאת בשליחותו של הקב"ה, ושלוחו של אדם (העליון*) כמותו (קידושין מא, ב. וש"נ), ובברכת הקב"ה יש בה גם מעלת התפלה**. ואולי י"ל, שהמבואר באוה"ת שם הוא בנוגע לגילוי כח התפלה בבר"כ (אף שיש בה מצ"ע כח התפלה***), שזה נעשה ע"י שבר"כ הוא חלק מהתפלה ובאה לאחרי הודאה.

29) וראה סה"מ מלוקט ח"ד שם ע' שטז־יז.

30) וראה לקו"ת וסהמ"צ שם, החידוש דברכת כהנים, שבשאר התפלות "שמבקשים בכל יום ומתפללים רפאנו ה' ברך עלינו", אף ש"עיקר דינו של האדם הוא בר"ה ויוה"כ" — ה"ז מפני "כי מה שנכתב ונחתם בר"ה ויוהכ"פ היינו שנמשך לו חסד על נפשו והחסד ההוא הנמשך מא"ס ב"ה הוא למעלה עדיין כו', למעלה מעלה ממהות השפעת גשמיים", ולכן צ"ל התפלה בכל יום כו' (ראה הקדמה לדרך חיים. סהמ"צ להצ"צ קו, ב. קונטרס ומעין ע' 114 ואילך) כדי שיומשך השפעות הגשמיות בעשי' כצרכי הנפש בגוף, כי "השפעת חסד זה הוא מתעכב ושוהה עד שנמשך ובא למטה שהרי בכל השתלשלות מהיכל להיכל הוא ע"י משפט [שעל זה נדון האדם בכל יום — ר"ה טז, א] אם ראוי הוא שיומשך ההשפעה למטה ומעיינים בדינו ויש מי שמקטרג לומר שחטא ואינו ראוי לזה". משא"כ בברכת כהנים השפע "נמשכת במהירות דרך כל העולמות באין מונע ומעכב ואין מעיינים בדין כלל", ועד שכל הדינין מתעברין ומתבטלין מחמת השפעת והמשכת החסד שע"י ברכת כהנים.

31) חולין מט, סע"א.

32) וגם לדיעה זו ישראל מתברכין מפי ה־גבורה, ואי"צ לזה קרא מיוחד (ובלשון התוס' חולין שם ד"ה והקב"ה: "פשיטא דמסכים, כיון שציוה להם לברך") — כמשנ"ת במ"א (לקו"ש ח"י ע' 42).

33) וגם לדיעה זו הכהנים מתברכים מהקב"ה עצמו — "ואברכה מברכיך".

34) לך לך יב, ג.

---

*) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

**) ובנדו"ד — בנוגע לנוסח ברכת כהנים בברכות השחר (ע"י כל א' מישראל) — מובן שעיקר כח התפלה שבה בא בהיותה חלק מהתפלה (כבאוה"ת שם).

***) ובפרט מצד הענין ד"ואני אברכם" (כדעת רע"ק, כדלקמן בפנים), וראה גם אוה"ת שם ע' רעז.

אברכם" (ניט „ואברכם" אַליין, וואָס מיינט אויך „איך וועל זיי בענטשן"), אַז די ברכות קומען פון „אני" — דער אויבערשטער, מקור כל הברכות (ש„אברכם"),

ביז אַז דאָס גייט אויף „אני" — ווי דער אויבערשטער איז העכער פאַר מקור הברכות און העכער פאַר שמות ותוארים בכלל, און דער איינציקער אופן ווי מ'רופט אים אָן איז „אני" [דלא אתפס בשם ולא אתרמיז בשום אותא וקוצא כלל[35]] — דער אני ויש האמיתי, עצמותו ומהותו ית'[36],

ובכללות איז דאָס כולל אויך „אנכי"[37] — וואָס האָט דעם זעלבן פירוש און אותיות פון „אני" בתוספת כ', ר"ת כתר[38], וועלכער איז כולל אַלע ענינים אין כתר, ביז ווי כתר איז פאַרבונדן מיט דעם „אני" האמיתי — עתיקא ביז עתיקא דעתיקא.

און דוקא פון „אני" (יש האמיתי) ווערט „אברכם", די המשכת ברכות צו אידן, ביז למטה מטה אין זייערע ענינים גשמיים[39].

ואדרבה — דער גילוי פון דעם יש האמיתי איז דוקא אין דעם יש הנברא, כידוע[40].

דאָס הייסט, אַז נוסף צו דעם וואָס ברכת כהנים בכלל טוט אויף המשכת כל הברכות, ביז אַ המשכה חדשה („יהי רצון") פון אַן אָרט וואָס איז העכער פאַרן מקור הברכות, און דאָס ווערט נמשך למטה מטה — ווערט דאָס נאָכמער אויפגעטאָן דורך „ואני אברכם" (דער סיום וחותם פון דער פרשה) — אַז פון דעם אני האמיתי ווערט נמשך ברכות ביז למטה מטה.

ד. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק דער תוכן פון אמירת פרשת ברכת כהנים בברכות השחר — ועד"ז דאָס וואָס „פותחין בברכה" איצטער מיט דער ברכה:

בשעת מ'זאָגט די ברכות פון ברכת כהנים („יברכך ה' וגו'") און מ'איז מוסיף „ואני אברכם" (בסיום פון פרשת ברכת כהנים), לאחרי וואָס מ'האָט געזאָגט אַלע ברכות השחר שלפנ"ז און די ברכות פון ברכת כהנים עצמה („יברכך ה' גו'") — איז פאַרשטאַנדיק, אַז נוסף צו דעם וואָס דאָס איז כולל די אַלע ברכות המפורשות לפני זה, קומט צו אַ הוספה וחידוש, אַז „ואני אברכם", דער אויבערשטער אַליין, דער אני האמיתי, בענטשט אידן מיט אַלע ברכות:

און בשעת אַ איד זאָגט דאָס אין ברכות השחר (אַלס אַן ענין בתורה), ועד"ז בכל זמן ווען ער זאָגט די ווערטער פון תורה

---

35) לקו"ת פינחס פ, סע"ב. ושם הוא בנוגע ל„אנכי", אבל מובן שכן הוא גם בנוגע ל„אני" (שהוא למעלה משם ותואר), שהוא בכללות כמו „אנכי", כבפנים וכהנסמן לקמן הערה 38.

36) ראה סד"ה כה תברכו תרכ"ז (ס"ע קלא). סד"ה אריב"ל תרכ"ט.

37) ראה בנדו"ד — אוה"ת נשא ע' רעז (וכ"ה שם במדבר (הוספות) ע' א'תנ), שמקשר „ואני אברכם" עם הברכה שנמשכת מבחי' „אנכי", ש־מצ"ע אא"פ להמשיך ברכה מבחי' אות א' (המורה על אנכי), ולכן התחלת התורה היא באות ב' שהוא סימן ברכה, אבל ע"י עשה"ד שמתחילים בא' אנכי יומשך שגם מבחי' אנכי יומשך הברכה.

38) ראה לקו"ת אמור לד, ד. שה"ש לה, סע"ג.

39) ויש לומר שענין זה מרומז גם בלשון הגמרא שבפנים (בענין „ואני אברכם") „מפי גבורה": „גבורה" הוא תואר שמורה על גדלות וגבורת הקב"ה: ו„מפי גבורה" מורה על ההמשכה והגילוי דגבורתו וגדלותו ית' ע"י ה' מוצאות הפה — גילוי הדיבור להזולת, עד שנמשך בעוה"ז שנברא בה' (מנחות כט, ב), כנגד ה' מוצאות הפה. ועאכו"כ שנמשך בהי' שבו נברא העוה"ב (מנחות שם), ועד שנעשה החיבור דעוה"ז ועוה"ב (גשמיות ורוחניות) ע"י הגילוי ד„פי גבורה" בשניהם יחד, ועפ"ד המבואר לקמן בפנים (ס"ז) בנוגע לחיבור גשמיות ורוחניות בערב יוהכ"פ וביוהכ"פ.

40) ביאורי הזהר בשלח מג, ג. ד"ה ולקחתם לכם תרס"א.

(תורה הנצחית[41]) — איז הקורא ושונה בתורה הקב"ה קורא ושונה כנגדו[42], דער אויבערשטער עצמו זאָגט דעמולט די אַלע פסוקים, כולל דעם סיום וחותם — „ואני אברכם". ויש להוסיף, אַז דער „קורא ושונה כנגדו" איז ניט קיין הגבלה (אַז ניט מער ווי „כנגדו" ח"ו), נאָר אדרבה: דאָס איז בהתאם צו דעם ווי דער אויבערשטער (מצ"ע) איז קורא ושונה, ובנדו"ד — אַז דער „ואני אברכם" איז לפי הישג יד האני, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה[43] פון דעם „אני" האמיתי.

ה. האמור לעיל — וואָס איז שייך באמירת פרשת ברכת כהנים בכל השנה — איז נאָכמער בהדגשה שטייענדיק אין די עשרת ימי תשובה:

אויף די עשי"ת שטייט „דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב"[44]. אַ תפלה „ביחיד" בימים אלה האָט דעם כח פון אַ תפלה „בציבור" במשך כל השנה[45]. ומזה מובן במכ"ש וק"ו דער כח פון אַ ציבור בימים אלה[46].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער עילוי וואָס קומט צו אין דער ברכה ותפלה פון ברכת כהנים אין די טעג, במכ"ש פון שאר התפלות: מה־דאָך אַז יעדע תפלה (ביחיד אָדער בציבור) איז ווירקזאַמער אין די עשי"ת, ווען דער אויבערשטער איז „בהמצאו" און „קרוב", און מ'איז דעמולט מער פאַרזיכערט אַז די תפלה ובקשה („דרשו" און „קראוהו") וועט מקויים ווערן דאָ למטה, אע"פ וואָס דאָס דאַרף אויפטאָן אַ רצון חדש למעלה וכו'[47] (כנ"ל ס"ב); עאכו"כ ברכת כהנים, וואָס אפילו בכל השנה איז זי ממשיך נייע ברכות והמשכות וועלכע ווערן זיכער נמשך למטה (בלי עיכוב), איז אין די עשי"ת (ובפרט אין די זמני התפלה בהם וכיו"ב) טוט אויף ברכת כהנים ביתר שאת וביתר עוז, מער ווי בשאר ימי השנה[48].

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דעמולט „בהמצאו" און „קרוב", איז פאַרשטאַנדיק אַז דעמולט איז נאָכמער בגלוי די המשכה פון „ואני אברכם", פון דעם „אני" האמיתי, ביז למטה אין גשמיות העולם.

ו. אין די עשי"ת גופא איז די פעולה הנ"ל פון ברכת כהנים נאָך שטאַרקער בערב יום הכפורים[5], וועלכער איז אַן ערב והכנה — ומעין — פון יוהכ"פ עצמו[49], ובפרט בערב יוהכ"פ נאָך תפלת מנחה, ווען עס הויבט זיך שוין אָן דער ענין פון יוהכ"פ, כמובן דערפון וואָס בתפלת מנחה זאָגט מען וידוי, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט „תחלת זמן הכפרה"[50]:

די שלימות פון „דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב" איז ביוהכ"פ (און מעין זה — בערב והכנה ליוהכ"פ), כמובן פון המשך דברי הרמב"ם[51]: „אע"פ שה־

---

41) ראה תניא רפי"ז (כב, ב). ובכ"מ.

42) ראה תדא"ר פי"ח. ילי"ש איכה רמז תתרלד.

43) ברכה השלישית דברכת המזון.

44) ישעי' נה, ו.

45) ר"ה יח, א. וראה רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ו.

46) ראה רי"ף לעי' יבמות מט, ב. אוה"ת ש"ש ע' א'תסב. ד"ה דרשו ה' תשמ"ה. ובכ"מ.

47) ובמילא אין זה בודאות כ"כ כמו ההמשכה שנעשית ע"י ברכה, כנ"ל הערה 25.

48) ראה גם אוה"ת נשא ע' רעו השייכות דברכת כהנים עם חודש השביעי בכלל, זמן הסליחה והמחילה.

49) ויתירה מזה: ע"י הסעודה בערב יוהכ"פ יש גם המעלה דיום הכפורים עצמו, כמאחז"ל „כל האוכל ושותה בתשיעי כו' כאילו התענה תשיעי ועשירי", כמשנ"ת לקמן בפנים.

50) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתר"ז ס"א. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 562 הערה 1.

51) דלעיל הערה 45.

תשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה הי־מים שבין ר"ה ויוהכ"פ היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד שנאמר דרשו ה' בה־מצאו כו'", און בהמשך לזה שרייבט ער[52]: „יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים והוא קץ מחילה וסליחה לישראל, לפיכך חייבים הכל לעשות תשובה ולהת־וודות ביוהכ"פ, ומצות וידוי יוהכ"פ שית־חיל מערב היום קודם שיאכל כו'".

ובלשון הקבלה והחסידות: ביוהכ"פ איז די שלימות ההמשכה (והגילוי[53]) פון די י"ג מדות הרחמים[54] („שהן עליונות מאד"[55]), בחי' רחמים רבים שלמעלה מכל מדידה והגבלה, וועלכע נעמען זיך פון כתר, ביז פון עתיקא און עתיקא שב־עתיקא[56], ביז פון עצמותו ומהותו ית',

וואָס דאָס איז דער מקור המחילה והסליחה והכפרה ביוהכ"פ, וכמ"ש[57] „כי ביום הזה יכפר עליכם גו' (יכפר סתם, ולא נאמר מי הוא המכפר[58], ווייל דאָס נעמט זיך פון) לפני הוי' תטהרו" (למעלה מהוי'). ביז אַז דאָס טוט אויף די הפיכה פון אַלע דינים וגבורות.

דערפון איז מובן, אַז די שלימות הפעולה פון ברכת כהנים ביז (דער סיום) „ואני אברכם" — וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט שלימות ענין הברכה ותפלה — איז ביוהכ"פ[59], ווען ס'איז דאָ די שלימות התפלה („דרשו ה' גו'"[60]) צוליב דעם וואָס דעמולט איז דאָ די שלימות המשכת הברכה פון די י"ג מדות הרחמים (וואָס דאָס איז אויך דער ענין פון ברכת כהנים[61]), פון „יאר ה' פניו אליך"[62], ביז — פון דעם יש האמיתי[63], „ואני[64] אברכם", דאָ למטה אין עוה"ז הגשמי[65].

ולהוסיף, אַז אין דעם ענין פון די י"ג מדות הרחמים [וואָס שלימות המשכתן איז ביוהכ"פ] איז פאַראַן אַ חיבור פון צוויי קצוות: די י"ג מדות הרחמים זיינען למעלה ממדידה והגבלה. צוזאַמען דער־מיט הייסן זיי בשם „מדות", מלשון מדה וגבול. ויש לומר, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דער שלימות הענין פון „אין סוף", וואָס דערפון ווערן נמשך די י"ג מדות הרחמים, איז כולל אויך די שלימות פון גבול ומדה: אור א"ס כשם שיש לו כח בבלי גבול כך יש לו כח בגבולי[66]. וואָס לפי"ז איז דער מדה וגבול למעלה

52) בהלכה ז.

53) ראה ד"ה ולקחתם לכם תרס"א (ס"ע רג).

54) ראה לקו"ת דרושים ליוהכ"פ ע, ב ואילך. אוה"ת שם ע' ב'קלט ואילך. ובכ"מ.

55) ל' הלקו"ת שם, ב.

56) ראה לקו"ת שם.

57) אחרי טז, ל.

58) לקו"ת דרושים לר"ה נד, סע"ד. אחרי כו, ג. אוה"ת דרושים ליוהכ"פ ע' ב'קלט.

59) ראה הברכות שבהערה 5, ששלימות ענין ברכת כהנים הוא ע"י הכהן גדול, בחי' יחידה, וזהו ענינו דיוהכ"פ בכלל (שכל עבודות היום הם בכהן גדול — יומא לב, סע"ב).

60) ראה ד"ה אריב"ל תרכ"ט, ש„דרשו ה' בהמצאו גו'" בעשי"ת הוא מפני שאז מאיר הגילוי די"ג מדה"ר, שעי"ז נעשה המשכת הרצון חדש („יהי רצון") שעי' התפלה. והרי שלימות ענין זה הוא ביוהכ"פ, כנ"ל בפנים.

61) ראה סה"מ תקס"ח ע' קנז.

62) ראה לקו"ת אחרי כו, ד. ראה לב, ב. ועוד.

63) ראה המשך תער"ב ח"ב ע' א'קסט (בביאור הלקו"ת דרושים ליוהכ"פ שם).

64) ראה לקו"ת אחרי (כז, ד), השייכות ד־יוהכ"פ לבחי' אנכי. ולהעיר שיוהכ"פ הוא יום נתינת לוחות האחרונות (משנה תענית כו, ב ובפרש"י. גמרא שם ל, ב), שהתחלתן: „אנכי".

65) ועי"פ המבואר בלקו"ת ס"פ קרח (חלק נעתק לעיל הערה 30) יומתק ההוספה דברכת כהנים על ההמשכה דר"ה ויוהכ"פ.

66) עבוה"ק שער א' פ"ח. וראה ד"ה חסידים עת"ר. ד"ה פדה בשלום תרפ"ה. ד"ה בסוכות תש"פכ"ז.

ממדידה והגבלה, דאָס איז ווי מדה וגבול איז אַ חלק פון בלי גבול[67]. ביז נאָכמער: לגבי עצמותו ית', וואָס ער איז מושלל פון אַלע תוארים — „שלילת הגבול ושלילת הבלי גבול"[68] — זיינען בלי גבול און גבול איין זאַך[69]. און דערפון קומט עס אַרויס אין דעם גילוי פון י"ג מדות הרחמים: די שלימות פון בלי גבול רחמים איז בשעת דאָס ווערט נמשך אויך אין מדה וגבול פון די י"ג מדות; ביז אַז עס ווערט איין זאַך — בלי גבול און גבול (מדה).

און פון דער שלימות ההמשכה פון די י"ג מדות הרחמים פון עצמותו ית' ביוהכ"פ, ווערט נשתלשל למטה יותר, אַז עס ווערן נמשך אַלע ברכות, ביז — ברכות וואָס קומען פון למעלה ממקור הברכות — „ואני אברכם", און זיי ווערן נמשך אין גבול ומדה ביז למטה בעוה"ז הגשמי.

ז. מעין דעם גילוי פון יוהכ"פ האָט מען אויך בערב יוהכ"פ, וועלכער איז אַ הכנה צו יוהכ"פ, ובפרט נאָך תפלת מנחה ווען מ'זאָגט וידוי אַלס התחלה פון זמן הכפרה ביוהכ"פ („מצות וידוי יוהכ"פ שיתחיל מערב היום"[52]) — וואָס לאחרי דער תפלה ואמירת וידוי קומט צו נאָכמער שלימות אין דער פעולה פון ברכת כהנים — די המשכה פון למעלה מעלה ביז למטה מטה (כנ"ל ס"ז).

ויש לומר נאָכמער, אַז בערב יוהכ"פ האָט מען אַ כח מיוחד צו אויפטאָן די המשכה (פון ברכת כהנים) מלמעלה מעלה ביז למטה מטה אין גשמיות העולם:

די גמרא זאָגט[70] (והובא בהלכה[71]), אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי כו' כאילו התענה בתשיעי ועשירי". ד.ה. אַז די אכילה ושתי' בערב יוהכ"פ (תשיעי) טוט אויף דעם זעלבן ענין ווי דער תענית פון יוהכ"פ (עשירי), און נאָכמער — „כאילו התענה תשיעי ועשירי" (צוויי טעג).

דערפון קומט אויס[72], אַז אין דער אכילה ושתי' בערב יוהכ"פ האָט מען דעם חיבור פוןביידע מעלות — די מעלה פון „התענה" וואָס ווערט דורך יוהכ"פ — „העשירי יהי' קודש"[73], תכלית שלימות הקדושה (קדש הקדשים) והרוחניות (און צוויי טעג דערפון — „כאילו התענה תשיעי ועשירי"), און דער גילוי הקדושה הכי נעלית (דיוהכ"פ) ווערט אויפגעטאָן דורך „אוכל ושותה"[74] (בתשיעי), בתכלית הגשמיות והממשות, באופן אַז דאָס ווערט „דם ובשר כבשרו" הגשמי, אַז ער קען דאָס אָנטאַפּן מיטן גוף הגשמי, אַזוי ווי ער עסט בגופו הגשמי — אַזוי אַז מ'האָט צוזאַמען די מעלה ושלימות פון רוחניות און די מעלה ושלימות פון גשמיות, כמבואר בכ"מ[75] דעם גודל העילוי וואָס איז דאָ דוקא אין גשמיות (תחתונים), אין דעם יש הנברא, ובאופן אַז די רוחניות נעמט אינגאַנצן דורך און שטייט בגלוי אין דער גשמיות, וואָס אין דעם באַשטייט תכלית שלימות השכר לע"ל — אַלס

67) ראה ספר הערכים־חב"ד כרך ג' ערך אוא"ס (א) ע' נח ואילך. ושי"נ.

68) המשך תרס"ו ריש ע' קסח. ובכ"מ.

69) ראה ספר הערכים־חב"ד כרך ד' ערך אוא"ס (ד) ע' תב. ושי"נ.

70) יומא פא, ב. ושי"נ.

71) טור ושו"ע אדה"ז ריש הל' יוהכ"פ.

72) בכל זה — ראה גם ברכת ערב יוהכ"פ תשד"ם (ס"ב — לקו"ש חכ"ד ע' 572), תשמ"ה (ס"ט), תשמ"ו ((ס"ד)— לקו"ש חכ"ט ע' 313 ואילך), תשמ"ז (ס"ח), תש"נ (סה"ש ה'תש"נ ח"א ע' 1־30).

73) בחוקותי כז, לב.

74) ע"ד ובדוגמת המעלה דפורים לגבי כ־פורים (תקו"ז תכ"א — נז, ב) — ראה תו"א מג"א צה, סע"ד. צט, ד ואילך. שם בהוספות קכא, א־ב. אוה"ת מג"א ע' ב'שיז־ח. ביאוה"ז להצ"צ בשלח ע' רלז. ועוד.

75) ראה אגה"ק ס"כ (קל, ב). הנסמן לעיל הערה 40. ובכ"מ.

נשמות בגופים בעוה"ז הגשמי דוקא, כפס"ד הרמב"ן[76].

ויש לומר, אַז פון דעם מאמר הנ"ל קומט אויך אויס (נוסף צו דער מעלה פון ערב יוהכ"פ) אַ מעלה נוספת און אַ שבח נוסף בנוגע צו יוהכ"פ, אַז מ'האָט (די מעלה פון) יוהכ"פ אין אכילה ושתי' גשמית (וואָס מ'עסט אַלס הכנה לזה), דיי"ל אַז די מעלה פון ערב יוהכ"פ (חיבור גשמיות ורוחניות) ווערט אויך נמשך אין יוהכ"פ – ובפרט ע"פ המבואר בכ"מ[77], אַז די אכילה ושתי' בערב יוהכ"פ טוט אויף דעם ענין בשביל ערב יוהכ"פ (תשיעי) און בשביל יוהכ"פ (עשירי). ווי דאָס דריקט זיך אויס אין דעם וואָס בערב יוהכ"פ דאַרף מען עסן „כפי[78] שיעור ב' ימים ערב יוהכ"פ ויוהכ"פ"[79].

ויש מקום לומר, אַז די מעלה פון יוהכ"פ (אַז דער עילוי פון „התענה" ביוהכ"פ וועט קענען שטיין בגלוי אין אכו"ש גשמית) וועט נתגלה ווערן לעתיד לבוא בחנוכת ביהמ"ק השלישי (וואָס אחכה לו בכל יום שיבוא[80], היינט ערב יוהכ"פ ממש), ובמכל־שכן וקל־וחומר[81] דערפון וואָס בחנוכת בית ראשון האָבן אידן געגעסן ביוהכ"פ, ביז אַז „יצתה בת קול ואמרה להם כולכם מזומנין לחיי העולם הבא"[82], עאכו"כ בחנוכת בית שלישי (וואָס „גדול[83] יהי' כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון"[84]).

ובכללות – וועט מען האָבן לע"ל די שלימות השכר פון חיבור גשמיות ורוחניות, כולל – אכילת הסעודה דלע"ל, סעודת לויתן ושור הבר[85], סעודה גשמית כפשוטה, צוזאַמען מיט דער סעודה רוחנית[86], די אַלע ענינים ומעלות שבשתי אלו[87].

ח. בהנ"ל קומט צו אַ הדגשה מיוחדת אין דער קביעות בשנה זו פון ערב יוהכ"פ און יוהכ"פ – בערב שבת וביום השבת קודש:

יוהכ"פ ווערט אָנגערופן[88] „שבת שבתון". דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז ענינים פון יוהכ"פ שטייען נאָכמער ב־הדגשה ווען ער קומט אויס (בימי השבוע) ביום השבת קודש.

ובעבודת ה': ביוהכ"פ איז די שלימות העבודה פון תשובה עילאה[89] (העכער ווי די תשובה עילאה אין די עשרת ימי תשובה בכלל[90]). וע"פ הידוע אַז ביום

76) בשער הגמול בסופו (בהוצאת שאוועל – ע' שט). וראה בכ"ז מכתב מוצש"ק כ"ה אלול ה'תש"נ (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

77) פע"ח שער יוהכ"פ פ"א.

78) פע"ח שם. והובא גם בפוסקים – סידור אדה"ז לאחרי סדר כפרות. אשל אברהם (להרה"צ כו' מבוטשאטש) או"ח ר"ס תרד.

79) ויתירה מזה: האכו"ש בערב יוהכ"פ הוא „סוד אכו"ש חיצונית" שהוא הכנה וכלי ל„סוד אכו"ש פנימית" דיוהכ"פ, כמבואר בפע"ח שם.

80) נוסח „אני מאמין". וראה לקו"ש חכ"ג ע' 394.

81) ולהעיר שזהו מדה הראשונה מי"ג מדות שהתורה נדרשת בהן (תו"כ בתחלתן), שהן כנגד הי"ג מדות הרחמים (שמתגלים ביוהכ"פ, כנ"ל ס"ו). ויוהכ"פ הוא „מתן תורה" דלוחות האחרונות.

82) מו"ק ט, א.

83) חגי ב, ט.

84) כפירוש הזהר (ח"א כח, א. תקו"ז ת"ח) דקאי על ביהמ"ק השלישי.

85) ראה ב"ב עד, ב ואילך.

86) ראה לקו"ת שמיני יח, א.

87) ראה תשובות וביאורים סי"א. וש"נ.

88) אחרי טז, לא. אמור כג, לב.

89) לקו"ת תצא לו, ג. לז, ד. וראה סה"מ תקס"ה ע' תתמא. ועוד. וראה ברכות עיוהכ"פ (אחרי מנחה) תשמ"ז ס"ג. תש"נ ס"א ואילך (סה"ש שם).

90) ראה לקו"ת דרושים לשבת שובה סו, ג. סז, ד. סה"מ תרכ"ט ע' שט. ס"ע שיג ואילך. תרס"ד ע' שנד ואילך.

השבת (אותיות תשבי[91]) איז אויך די עבודה פון תשובה עילאה[92] – קומט אויס אַז בקביעות שנה זו, ווען יוהכ״פ איז חל להיות בשבת, קומט צו נאָכמער שלימות אין דער עבודה פון תשובה עילאה.

ובפרטיות יותר – האָט מען בקביעות שנה זו דעם חיבור פון די ביידע מעלות פון שבת און יוהכ״פ: די מעלה פון עונג העצמי הבא במורגש בשבת (דורך אכו״ש בכל השנים, ובשנה זו י״ל אַז דאָס ווערט נמשך דורך דעם יום עצמו[93]), און די מעלה פון עונג הבלתי מורגש דיוהכ״פ (שאסור באכו״ש)[94].

ועד״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק די מעלה פון ערב יוהכ״פ בשנה זו, וועלכער איז אויך ערב שבת:

ערב שבת איז אַ הכנה צו שבת, „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"[95]. ביז אַז בערב שבת האָט מען אַ טעימה – „טועמי׳ חיים זכו"[96] – פון כל תבשיל ותבשיל של שבת[97]. און נאָכמער: בערב שבת (יום הששי למעשה בראשית) איז געווען יום בריאת אדם הראשון, „כדי שיכנס ל־סעודה מיד"[98], ובלשון המשנה[99] „הכל מוכן לסעודה".

---

91) אגה״ת ספ״י.

92) שם.

93) ע״ד המבואר בנוגע להמשכות דשופר ב־יו״ט של ר״ה שחל להיות בשבת (לקו״ת דרושי ר״ה נו, א ואילך. ובכ״מ).

94) ראה המשך תרס״ו בסופו (ע׳ תקמב).

95) ע״ז ג, סע״ב.

96) שער הכונות ענין טבילת ערב שבת. פע״ח שער יח רפ״ג. ועוד – נסמן בלקו״ש ח״כ ע׳ 173.

97) ראה מג״א או״ח הל׳ שבת סר״נ סוסק״א. שו״ע אדה״ז שם ס״ח. וראה לקו״ש שם.

98) סנהדרין לח, א. וראה לעיל ע׳ 11־9.

99) אבות פ״ג מט״ז.

ועפ״ז איז מובן, אַז ווען ערב יוהכ״פ קומט אויס בערב שבת – איז נאָכמער בהדגשה דער עילוי הנ״ל פון דער אכילה ושתי׳ בערב יוהכ״פ, „כל האוכל ושותה בתשיעי כו׳ כאילו התענה בתשיעי ועשירי", וואָרום מ׳האָט דעמולט אַ „טעימה" פון שבת, ובשנה זו – פון יוהכ״פ (שבת שבתון) שחל להיות בשבת, און נאָכמער – דעמולט איז „הכל מוכן לסעודה".

ועוד נקודה בדבר: שבת איז מעין[100] דעם „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[101]. ועאכו״כ יוהכ״פ שחל להיות בשבת, וואָס אויך יוהכ״פ איז מעין דער גילוי דלע״ל[102]. פאַרשטאַרקט דאָס נאָכמער די עבודה איצטער מעין וטעימה פון דעם גילוי וסעודה דלע״ל ווען מ׳וועט האָבן די שלימות החיבור פון מעלת הגשמיות ומעלת הרוחניות – די סעודה פון לויתן שור הבור, בגשמיות וברוחניות גם יחד, כנ״ל.

ובכל זה קומט צו נאָכמער בשנה זו, ה׳תנש״א, ר״ת הי׳ תהא שנת אראנו נפל־אות[103], וועלכע קומט נאָך שנת ה׳תש״נ, ר״ת הי׳ תהא שנת נסים, ולאחרי שנת תשמ״ט ידיך, ושנת תשמ״ח, תשמח (תי״ו בחיריק) און תשמח (תי״ו בשוא), וועלכע איז אויך געווען אַ שנת הקהל, „הקהל את העם האנשים הנשים והטף"[104], און מ׳־הערט די קריאה בתורה פון דעם מלך, „כאילו . . מפי הגבורה שומעה"[105], ע״ד „ואני אברכם", „מפי גבורה" (כנ״ל ס״ג).

ט. ויש לקשר זה [די המשכה מלמעלה

---

100) ראה המשך תרס״ו שם. המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קכז. ועוד.

101) תמיד בסופה.

102) ראה המשך תרס״ו שם.

103) לשון הכתוב – מיכה ז, טו.

104) וילך לא, יב.

105) רמב״ם סוף הלכות חגיגה.

מעלה, ביז פון עצמותו ית׳, אין גאַנץ סדר השתלשלות ביז למטה מטה אין דעם יש הגשמי] אויך מיט דעם קאַפיטל תהלים פון שנה זו — מזמור פ"ט:

„משכיל לאיתן האזרחי" באַווייזט אויף דער המשכה וגילוי פון בחי׳ איתן שב־נשמה — דער עצם הנשמה וועלכער איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[106], פאַרבונדן מיט עצמותו ית׳ [מיט די ג׳ פירושים אין „איתן": האַרט, שטאַרק און אַלט[107]], באופן אַז דאָס איז מזריח, באַלייכט און שיינט אַריין אין אַלע כחות וחושים,

ווי די תורה פון דעם אַלטן רבי'ן בזה[108], פאַרבונדן אויך מיט דער תורה ופירוש אין דעם פסוק פון[109] דעם בעש"ט און פון דעם מגיד,

און דערנאָך ווי די נקודות ווערן נתבאר דורך דעם מיטעלן רבי'ן אין אַן אופן פון „רחובות הנהר"[110], כולל — די הרחבה פון דער נקודה פון „איתן" ווי דאָס שטייט באַ דעם בעש"ט, מגיד און דעם אַלטן רבי'ן,

און דערנאָך — דורך דעם צמח צדק און רבי'ן מהר"ש און רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, ביז ווי דאָס ווערט נתבאר ו(במילא) נמשך אין די דברי אלקים חיים (אין די מאמרי חסידות און שיחות קודש) פון נשיא דורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר,

ביז אַז די אַלע ווערן נתגלה, תיכף ומיד ממש, אין אַן אופן פון „ממש", אין ממשות, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו [כמרומז בשמו פון כ"ק מו"ח אדמו"ר: יוסף — על שם „יוסיף אד׳ שנית ידו לקנות את שאר עמו"[111], יצחק — על שם „כל השומע יצחק לי"[112], וואָס די שלימות בזה וועט זיין לע"ל — „אז ימלא שחוק פינו"[113], „אז ישיר משה"[114]],

ווי דער המשך פון דעם מזמור תהלים — „מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו"[115], ביז אין אַן אופן — כסיום המזמור: „ברוך ה׳ לעולם אמן ואמן", אַז עס ווערט אויפגעטאָן די ברכה והמשכה[116] (פון שם הוי׳, שם העצם[117]) אין עולם, ביז באופן פון „אמן", וואָס אמן באַווייזט אויף דעם גמר הנצחון („גבורים נוצחים")[118], ובזה גופא — „אמן ואמן", באופן כפול, „כפליים לתושי׳"[119], וואָס כפל איז פאַרבונדן מיט דער גאולה[120] [ווי ערקלערט אויך אין די דברי אלקים חיים פון דעם רבי'ן מהר"ש[121], „מלכתחילה אַריבער", וואָס זיין יום הילולא איז בי"ג תשרי], וואָס דעמולט וועט זיין דער גמר הנצחון און גילוי פון „ברוך ה׳ לעולם", „ואני אברכם".

ויש לקשר זה מיט דעם זמן פון ערב יוהכ"פ ויוהכ"פ און די ימים שלאחרי זה — כדאיתא במדרש[122] אַז בחג הסוכות,

---

106) תניא רפ"ב.

107) ד"ה וייצר תרפ"ה (תש"ח) — ע׳ נט ואילך (סה"מ תש"ח ע׳ 61 ואילך).

108) קונטרס לימוד החסידות ע׳ 5 ואילך.

109) תורות ופירושי כל רבותינו נשיאינו בפסוק זה — נעתקו ב„קובץ י"א ניסן שנת הפ"ט" (קה"ת תש"נ).

110) ראה לקו"ש חכ"ה ע׳ 349. וש"נ.

111) ישעי׳ יא, יא.

112) וירא כא, ו.

113) תהלים קכו, ב.

114) בשלח טו, א.

115) פסוק כא.

116) ראה תו"א מקץ לז, ג. ובכ"מ.

117) כ"מ הל׳ עכו"ם פ"ב ה"ז. מו"נ ח"א פס"ג ואילך. עיקרים מאמר ב׳ פכ"ח.

118) נזיר בסופו.

119) ל׳ הכתוב איוב יא, ו. שמו"ר פמ"ו, א.

120) ראה פדר"א פמ"ח. יל"ש ר"פ לך.

121) ד"ה לך תרכ"ז. תר"ל. וראה גם ד"ה לך באוה"ת בראשית (תערד, א). סד"ה נחמו עת"ר. ובכ"מ.

122) ויק"ר פ"ל, ב.

„זמן שמחתנו" (וואָס דעמולט ווערן נתגלה די ענינים פון ר"ה ויוהכ"פ, וכידוע[123] אַז סכך הסוכה קומט פון ענן הקטורת ביוהכ"פ) „כשישראל יוצאין כו' ולולביהן ואתרוגיהם בידן אנן ידעין דישראל אינון ניצוחיא".

און אין אַ יאָר פון „אראנו נפלאות" איז מובן, אַז מ'דאַרף אויף דעם ניט וואַרטן ביז יוהכ"פ, ועאכו"כ ניט ביז „זמן שמחתנו", נאָר שוין בערב יוהכ"פ ווערט דער „אינון ניצוחיא", און אין חג הסוכות קומט צו נאָכמער אין דעם גילוי ושלימות הענין.

י. ע"פ כל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק די ברכות וואָס יעדער איד באַקומט בערב יוהכ"פ זה דשנת תנש"א, ברכות אין אַלע זייערע ענינים – גשמיים און רוחניים, און גשמיים ורוחניים גם יחד, ברכות וועלכע ווערן נמשך פון למעלה מעלה, ביז למעלה ממקור כל הברכות, ביז פון „ואני אברכם", און זיי ווערן נמשך למטה מטה, ביז ועיקר – אין גשמיות העולם. ביז אַז דאָס האָט אויך דעם כח צו מבטל ומהפך זיין די ענינים בלתי רצויים, וואָס דאָס ברענגט צו נאָך אַ העכערע עלי' (וואָרום ירידה צורך עלי', און אַ ירידה למטה מטה ברענגט אַן עלי' למעלה מעלה). אַזוי אַז מ'האָט די מעלה פון דער המשכה מל־מעלה מעלה („גבוה מעל גבוה וגבוהים עליהם"[124]), ביז למעלה מכל מדידה והגבלה, צוזאַמען מיט דער מעלה פון מדידה.

און דער כח אויף דעם האָט מען במיוחד בערב יוהכ"פ לאחרי תפלת מנ־חה, נאָכדעם וואָס מ'האָט געזאָגט תפלת וידוי, אויסגעשטעלט אין אַלע אותיות פון דעם אל"ף־בי"ת, און באופן כפול – אַזוי אַז מ'האָט דעמולט דעם תיקון ואתהפכא פון אַלע ענינים בלתי רצויים, ואדרבה: וויבאַלד אַז דאָס איז ווי די ענינים שטייען אין תפלה (וידוי) און תורה (כ"ב אותיות התורה), האָט מען נאָר די מעלה וואָס קומט אַרויס דערפון – די מעלה פון „כפליים לתושי'" פון אתהפכא, „זדונות נעשו לו כזכיות"[125], ביז זכיות ממש[126], ובאופן פון „נעשו לו", בעולם העשי' הגשמית (ומראה באצבעו ואומר זה[127]), ביז באופן של ממשות.

ובפשטות: דער אויבערשטער בענ־טשט יעדער איד און אַלע אידן מיט אַ שנה אין וועלכע מ'האָט אַלע ברכות והצלחות, בטוב הנראה והנגלה,

און בפרטיות – ווי די ברכות שטעלן זיך אויס און הויבן זיך אָן מיט די אותיות פון אל"ף־בי"ת (בעניני טוב בפירוש ובגלוי) – וואָס בזה גופא זיינען פאַראַן כמה אופנים, אָבער מפני טירחא דציבורא ומפני כמה טעמים קען מען ניט אויס־רעכענען אַלע ברכות וואָס הויבן זיך אָן מיט אַן אל"ף, בי"ת וכו' ביז תי"ו: דעריבער דערמאָנט מען נאָר איין אופן בזה, ויש לומר אַז דאָס (און יעדער אופן בזה) איז כולל אַלע אַנדערע אופנים בזה (וואָרום מ'איז דערביי מכוון אַלע אותיות אל"ף־בי"ת מיט אַלע ברכות וואָס הויבן זיך אָן מיט די אותיות אל"ף ביז תי"ו), וועלכע זיינען כולל אַלע ברכות אין אַלע ענינים רוחניים און אַלע ענינים גשמיים:

---

123) עט"ר שער יוהכ"פ פ"ב (כח, א). שם לו, סע"א ואילך. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ג ע' א'קלד. שם ע' א'קמ. אוה"ת סוכות ע' א'תשכב ואילך. המשך וככה תרל"ז פפ"ד. ד"ה והוא כחתן תרנ"ז פ"א ואילך. ועוד.

124) קהלת ה, ז.

125) יומא פו, א.

126) ראה לקו"ש חי"ז ע' 183 ואילך וכהערות 15, 48 שם.

127) לשון חז"ל – שמו"ר ספכ"ג. ועוד.

עס זאָל זיין אַ: שנת אורה, שנת ברכה, שנת גדלות, שנת דיצה, שנת הוד והדר, שנת ועד טוב, שנת זכיות גדולות, שנת חיים טובים וארוכים, שנת טובה בלי מדידה והגבלה כלל וכלל, שנת יעוד טוב, שנת כלכלה, שנת לימוד בהצלחה מופלגה, [ובפרט אַז יוהכ"פ איז „מתן תורה" פון די לוחות האחרונות[128]], שנת מלכות [ובמיוחד — מלכות בית דוד, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י דוד מלכא משיחא], שנת נסים [ובפרט אַז מ'קומט פון אַ „שנת נסים" (תש"נ), און מ'גייט אַריין (און מ'האָט שוין די תשעה ימים, הכולל דעם יום העשירי, די עשרה ימים הראשונים פון דעם יאָר) אין שנת „אראנו נפלאות" (תנש"א)], שנת סימן טוב, שנת עוז, שנת פדות, שנת צדקה און שנת צדיקים [ועמך כולם צדיקים[129]], שנת קדושה, שנת רוממות, שנת ששון ושמחה, שנת תפלה, שנת תשובה [וואָס שלימותה איז ביוהכ"פ, כנ"ל], און שנת תהלה [„כל הנשמה תהלל י"ה הללוי"", בסיום וחותם ספר תהלים].

און דאָס ווערט אַלץ אויפגעטאָן תיכף ומיד ממש, ובפרט אַז אידן האָבן שוין אָפגע'פסק'נט בתחלת שנה זו, אַז ס'וועט זיין אַ שנת אורה וכו', אַלע ברכות מיט אַלע אותיות פון אל"ף־בי"ת, און דערנאָך דאַרף מען נאָר „פאַנאַנדערפאַקן די פעקלעך"[130], די ברכות וועלכע מ'האָט באַקומען בתחלת השנה פאַנאַנדערפאַקן, אין די ימים שלאחרי זה, באופן אַז דאָס ווערט בגלוי די נכסים און ברשות פון כל אחד ואחת מישראל.

ועוד והוא העיקר — די ברכה עיקרית — שנת גאולה, דורך דעם וואָס דער רגע הקרוב, דער רגע האחרון פון גלות, ווערט נהפך צו דער רגע הראשון פון גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און עס ווערט דעמולט דער שלימות הגילוי פון „ואני אברכם", „מפי הגבורה", ביז אַז מ'וועט הערן און דער־הערן „תורה חדשה מאתי תצא"[131], „מפי הגבורה", וכמ"ש[132] „לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי".

און דעמולט באַקומט מען אַ צווייענ־דיקן מאָל די ברכות וואָס שטעלן זיך אויס אין אל"ף־בי"ת (כנגד דער כפל האל"ף־בי"ת אין וידוי כנ"ל), און די ברכות דעם צווייטן מאָל זיינען אויף אַ העכערן אופן, זייענדיק ברכות וואָס וועלן זיין לע"ל, אין דער שנת גאולה: אַ שנת אורה, שנת ברכה, שנת גדולה, שנת דיצה, שנת הוד והדר, שנת ועד, שנת זכיות גדולות, שנת חיים טובים, שנת טובות גדולות, שנת יעוד טוב, שנת כפליים לתושי', שנת לימוד מופלג ובמיוחד אין דער „תורה חדשה", שנת מרומים ושנת מלכות בית דוד, שנת נסים ושנת נפלאות, שנת סייעתא דשמיא וב־מיוחד אין פאַרשטיין די „תורה חדשה" (ובפרט אין דעם „ידעו אותי"), נוסף אויף דעם וואָס מ'פאַרשטייט מצ"ע, שנת עוז, שנת פדות, שנת צדקה, שנת קדושה, שנת רוממות, שנת שמחה, שנת תשובה, שנת תורה און שנת תהלה.

וכאמור, דאָס ווערט אויפגעטאָן תיכף ומיד ממש, און מ'דאַרף ניט וואַרטן „לשנה הבאה בירושלים" (ווי מ'זאָגט בסיום וחותם פון יוהכ"פ), נאָר מ'האָט דאָס גלייך, ובמילא וועט זיין (אויך) „לשנה

128) משנה תענית כו, ב ובפרש"י. גמרא שם ל, ב.

129) ישעי' ס, כא.

130) כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר בנוגע להזמן שלאחרי עבודת תשרי (שיחת ליל א' דחג השבועות תש"ח. נדפסה בסה"מ תש"ט ע' 137).

131) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

132) ירמי' לא, לג.

הבאה בירושלים"[133], בארצנו הקדושה בירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, בקדש הקדשים, וואו דער כהן גדול איז עובד עבודתו (כולל —) ביוהכ"פ זה.

יא. בכדי דאָס נאָכמער צואיילן — וועט מען מסיים זיין מיט אויסטיילן געלט לצדקה וואָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט ערב יוהכ"פ (כמנהג ישראל),

— און אע"פ אַז „היום קצר והמלאכה מרובה"[134] (בערב יוהכ"פ בפרט), גיט דער אויבערשטער כח יעדער איד אַז מ'זאָל קענען אַריינשטעלן אין זיין „גבול" (פון „היום קצר") אַלע ענינים, כולל די ענינים שלמעלה ממדידה והגבלה (כולל — „שכר הרבה"[134]) —

ובפרט בערב יוהכ"פ בשנה זו, וואָס פירט גלייך אַריין אין יום השבת (נוסף אויף „שבת שבתון" פון יוהכ"פ), פאַרבונדן מיט „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים", וואָס מעין זה ווערט אויפגעטאָן דורך מצות הצדקה, וועלכע ברענגט „שבת ומנוחה" צו דעם וואָס דאַרף אָנקומען לצדקה,

און דאָס ברענגט אויך די אמת'ע צדקה — צו וועלכע אַלע אידן דאַרפן אָנקומען — אַנשטאָט „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן לבין האומות"[135], ווערט די צדקה פון „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[136], און ברענגט זיי אַלע צוזאַמען, מתוך שמחה וטוב לבב, צוזאַמען מיט חלקם שבעולם, ועאכו"כ מיט כל בני ביתם,

ובפרט ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט דער עבודה ביוהכ"פ, דאע"פ וואָס „שבעת ימים קודם יוהכ"פ מפרישין כהן גדול מביתו"[137], דאַרף דער כהן גדול ביוהכ"פ זיין אַ נשוי, ווי מ'לערנט אָפּ[138] פון דעם פסוק[139] „וכפר בעדו ובעד ביתו" — „ביתו זו אשתו".

יב. ויהי רצון, אַז פון דעם דיבור בכל זה זאָל עס אַראָפּקומען בפועל, אַז די גאולה קומט תיכף ומיד ממש, אַזוי אַז צוזאַמען מיט דער אכילה פון דער סעודה שני' וואָס מ'גייט באַלד עסן [וואָס די נשי ובנות ישראל האָבן שוין זיכער אָנגעגרייט, אָדער אָנגעהויבן אָנגרייטן, באופן פון „הכל מוכן לסעודה"], זאָל מען אויך עסן סעודת לויתן ושור הבר, צוזאַמען מיט אַלע אידן, און צוזאַמען מיט משיח צדקנו,

והקיצו ורננו שוכני עפר[140], ומשה ואהרן עמהם[141] — דער כהן גדול [אהרן כהן גדול און אויך משה איז געווען אַ כהן גדול לדיעה אחת בדא"ח[142]], ובתוכם ובראשנו — כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, און אַלע שוכני עפר פון כל בית ישראל, אָנהויבנדיק פון די אבות ואמהות, און לפני זה — אדם וחוה [וועלכע געפינען זיך אין מערת המכפלה, אין „קרית ארבע"[143]].

און אַלע אידן גייען אין ארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ולקדש הקדשים,

---

133) ראה סה"ש תש"ה ריש ע' 83.

134) לשון המשנה — אבות פ"ב מט"ו.

135) פסחים פז, ב.

136) ישעי' כז, יב.

137) משנה ריש יומא.

138) שם. וראה לקו"ש חי"ז ע' 172 ואילך.

139) אחרי טז, ו.

140) ישעי' כו, יט.

141) ראה תוד"ה אחד — פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

142) זבחים קב, א. וראה בארוכה לקו"ש צו תשמ"ט.

143) חיי שרה כג, ב.

„ותחזינה (אויך ובעינינו – לשון הוה) עינינו לה' בשובך לציון ברחמים" (ווי מ'האָט ערשט מתפלל געווען בתפלת מנ־חה), „בשוב ה' את שיבת ציון"[144], ה' צו־זאַמען מיט אַלע אידן, „ושב ה' אלקיך את שבותך", „והשיב לא נאמר אלא ושב"[145], וואָרום „עמו אנכי בצרה"[146], און עס ווערט מן המיצר אל המרחב, ביז דעם מרחב האמיתי,

און מ'זעט אויך (ותחזינה) ווי דער כהן גדול שבדורנו גייט אַריין אין קדש ה־קדשים ביוהכ"פ זה און טוט דאָרטן די עבודה, און אַלע ענינים וואָס ער טוט דאָרט אויף, כולל – תפלת הכהן גדול בהיכל וועלכע שטעלט זיך אויס אין אַלע אותיות פון אל"ף־בי"ת, ווי אַריינגע־שטעלט אין תפלת מוסף (דציבור) ד־יוהכ"פ אין מחזור השוה לכל נפש,

ובגאולה העתידה וועט דאָך זיין „כל יושבי' עלי'" (כל נפש), וועט מען דעמולט האָבן נוסף צו דער מעלה פון תפלה בציבור, אויך די מעלה פון אַ תפלה פון „כל יושבי' עלי'", מצד דעם מתפלל, מצד דעם מקום און מצד דעם זמן[147],

ותיכף ומיד ממש, והוא העיקר.

144) תהלים קכו, א.

145) נצבים ל, ג ובפרש"י.

146) תהלים צא, יד.

147) ראה מכתב ג' דסליחות ה'תש"נ (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א להתלמידים שיחיו — ערב יום הכפורים לפני כל נדרי, ה'תנש"א

וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל אהרן ואל בניו לאמר, כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחונך, ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום, ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם"[1].

א. ס'איז מובן מעצמו וגם פשוט (און ווי געזעדט אויך בשנים שלפנ"ז[2]), אַז די אַלע וואָס געפינען זיך דאָ, זיינען נכלל אין די ברכות ואיחולים לבביים מקרב ולב עמוק פנימה, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרן לאחרי תפלת מנחה (מיט אַלע פרטים שבדבר);

ובהוספה — בקשר מיט תלמידי הישיבה, וואָס ענינם ועסקם העיקרי איז — לימוד התורה (יששכר[3]), כדלקמן.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין דורך מערער ערקלערן דאָס וואָס מ'האָט פרי־ער גערעדט[4], אַז די שלימות העבודה פון אַ אידן (ווי ס'איז אויך מודגש אין ערב יוהכ"פ און יוהכ"פ) איז דוקא אַלס נשמה בגוף, בעולם הזה הגשמי, תחתון שאין תחתון למטה ממנו. אַזוי אַז אין דעם גוף וגשמיות דוקא זאָל מען מגלה זיין ווי דאָס איז אַ כלי צו רוחניות, ביז אַז די רוחניות'־דיקע קדושה פון אלקות זאָל דורכנעמען די גשמיות אין אַן אַנטפּלעקטן אופן.

ווי דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין מעשה המצוות: שלימות קיום המצוות במעשה בפועל ווערט דורכגעפירט דוקא דורך אַ נשמה בגוף (וועלכער איז בבחינת „תחתון" בערך צו זיין נשמה[5]), און דוקא מיט גשמיות'דיקע ענינים פון עולם הזה[6].

ועד"ז בנוגע צו תורה: תורה „לא בשמים היא"[7], זי איז געגעבן געוואָרען דוקא בארץ הלזו התחתונה, און דער כח אויף פסק'נען אַ דין איז אָפּגעגעבן געוואָרן דוקא צו אידן — אַלס נשמות בגופים למטה[8].

נאָכמער: דוקא דער „יש הנברא" בעוה"ז הגשמי איז פאַרבונדן מיט דעם „יש האמיתי" (עצמותו ומהותו ית')[9], וועל־כער איז משפיע ומברך און גיט כח דעם יש הנברא, דער גוף פון אַ אידן[10]; און דאָס ווערט נתגלה דורך דער עבודה פון אַ אידן מיט זיין גוף הגשמי[11].

1) נוסח ברכת כהנים — נשא ו, כב ואילך. וראה בארוכה בהברכה לאחרי תפלת מנחה ב־תחלתה (לעיל ע' 39).

2) ברכת עיוהכ"פ (להת' שיחיו) תשמ"ה. תש"נ. ועוד.

3) ראה ברכה לג, יח ובפרש"י.

4) בהברכה לאחרי תפלת מנחה ס"ז (לעיל ע' 46־7). וראה בארוכה מכתב מוצש"ק כ"ה אלול ה'תש"נ (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

5) ראה ב"ר פ"ח, יא. פי"ב, ח. וראה תו"א ג, ד ואילך. קונטרס ומעין מאמר טו. המשך תרס"ו ע' תצה. ובכ"מ.

6) וטעם הדבר, כי „נתאוה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים" — ראה בארוכה תניא פל"ו ואילך. וראה מכתב שבהערה 4.

7) נצבים ל, יב. וראה ב"מ נט, ב.

8) ראה לעיל ע' 12־13 ס"ח. וש"נ.

9) ביאורי הזהר (לאדהאמ"צ) בשלח מג, ג. וראה ד"ה ולקחתם לכם תרס"א.

10) כידוע שהחיבור דיש הנברא עם יש האמיתי הוא בעיקר בנוגע לגוף ישראל, אף שבכללות כן הוא בנוגע לכל הבריאה (ראה סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 520 הערה 42). ולהעיר שבחירת וכח העצמות הוא דוקא בהגוף (ראה סה"ש תורת שלום ע' 120 ואילך).

11) וגם זה הוא מהטעמים והמעלות שבמצוות מעשיות דוקא — ראה גם מכתב הנ"ל הערה ד"ה די מעלה . . אין גשמיות דוקא. וש"נ.

און[12] ווי דאָס דריקט זיך אויך אויס אין דעם ענין פון שכר המצוות – כידוע דער פסק דין[13] פון רמב"ן[14], אַז דער תכלית השכר איז דוקא אין דער צייט פון תחיית המתים ווען די נשמות וועלן צוריק אַראָפּקומען אין עוה"ז, און זיך ווידער אָנטאָן אין גשמיות'דיקע גופים: ד.ה. אַז דעם העכסטן ג־טלעכן שכר וועט באַנו־מען ווערן דוקא פון אידן אַלס נשמות בגופים בעוה"ז הגשמי.

ג. צווישן אידן גופא שטייט דער ענין נאָכמער בגלוי באַ ישיבה בחורים – וואָס זייענדיק נשמות בגופים (וגופים בריאים בשלימות – עם רמ"ח איברים ושס"ה גידים), בעוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, איז זייער לעבן און באַשעפטיקונג – לימוד התורה; ביז באופן אַז „תורתם אומנתם" (בלשון חז"ל[15]): זייער אומנות (פאַך) גשמית בעוה"ז הגשמי – באַשטייט פון תורה.

און נאָכמער: באַ זיי זעט מען בגלוי ווי די „וועלט" (יש ומציאות העולם) אַליין איז מסייע און העלפט אַרויס בעבודת השם – ווי דער רמב"ם איז מבאר (אין הלכות תשובה[16]), אַז די כוונה און דער תכלית פון די יעודים גשמיים אין תורה איז בכדי אַז אידן זאָלן קענען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות במנוחת הנפש ומנוחת הגוף בתכלית השלימות, אָן קיינע שטע־רונגען ח"ו. דאָס הייסט, אַז אַ איד דאַרף „זעהן" די מנוחה והרחבה בגשמיות עוה"ז אַלס אַ מיטל צו מסייע זיין אידן בעבודת השם; ובהתאם לזה – דאַרף ער זי אויך אויסנוצן אין דער גרעסטער מאָס;

וואָס דער ענין זעט מען בפועל ביי אַ ישיבה בחור: מ'נעמט פון אים אַראָפּ די דאגות בעניני עוה"ז, דאגות הפרנסה א.ד.ג (וועלכע ווערן באַזאָרגט צו אים דורך זיינע עלטערן, דורך הנהלת ה־ישיבה וכיו"ב), בכדי ער זאָלן קענען לערנען תורה מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, ביז באופן אַז „אומנתו" (הגשמית) איז „תורתו".

– ישיבה בחורים דאַרפן זיכער ניט אָנקומען צו אַ ביאור נוסף בהאמור; און אויב מ'דאַרף דערצו יע אָנקומען – איז אין „(תן לחכם) ויחכם עוד"[17]. ובפרט אַז איר לערנט דאָך תורה בחבורה, קומט במילא צו (אפילו בדרך הטבע פון עולם) אין הצלחת הלימוד[18], און אַלע מעלות פאַרבונדן מיט תלמוד תורה דרבים און ת"ת ברבים.

ד. די מעלה פון תלמידי הישיבה – האָט אַ שייכות מיוחדת מיט יום הכפורים:

ביוהכ"פ, „אחת בשנה"[19], זיינען אידן, אַלס נשמות בגופים – „דוגמת מלאכי השרת"[20], ביז אַז באַ זיי איז מאיר די דרגת הקדושה פון יוהכ"פ – „העשירי יהי' קודש"[21], ביז קדש הקדשים.

ובעבודת ה': ביוהכ"פ איז די תכלית השלימות פון תשובה עילאה[22], די דביקות

---

12) בהבא להלן – ראה בארוכה מכתב הנ"ל. וש"נ.

13) „דין" – ע"ד הדין ומשפט דיוהכ"פ, „דאיהו רחמי", בחי' חסדים הנסתרים, כדלקמן בפנים.

14) בשער הגמול בסופו (בהוצאת שאוועל – ע' שט).

15) ראה שבת יא, א. ובכ"מ (וראה לקו"ש חי"ז ע' 305 הערה 22).

16) פ"ט ה"א.

17) משלי ט, ט.

18) עד ש„אין התורה נקנית אלא בחבורה" (ברכות סג, ב). וראה אבות פ"ו מ"ו. ועוד.

19) ס"פ תצוה. אחרי טז, ל.

20) טור או"ח סתר"ו (מפדר"א פמ"ו). שם סתרי"ט. שו"ע אדה"ז שם ס"ט (מדב"ר פ"ב, לו). רמ"א ושו"ע אדה"ז שם סו"ס תר"י.

21) לשון הכתוב – בחוקותי כז, לב.

22) נסמן בהברכה דלעיל ע' 47 הערה 89.

והתאחדות פון אַ אידן מיט דעם אויבערשטן, וואָס ווערט במיוחד ובגלוי דורך תורה (און יוהכ"פ איז יום נתינת לוחות האחרונות[23]).

דאָס הייסט, אַז ביוהכ"פ איז דאָ אַ חיבור פון צווי קצוות: אַלס נשמות בגופים, פאַרבונדן מיט מדידה והגבלה, ווערט אַ איד פאַרבונדן מיט דרגת הקדושה שלמעלה מכל מדידה והגבלה.

*) משא"כ לדעת רבי אליעזר (הדורש היקש זה שמי שאינו עוסק בפו"ר הריהו כשפ"ד (יבמות סג, ב) דדרשינן סמוכין אע"ג דליכא לא מוכח ולא מופנה (יבמות ד, א)) הנאמר לראשונה בפ' נח („ויברך גו' ויאמר להם פרו ורבו גו'") הוא כולה לברכה (ולא למצוה).

דעם מבול ווען „וימח את כל היקום אשר על פני האדמה גו'"[16], און „וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ"[17] — האָט דער אויבערשטער פון־דאָס־ניי געבענטשט (די חיות וכו' — „ושרצו בארץ ופרו ורבו על הארץ"[18], און אויך[19] געבענטשט) און אָנגעזאָגט נח ובניו „פרו ורבו גו'" — בכדי צוריק אויפבויען אַ יקום.

ובפרט אַז „הי' נח דואג לעסוק בפרי' ורבי' עד שהבטיחו הקב"ה שלא לשחת העולם עוד"[20] (הגם אַז ער האָט געוואוסט וועגן דעם ציווי ה' בפ' בראשית), דערי־בער האָט נח געדאַרפט אָנקומען צו אַ ציווי מיוחד פון „פרו ורבו גו'"[21].

אָבער נוסף אויף דעם וואָס דאָס פאַר־ענטפערט ניט (עכ"פ גלאטיק) פאַרוואָס מ'דאַרף אָנקומען צו נאָך אַ ציווי מה' וב־לשון כפול (און ס'איז ניט גענוג אַ ברכה („ויברך אלקים גו' פרו גו'") והבטחה[22] (שלא לשחת העולם עוד)) — איז משמע פון כללות הענין, אַז דער ציווי (און ברכה) צו נח („ואתם פרו ורבו") איז ניט נאָר צו באַנייען דעם ציווי צו אדם (בפ' בראשית), אַז נח זאָל צוריק אויפבויען די וועלט, נאָר אין דעם קומט צו אַ חידוש כללי אין דעם ציווי (וברכה) [ווי פאַרשטאַנדיק אויך דערפון וואָס בכמה מקומות לערנט מען אָפּ די מצוה לדורות דוקא פון דעם ציווי לנח[23]].

ג. ווערט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין דעם כללות'דיקן חידוש וואָס האָט זיך אויפגעטאָן אין דער וועלט דורכן מבול (לגבי דעם מצב העולם לפני זה, בתחלת הבריאה בפ' בראשית), ווי עס שטייט אין מדרש[24] אַז נח „ראה עולם חדש":

„עולם חדש" איז דער טייטש, אַז ס'איז צוגעקומען אַ חידוש אין מציאות העולם (ניט נאָר לגבי דעם מצב העולם בזמן המבול, נאָר אויך ובעיקר) לגבי דעם מצב העולם קודם המבול, בהתחלת הבריאה.

ולכאורה אינו מובן: וואָס איז דער חידוש בעולם וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך דעם מבול לגבי דעם חידוש בתחלת הבריאה — אַ חידוש אמיתי (מאין ליש) וואָס „בראשית ברא[25] אלקים את השמים ואת הארץ"[26], און דער אויבערשטער איז מהוה ומחי' ומקיים די וועלט מאין ואפס ממש בכל רגע ורגע מחדש[27]?

איז דער ביאור אין דעם: ס'איז מבואר בכ"מ[28], אַז דער מבול איז געקומען (ניט נאָר כדי צו מעניש זיין די חוטאים, נאָר אויך ובעיקר) „לטהר את הארץ" (די מי המבול שירדו ארבעים יום זיינען בדוגמת מי המקוה פון מ' סאה וועלכע זיינען מטהר את האדם), דער מבול האָט מזכך געווען און אויסגעאיידלט די גאַנצע וועלט.

בתחלת הבריאה (קודם המבול) איז די שלימות פון וועלט געווען פאַרבונדן (ניט מיט דער טבע ותכונות המציאות פון וועלט גופא, נאָר) מיט דעם אופן וכח פון

16) פרשתנו ז, כג.
17) בראשית ו, ו.
18) פרשתנו ח, יז.
19) ראה רמב"ן כאן.
20) פרש"י שם ט, ט.
21) כביאור הרא"ם הנ"ל (הערה 14).
22) כקושיית המהרש"א שבהערה הנ"ל.
23) ראה לעיל הערות 2, 10.

24) ב"ר פרשתנו פ"ל, ח.
25) ראה רמב"ן עה"פ: ואין אצלנו בלשון הקודש בהוצאת היש מאין אלא לשון ברא.
26) בראשית א, א.
27) תניא שער היחוד והאמונה פ"א.
28) תו"א ריש פרשתנו (ח, ג ואילך). ובארוכה — תו"ח שם (נט, ב ואילך). ובכ"מ.

איר באַשאַפונג דורך דעם אויבערשטן — „עולם על מילואו נברא"[29].

און דעריבער האָט געקענט זיין, ווי ס'איז געווען בפועל, אַז דורך דעם וואָס „רבה רעת האדם בארץ", האָט דאָס גע־בראַכט אַז „וינחם ה' כי עשה גו' אמחה גו'"[30], דער חורבן העולם והפסק בסדרי הבריאה — וואָרום הגם אַז די בריאה איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן (על מילואו), און אין אַן אופן אַז „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"[31], איז אָבער היות אַז די בריאה איז געווען מצד דעם אופן פון זיין באַשאַפונג דורכן בורא (ניט מצד דעם תוכן פון עולם גופא) דערפאַר האָבן דאַן די חטאים (וועלכע האָבן די וועלט דערווייטערט פון בורא און זיין רצון) גורם געווען די ירידה אין אַזאַ אופן, אַז ס'איז ניט געווען שייך זי זאָל נתברר ונתעלה ווערן („לא הי' שייך בירור"[32]).

און וויבאַלד אַז דורכן חטא פון דור המבול איז די וועלט אַזויפיל נתקלקל געוואָרן ביז „מלאה הארץ חמס"[33], און מצד וועלט איז דאַן ניט געווען קיין אפשריות אויף בירור ועלי', דעריבער איז ניט פאַרבליבן קיין טעם אויף איר מציאות, און „וינחם ה' כי עשה גו' אמחה גו'".

משא"כ לאחרי המבול, וואָס דעמולט האָט זיך אויפגעטאָן די טהרת וזיכוך הארץ (פון וועלט גופא), אַז אויך בשעת זי שטייט אין אַ מצב ירוד ביותר זאָל זי קענען נתברר ונתעלה ווערן (ע"י עבודת התשובה), אָנהויבנדיק דורך דער עבודה פון „נח נח איש צדיק תמים הי' בדור־רותיו"[34] (ניט קוקנדיק אויף דער הנהגה פון כל אנשי דורו) — דערפאַר איז דע־מולט אַריינגעגעבן געוואָרן אַ תוקף אין דער בריאה, „לא ישבותו"[35], ביז די כריתת ברית פון „ולא יכרת כל בשר . . . ולא יהי' עוד מבול וגו'"[36] — אין וועלכן מצב די וועלט זאָל נאָר זיין[37].

און אין דעם באַשטייט דער חידוש אין עולם — „עולם חדש" — וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורכן מבול: דער חידוש גמור אין דער בריאה אַז דעמולט האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אַ נייע יכולת ותכונה אין וועלט, אַז זי גופא זאָל קענען נזדכך ונתעלה ווערן.

ד. דער ענין איז אויך מרומז אין דעם נאָמען פון נח (ושם כל הפרשה):

נח איז פון לשון נייחא[38], און „נח נח" שתי פעמים איז נייחא בכפליים — „נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים"[38]. וכמבואר בכ"מ[39], אַז נח איז בחי' שבת (וכמ"ש[40] „וישבת" ותרגומו „ונח"), „נייחא דרוחא", „שהוא בחינת שביתה, כאדם השובת ממלאכתו".

נח (איש צדיק) האָט אויפגעטאָן און אַריינגעבראַכט מנוחה בעולם, און דער־פאַר ווערן די מי המבול אָנגערופן על

29) ראה ב"ר פי"ב, ו.
30) בראשית ו, ה ואילך.
31) שם א, לא.
32) סד"ה את קשתי תרנ"ד (סה"מ תרנ"ד ריש ע' מח). וראה מאמרי אדה"ז — פרשיות פרשתנו ע' ס. אוה"ת פרשתנו (כרך ג) תרנב, סע"א ואילך. פלח הרמון פרשתנו ד"ה את קשתי פ"ג.
33) פרשתנו ו, יג.
34) ריש פרשתנו.
35) שם ח, כב.
36) שם ט, יא.
37) בכל הנ"ל — ראה לקו"ש חט"ו ע' 51 ואילך.
38) ב"ר פרשתנו פ"ל, ה. וראה זח"א נח, ב.
39) תו"א ריש פרשתנו (ח, ג). שם ט, סע"א ואילך. י, א. ועוד.
40) בראשית ב, ב.

שמו „מי נח"[41] — ווייל זיי האָבן מטהר געווען את הארץ, וואָס דורך דעם איז געוואָרן מנוחה בעולם (נוסף צו דער מנוחה לאחרי המבול, אויך ובעיקר מנוחה בעולם לגבי מצבו קודם המבול), אַז אויך עולם, מצד איר ענין גופא, זאָל זיין שייך צו בירור וזיכוך. און דורך דעם — באַקומט די וועלט אַ תוקף מנוחה פון „לא ישבותו".

און נאָכמער: „נח נח" שתי פעמים באַווייזט, אַז ער האָט אויפגעטאָן די מנוחה ונייחא „לעליונים" און „לתחתונים"[42] ווי זיי ווערן נתאחד צוזאַמען (אַזוי ווי נח איז איין מענטש שנכפל שמו), אַז תחתונים (מצד ענינם הם) זאָלן נתאחד ווערן מיט עליונים.

— דער ענין פון שבת ומנוחה איז געווען שוין בסיום וגמר הבריאה (קודם המבול), און דאָס האָט אויפגעטאָן אַ שלימות אין דער בריאה („מה הי' העולם חסר מנוחה, באת שבת באת מנוחה"[43]) — אָבער דאָס איז געווען אַ חלק (גמר ושלימות) פון דער בריאה ע"י הקב"ה, „ויכל[44] אלקים גו'"[45]; משא"כ דורך נח (און „מי נח") איז צוגעקומען (דורך עבודת האדם) אַ מנוחה אין וועלט מצד איר ענין גופא. און דעריבער איז דאָס אויך אַ נייחא בכפליים[46] („כפליים לתושי'", וואָס קומט דורך עבודת המטה[47]).

ה. בכדי אויפטאָן טהרת הארץ (בכדי אַז עולם מצד איר ענין גופא זאָל קענען נזדכך ונתעלה ווערן) פאָדערן זיך צוויי ענינים: (א) טהרת העולם וואָס ווערט דורך דעם ביטול פון דעם „ותשחת" און „חמס" בארץ דורך דעם מבול וואָס „בלה את הכל כו'"[48], (ב) די פעולה חיובית פון בירור וזיכוך העולם (און ניט ברעכן די וועלט).

ויש לומר, אַז בכללות איז דאָס אויפגעטאָן געוואָרן דורך דעם (א) מבול וועלכע האָט מטהר געווען די וועלט פון „מלאה הארץ חמס"[49], דורך „בלה את הכל" (אַלץ וואָס איז חוץ מן התיבה), וואָס בגלוי איז דאָס היפך פון מנוחת וקיום העולם, און (ב) תיבת נח, וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט[50] „עשה לך תיבת גו'", אַז בשעת המבול (וואָס „בלה את הכל") זאָלן נח ובני ביתו געפינען זיך אין דער תיבה, און באַשיצט ווערן פון מי המבול און בלייבן במציאותם, וואָס דאָס גיט דערנאָך דעם כח צו טאָן די עבודה אין בירור וזיכוך העולם בדרך נייחא (לעליונים ולתחתונים), ניט דורך ביטול העולם:

---

41) ישעי' נד, ט.

42) מנוחה — הן בלשון הקודש (נח), והן בלשון ארמית (נייחא), ע"ד עליונים ותחתונים. ולהעיר שארמית הוא א' משבעים לשון אוה"ע, וביחד ע"ז קשור במיוחד עם להי"ק (ראה לקו"ש חכ"א ע' 447 הערה 10. וש"נ), וע"י השימוש בהע' לשון נפעל בירור באוה"ע (ראה תו"א משפטים עז, ד. עח, ג), שהכח לזה ניתן ע"י המבול, „מי נח", שבא לטהר ולזכך את הארץ.

43) פרש"י עה"פ בראשית ב, ב.

44) שם.

45) וגם קיום מצות שבת ע"י אדה"ר הוא קיום השבת שמיקדשא וקיימא מלמעלה (ביצה יז, א).

46) משא"כ הכפל במעשה בראשית — יום שלישי שהוכפל בו כי טוב, ויום הששי שהוכפל בו טוב: (א) הי"ז טוב מלמעלה, „וירא אלקים כי טוב" (בראשית א, יב. ועד"ז שם, לא), (ב) גם הכפל הוא חלק מהבריאה, כי הכפל ביום השלישי הוא לגמר מלאכת יום השני (פרש"י שם, ז), והכפל ביום הששי הוא לגמר כל הבריאה, „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד".

47) ראה בארוכה סה"מ מלוקט ח"א ע' שסד ואילך. וש"נ.

48) פרש"י עה"פ ו, יז.

49) פרשתנו שם, יג.

50) שם, יד.

דער אויבערשטער האָט געהייסן נח'ן אַריינגעמען אין תיבה אַלע חלקי העולם: מין המדבר — נח ובני ביתו, מין החי — „מכל החי וגו'"[51], מין הצומח ומין הדומם — „מכל מאכל אשר יאכל"[51], און אויך אַלע עולמות פון סדר השתלשלות — כמבואר אין חסידות[52], אַז די דריי דרגות אין תיבה, „תחתיים שניים ושלישים"[53] זיינען כנגד די ג' עולמות בי"ע (בי"ע דכללות, און בי"ע הפרטית)[54],

און אין דער תיבה (וכל הנמצאים בה — כל סדר השתלשלות) האָט געהערשט אַ מצב פון שלום ומנוחה, מעין ווי עס וועט זיין לעתיד לבוא[55] — „וגר זאב עם כבש גו' לא ירעו ולא ישחיתו גו'", צוליב דעם וואָס „מלאה הארץ דיעה את ה'"[56] [פונקט פאַרקערט ווי דער מצב בעולם דעמולט — „מלאה הארץ חמס"].

וואָס דאָס האָט געגעבן דעם כח, אַז דערנאָך ווען עס וועט זיין „צא מן התיבה"[57], און אין אַלע זמנים לאחרי זה — זאָל מען קענען אויפטאָן דעם בירור וזיכוך העולם, באופן אַז עולם עצמו זאָל נתעלה ווערן (באופן של נייחא).

וכמרומז אויך אין דעם לשון הציווי (בעשיית התיבה)[58] „ואל אמה תכלנה מלמעלה": „אמה"[59] ר"ת „אלקינו מלך העולם", דורך[60] אלקינו (דער ג-ט פון אידן) ווערט דער אויבערשטער — מלך העולם [אידן זיינען ממליך דעם אויבערשטן, „תמליכוני עליכם"[61], אַלס מלך ישראל, און דורך דעם — מלך על כל העולם], אַז אויך אין עולם מלשון העלם[62] והסתר ווערט נתגלה מלכותו ית'. „תכלנה מלמעלה", אַז אויך די כלים יעשו מלמעלה[59].

ולהוסיף, אַז „תכלנה" איז אויך פון לשון כליון, וביחד עם זה איז דאָס אויך פון לשון תענוג — ע"ד „ויכולו" פון שבת, מלשון כליון ומלשון תענוג[63] — אַז עס ווערט דער כליון ועלי' פון עולם ניט באופן של כליון וביטול, נאָר באופן אַז מציאות העולם עצמה ווערט נתעלה (בדוגמת תענוג שבת וואָס נעמט דורך אכילה ושתי'[64]).

ו. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין דעם טעם וחידוש אין דעם ציווי „ואתם פרו ורבו גו'" נאָכן מבול לגבי דער ציווי לאדם (קודם המבול):

די ברכה און ציווי ה' „פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" וועלכע דער אויבערשטער האָט געזאָגט נאָך בריאת האדם („ויברא אלקים את האדם גו' זכר ונקבה ברא אותם"[65]) — איז אַ ברכה כללית און אַ ציווי כללי וועלכער גיט אַרויס דער תפקיד ותכלית פון בריאת האדם: ער זאָל זיך מערן און אָנפילן און באַזעצן דאָס לאַנד און איר איינעמען, ובלשון הידוע[66]

---

(51) שם, יט ואילך.

(52) אוה"ת פרשתנו תרכז, א.

(53) ו, טז.

(54) ראה אוה"ת שם. וראה לקו"ש ח"כ ע' 296 הערה 26.

(55) ד"ה כי פדה לאדה"ז (סה"מ אתהלך לאזניא ע' נז), ועם הגהות — אוה"ת פרשתנו תרסט, א ואילך. מאמרי אדה"ז — ענינים (ע' פז), ועם הגהות — אוה"ת שם תרלד, א ואילך. שם תרלז, ב. המשך וככה תרל"ז פצ"ה-צו. ועוד. וראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 29.

(56) ישעי' יא, ו-ט.

(57) פרשתנו ח, טז.

(58) שם ו, טז.

(59) פירוש כ"ק מו"ח אדמו"ר — נעתק בלקו"ש ח"א ע' 10. ח"ט ע' 329. אגרות ח"א ע' מט.

(60) ראה לקו"ת אחרי כו, א. ובכ"מ.

(61) ראה ר"ה טז, א. לד, ב.

(62) לקו"ת שלח לז, ד.

(63) בראשית ב, א. אוה"ת עה"פ.

(64) ראה טושו"ע ודאדה"ז או"ח סרמ"ב.

(65) בראשית א, כז.

(66) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ז.

– לעשות לו יתברך דירה בתחתונים[67]. דער אויבערשטער האָט געבענטשט און געגעבן אַ מענטש דעם כח ער זאָל געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע אירע באַשעפענישן („ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חי' הרומשת על הארץ"[68]), ער זאָל איינעמען די וועלט און מאַכן פון איר אַ „דירה" פאַר דעם אויבערשטן.

אָבער בתחלת הבריאה, וויבאַלד אַז די שלימות פון אדם (כולל – די ברכה וציווי פון „פרו ורבו גו'") איז געווען (ניט מצד זיין טבע ותכונות גופא, נאָר) מצד דעם כח פון זיין באַשאַפונג דורך דעם אויבערשטן, דעריבער האָט געקענט זיין, ווי ס'איז געווען בפועל, אַז דורך דעם וואָס „רבה רעת האדם בארץ", האָט דאָס געבראַכט אַז „וינחם ה' כי עשה גו' אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה גו'"[30*], כולל – דער ביטול הברכה והציווי פון „פרו ורבו גו'"[69], וואָרום דער אדם – מצד זיך אַליין – איז ניט געווען קיין כלי אויף דעם, ואדרבה: אַנשטאָט „פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" און פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ דירה לו יתברך, איז „רבה רעת האדם בארץ" [כולל – הנהגה היפך פון „פרו ורבו גו' וכבשוה" ע"פ התורה], און געבראַכט אַז „אמחה את האדם גו'".

און דעריבער, לאחרי המבול – ווען ס'איז געוואָרן „עולם חדש", עס האָט זיך אויפגעטאָן די טהרה וזיכוך הארץ (פון וועלט גופא), אָנהויבנדיק דורך דער עבודה פון „נח נח איש צדיק גו'" – האָט געדאַרפט זיין אַ נייע ברכה וציווי אויף „פרו ורבו גו'", בהתאם צו דעם „עולם חדש" (ומצב חדש בא נח ובניו)[70], אַ ברכה וציווי אויף דער עבודה פון „פרו ורבו גו'" באופן אַז (א) מ'מאַכט די וועלט (מצד איר ענין גופא[71]) אַ דירה לו יתברך, און (ב) אַ ברכה וציווי וואָס וועט (ניט בטל ווערן, נאָר) בלייבן קיים ונצחי על כל הזמנים[72] („לא ישבותו", „ולא יכרת כל בשר . . . ולא יהי' עוד מבול וגו'") – ניט ווי דער ברכה וציווי[71] הראשון וואָס איז געווען (א) ניט לפי ערך גדרי העולם[71], און במילא (ב) האָט ניט געהאַט קיין קיום למטה (ע"י האדם)[73].

67) ראה חסד לאברהם (מעין שני נהר סד) בנוגע למצות פו"ר, ד„שכינה בתחתונים תלוי' במצוה זו". ולהעיר מהמבואר בכ"מ, שע"י מצות פו"ר נעשה גילוי כח הא"ס למטה – ראה בנדו"ד לקו"ש חכ"ה ע' 32. וש"נ.

68) בראשית שם, כח. וראה רמב"ן עה"פ.

69) ראה לקמן הערה 73.

70) ראה מדרש הנעלם פ' נח (הובא בבאר השדה נח שם בביאור דברי הרא"ם שבהערה 14), אם התורה היתה ממדרשו של שם למה הוצרך הקב"ה לצוות לב"נ אותן הז' מצוות שנצטוו שהרי בתורה נכתבו קודם לכן כו'. ומבאר שם (בבאר השדה), שכיון שבא מבול לעולם ותשחת הארץ והשתא פנים חדשות באו לכאן והעולם נתחדש וכרת עמהם ברית, מן הראוי' הי' שיתן להם הקב"ה תורה חדשה שלימה, אלא משום שחשש הקב"ה שיפרקו עול כו' לכן בירר להם ז' מצוות כו', ולכן חזר וצוה להם שישמרו הז' מצוות הללו.

71) ראה בארוכה שלי"ה חלק תושב"כ ריש פרשתנו בביאור ההפרש בין ציווי פו"ר לאדה"ר והציווי לנח ובניו. ושם – שהציווי לאדה"ר הוא „מלמעלה למטה", והציווי לנח – „מלמטה למעלה".

72) ועפ"ז יומתק ביאור הרא"ם (דלעיל הערה 14), שטעם כפל הציווי הוא משום שהי' נח דואג לעסוק בפו"ר שמא לא יתקיים העולם.

73) ראה תנחומא ישן ברכה א' (נעתק בתו"ש פרשתנו ט אות ב): כשברא את האדם ברכו שנאמר ויברך אותם אלקים, והי' העולם מתנהג באותה ברכה, עד שבא דור המבול ובטלוה, שנאמר ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי, ראה הקב"ה שבטלה מהם אותה ברכה, חזר ובירך את נח ואת בניו כו'. וראה שלי"ה שם, שבאם לא חטא אדם הי' נתקיים בו המצוה ד„פרו ורבו גו'" באופן שכל א' מהתולדות יתקיימו באיש, וע"י החטא כו' ובא המבול ולא נתקיים אפילו במין, ואלה תולדות נח שיצא מן

ויש לומר, אַז דער כח (בכללות) אויך אויף דער צווייטער ברכה וציווי (לנח ובניו) קומט פון דער ערשטער ברכה וציווי (לאחרי בריאת האדם), וועלכע איז אַ ציווי כללי הכולל כל אופני העבודה פון „פרו ורבו גו'" (מצד הציווי למעלה — לפני המבול, ומצד עבודת המטה — לאחרי המבול), אָבער שלימות הענין איז אַרויס דורך דער ברכה וציווי און קיום מצוה זו בפועל לאחרי המבול.

ז. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם השינוי אין לשון הציווי בפ' נח וואו עס שטייט ניט „וכבשוה" און מ'איז מוסיף „שרצו בארץ ורבו בה", בשינוי פון דעם לשון הציווי בפ' בראשית:

„וכבשוה" איז דער טייטש אַז מ'איז כובש אַ זאַך בעל כרחו, ניט ברצון הנכבש[74] [ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון דרשת חז"ל[75] (הובא בפרש"י) אויף „וכבשוה", „איש דרכו לכבוש ולא האשה", וואָס דאָס גייט אויף כיבוש הארץ במלחמה[75]]. ע"ד דער ענין הממשלה[76] וואָס איז בעל כרחו, ניט ווי ענין המלכות — וואָס איז ברצון (ווי דער לשון[77] „ומלכותו ברצון קבלו עליהם")[78].

דאָס הייסט, אַז „וכבשוה" (בכללות) באַדייט אַ מצב מיט וועלכן מ'דאַרף מלחמה האָבן און איבערמאַכן בעל כרחך, ווייל מצ"ע (ברצונו) האָט ער דערצו קיין שייכות ניט.

אין דער עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים בתחלת הבריאה (קודם טהרת וזיכוך העולם ע"י המבול) — פאָדערט זיך במיוחד אַ פעולה באופן פון „וכבשוה", וואָרום די שלימות אין וועלט איז מצד כח הבורא און ניט מצד ענינה (דהעולם) גופא, ואדרבה — די וועלט מצ"ע איז נאָך ניט קיין כלי צו אלקות. דעריבער דאַרף מען איר כובש זיין, באופן של ממשלה.

משא"כ לאחרי דעם כח הטהרה והזיכוך בעולם וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך דעם מבול און דורך עבודת נח — איז דעמולט ניט די הדגשה אויף כיבוש הארץ, היפך רצון העולם, ווייל אדרבה — דעמולט איז געגעבן געוואָרן דעם כח אויף טאָן שלימות העבודה באופן פון „מלכותו ברצון קבלו עליהם". דעריבער שטייט דאָרט ניט „וכבשוה", נאָר דער לשון „פרו ורבו", וואָס באַדייט די עבודה חיובית (בדרך נייחא, ברצון), און נאָכמער — „(פרו ורבו) שרצו בארץ ורבו בה", אַ הוספה אין דער פעולה חיובית והתפשטות בריבוי[79] פון תולדות האדם בכל הארץ[80] (משא"כ בפ' בראשית שטייט נאָר „פרו ורבו ומלאו את הארץ").

ובפרטיות יותר:

וויבאַלד אַז „וכבשוה" שטייט אין דעם ציווי ראשון וכללי פון „פרו ורבו גו'" (לאחרי בריאת האדם), וועלכע גיט אַרויס תכלית בריאת האדם (כנ"ל), איז פאַר־

התיבה קיום העולם בפרי"ר קיום במין, עד זמן משיח בן דוד אז יתקיים באיש כו', עיי"ש.

74) ולהעיר מפרש"י ר"פ בראשית: לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים.

75) רש"י קדושין לה, א ד"ה „(איש) דרכו לכבש" — את הארץ במלחמה ואין דרכה כו', וכיון שלא קרינן בה וכבשוה לא קרינן בה פרו ורבו.

76) ראה רמב"ן עה"פ בראשית שם: וכבשוה, נתן להם כח וממשלה בארץ לעשות כרצונם כו'.

77) ברכת אמת ואמונה.

78) לקו"ת דברים א, ריש ע"ב. דרושים לר"ה נו, סע"ב. סידור (עם דא"ח) נג, ג. מילואים ליהל אור — ע' תרפה. ובכ"מ.

79) ראה פרש"י ר"פ שמות עה"פ וישרצו (א, ז): שהיו יולדות ששה בכרס אחד.

80) ראה רמב"ן עה"פ: יכפול המצוה לחזוק לומר שיתעסקו בה בכל יכולת או שציוום ביישוב כל הארץ.

שטאַנדיק אַז אין דעם איז דאָ (אויך) אַ מעלה:

די עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים באַשטייט אין דעם, אַז עס זאָל פריער זיין אַ מציאות פון תחתונים, וועלכע זיינען מצ״ע ניט קיין כלים צו אלקות, און דורך דער עבודה פון דעם מענטשן זאָל ער זיי ״כובש״ זיין און איבערמאַכן פאַר אַ דירה לו יתברך.

און אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי ענינים: כיבוש בדרך כפי׳ וממשלה — בירור בדרך מלחמה (מיט אַ תחתון וואָס מצ״ע איז נאָך ניט מבורר ומזוכך כו׳), ובכללות — די עבודה לפני זיכוך וטהרת העולם ע״י המבול; די עבודה באופן פון ״מלכותו ברצון קבלו עליהם״ — בירור בדרך מנוחה (נייחא), ובכללות — דער סדר העבודה וואָס איז נתחדש געוואָרן לאחרי המבול (ווען אין וועלט איז אַריינ־געגעבן געוואָרן דעם כח אַז די וועלט מצד ענינה זאָל נזדכך ווערן)[81],

וואָס דערפאַר שטייט דאָרט ניט ״וכב־שוה״, ווייל דער עיקר חידוש לאחרי המבול איז דער כח אויף דער עבודה אין זיכוך וטהרת העולם [הגם אַז אויך לאחרי המבול איז דאָ די עבודה בדרך כיבוש (אפילו בנוגע לבני אדם), עאכו״כ בנוגע לממשלת האדם בחיות הארץ כו׳, ווי עס שטייט אין פ׳ נח (בהמשך צו דער ברכה פון ״פרו ורבו גו׳״)[82] — ״ומוראכם וחתכם יהי׳ על כל חית הארץ וגו׳״].

ח. ע״פ הנ״ל וועט מען פאַרשטיין דרשת חז״ל[82] אויף ״וכבשה״ (חסר וא״ו) — ״איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכ־בוש״ (ובלשון רש״י עה״פ: ״האיש שדרכו לכבוש מצווה על פו״ר ולא האשה״), כדעת רבנן (וכ״ה ההלכה[83]):

דער פירוש אין דעם איז ניט — כדעת הטועים — אַז דער ענין ותוצאה פון ״וכבשוה״ איז ניטאָ ביי אַן אשה, וואָרום ״פרו ורבו גו׳״ איז אַ ציווי כללי וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן לאחרי בריאת האדם, וועלכער גיט אַרויס דער תפקיד פון יעדער מענטש (מאַן און פרוי), צו זיך מערן (האָבן קינדער) און זיך באַזעצן און אויפטאָן אין דער וועלט.

ויש לומר הביאור בזה:

דער ציווי (״פרו ורבו גו׳ וכבשוה״) צו דעם איש איז אויך כולל די אשה, וואָרום זי איז אַ חלק פון דעם איש, ווי עס שטייט[65] אַז בריאת האדם (״ויברא אלקים את האדם״) איז אין אַן אופן פון ״זכר ונקבה ברא אותם״, און דערנאָך — איז די אשה באַשאַפן געוואָרן דורך ״ויקח אחת מצלעותיו״[84] [וכפרש״י[65]: שנבראו שני פרצופים בריאה ראשונה ואחר כך חלקו], און דעריבער איז מובן, אַז דער ציווי (״פרו ורבו גו׳״) צו דעם איש (וואָס איז געקומען גלייך נאָך ״ויברא אלקים את האדם גו׳ זכר ונקבה ברא אותם״) איז אויך כולל די אשה, זייענדיק אַ חלק (״אחת מצלעותיו״) פון דעם איש[85].

---

81) ועפ״ז יש לומר, שהענין ד״וכבשוה״ הוא (בפרט אחד) עוד יותר לאחרי המבול, כי קודם המבול הי׳ ב׳ קצוות — צדיקים שעבודתם היא באופן ד״מלכותו ברצון״ (ואין צורך בכיבוש), ורשעים (עד ״מלאה הארץ חמס״), שלא שייך לכובשם ולבררם. משא״כ לאחרי הטהרה והזיכוך של המבול, יש מציאות של עולם ששייך לכבוש ולברר כו׳ (וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 51 ואילך).

82) ט, ב.

83) רמב״ם הל׳ אישות פט״ו ה״ב. טושו״ע אה״ע סו״ס א.

84) בראשית ב, כא.

85) ולהעיר מהפרת נדרים, שהבעל מפיר נדרי אשתו (והאב מפיר נדרי בתו) — משנה כתובות מו, ב. ועוד. רמב״ם הל׳ נדרים פי״א ה״ז ואילך. וראה בארוכה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך הפרה (כרך י ע׳ קיא ואילך). ושי״נ.

ובמכ"ש וק"ו פון דעם ביאור בכתבי האריז"ל[86] בנוגע צו מצוות עשה שהזמן גרמא (אין וועלכע נשים זיינען פטורות), אַז „בעשות הזכר את המצוה אין מהצורך שגם הנשים תעשנה לבדה כי כבר נכללת עמו בעת שעושה אותה המצוה כו', וז"ע מה שארז"ל[87] אשתו כגופו דמיא" [און ווי עס שטייט אויך אין זהר[88], אַז אַן איש ואשה איז כל א' לעצמו „פלג גופא"], עאכו"כ במצות פו"ר, אין וועלכע אַן אשה האָט אַ חלק וסיוע במעשה בפועל [און דערפאַר „יש לה מצוה מפני שהיא מסייעת לבעל לקיים מצותו"[89]], ביז אַז דוקא אין איר איז תלוי אַז דער איש זאָל קענען אויספירן זיין ציווי (דורך „והיו לבשר אחד"[90]), און נאָכמער: דער עיקר ענין ההולדה ווערט דורכגעפירט דוקא דורך דער אשה — איז זיכער אַז די מצוה פון דעם איש איז כולל און ווערט נמשך צו דער אשה[91].

וע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו דער מצוה פון „פרו ורבו", אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו דעם פרט (אין דער מצוה) פון „וכב־שוה", אַז הגם ש„איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש", איז דער „וכבשוה" פון דעם איש כולל און ווערט נמשך צו דער אשה.

ט. ויש לומר נאָכמער: נוסף אויף דעם וואָס דער „וכבשוה" פון דעם איש ווערט נמשך צו דער אשה — איז אויך באַ דער אשה דאָ (בעבודה רוחנית) די פעולה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך „וכבשוה"[92] [און דאָס גופא ווערט צו איר נמשך דורך איר בעל (זייענדיק „אחת מצלעותיו"), און לויט די הוראות פון בעל, כמאחז"ל[93] אשה כשרה שעושה רצון בעלה].

ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז אַן אשה ובת בישראל איז באַשאַפן געוואָרן (אַזוי ווי אַן איש) צו אויפטאָן און „איינעמען" איר חלק בעולם. ובפרטיות: זייענדיק אַן עקרת הבית (ועד"ז אויך די בת המתחנכת בהתאם לזה) ליגט אויף איר די אחריות צו „כובש" זיין און זיין אַ בעה"ב'סטע אין איר שטוב און אַלע בני בית, און זיי באַלייכטן מיט „נר מצוה ותורה אור"[94]. ואדרבה: עיקר והתחלת עבודת „הכיבוש" הויבט זיך גאָר אָן אין שטוב, און דערנאָך ווערט עס נמשך מחוץ לבית (דורך דעם איש שדרכו לכבוש). ועד"ז בכיבוש המלך, איז ער פריער כובש מדינה שלו און דערנאָך מדינות אחרות (אַ מלך טיפשי[95] איז כובש מדינות אחרות פאַר זיין אייגענע מדינה . . .).

און דאָס וואָס חז"ל זאָגן אַז „איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש", י"ל דער פירוש אין דעם, אַז דאָס איז מבאר דעם חילוק אין דעם אופן ופעולת הכיבוש צווישן אַן איש און אַן אשה[96]:

---

86) טעמי המצוות פ' בראשית. שער מאמרי רשב"י לתקו"ז תס"ט. וראה מערכת האלקות פ"י. וראה אוה"ת בא ע' שמט־שנ. פינחס ע' איקצט־איר. לקו"ש חל"א יתרו תשמ"ט ס"ד ואילך.

87) מנחות צג, ב (וראה תוד"ה ידו שם). ברכות כד, א. ושי"נ. זח"ב קיז, ריש ע"ב.

88) ח"ג ז, ב. קט, ריש ע"ב. רצו, א.

89) ר"ן רפ"ב דקידושין. וראה קרבן נתנאל על הרא"ש שם. וראה לקו"ש חי"ד ע' 41 ואילך. ועוד.

90) בראשית ב, כד.

91) ואדרבה: כיון שהאשה היא חלק מן האיש — אינו מתאים שיהי' ציווי בפ"ע אל האשה (דכל יתר (בקדושה) כבטול דמי — חולין נח, ב. ועוד).

92) ולהעיר מהשקו"ט באם האשה יוצאת ל־מלחמה (מלחמת מצוה) — ראה ס' לאור ההלכה (להרש"י זוין) ע' כה ואילך. ושי"נ.

93) ילק"ש שופטים רמז מב. ועוד.

94) משלי ו, כג.

95) ראה מגילה יב, א.

96) ולהעיר שגם להדיעות שאשה יוצאת ל־מלחמת מצוה (ראה לעיל הערה 92), פעולתה שונה מפעולת האיש במלחמה — ראה לאור ההלכה שם.

כיבוש בפירושו הפשוט (כנ״ל ס״ז) — איז אַז מ׳איז כופה דעם נכבש בעל כרחו (היפך רצונו) דורך אַרויסגיין קעגן אים במלחמה מיט אַ תוקף וחיזוק (און אַמאָל — מיט געשרייען) — איז דער דרך פון אַן איש, „איש דרכו לכבוש״, אָבער דאָס איז ניט דער דרך פון אַן אשה, „ואין האשה דרכה לכבוש״ (באופן פון כיבוש האיש), וואָרום „כבודה בת מלך פנימה״[97], און איר דרך איז ניט דורך אַרויסגיין און מיט אַ תוקף וחוזק (פאַרבונדן אַמאָל אויך מיט גאוה) וואָס רייסט די אויגן וכו׳.

משא״כ דער ענין און „כיבוש״ (הנ״ל ס״ז), אַז מ׳איז כובש און מ׳מאַכט איבער דעם תחתון פון וועלט (וואָס מצ״ע איז ניט קיין כלי אויף אלקות) פאַר אַ דירה לו יתברך — איז דאָס פאַראַן (אויך) ביי אַן אשה[98]:

און דער „כיבוש״ ביי אַן אשה איז באופן פון „וכבשה״ חסר וי״ו, אָן אַ המ־שכה מחוץ הימנה והמשכה מחוץ להג־בלות שלה, נאָר באופן פון „כבודה בת מלך פנימה״[97], „פנימה״ דוקא — סיי פנימה במקום, אַז איר עיקר עבודה איז אין בית פנימה (אַלס עקרת הבית), און סיי פנימה אין תוכן — אַז איר אופן הפעולה איז ניט מיט אַ תוקף און שאַרפקייט, נאָר פנימה — מיט אַ פנימיות׳דיקע איידלקייט, און כבודה — בדרך כבוד ודרך ארץ ומנוחה.

י. ועפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק די שייכות פון דעם לימוד פון „וכבשוה״, אַז „איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכ־בוש״ מיט דעם אַז האיש מצווה על פו״ר: וויבאַלד אַז „איש דרכו לכבוש״, באופן של השפעה בתוקף וכו׳, דערפאַר איז ער מצווה בפו״ר, משא״כ די אשה שאין דרכה לכבוש איז מקבל די מצוה פון דעם איש: און דערפון ווערט עס אויך נמשך אין זייער אופן העבודה, אַז פעולת האיש הערט זיך שטאַרק אָן (בדרך כיבוש), משא״כ פעולת (ו„כיבוש״) האשה איז אין אַן אופן „פנימה״[99].

דערפון איז אָבער אויך מובן, אַז ניט נאָר וואָס בא דער אשה איז ניטאָ קיין חסרון לגבי האיש, נאָר אדרבה: איר אופן הפעולה האָט אין זיך אַ מעלה לגבי פעולת האיש: וויבאַלד אַז „איש דרכו לכבוש״, באַווייזט עס אַז דער עיקר אופן ווי ער קען אויפטאָן איז דורך כיבוש וממשלה[100] (און ניט דורך מלכותו ברצון קבלו עליהם), הן מצד דעם חסרון במצב התחתון והן מצד דעם חסרון בכח האדם, אַז זיין השפעה איז אַ השפעה חיצונית (ע״ד די עבודה קודם המבול): משא״כ אַן אשה, וואָס „אין דרכה לכבוש״, טוט אויף באופן „פנימה״, בכבוד ובדרך ארץ (באופן של נייחא[101]), אַ השפעה פנימית — אַזוי אַז דעם מיט וועמען מ׳טוט אויף זאָל מקבל זיין ברצון עצמו די השפעה (ע״ד די מעלה פון דער עבודה לאחרי המבול).

און ווי מ׳זעט בפועל, אַז בשעת מ׳־רעדט מיט אַ צווייטן מיט כבוד ודרך ארץ, בדרכי נועם ודרכי שלום, פועל׳ט עס אויף אים שלא בערך מער ווי בשעת מ׳שרייט אויף יענעם און מ׳שרעקט אים אָן און מ׳וויל אים כופה זיין „אַזוי און ניט

97) תהלים מה, יד.

98) ולהעיר מיבמות סג, א: אדם מביא חיטין חיטין כוסס, פשתן פשתן לובש (בתמי׳), נמצאת מאירה (האשה) עיניו ומעמידתו על רגליו.

99) ועפ״ז יש לקשר זה גם עם לימוד הראשון בפרש״י (ב„וכבשה״ חסר וי״ו), „ללמדך שהזכר כובש את הנקבה שלא תהא יצאנית״, וי״ל פירוש הפנימי בזה: שפעולת האשה פנימה (בדרך צניעות), „שלא תהא יצאנית״, נפעלת בה ע״י הזכר המשפיע.

100) ולהעיר ש„והוא ימשול בך״ הוא עונש חוה על החטא (בראשית ג, טז).

101) ולהעיר שאשה היא כנגד ספירת המלכות, שבת מלכתא.

אַנדערש". ביז אַז דער דרך העבודה פון נשי ובנות ישראל, ווערט אויך אַ לימוד ומורה דרך צו אנשים ובנים ווי זיי דאַרפן טאָן זייער עבודה, דוקא בדרך כבוד, ובדרך פנימה[102].

[ויש לומר נאָכמער: פון דרשת חז"ל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער ענין ה־כיבוש — וואָס „איש דרכו לכבוש ואין האשה דרכה לכבוש" — איז ניט קיין חלק פון דער עצם מצוה „פרו ורבו" (נאָר אַ ראי' צדדית, אַז דער איש — וואָס דרכו לכבוש — איז מצווה בפו"ר). ועפ"ז איז מובן, אַז אדרבה — דער עיקר ענין פון „פרו ורבו גו'" איז ביי אַן אשה און ניט ביי אַן איש. און דערפאַר טאַקע איז האיש מצווה על זה ולא האשה: ביי אַן איש פאָדערט זיך אַ ציווי אויף פו"ר ווייל לולא ציווי התורה וואָלט מען ניט געקענט פאַרלאָזן זיך אַז ער מצד תכונתו וועט זיך עוסק זיין בפו"ר; משא"כ אַן אשה דאַרף דערויף ניט האָבן קיין ציווי — ווייל פילנדיק אַז איר שליחות בעולם איז צו זיין די עקרת הבית און אויפשטעלן דורות פון אידן, טוט זי דאָס מצד עצמה].

יא. ויש לקשר הנ"ל מיט דעם וואָס בקביעות שנה זו לייענט מען פ' נח ביום ב' דראש חודש מרחשון:

ראש חודש האָט אין זיך אַ דבר והיפוכו. ער איז מותר במלאכה, אָבער ער ווערט ניט אָנגערופן אַ יום המעשה[103], ביז אַז נשים היטן זיך דעמולט אָפּ פון פאַרשידענע מלאכות[104] (עכ"פ שווערע מלאכות). וואָס דאָס באַווייזט אויף אַ המשכה פון מנוחה (שביתה ממלאכה) אין עניני חול שבעולם. בדוגמת החידוש פון נח, וועלכער האָט גע'פועל'ט נייחא בעולם.

וראש חודש מרחשון איז אַלעמאָל צוויי טעג, ע"ד „נח נח" שתי פעמים, נייחא בכפליים.

און בחודש מרחשון הויבט זיך אָן תקופת הגשמים[105] (מר מלשון טפת מים[106]), וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט עבודת ה־מטה, „ואד יעלה מן הארץ"[107], (ניט ווי טל וואָס ווערט נמשך מלמעלה[108]).

וואָס דאָס אַלץ גיט נאָכמער כח אין דער עבודה פון אידן — ישראל דומין ומונין ללבנה[109] (חודש), ביז אַז הם עתידים להתחדש כמותה[110].

און אין דעם קומט צו בר"ח מרחשון בשנה זו — שנת ה'תשא"נ ר"ת הי' תהא שנת אראנו נפלאות — אַז אין דעם מצב העולם ווערט נמשך דער חידוש פון נפלאות (נוסף אויף דער חידוש פון „הי' תהא שנת נסים" בשנה שעברה), ובפרט אַז אין דער שנה עצמה — איז שוין דורך אַ חודש (מלשון חידוש) שלם, און מ'שטייט שוין בתחלת חודש (חידוש) השני — גיט דאָס נאָכמער צו אין דעם „עולם חדש" וואָס ווערט אויפגעטאָן לאחרי המבול (בפ' נח).

יב. דער לימוד פון האמור לעיל:

קומענדיק יעצט פון חודש תשרי,

---

102) ולהעיר שגם דברי תוכחה צ"ל לא ברבים, כ"א בינו ולבין עצמו (רמב"ם הל' דיעות פ"ו ה"ז. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ח).

103) ראה שמואל־א כ, יט ובמפרשים שם. יחזקאל מו, א. פדר"א פמ"ה. ועוד. וראה סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 107, ושי"נ.

104) ראה טושו"ע או"ח סתי"ז. וראה פדר"א שם. וראה לקו"ש ח"ח ע' 315־316. ושי"נ.

105) תענית ה, א ואילך. פרי חדש אה"ע סקכ"ז ס"ז. וראה ילק"ש מלכים רמז קפד.

106) ראה ישעי' מ, טו. וראה פר"ח שם.

107) בראשית ב, ו.

108) ראה לקו"ת האזינו עג, א ואילך. ובכ"מ.

109) סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג. זח"א רלו, ב. וראה סה"מ תקס"ז ע' מח ואילך. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך.

110) נוסח קידוש לבנה — סנהדרין מב, א.

„המרובה במועדות"[111], ונכנס אין דער געוויינלעכע עבודה פון דעם יאָר, איש תחת גפנו ותחת תאנתו[112] — דאַרף באַ יעדער איד זיין דער „צא מן התיבה" (די יציאה פון תיבות התורה והתפלה[113] אין בכל דרכיך דעהו[114], ע"ד די יציאה פון חודש תשרי[115]), און אַרויסגיין טאָן די עבודה פון „פרו ורבו גו'", ביז „וכבשוה" — מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, און מ'האָט כח אויף דעם — די ברכה און דער ציווי — פון דעם אויבערשטן.

און דאָס איז אַן עבודה פאַר יעדער איד, מאַן און פרוי, יעדערער לפי אופן ודרך עבודתו — אַן איש (אויך) באופן פון „דרכו לכבוש", און אַן אשה — באופן פון „כבודה בת מלך פנימה".

ונוסף אויף דער עבודה פון נשי ובנות ישראל בביתם פנימה, זעט מען אַז בדורות האחרונים במיוחד — איז באַ זיי צוגעקו־מען אויך די עבודה מחוץ לביתן[116] —

111) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב. הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראוונע) או"ח סקל"א ס"ח.

112) מ"א ה, ה.

113) כפירוש הבעש"ט בפסוק „בא אל התיבה" — כתר שם טוב בהוספות ס"ח ואילך. וש"נ (וראה צוואת הריב"ש סו"ס עה). וראה לקו"ש ח"א ע' 6 ואילך.

114) משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

115) ראה בארוכה שיחת אדר"ח מרחשון תשמ"ט. כ"ח תשרי שנה זו. ועוד.

116) ויש לעורר על הזהירות שצ"ל בנסיעת אשה ובת מישראל בטקסי או אוטו כשהנהג הוא גברי (שאפשר להיות בזה חשש של יחוד כו') — וכידוע השקו"ט בזה בספרים**. ובכגון דא — יש לברר חילוקי הדינים ופרטים בזה — אצל רב מורה הוראה.

*) ובפרט שבזמננו (ובפרט בעיר גדולה כמו ניו־יארק וכיו"ב) אפשר לאשה למצוא (או להזמין) טקסי עם אשה נהגת.

**) ראה אוצר הפוסקים ח"ט סקל"ה אות ח. שערים מצוינים בהלכה סימן קנב הערה ג. דבר הלכה סימן טו הערה א. שו"ת חלקת יעקב ח"ב סי"ד. שו"ת ציץ אליעזר ח"ו קונטרס היחוד פט"ו ס"ז־ח. ועוד.

אָבער אויך אין אַן אופן פון „כבודה בת מלך פנימה" — מיט אַנדערע נשים ובנות — אין הפצת היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה [כולל דעם ענין פון להקהיל קהילות דנשים בכל שבת ללמוד תורה[117], און אָנפירן מיט „מסיבות שבת" פאַר מיידעלעך וכיו"ב], און זיי (נשי ובנות ישראל) נוצן דערביי אויס זייערע ספּעציעלע תכונות וכשרונות [אַזוי ווי דער חוש הציור, וואָס אין דעם איז נוגע אַ ספּעציעלן געפיל (רגש), וואָס איז אַמאָל דאָ מערער באַ נשים ובנות], ובכללות — זייער איידלקייט און הנהגה פנימה — צו מוסיף זיין אין הפצת היהדות און הפצת המעינות חוצה.

יג. ויה"ר אַז דורך דער הוספה אין עבודת נשי ובנות ישראל שבדורנו — זאָל דאָס שוין ברענגען די גאולה האמיתית ושלימה, וועלכע קומט בזכות נשים צדקניות שבדורנו זה (דור האחרון ב־גלות), וועלכער איז אַ גלגול פון דור יוצאי מצרים[118], וואָס בזכות נשים צדק־ניות באותו הדור נגאלו ישראל ממצ־רים[119], ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[120], ובאופן פון „אראנו" דוקא,

ווי מ'גייט באַלד לייענען „לך לך

117) ראה ילי"ש ר"פ ויקהל. וראה תו"ש עה"פ (אות ה) וש"נ. והובא להלכה בשו"ע אדה"ז סר"צ ס"ג. וראה בארוכה ס' השיחות ה'תש"נ ח"א ע' 86 ואילך.

118) שער הגלגולים הקדמה כ. ל"ת וס' הליקוטים עה"פ שמות ג, ד.

119) סוטה יא, ב. במדב"ר פ"ג, ו.

120) מיכה ז, טו.

מארצך גו' אל הארץ אשר אראך"[121], און דערנאָך – אין דער פרשה שלאח"ז – "וירא אליו ה'"[122], וכידוע דער סיפור[123] אַז דער רבי (מהורש"ב) נ"ע אַלס קינד האָט אַמאָל געוויינט און געפרעגט באַם זיידן, דעם צמח צדק, פאַרוואָס באַווייזט זיך ניט דער אויבערשטער צו אים? – ווערט מקויים בא יעדער איד, "נער ישראל ואוהבהו"[124], "וירא אליו ה'",

ביז די שלימות בזה – "והיו עיניך רואות את מוריך"[125], בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

121) ר"פ לך לך (יב, א).

122) ר"פ וירא (יח, א).

123) שיחת ש"פ וירא כ"ף מרחשון תרצ"ג. "היום יום" ט חשון. וראה לקו"ש ח"א ע' 23. ח"ה ע' 86. שם ע' 321. חט"ו ע' 129. ח"כ ע' 61. ועוד.

124) הושע יא, א. וראה לקו"ש חכ"ב ע' 20. וש"נ.

125) ישעי' ל, כ. וראה תניא פל"ו (מו, א).

משיחות ש"פ לך לך, ח' מרחשון ה'תנש"א

א. הענין המיוחד שביום השי"ק זה — שבו מסיימים רבים מישראל לימוד ספר הרמב"ם:

ידועי[1] המנהג שנתפשט (בשנים האחרונות) בתפוצות ישראל[2] ללמוד בכל יום ג' פרקים בספר „משנה תורה" להרמב"ם — על מנת לסיים „משנה תורה" („מקבץ לתורה שבעל פה כולה"[3]), בכל שנה[4], כמו בתורה שבכתב, ש„המנהג הפשוט בכל ישראל שמשלימין את התורה בשנה אחת"[5], שעי"ז נעשה בכל שנה גם הלימוד דתורה שבעל פה כולה (נוסף על הלימוד דתורה שבכתב[6]).

ועפ"פ סדר חלוקת הפרקים לכל יום (כנדפס ב„מורה שיעור" ללימוד הרמב"ם) — מסיימים מחזור שביעי דלימוד הרמב"ם ביום השי"ק זה, ו„מתכיפין התחלה להשלמה"[7] — שבו ביום מתחילים מחזור שמיני דלימוד הרמב"ם[8].

וכמה פרטים בדבר:

(א) כללות הענין דסיום לימוד הרמב"ם, (ב) העילוי המיוחד דסיום מחזור שביעי והתחלת מחזור שמיני, (ג) השייכות להזמן שבו מסיימים (בהשגחה פרטית) מחזור שביעי ומתחילים מחזור שמיני דלימוד הרמב"ם — יום השי"ק, ח' מרחשון, בשנת תנש"א, (ד) והשייכות לפרשת השבוע — פרשת לך לך, כדלקמן.

ב. סיום לימוד הרמב"ם:

מנהג ישראל (תורה היא) שעושין שמחה[10] לגמרה של תורה[11] (בתושב"כ, ומזה מובן גם בנוגע לתושבע"פ, משנה תורה), ובמכ"ש וק"ו מהשמחה שבסיום מסכת אחת ע"י יחיד מישראל[12], ועאכו"כ בסיום לימוד הרמב"ם ש„מקבץ לתורה שבעל פה כולה" ע"י רבים מישראל.

ויש להוסיף, שהשמחה לגמרה של משנה תורה היא גם לאלה שאינם משת־

---

1) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ז ע' 229 ואילך. ועוד.

2) להעיר מפס"ד הרמב"ם (ריש הל' ממרים) שמנהג שנתפשט בתפוצות ישראל יש בו התוקף דמצות עשה ומצות לא תעשה מן התורה.

3) רמב"ם בהקדמתו לספר.

4) וליתר דיוק: זמן הלימוד הוא פחות משנה שלימה, ולכן הסיום אינו בתאריך קבוע בכל שנה (כמו סיום תושב"כ), אלא הולך ומתקדם (ולדוגמא: סיום מחזור הראשון הי' בי"א ניסן, וסיום מחזור השביעי בח' מרחשון).

5) רמב"ם הל' תפלה רפי"ג.

6) ובלשון הרמב"ם בהקדמתו לחיבורו (בביאור שם הספר „משנה תורה") — „אדם קורא בתורה שבכתב תחלה ואח"כ קורא בזה ויודע ממנו תורה שבעל פה כולה, ואינו צריך לקרות ספר אחר ביניהם".

7) נוסח „מרשות" לחתן בראשית.

8) להעיר, שאף שהשיעור דהתחלת מחזור השמיני הוא למחרתו (כנדפס ב„מורה שיעור") — הרי מצד הענין ד„מתכיפין התחלה להשלמה" טוב ונכון להתחיל תיכף לאחרי הסיום. ולהעיר גם מהנוסח שאומרים בה„הדרן" — „כשם שעזרתני לסיים כו' כן תעזרני להתחיל כו'".

9) שמשתנה משנה לשנה — ראה לעיל הע' 4.

10) ולהעיר, שגם כאשר החגיגה הפומבית לרגל סיום הרמב"ם נערכת בזמן אחר (כמנהג ישראל שמאחרין זמן חגיגת הסיום „משום כבוד התורה . . ביותר הידור ברוב עם כו'" (ס' תורת חיים (להר"ר יעקב שלום סופר) או"ח סתקנ"א סקכ"ז)) — הרי עיקר השמחה היא ב„גמרה של תורה", בו ביום.

11) טור ורמ"א או"ח סתרס"ט. וראה לקו"ש שם הערה 6. ושי"נ.

12) „כשמסיים מסכתא מצוה לשמוח ולעשות סעודה ונקראת סעודת מצוה" (רמ"א יו"ד סרמ"ו סכ"ו).

תפים בלימוד וסיום הרמב"ם בזמן זה, כיון שסדר הלימוד שלהם הוא פרק אחד ליום[13] — ע"ד שמצינו בתורה שבכתב, שאף ש"המנהג הפשוט בכל ישראל שמשלימין את התורה בשנה אחת", "יש[5] מי שמשלים את התורה בשלש שנים":

בנוגע לסיום מסכת — איתא בגמרא[14] "אמר אביי תיתי לי דכי חזינא צורבא מרבנן דשלים מסכתי' עבידנא יומא טבא לרבנן", היינו, שה"יומא טבא" (שמחה) הוא לא רק ללומד ומסיים המסכתא ("צורבא מרבנן דשלים מסכתי'"), אלא גם לשאר התלמידים ("רבנן" סתם) שלא למדו וסיימו מסכת זו, שגם אצלם נעשה "יומא טבא" (שמחה)[15], ולא רק שמשתתפים בשמחה של רב אחר, אלא ששמחה זו נעשית השמחה שלהם ("יומא טבא לרבנן"), כמו השמחה של לומד ומסיים המסכת[16].

ומהטעמים לזה — כיון שכולם עוסקים בלימוד אחד, הן אלה שלומדים מסכתא זו, והן אלה שלומדים שאר מסכתות, שמתאחדים כולם ביחד — כמודגש בחלוקת הש"ס שחשיב כאילו כל אחד מהלומדים (שלמד מסכתא אחת) למד כל הש"ס[17].

ומזה מובן במכ"ש וק"ו בנוגע לעניננו — שכיון שכולם לומדים ומסיימים משנה תורה להרמב"ם, לימוד שוה ממש[18] (ולא רק שכל אחד לומד מסכת אחרת, אלא שמתאחדים בהחלוקה דכל הש"ס), והחילוק שביניהם אינו אלא במשך זמן הלימוד (בשנה אחת, או בשלש שנים), הרי בודאי שגם אלה שמסיימים הלימוד בשלש שנים משתתפים בשמחה לגמרה של תורה ע"י הלומדים בשנה אחת (כהמנהג הפשוט אצל רוב לומדי הרמב"ם), כמו בתורה שבכתב, שגם מי שמשלים את התורה בשלש שנים משתתף בשמחה לגמרה של תורה (שמחת תורה) ע"פ המנהג הפשוט בכל ישראל שמשלימין את התורה בשנה אחת (נוסף על השמחה לגמרה של תורה כשיסיימו הלימוד שלהם בשלש שנים).

ויתירה מזה — שהשמחה לגמרה של משנה תורה שייכת גם לאלה שלעת־עתה אינם משתתפים בלימוד שיעור יומי ברמב"ם, דכיון שלימוד משנה תורה בכל שנה נתפשט בתפוצות ישראל, הרי הסיום הוא שמחה דכלל ישראל, וכמו בשמחת־תורה שע"פ מנהג ישראל משתתפים בה כל ישראל ממש (גם אלה שלעת־עתה אינם עוסקים בלימוד התורה), מצד השייכות דכל ישראל לכל התורה כולה — "מורשה קהלת יעקב"[19].

ג. ומעלה יתירה בסיום זה — סיום מחזור שביעי והתחלת מחזור שמיני:

לאחרי שלומדים ומסיימים משנה תורה במחזור ראשון, הלימוד והסיום במחזור שני הוא באופן נעלה יותר מב־

13) ועאכו"כ אלה שלומדים ספר המצוות להרמב"ם כפי שנחלק באופן מקביל ללומדי משנה תורה להרמב"ם ג"פ ליום, שהסיום שלהם הוא באותו זמן שמסיימים הלימוד דג"פ ליום.

14) שבת קיח, סע"ב ואילך.

15) להעיר ממנהג ישראל בתענית בכורים שגם אלה שלא למדו וסיימו המסכת משתתפים בסעודת מצוה דסיום המסכת ואינם מתענים.

16) ועפ"ז יומתק מאמרו של אביי "כי חזינא צורבא מרבנן דשלים מסכתא עבידנא יומא טבא לרבנן" — שאביי (ולא (רק) ה"צורבא מרבנן דשלים מסכתי'") עושה "יומא טבא לרבנן".

17) ע"ד שמצינו בהלכות שבת שמלאכה שאי אפשר לעשותה אלא בשנים חשיב כאילו שניהם עשו כל המלאכה (שבת צג, א), ועד"ז בנדו"ד, שכיון שמפני צוק העתים אי אפשר לסיים הש"ס אלא ע"י החלוקה לכמה מישראל, הרי זה נחשב כאילו כל אחד מהם למד כל הש"ס (ראה לקו"ש ח"י ע' 267. וש"נ).

18) וכן אלה שלומדים ספר המצוות — תוכן וקיצור ומקביל לספר משנה תורה.

19) ברכה לג, ד.

מחזור ראשון, ובמחזור שלישי באופן נעלה יותר מבמחזור שני, וכן במחזורים שלאח״ז, עד ללימוד וסיום מחזור שביעי, שמפעם לפעם נעשה הלימוד והסיום ב־אופן נעלה יותר — „מעלין בקודש״[20], ולא עוד אלא ש„מעלין בקודש״ גם בההוספה עצמה, היינו, שההוספה במחזור שלישי לגבי מחזור שני היא הוספה נעלית יותר מאשר ההוספה במחזור שני לגבי מחזור ראשון, ועאכו״כ בנוגע להוספה במחזור שביעי לגבי כל המחזורים שלפנ״ז.

ונוסף על העילוי וההוספה ממחזור למחזור — יש עילוי מיוחד בסיום מחזור שביעי[21]:

ידוע מ״ש בתשובות הרשב״א[22] שמספר שבע מורה על שלימות ההיקף, כמודגש בענין הזמן (שבו קשורים כל עניני העולם שהם כולם בגדר הזמן[23]) שנחלק לשבעה ימים (ששת ימי השבוע ויום השבת), שבעת ימי ההיקף, שבהם נכללים שית אלפי שנין דהוי עלמא (כנגד ששת ימי השבוע) ואלף השביעי (כנגד יום השבת).

ויש להוסיף, שגם השלימות דישראל היא במספר שבע — שבעת קני המנורה, שרומז על כנסת ישראל שנחלקת לשבע סוגים, שהם שבע מדרגות בעבודת ה׳, כנגד שבעת המדות[24], ובצירוף כולם יחד נעשית השלימות ד„מנורת זהב כולה״[25], „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא״[26].

ומזה מובן שיש עילוי מיוחד שבסיום מחזור השביעי — שלימות ההיקף בלימוד משנה תורה[27].

ולאחרי שלימות ההיקף בסיום מחזור שביעי מתחילים מחזור שמיני, שבו נוסף עילוי שבאין־ערוך — כי, מספר שמיני הוא למעלה מימי ההיקף ושלימות ההיקף, ובלשון הרשב״א „מקודש ועומד בפני עצמו שומר ההיקף״[28], היינו, שמספר שבע קשור עם גדרי העולם (שלימות דהעולם), ומספר שמונה הוא למעלה מגדרי העולם[29].

ויש להוסיף בביאור העילוי דמספר שמונה לגבי השלימות דמספר שבע

---

20) ברכות כח, א. וש״נ.

21) להעיר ממארז״ל (ויק״ר פכ״ט, יא) „כל השביעין חביבין״*.

22) ח״א ס״ט. וראה ד״ה ויהי ביום השמיני תרע״ח, תש״ד ותש״ה. ועוד.

23) ראה שעהיוה״א פ״ז. ובכ״מ.

24) לקו״ת ר״פ בהעלותך. ובכ״מ.

---

*) ושם: „באבות שביעי חביב . . משה״ — די״ל שבזה מרומזת גם השייכות לרבינו משה בן מיימון, כפתגם גדולי ישראל „ממשה ועד משה לא קם כמשה״ (ראה שם הגדולים להחיד״א ערך ר׳ משה גאון. ובכ״מ).

---

25) זכרי׳ ד, ב.

26) בהעלותך ח, ד.

27) להעיר שגם בתורה מודגשת השלימות דשבע — כמארז״ל „חצבה עמודי׳ שבעה אלו שבעה ספרי תורה״ (שבת קטז, רע״א).

28) ובפרטיות יותר: אף שנקרא „שומר ה־היקף״, אין זה באופן שענינו הוא לשמור ההיקף, שבזה מודגש שעם היותו למעלה מההיקף (שלכן ביכלתו לשמור על ההיקף) יש לו שייכות לההיקף (ששומר עליו), אלא שהוא „מקודש ועומד בפני עצמו״, למעלה לגמרי מההיקף (ראה גם הערה הבאה), ועד שגם שמירת ההיקף היא (לא ע״י פעולה מיוחדת, אלא) כמו בדרך ממילא, שמצד גודל מעלתו מתבטלים מאליהם הענינים הבלתי־רצויים (שבגללם יש צורך בשמירה).

ועפ״ז יומתק שמקדים „מקודש ועומד בפני עצמו״ ל„שומר ההיקף״ (אף שהסדר מלמטה ל־מעלה הוא שביעי, שומר ההיקף, למעלה מההיקף אבל שייך אליו, ולאח״ז בחי׳ שמיני כפי שהוא „מקודש ועומד בפני עצמו״) — כדי להדגיש שגם שמירת ההיקף אינה באופן ששייך להיקף, אלא כפי שהוא „מקודש ועומד בפני עצמו״.

29) ראה כלי יקר ר״פ שמיני: „כל מספר ז׳ חול ומספר שמיני קודש . . כי מספר זה מיוחד אליו ית׳״.

(שלימות ההיקף) — ע"פ הידוע שמספר שמונה קשור עם הגאולה, כמארז"ל[30] "כי־נור של מקדש של שבעת נימין הי' . . ושל ימות המשיח שמונה"[31], ומרומז באות ח' (שמספרו שמונה) ר"ת חירות[32], ומזה מובן שמספר שמונה הוא בפני עצמו (באין־ערוך) למספר שבע, כמו הבפני עצמו וה־אין־ערוך דגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו לגבי הזמן שלפני הגאולה.

ובסגנון דתורת החסידות — שמספר שמונה קשור עם בחי' המוחין (בינה, ספי־רה השמינית מלמטה למעלה, ועוד שכול־לת ג' ראשונות) שלמעלה משבעת המדות השייכים לעולם שנברא בשבעת ימים כנגד שבעת המדות, ולכן, בזמן הזה עיקר העבודה היא בבירור שבעת המדות (שזהו"ע כיבוש ארץ שבע אומות), ולעתיד לבוא יהי' גילוי המוחין[33], בחי' השמינית, שכוללת ג' ראשונות (שזהו"ע כיבוש ארץ עשר אומות (גם ארץ קיני קניזי וקדמוני, כנגד ג' ראשונות) לעתיד לבוא)[34].

ויש לומר, שענין זה מרומז גם בסיום וחותם משנה תורה להרמב"ם בפסוק[35] "כי מלאה הארץ דעה את ה' (ומוסיף גם סיום הפסוק) כמים לים מכסים" (דלא כבהלכות תשובה[36] שמביא רק "כי מלאה הארץ דעה את ה'") — כי, "מלאה הארץ דעה את ה'" מדגיש השלימות דהארץ (שלימות ההיקף, מספר שבע, בחי' המדות), שהארץ כולה "מלאה" ב"דעה את ה'", והיא (עדיין) ב־מציאות "ארץ" (עולם); ולאחרי זה באים לדרגא שלמעלה משלימות העולם (שומר ההיקף, מספר שמונה, בחי' המוחין) — "כמים לים מכסים", שמציאות הארץ מכו־סה במים עד שלא רואים אלא "מים לים מכסים"[37].

ד. והדגשה יתירה בכהנ"ל (הן בנוגע לכללות הסיום דמשנה תורה והן בנוגע לסיום מחזור השביעי והתחלת מחזור השמיני) — מצד השייכות לזמן הסיום:

השמחה לגמרה של משנה תורה מוד־גשת ביותר מצד הסמיכות והשייכות לגמ־רה של תורה (שבכתב) בשמחת־תורה, כיון שבהמשך לה באה השמחה לגמרה של משנה תורה — למחרת היום שבו מסתיימים מועדי חודש תשרי (ז' במר־חשון, שבו חוזר אחרון שבישראל לנהר פרת[38]), שסיומם וחותמם בשמחת־תורה[39].

זאת ועוד:

סיום מחזור שביעי והתחלת מחזור שמיני הוא בזמן הקשור עם העילוי דשבע

---

30) ערכין יג, ב ובחדא"ג מהרש"א שם (וראה לקמן הערה 32).

31) להעיר שמשיח הוא (השמיני*) משמונה נסיכי אדם (מיכה ה, ד. סוכה נב, ב), ו"שמונה שמות נקראו לו למשיח" (מדרש משלי ספי"ט).

32) ראה לקו"ת תזריע כא, ד: "ופי' מהרש"א שם שבע נימין כל הקדושות הולכים בשבע ע"ד שבת שהוא השביעי כו', ושל ימות המשיח נוסף* בחי' א' שמשם נמשך החירות כו'".

33) מוחין כשלעצמם, נוסף על בחי' המוחין השייכים אל המדות.

34) ראה בארוכה מאמרי אדהאמ"צ דברים בתחלתו. ובכ"מ.

*) ע"פ גירסת העין יעקב (בסוכה שם), וכ"ה ביל"ש מיכה שם (רמז תקנב).

*) ולהעיר שלשון המהרש"א שם: "נוסף שיר א' (נימא אחת), ע"פ מ"ש אין בין עוה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות" — ענין החירות, ובלקו"ת מוסיף ומפרש "שמשם נמשך החירות".

35) ישעי' יא, ט.

36) פ"ט ה"ב.

37) נתבאר בארוכה בה"הדרך" (לקמן ע' 98 ואילך).

38) תענית יו"ד, א — במשנה.

39) ולהעיר, שלימוד הרמב"ם מחדש (במחזור שמיני) שמתחיל (תיכף לאחר הסיום) למחרת ז' מ־רחשון, המשך וסיום דשמחת תורה — סיומו בשמחת תורה הבעל"ט, גמרה של תורה שבכתב ושבעל פה ביום אחד.

ושמונה[40]: בימי השבוע – ביום השבת, יום השביעי דימי השבוע, שלימות ההיקף[41], ובימי החודש – ביום השמיני (ח׳) לחודש השמיני (מרחשון), שומר ההיקף.

וענין זה מודגש גם במעלת השנה – שנת תנש״א, כלשון הכתוב[42] „ותנשא מלכותו״, התנשאות מלכות בית דוד ע״י מלך המשיח, וכמרומז גם בהר״ת „תהא שנת אראנו נפלאות״, דקאי על הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, עלי׳ נאמר[43] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״ („נפלאות״ גם בערך ליצ״מ[44]) – שאז יהי׳ העילוי ד„שמיני״ („של ימות המשיח שמונה״) שלמעלה משבעת ימי ההיקף, שומר ההיקף.

ה. והוספה יתירה בכהנ״ל – מצד השייכות לפרשת השבוע:

„ויאמר ה׳ אל אברם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך״ – שלאחרי כל העילויים שהיו אצלו לפנ״ז, בהיותו בן ע״ה שנה[45] [ובלשון הרמב״ם[46] „כיון שנגמל איתן זה התחיל לשוטט בדעתו והוא קטן . . עד שהשיג דרך האמת והבין קו הצדק מתבונתו הנכונה . . ובן ארבעים (מ״ח[47]) שנה הכיר אברהם את בוראו״[48], ולאחרי זה עברו עוד כמה עשיריות שנים בעבודתו לאחרי שהגיע לשלימות הכרת בוראו], נאמר לו „לך לך מארצך וגו׳״ – לצאת מכל המדידות וההגבלות ד„ארצך ומולדתך ובית אביך״ (ארץ וכו׳ שלך) דקדושה[49], להיותם קשורים עם גדרי העולם (שבעת ימי ההיקף), ולילך „אל הארץ אשר אראך״ [כב׳ הפירושים: (א) שקאי על הארץ – ארץ שיראה לו הקב״ה (כפשטות הכתוב), (ב) שקאי על אברם – „אראה ואגלה אותך בעצמך״[50] („במהותך ועצמותך״[51])], היינו, הליכה לדרגא שלמעלה מגדרי העולם (שמיני, שומר ההיקף).

ויומתק יותר ע״פ המבואר בדרושי חסידות[52] בפירוש הכתוב[45] „ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה בצאתו מחרן״ – ש„שבעים שנה״ מורה על השלימות דשבעת המדות (כפי שכלולים מעשר), ו„חמש שנים״ מורה על ה׳ חסדים שפועלים הגדלת המדות, ועי״ז נעשית היציאה מ„חרן״ (בגימטריא גרון, מיצר הגרון שמפסיק בין מוחין למדות) – שנמשך אור המוחין למדות.

ולאחרי היציאה מחרן „כרת ה׳ את

---

40) להעיר, שגם ב„גמרה של תורה״ בשמח״ת מודגש העילוי דשבע ושמונה – כי שמח״ת הוא (ובחו״ל יו״ט שני ד)שמיני־עצרת: „עצרת״ – מורה על הקליטה דכל שבעת ימי הסוכות, שלימות ההיקף, ו„שמיני (עצרת*)״ – שומר ההיקף.

41) שהרי יום השבת כולל ומשלים כל ימי השבוע – שמיני׳ מתברכין כל ימי השבוע שלאחריו (זח״ב סג, ב. פח, א), ובו נעשה העילוי והשלימות („ויכולו״) דכל ימי השבוע שלפניו (ראה אוה״ת בראשית מב, ב ואילך. תקח, א ואילך).

42) בלק כד, ז.

43) מיכה ז, טו.

44) ראה אוה״ת נ״ך עה״פ (ע׳ תפז). ושי״נ.

45) פרשתנו יב, ד.

---

*) להעיר ש„עצרת״ הוא גם מלשון מלוכה (כמו „זה יעצור (ימשול) בעמי״ – ש״א ט, יז ובפרש״י), והרי עיקר ושלימות המלוכה היא במלך המשיח, בחי׳ שמיני.

---

46) הל׳ ע״ז פ״א ה״ג.

47) הגהות מיימוניות שם.

48) „גמר ההיכרא״ – נוסף על התחלת הכרת בוראו בהיותו „בן שלש שנים״ (כסף משנה שם. וראה בארוכה לקו״ש ח״כ ס״ע 14 ואילך).

49) ראה לקו״ש שם ע׳ 59. ושי״נ.

50) תו״א פרשתנו יא, ב. תו״ח שם פא, רע״א.

51) תו״ח שם. וראה סה״מ מלוקט ח״א ע׳ רפא ואילך. ושי״נ.

52) ראה תו״א שם יא, ד. ובארוכה תו״ח שם צ, ב ואילך.

אברם ברית לאמר לזרעך נתתי את הארץ הזאת גו' את הקיני ואת הקניזי ואת הקדמוני וגו'", "עשר אומות" (כמסופר בהמשך הפרשה)[53] — שבזה מרומז שנוסף על המשכת אור המוחין למדות, מוחין השייכים אל המדות, ישנה גם המשכת המוחין עצמם, כפי שיתגלה לעתיד לבוא[54], שאז תהי' השלימות שלמעלה משבעת ימי ההיקף (מדות, כולל גם מוחין השייכים למדות), בחי' שמיני, שומר ההיקף (מוחין עצמם[55]).

וענין זה מודגש גם בסיום הפרשה שבה מדובר אודות מצות מילה[56] — מילה לשמונה, כמ"ש[57] "ובן שמונת ימים ימול גו'", כמבואר בכ"מ[58] שמילה קשורה עם השלימות דשמונה שלמעלה מהשלימות דשבע[59], ולכן תכלית השלימות דמילה יהי' בביאת המשיח (בחי' שמונה), שאז יקויים היעוד "ומל ה' אלקיך את לבבך"[60] (נוסף על העבודה ד"ומלתם את ערלת לבבכם"[61] שנעשית בזמן הזה)[62].

ומזה באים להגילוי ד"וירא אליו הוי'" (בהתחלת פרשת וירא שקורין תיכף ב־מנחה) — כמבואר במק"א[63] שמעלת הגילוי ד"וירא אליו הוי'" שנעשה ע"י המילה לגבי הגילויים שלפני המילה, היא, להיו־תו מבחי' שאי אפשר לנבראים להמשיך בכח עצמם, היינו, גילוי שלמעלה מגדרי הנבראים (בחי' שמיני שלמעלה משבעת ימי ההיקף)[64].

ו. המורם מהאמור לעיל:

בעמדנו ביום שבו מסיימים מחזור שביעי ומתחילים מחזור שמיני דלימוד הרמב"ם — יש נתינת־כח מיוחדת להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בלימוד הרמב"ם, ועד להוספה באופן שבאין־ערוך לגבי הלימוד שלפנ"ז, בהתאם להעילוי דמחזור השמיני[65] שהתחלתו ביום זה.

והתעוררות מיוחדת צ"ל ע"ד ההוספה בפירסום המנהג דלימוד שיעור יומי ב־רמב"ם וההשתדלות להשפיע על יהודים נוספים שיצטרפו ללימוד הרמב"ם [מה טוב — ג' פרקים ליום, ועכ"פ — פרק אחד ליום, ועכ"פ הלימוד בספר המצוות (גם לנשים וטף)], שעי"ז תהי' אצלם השלימות

---

53) טו, יח־יט ובפרש"י.

54) ובלשון רש"י: "עשר אומות יש כאן, ולא נתן להם אלא שבעה גוים, והשלשה . . עתידים להיות ירושה לעתיד".

55) ובפרטיות הם ג' — חב"ד.

56) ולהעיר מהשייכות לשיעור היומי ברמב"ם (הל' מלכים פ"י ה"ז) — "המילה נצטווה בה אברהם וזרעו בלבד, שנאמר (פרשתנו יז, ט) אתה וזרעך אחריך".

57) פרשתנו יז, יב.

58) לקו"ת תזריע כ, ד ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות מילה ט, ב ואילך. ועוד.

59) "וזה טעם שהמילה שבשמיני דוחה השבת שבשביעי" (כלי יקר שם. לקו"ת וסהמ"צ שם).

60) נצבים ל, ו.

61) עקב יו"ד, טז.

62) ראה אגה"ק ס"ד. תו"א סוף פרשתנו. וב־ארוכה — תו"ח שם צג, ג ואילך. ובכ"מ.

63) לקו"ש ח"י ע' 50 ואילך. סה"ש ה'תשנ"ח"א ע' 110 ואילך.

64) ובפרטיות יותר: "וירא אליו ה', לבקר את החולה" (פרש"י ר"פ וירא) — "חולה" בגימטריא מ"ט (ז' פעמים ז' — שלימות המדות), וע"י הגילוי ד"וירא אליו ה'" נתרפא החולי, שנמשך ונתגלה לו שער הנו"ן דבינה (בחי' המוחין).

65) וע"פ האמור לעיל (ס"ג) שח' (שמיני) ר"ת חירות — יש לומר, שענין זה מתבטא גם בהלימוד באופן של חירות, "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה" (אבות פ"ו מ"ב), ע"ד מארז"ל (מכילתא ר"פ בשלח. שם טז, ד) "לא ניתנה התורה לידרש אלא לאוכלי המן", שהיו בני חורין מדאגות הפרנסה, ועד להשלימות דלימוד התורה באופן של חירות — בגאולה האמיתית והשלימה, "חרות על הלוחות", "אלמלי לא נשתברו לוחות הראשונות . . אין כל אומה ולשון שולטת בהן, שנאמר חרות, א"ת חרות אלא חירות" (עירובין נד, א).

דלימוד הלכות כל התורה כולה, ועד"ז בנוגע לשאר הפעולות בהפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות (דפנימיות התורה) חוצה, שעי"ז ממהרים ומזרזים ופועלים תיכף הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו (שאז יהי' הגילוי דבחי' שמיני, כנ"ל ס"ג).

ויש להוסיף ולהדגיש שפעולת ההתעוררות וההשפעה על יהודים נוספים שיצטרפו ללימוד הרמב"ם צריכה להיות גם (ובמיוחד) ע"י אלה שסיימו כבר מחזור שביעי דלימוד הרמב"ם:

לכאורה, יש מקום לומר שלאחרי שהגיע לשלימות דמחזור השביעי, מוטב שיעסוק בלימוד הרמב"ם לעצמו בתכלית השלימות, במקום להתעסק בהשפעה על יהודי שרחוק ממדרגתו בלימוד הרמב"ם (ובפרט במחזור שמיני) מן הקצה אל הקצה, שעדיין לא התחיל לימוד הרמב"ם.

[ועד"ז בשאר הפעולות דהפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה — שטוען שמוטב שיתעמק בלימוד החסידות לעצמו משיעסוק בהפצת התורה והמעיינות להנמצאים ב„חוצה"].

והמענה לזה — שבימינו אלה הפעולה דהשפעה על הזולת היא ענין של פיקוח נפש, וכיון שכן, חיוב ההתעסקות בהשפעה על הזולת מוטל על כאו"א, גם זה שנמצא בדרגא נעלית שיכול לעסוק בענינים הכי נעלים, ואדרבה — בפקו"נ „מצוה בגדול"[66].

[ויש לומר, שכאשר הפעולה על הזולת נעשית „בגדול", אזי הפעולה עצמה באופן נעלה יותר, לפי ערך דרגת הגדול. ובנדו"ד — שנוסף לכך שיכול להסביר ולהראות לו דוגמא חי' מגודל התועלת

66) ראה יומא פד, ב. רמב"ם הל' שבת פ"ב ה"ג.

דלימוד הרמב"ם בכל שנה, הרי, להיותו בהתחלת מחזור השמיני, בכחו וביכלתו לפעול על יהודי שעדיין לא התחיל בלימוד הרמב"ם שגם אצלו תהי' מעלת ושלימות הלימוד דמחזור השמיני, קפיצה ודילוג מן הקצה אל הקצה].

ומצד גודל הכרח והחשיבות שבפעולה על הזולת (ענין של פקו"נ) מובן גם בנוגע לאופן הפעולה — שאינו נשאר במקומו ודרגתו, ומשם מנסה להרעיש ולעורר את הזולת שנמצא בריחוק מקום ודרגא, אלא יוצא ממקומו ודרגתו למקומו ודרגתו של הזולת, ומדבר עמו בסגנון ובאותיות שלו (של הזולת), שעי"ז נעשית הפעולה על הזולת כדבעי ובשלימות.

ז. ויש להוסיף, שבענין זה (אופן הפעולה על הזולת) יש לימוד והוראה מהתחלת פרשת וירא שקורין במנחה:

בהתחלת פרשת וירא מסופר אודות מדת הכנסת אורחים של אברהם אבינו — כמבואר בפירוש רש"י (פשוטו של מקרא) על הפסוק „והוא יושב פתח האוהל", „לראות אם יש עובר ושב ויכניסם בביתו", „כחום היום", „הוציא הקב"ה חמה מנרתיקה שלא להטריחו באורחים, ולפי שראהו מצטער שלא היו אורחים באים, הביא המלאכים עליו בדמות אנשים", ואברהם הכניסם לביתו והאכילם כו'.

וויבאַלד אַז דער סיפור איז פאַרבונדן און דערציילט געוואָרן (דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם יום ההולדת פון דעם רבי'ן נ"ע, וועלכער איז אַ יום כללי בחייו (במכ"ש פון דעם יום ההולדת פון יעדער מענטש[5]), אַ טאָג ווען „מזלו גובר"[6], אַ טאָג וועלכער איז כולל אין זיך די עבודה במשך כל השנה כולה ובמשך כל ימי חייו[*] [ובפרט אַז דאָס האָט פאַסירט בשעת דער רבי נ"ע איז אַריין צום צ"צ באַקומען אַ ברכה בשייכות צו זיין יום הולדת] – איז מסתבר זאָגן, אַז דער סיפור איז פאַרבונדן, און גיט אַרויס אַ נקודה אין דער עבודה כללית פון דעם רבי'ן נ"ע, ובמיוחד – ווען ער איז געוואָרן דער נשיא הדור[7].

---

1) כ' חשון תרכ"א – שנת כתר"א כלשון הצ"צ („היום יום" כ' חשון). וראה קונטרס „חנוך לנער" בהקדמה (ע' 8) דברי הצ"צ בעת קריאת שם בעל יום ההולדת: „נולד כ' חשון תרכ"א, שיש בזה שני כפי"ן, שהוא רומז לכתרא עילאה". וראה לקמן ס"ז.

2) שבת מיני' מתברכין כולהו יומין" (זח"ב סג, ב. פח, א).

ובשנה זו הוא גם יום חמשה עשר בחודש, אשר בו „קיימא סיהרא – כל עניני החודש – ב־אשלמותא" (זח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, א. רטו, א. רכה, סע"ב. שמו"ר פט"ו, כו. ועוד), ועאכו"כ ענינים הקשורים עם ישראל הדומין ומונין ללבנה (סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג. זח"א רלו, ב), ועאכו"כ בקשר עם נשיא בישראל, שהנשיא הוא הכל (פרש"י חוקת כא, כא).

ולהעיר שההכנות להולדת כ"ק אדנ"ע התחילו עוד קודם כ"ף מרחשון – ראה בארוכה חנוך לנער ע' 6 ואילך.

3) ש"פ וירא, כ"ף מרחשון תרצ"ג. נדפס (ב־קיצור) ב„היום יום" ט' חשון. וראה לקו"ש ח"א פ' וירא. ח"ה כ' מרחשון. שם ע' 321. חט"ו וירא־כ' מרחשון. ח"כ וירא. ועוד.

4) ולהעיר שקביעות כ' חשון בשנת תרכ"ו (בהיות אדנ"ע בן חמש שנים) היתה ביום חמישי בשבוע, כמו בקביעות שנה זו.

5) ראה בארוכה ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 398 ואילך. וש"נ.

6) ראה ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח, ובקרבן העדה. וראה סה"ש שם ע' 440 ואילך.

7) דאף שהסיפור אירע בהיותו ילד קטן, הרי „בוצין בוצין מקטפי' ידיע" (ברכות מח, רע"א). וכידוע כמה סיפורי צדיקים ונשיאי ישראל, שגם

---

*) ולהעיר שגם יום ההולדת בשנת כתר"א הי' ביום שני בשבוע (חנוך לנער ע' 7), שמחברך מש"פ וירא.

און דערצו: זייענדיק אַ סיפור פון אַ נשיא הדור, וואָס „הנשיא הוא הכל"[8], ובפרט אַז דער סיפור איז דערציילט געוואָרן און אָפּגעדרוקט געוואָרן לדורות[9] — איז מובן, אַז דערפון קען און דאַרף מען אויך אַרויסנעמען אַ הוראה כללית בנוגע צו דער עבודה פון יעדער אידן[10], אָנהויבנדיק — פון יענעם דור, און דורך בנו יחידו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (וועלכער האָט דאָס דערציילט) — ווערט עס נמשך צו אַלע אידן פון דעם דור, און אַזוי ווערט עס נמשך עד סוף כל הדורות.

אויך: בשנה זו קומט צו אַן ענין מיוחד, אַז ס'איז ק"ל שנה פון דעם יום ההולדת (תרכ"א־תנש"א). והיות אַז יעדער זאַך איז בהשגחה פרטית, דאַרף מען אויך פון דעם אַרויסנעמען אַ לימוד והוראה בקשר מיט כללות ענין יום ההולדת פון דעם רבי'ן נ"ע.

ב. וביאור הענין:

צוזאַמען דערמיט וואָס אַלע נשיאי ישראל ונשיאי חב"ד גלייכן זיך אויס דערמיט וואָס יעדערער פון זיי איז אַ נשיא, אַ „מאור הגדול", האָט יעדער נשיא ענינים מיוחדים וועלכע זיינען בּאַ אים בהדגשה מיוחדת, אין וועלכע ער איז (בגלוי) אויסגעצייכנט און אויסגעטיילט פון די אַנדערע נשיאים.

— ואע"פ וואָס אין אתנו יודע עד מה צו מחלק זיין צווישן איין „מאור הגדול" און אַ צווייטן [ובפרט נשיאי חב"ד, וואָס בּאַ חב"ד דאַרף זיין נאָכמער העמקה בחכמה בינה ודעת איידער מ'קומט צו אַ החלטה כו'] — זעט מען אָבער בגלוי געוויסע דברים בולטים בּאַ יעדער נשיא וועלכע שטייען ביי אים ספּעציעל בהדגשה; וכמדובר כמ"פ, אַז מ'מעג און ס'איז כדאי זיך אָפּשטעלן אויף דעם ווען מ'קען דערפון אַרויסנעמען אַ הוספה אין יראת שמים און הוראה בעבודת ה'[11].

דער אויפטו פון חסידות חב"ד בכלל — פון אַלע נשיאי חב"ד — בּאַשטייט אין מלביש זיין פנימיות התורה אין שכל והבנה והשגה (חכמה בינה דעת), באופן פון „יתפרנסון" מיני"[12], אַז אַלע זאָלן עס קענען פאַרשטיין מיט זייער שכל אנושי (ביז מיט דעם שכל פון נפש הבהמית), אַזוי אַז אלקות זאָל זיך ביי אים אָפּלייגן און ווערן אַן ענין מוחשי, ובאופן — אַז דערפון („דע את אלקי אביך"[13]) זאָל אַרויסקומען אַ הוספה אין עבודת ה' בפועל („ועבדהו בלבב שלם"[13]), כידוע אַז פון דעת ווערן נולד די מדות, „הדעת הוא קיום המדות וחיותן והוא כולל חסד וגבורה פי' אהבה וענפי' ויראה וענפי'"[14], וועלכע זיינען דער שרש פון אַלע תרי"ג

בקטנותם היו נראים כו"כ ענינים נעלים המורים על גדלותם, וכפי שנתגלה (לכולם) לאחרי שנתגדלו [ע"ד שנאמר גבי משה בזמן הולדתו (שמות ב, ב) — „ותרא אותו כי טוב הוא", ודחז"ל (סוטה יב, א) „נתמלא הבית כולו אור"]. וכן הוא בנוגע לרבותינו נשיאינו, וכמודגש בנדו"ד בדברי הצ"צ בקשר עם הולדת אדנ"ע בכ' חשון בשנת כתר"א, שזה רומז לכתרא עילאה, המורה על הכתרתו בכתר הנשיאות — כפי שנתגלה לאחרי זמן.

8) פרש"י חוקת כא, כא.

9) כפתגם הצ"צ שדבר שבדפוס הוא לדורות (אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שפב).

10) במכ"ש וק"ו מזה שצ"ל לימוד והוראה מכל דבר אשר רואים או שומעים, כתורת הבעש"ט (כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) סקכ"ז ואילך. וש"נ).

11) עדמ"ש בקונטרס עץ החיים ע' 88. אגרות קודש כ"ק אדנ"ע ח"ב ע' תשכ. וראה ס' השיחות תש"ב ס"ע 83 ואילך.

12) ל' התקו"ז ת"ז בסופו. וראה הקדמת ה־מקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד.

13) דה"א כח, ט. וראה קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח (קנו, ב).

14) תניא ספ"ג.

מצוות (אהבה — דער שרש פון די רמ"ח מצות עשה, ויראה — דער שרש פון די שס"ה מצות לא תעשה)[15].

אין דעם גופא זעט מען באופן בולט אַ הדגשה מיוחדת אין דער תורת החסידות פון דעם בעל יום ההולדת, דער רבי נ"ע — אַז די עניני חסידות אין זיינע מאמרים זיינען בביאור יותר רחב ובהבנה והשגה שכלית יותר, ווי זיי זיינען (בגלוי) אין מאמרי רבותינו נשיאינו שקדמו[16], ביז אַז ער ברענגט אַרויס די ענינים אין אַ מסקנא, באופן אַז מ'קען דערפון לייכט אַרויסנעמען אַ לימוד ביז בנוגע לעבודת ה' במעשה בפועל.

— מובן ופשוט אַז אַזוי איז אויך אין דער תורת החסידות פון אַלע נשיאי חב"ד, אָנהויבנדיק פון דעם נשיא ראשון, דער אַלטער רבי (מייסד תורת חסידות חב"ד, וועלכער איז דער יסוד — און איז כולל — גאַנץ חסידות חב"ד[17]), ועאכו"כ באַ דעם מיטעלן רבי'ן וועלכער האָט אַרויסגע־בראַכט חסידות אין אַן אופן[18] פון „רחו־בות הנהר" פון בינה[19] (מער בהרחבה ווי דאָס איז מצד נקודת החכמה), ועד"ז ב־תורת החסידות פון די נשיאים שלאחריהם — אָבער אין דעם גופא זעט מען ווי די מאמרי חסידות פון דעם רבי'ן נ"ע זיינען אויסגעצייכנט דערמיט וואָס דאָרט איז דאָ אַן הדגשה עיקרית דער לימוד באופן אַז דאָס ברענגט צו אַ מסקנא והלכה ביז אין אַ לימוד למעשה בפועל[20], מער בגלוי ווי דאָס איז אין די מאמרי חסידות פון די אַנדערע נשיאים (ולאידך — איז באַ יע־דערער פון זיי געווען בעיקר ובהדגשה אַן אַנדער ענין[21]).

וכידוע דער פתגם פון חסידים הרא־שונים[22], אַז דער רבי נ"ע איז „דער רמב"ם פון חסידות", ווייל די ענינים במאמרי חסידות שלו זיינען אַ „הלכה קבועה ומסו־דרה מיט דעם הסבר פון דעם ענין, דבר דבר על אופנו"[22], ביז אַז מ'קען דערפון אַרויסנעמען אַ „הלכה" (אין פנימיות ה־תורה) ביז אין עבודה בפועל.

וואָס דאָס איז ע"ד דער אויפטו פון דעם רמב"ם (לגבי די גדולי ישראל ה־מחברים לפניו ולאחריו), ווי דער רמב"ם שרייבט בהקדמתו לספרו „משנה תורה": „וראיתי לחבר דברים המתבררים כו' בלשון ברורה בדרך קצרה עד שתהא תושבע"פ סדורה בפי הכל כו' עד שיהיו כל הדינין גלויין כו' בדין כל מצוה ומצוה ובדין כל הדברים שתיקנו חכמים ונביאים כו', חיבור זה מקבץ לתושבע"פ כולה כו', לפיכך קראתי שם חיבור זה משנה תורה לפי שאדם קורא בתושב"כ תחלה ואח"כ קורא בזה ויודע ממנו תושבע"פ כולה". ובפשטות: דער ספר הרמב"ם איז אַ ספר

---

15) שם רפ"ד.

16) ראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 314. חכ"ז ע' 27.

17) ובפרט ספר התניא שלו, „תורה שבכתב של תורת החסידות" (ראה בארוכה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר — נדפס בקיצורים והערות לתניא ע' רכג ואילך), שעליו מיוסד והוא כולל כל הפירושים וביאורים בתורת החסידות, ע"ד תושב"כ שהוא היסוד וכולל גם כל תושבע"פ (פירושה), „ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא" (ראה זח"ג רכא, א). וראה גם לקו"ש ח"כ ע' 183 ואילך. חכ"א ע' 449.

18) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 129 ואילך. ח"י ע' 99. חכ"ה ע' 162 ואילך. ע' 349 ואילך.

19) ראה זח"ג קמב, א. אגה"ק סו"ס טו. לקו"ת ר"פ ראה. שה"ש לט, א ואילך. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ב בתחלתו. ועוד.

20) משא"כ ב„רחובות הנהר" דמאמרי אדמו"ר האמצעי עיקר ההדגשה הוא הרחבת הביאור ושקו"ט, ולא כ"כ ה„הלכה", המסקנא והלימוד בנוגע למעשה בפועל.

21) לדוגמא באדה"ז — עשיית בעלי תשובה (ראה לקו"ד ח"ד תשנה, א ואילך), וכן בכל נשיא היו ענינים המיוחדים אליו. ואכ"מ.

22) לקו"ד ח"ב קצו, א — בשם הרשב"ץ.

של הלכות („הלכות הלכות"), וואָס גיט אַרויס קלאָרערהייט די הלכה ודין תורה בכל ענין וענין, באופן אַז מ'קען לייכט וויסן ווי מ'דאַרף זיך פירן במעשה בפועל (משא"כ אין די חיבורים שלפני הרמב"ם, „ואין צריך לומר הגמרא עצמה כו' צריכין דעת רחבה ונפש חכמה וזמן ארוך ואח"כ יודע מהם הדרך הנכוחה בדברים האסורים ומותרים ושאר דיני התורה היאך הוא")[23].

וואָס דאָס איז די שלימות און תכלית פון לימוד התורה בכלל — תלמוד גדול שמביא לידי מעשה[24], ווייל דורך דער מעשה קומט אַרויס דער אמת פון תורה במוחש, אין עשי' בפועל.

ועד"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו דעם רבי'ן נ"ע, „דער רמב"ם פון חסידות" — אַז זיין אויפטו אין תורת החסידות איז בדוגמת דער חידוש פון רמב"ם אין תורת הנגלה — אַז אין זיינע מאמרי חסידות גיט זיך אַרויס תורת החסידות „בדברים המתבררים, בלשון ברורה . . דברים קרובים נכונים כו'", ביז אַז מ'קען דערפון לייכט אַרויסנעמען די מסקנא[25] והלכה ביז אין עבודה בפועל — די שלימות ותכלית פון כל הלימוד כולו,

ווי מ'זעט עס בגלוי אין די מאמרים פון דעם בעל יום ההולדת[26], ובמיוחד — אין זיינע המשכי חסידות הידועים — המשך תרס"ו[27] און המשך תער"ב[28], וועלכע זיינען מבאר די יסודות ועיקרי תורת החסידות באריכות הסברה והבנה והשגה (פון חב"ד)[29], ובאופן פון „דברים המתבררים כו'", אַז מ'קען דערפון אַרויסנעמען די מסקנות פון די סוגיות אין חסידות [ובפרט לויט די קיצורים וואָס זיינען דאָ בסוף כל

23) וזהו מהטעמים על ההשתדלות גדולה בלימוד שיעור יומי בספר הרמב"ם, מה טוב — ג' פרקים ליום, ועכ"פ — פרק א' ליום, או ספר המצוות להרמב"ם, כמדובר כמ"פ בארוכה (לקו"ש חכ"ז ע' 229 ואילך. ועוד).

24) קידושין מ, ב. וש"נ.

25) ראה ס' השיחות תש"א ע' 160, שאדנ"ע נקרא ע"י זקני החסידים בתואר „דער חובת הלבבות פון תורת און עבודת החסידות", שהחידוש בחוה"ל הוא שבכל השערים — „הן אין די צוגענגליכע פאַרשטאַנדליכע שערים, און הן אין די שווער פאַרשטאַנדליכע צוליב זייער טיפע חקירה — איז אומעטום דאָ אַ בחינה, דאָס איז אַ ראי' מוכחת, וואָס מאַכט קלאָר דעם אינהאַלט". וכמו"כ הי' אצל אדנ"ע, שהי' „בעל בחינה", „יעדער זאַך וואָס ער האָט געזאָגט, הן אין זיינע חסידות תורה און הן אין עבודת הכלל, האָט ער דאָס פעסט אַרויסגעזאָגט, נאָכדעם ווי די זאַך איז ביי אים געווען קלאָר דורך אַ געוויסער בחינה".

26) סדר השתלשלות התרחבות תורת החסידות במאמרי אדנ"ע — ראה בארוכה לקו"ד שם רצה, סע"ב ואילך.

27) ראה לקו"ד שם ש, א (ושם: „פון יאָר תרס"ו הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער התרחבות תורת החסידות"). לקו"ש ח"ז ע' 209.

28) ראה לקו"ד שם שה, א (וראה שם ש, ב ואילך): מיט דעם מאמר בשעה שהקדימו (תער"ב) הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין התרחבות החסידות, און די אַלע טיפסטע ענינים פון חסידות ווערן ברייט אַרומגערעדט, ווי גאַר געוויינלעכע מוחש'דיקע זאַכן.

29) שכללות ענין של המשך חסידות הוא דבר בלתי רגיל (גם בתורת החסידות עצמה), כי רוב מאמרי חסידות של רבותינו נשיאינו נאמרו ונכתבו כמאמרים יחידים בפ"ע. וכללות הענין של „המשך מאמרים" נתחדש בעיקר ע"י אדמו"ר מהר"ש* (בהמשך והחרים תרל"א: מים רבים תרל"ו, וככה תרל"ז, ועוד), ובאריכות גדולה יותר ובביאור עיקרי תורת החסידות — ע"י אדנ"ע בהמשך תרס"ו והמשך תער"ב (ראה הערות הקודמות), ועוד.

*) גם אדה"ז אמר כמה דרושים בהמשך אחד (כנראה בכמה כת"י מעתיקים), אבל בדפוס חילקו הדרושים ונדפסו במקומות שונים, לא בתור המשך אחד. ולהעיר, שבכ"מ בלקו"ת יש דרוש, ובהמשך לזה — ביאור לדרוש זה, ולפעמים ביאור ותוס' ביאור.

פרקי[30] פון (אַ חלק גדולי[31] פון) המשך תער"ב[32], וואָס אַ קיצור גיט אַרויס די מסקנא פון דעם תוכן הביאור אין דעם פרק, ביז – אין לימוד המביא לידי מעשה בעבודת ה' בפועל.

ג. דער אויפטו פון דעם רבי'ן נ"ע איז אויך אונטערשטראָכן אין דעם וואָס ער האָט מייסד געווען ישיבת תומכי תמימים[33]:

דער חידוש פון דער ישיבה איז, אַז ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן, באופן של קביעות והתיישבות (ישיבה)[34], דער סדר הלימוד בישיבה פון לימוד הנגלה און לימוד החסידות, און ווי זיי זיינען אַ תורה אחת: אין נגלה זאָל זיך אָנהערן חסידות, און חסידות זאָל מען לערנען און פאַרשטיין ווי מ'פאַרשטייט אַן ענין אין נגלה[35].

דורך דעם לימוד הנגלה והחסידות אין אַ ישיבה, באופן של דיבוק חברים, פלפול התלמידים[36] כו' – איז מען מלבן ומברר די סוגיא וואָס מ'לערנט – אין נגלה און אין חסידות – ביז זי קומט אַרויס קלאָר "לכל פרטי"[37], און מ'האָט דערפון אַ מסקנא, ביז אין – עבודה במעשה בפועל, הן בנוגע לעצמו והן בנוגע הזולת,

ובכללות – די עבודה פון "יפוצו מעינותיך חוצה", אָנהויבנדיק פון מפיץ זיין די מעינות פון פנימיות התורה אין "חוצה" שבתורה (נגלה דתורה), אַזוי אַז זיי ווערן בגלוי אַ תורה אחת, תורה תמימה[35], און אויך אין דער "חוצה" באַ זיך (דער גוף ונה"ב כו'), ביז אין "חוצה" שבעולם,

ווי דער רבי נ"ע האָט געזאָגט, אַז דורך התייסדות הישיבה פירט זיך דורך בפועל די כוונה פון רבותינו נשיאינו אין יפוצו מעינותיך חוצה, דורך אויפשטעלן תלמידים וועלכע זיינען "נרות להאיר", און זיינען ממלא תפקידם אַלס "תמימים", ווי ערקלערט במיוחד אין די שיחה הידועה שלו צו די תלמידי הישיבה[38] בענין וד"ה "כלי[39] היוצא למלחמת בית דוד".

דערפון זעט מען נאָכמער בהדגשה, ווי דורך התייסדות ישיבת תומכי תמימים דורך דעם בעל יום ההולדת – קומט צו שלימות אין אויפטאָן אַז אלקות זאָל זיין אַן ענין מוחשי דורך לימוד החסידות ביז באופן פון לימוד המביא לידי מעשה, אָנהויבנדיק פון דער מעשה פון "והעמידו תלמידים הרבה"[40] דורך התייסדות הישי־

---

30) אף שהקיצורים (וחלוקת הפרקים) נכתבו (בקונטרס) בפ"ע ולאחרי זמן כתיבת ההמשך עצמו וכתיבת התחלת וסיום כל מאמר (ראה ב"פתח דבר" להמשך תער"ב), לאחרי אמירת המאמרים וחלוקת ההמשך למאמרים, כנראה בכתי"ק אדנ"ע (פאקסימיליא ממנו נדפס בהמשך תער"ב ח"א בתחלתו).

31) משא"כ לאחרי ד"ה זה יתנו העת"ר (פרק תכ"א) נחלק ההמשך רק למאמרים ולא לפרקים וקיצורים. וחלק ג' של ההמשך – חלק שלא נאמר – לא נחלק למאמרים.

32) ועד"ז הוא בהמשך תרס"ו, שכל מאמר מתחיל עם "ילהק"ת משנת"ל" (וכיו"ב), ומבאר בקיצור הנתבאר במאמר(ים) שלפנ"ז. וכן הוא בהמשך תער"ב בכל מאמר (גם לאחרי שלא נחלקו המאמרים לפרקים עם הקיצורים, כבהערה הקודמת).

33) ט"ו אלול תרנ"ז.

34) ראה לקו"ש חכ"ט ע' 284.

35) ראה שיחת כ"ק אדנ"ע שמח"ת תרנ"ט (בשעת הקפות) – נדפסה בסה"מ תרנ"ט ע' רכז. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"י ע' ד. ע' שסח. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 314.

36) ראה אבות פ"ו מ"ו.

37) ראה לקו"ש חכ"ז ע' 25 ואילך.

38) שמח"ת תרס"א – נדפסה בס' השיחות תש"ב ע' 133. לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. וראה גם שיחת ח"י אלול תרנ"ז – נדפסה בסה"ש שם ע' 133. לקו"ד שם תשפב, א.

39) שבת נו, א.

40) אבות פ"א מ"א.

בה, ובאופן (ווי די כוונה איז געווען אין ייסוד הישיבה) שהולך ומתפשט, סניפי הישיבה בכמה מקומות, ווי ס'איז געוואָרן בפועל נאָך בזמנו פון דעם מייסד הישי־בה, און דערנאָך נאָכמער — דורך בנו ממלא מקומו, דער מנהל פועל פון דער ישיבה, ביז אַז דער מרכז הישיבה האָט זיך איבערגעפלאַנצט אין חצי כדור ה־תחתון, און עס זיינען נתייסד געוואָרן און עס ווערן נתייסד (דורך די תלמידי התמי־מים, בכח מייסד הישיבה והמנהל פועל) באופן שהולך ומתפשט סניפי הישיבה בכל קצוי תבל (אָנגערופן בשם „ישיבת תומכי תמימים", אָדער „אחי תמימים" וכיו"ב), וועלכע שטעלן אויף תלמידי התמימים, על שם וואָס זיי לערנען תורה און פירן זיך אויף בהתאם צו דעם רצון וכוונה פון מייסד הישיבה, דורך מפיץ זיין די מעינות חוצה,

און מ'האָט אויף דעם כח במיוחד פון דעם שם הישיבה „תומכי תמימים", וועל־כע איז געגעבן געוואָרן דורך דעם מייסד הישיבה בשמח"ת תרנ"ט[41], בקשר מיט אמירת הפיוט אין די הקפה שביעית „תומך תמימים הושיעה נא", אַז מ'האָט אויף דעם דעם כח פון דעם „תומך תמימים" עס זאָל זיין „הושיעה נא" בכל הענינים, כולל ובמיוחד אין דורכפירן די כוונה פון התייסדות הישיבה אָנהויבנדיק אין לימוד התורה תמימה, נגלה און חסידות, ביז (ווי דער סיום האמירה בה־קפה שביעית) — „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", אַז דאָס ווערט נמשך אין עולמות בי"ע[42], אין עבודה בפועל, ביז אין מעשה בפועל, בעולם העשי' הגשמית.

ד. ע"פ הנ"ל יש לומר דעם קשר מיט דער בכי' פון דעם בעל יום ההולדת פאַר־וואָס דער אויבערשטער באַווייזט זיך ניט צו אים (אונז), ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו:

די בכי' פון דעם רבי'ן נ"ע באַווייזט אויף זיין השתוקקות — נאָך אַלס קליין קינד — צו זעען אלקות במוחש, בעיני בשר. וי"ל אַז היות דער רבי נ"ע האָט דערציילט דעם סיפור (ווי איבערגעגעבן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר), ובפרט אַז דאָס האָט פאַסירט בסמיכות ובקשר מיט יום הולדת שלו (אַ יום כללי בחייו) — איז מובן, אַז דאָס איז געווען אַ הכנה והקדמה, און האָט אַוועקגעשטעלט אַ יסוד פאַר עבודתו בכל ימי חייו — צו מגלה זיין אלקות במוחש דאָ למטה. ווי עס האָט זיך דערנאָך אויפגעטאָן דורך זיין עבודה בגילוי תורת החסידות און התייסדות ישיבת תומכי תמימים.

והביאור בזה:

גילוי אלקות (למטה) איז אין (און דורך) תורה — דבר ה', חכמתו ורצונו של הקב"ה, ואורייתא וקוב"ה כולא חד[43], כמאחז"ל[44] „אנא נפשית כתבית יהבית", דער אויבערשטער האָט זיך אַריינגעגעבן בתורתו.

און ווי ס'איז געשטאַנען בגלוי בשעת מתן תורה, אַז דער אויבערשטער האָט זיך מגלה געווען (באופן של ראי') אין און דורך תורה — „אתה הראת לדעת גו'"[45], „הראת ממש בראי' חושית כו'", והיינו מפני גילוי רצונו ית' בעשרת הדברות שהן כללות התורה שהיא פנימית רצונו ית'

---

41) ראה סה"מ תרנ"ט בהוספות ע' רכז־רכח. וש"נ.

42) ראה לקו"ת ויקרא לא, סע"ג ואילך. אמרי בינה שער הק"ש פ"ע ואילך. שרש מצות התפלה להצ"צ פכ"ב ואילך. ועוד.

43) ראה זח"ג עג, א. תניא פ"ד־ה. וראה סה"מ ה'ש"ת ע' 66 בהערה.

44) שבת קה, א (כגירסת העין יעקב).

45) ואתחנן ד, לה.

וחכמתו ואין שם הסתר פנים כלל, כמ"ש[46] כי באור פניך נתת לנו תורת חיים"[47].

און[48] אין גילוי אלקות שבתורה עצמה איז דאָ אַ מעלה אין חלק ההלכה שבתורה (ווי ספר הרמב"ם וכיו"ב) — „דבר ה' זו הלכה"[49], „והוי' עמו[50] שהלכה כמותו"[51], דער גילוי פון שם הוי', שם המפורש[52] שם העצם[53] ושם המיוחד[54] (משא"כ אין חלק השקו"ט איז דער גילוי פון „(אלו ואלו) דברי אלקים חיים"[55]).

און אין תורה עצמה איז דער גילוי פון די העכסטע דרגות אין אלקות נאָכמער אין פנימיות התורה (וועלכע איז פאַר־בונדן מיט סתים דקוב"ה[56]), „אילנא דחיי, דלית תמן לא קשיא מסטרא דרע כו'"[57], און דאָרט רעדט זיך בגלוי וועגן אלקות און יחודים עליונים וכו' (משא"כ נגלה דתורה איז ווי תורה ווערט נשתלשל און נתלבש אין „דברים גשמיים ועניני עולם הזה כו'"[58], ביז אין „אילנא דטוב ורע, דאיהו איסור והיתר כו'"[57]).

און אין פנימיות התורה עצמה — איז דאָס נאָכמער בהדגשה אין די מאמרי חסידות פון רבותינו נשיאינו, כידוע דער וואָרט פון ר' הלל פאַריטשער[59], אַז בשעת אַ רבי זאָגט אַ מאמר חסידות איז דאָס אַזוי ווי דבר הוי' מהר סיני [דערנאָך איז שייך אַז אין דעם זאָל זיין אַ שקו"ט בשכל אויך מיט דעם בעל המאמר כו']. ויש לומר אַז דאָס איז נאָכמער בגלוי אין תורת החסי־דות פון דעם רבי'ן נ"ע, „דער רמב"ם פון חסידות", וועלכע גיט אַרויס די מסקנא והלכה (וואָס איז פאַרבונדן מיט „והוי' עמו") ביז אין עבודה בפועל, כנ"ל.

ויש לומר, אַז די הכנה והתחלה ב־עבודה זו האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער בכי' ותשוקה פון דעם בעל יום ההולדת נאָך אַלס קינד (אָבער — „בוצין בוצין מקטפי' ידיע"[60]) אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַווייזן צו אים ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו — ער האָט זיך משתוקק געווען צו זען אלקות במוחש:

און די תשוקה (בקשר ליום ההולדת שלו) האָט זיך דערנאָך אויסגעדריקט אין זיין עבודה במשך ימי חייו — באופן אמירת וגילוי תורת החסידות שלו (וואָס אין און דורך דעם ווערט דער גילוי אלקות למטה), „דברים המתבררים כו'", באופן אַז מ'האָט די מסקנא והלכה, ביז אַז מ'קען דערפון אַרויסנעמען דער לימוד במעשה בפועל בחיי יום יום, און אין התייסדות ישיבת תומכי תמימים — וואָס דורך דעם האָט דער רבי נ"ע נאָכמער אַריינגעבראַכט גילוי אלקות למטה, באו־פן אַז יעדערער זאָל קענען פאַרשטיין אלקות בשכלו, און דערפון אַרויסנעמען אַ הלכה ולימוד אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן במעשה בפועל.

וואָס די עבודה (פון דעם רבי'ן נ"ע

---

46) תפלת העמידה.

47) תניא פל"ו (מו, א).

48) בהבא להלן — ראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 232 ואילך. וש"נ.

49) שבת קלח, ב.

50) ש"א טז, יח.

51) סנהדרין צג, ב.

52) סוטה לח, א. סנהדרין ס, א. רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ו ה"ב.

53) כסש"מ הל' עכו"ם פ"ב ה"ז. פרדס שי"ט. מו"נ ח"א פס"א ואילך. עיקרים מאמר ב פכ"ח.

54) סוטה שם. סנהדרין שם. וראה לקו"ש שם ע' 234 הערה 38, וש"נ.

55) עירובין יג, ב.

56) ראה זהר שבהערה 43.

57) רע"מ נשא קכד, ב. הובא ונתבאר באגה"ק סכ"ו.

58) תניא פ"ד.

59) ראה שיחת ליל ב' דחה"ס תרצ"ז (נדפסה בס' השיחות תרצ"ז־חורף הש"ת ע' 165).

60) ברכות מח, רע"א. וראה לעיל הערה 7.

בדברי תורתו) — ווערט אַ כלי צו (מילוי בקשתו ותשוקתו אַלס קינד —) „וירא אליו הוי'" בפועל, וכידוע[61] אַז „וירא אליו הוי'" איז בדוגמת דעם גילוי וראיית אלקות בשעת מתן תורה[62] [ווייל פון אברהם התחיל שני אלפים תורה[63], והתחלת יחוד העליון דמ"ת איז פון אברהם[64]], ובפרט דורך קיום מצות מילה של אברהם, וואָס האָט געבראַכט דעם גילוי פון „וירא אליו הוי'".

און פון דעם רבי'ן נ"ע ווערט עס דערנאָך נמשך צו בנו יחידו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וועלכער האָט ממשיך געווען דער גילוי פון תורת החסידות פון דעם רבי'ן נ"ע, וביתר שאת וביתר עוז, בתוספת ביאור והרחבה וכו' [ווי מ'זעט בכו"כ מאמרים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר אַ תוספת ביאור והרחבה אין די מאמרים פון דעם רבי'ן נ"ע, כולל — פון המשך תרס"ו און המשך תער"ב וכו'], נוסף אויף דעם וואָס ער האָט אויך געהייסן איבערזעצן חסידות אויף כמה לשונות פון אוה"ע[65]; און אויך אַ המשך בהרחבת ישיבת תומכי תמימים, ובאופן של הוספה, ובפרט לאחרי וואָס ער איז אָנגעקומען אין חצי כדור התחתון, וואָס דעמולט איז צוגעקומען אַ הוספה שלא בערך אין הרחבת הישיבה און די אַלע פעולות פון הפצת המעינות חוצה, ביז — בכל קצוי תבל, ובאופן שהולך ומתפשט ע"ע.

ה. נאָכמער: נוסף אויף דעם וואָס די בכי' והשתוקקות פון דעם רבי'ן נ"ע (אויף גילוי אלקות) איז אַ הכנה צו גילוי תורתו כמה שנים לאחרי זה, איז דאָס גופא אַ חלק פון תורה: גלייך בשעת מעשה האָט דאָס אַרויסגערופן אַ נייע תורה פון דעם צ"צ (אַלס ענטפער אויף זיין שאלה). ועפ"ז איז מובן, אַז אויך די שאלה פון דעם רבי'ן נ"ע ווערט אַ חלק פון דער תורה, ווייל זי האָט אַרויסגערופן דעם ענטפער.

ועוד ועיקר: אויך דער עצם שאלה פון דעם רבי'ן נ"ע איז אַ תורה והוראה [כידוע אַז אַ שאלה אין תורה איז אויך תורה], און אַ הוראה כללית אין דעם לעבן פון אַ אידן:

יעדער איד — ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, אפילו אויב ער איז אַ „קליין קינד", בשנים אָדער בידיעות — קען און דאַרף גלוסטן עד כדי בכי' אַז דער אויבערשטער זאָל זיך צו אים באַווייזן בחיים גשמיים שלו.

און דאָס דאַרף זיין בדוגמת ווי דער געוויין פון אַ קינד [ע"ד המאמר[66] „אני מתפלל לדעת זה התינוק"] וואָס קומט מתוך תמימות ופנימיות לבבו (און ניט צוליב דברים צדדים, ווי דאָס קען זיין ביי אַן ערוואַקסענעם), וואָס עד"ז איז שייך בא יעדער איד — „נער ישראל ואוהבהו"[67].

וואָס דאָס גיט אַרויס אַ יסוד ועיקר אין כללות העבודה פון אַ אידן, און אויך אין דעם סדר החינוך פון אַ קינד בפשטות[68]: ווי ער שטייט אַלס אַ נשמה בגוף אין עוה"ז הגשמי, אין טאָג טעגלעכן לעבן, ביז אפילו אין אַ מצב פון אַ „קליין קינד" (בשנים או בידיעות), און איז נאָך ניט שייך

---

61) סד"ה וירא עטר"ת (ע' עח).

62) רק שמשה המשיך הגילוי בכללות נש"י, ואברהם הי' הגילוי לו לבד (ד"ה וירא שם).

63) סנהדרין צז, א ובפרש"י.

64) ל"ת להאריז"ל ר"פ לך לך.

65) ראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 315. ובכ"מ.

66) שו"ת הריב"ש סקנ"ז. הובא בסהמ"צ להצ"צ שרש מצות התפלה פ"ח.

67) הושע יא, א. וראה בארוכה אוה"ת בשלח ע' שפב ואילך. ד"ה כי נער ישראל תרס"ו (ע' תקנ). סה"מ תרע"ח ע' קנט ואילך. וראה לקו"ש חכ"א ע' 20 ואילך.

68) ראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 129 ואילך.

צו אַן עבודה נעלית — דאַרף ביי אים זיין נוגע אַז ג־טלעכקייט זאָל זיין אַ טייל פון זיין לעבן, ביז אַז אים זאָל שטאַרק פאַראַרן וואָס דער אויבערשטער באַ־ווייזט זיך ניט צו אים אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו!

ועפ"ז איז נאָכמער מובן דער קשר פון דער בכי' פון דעם בעל יום ההולדת מיט כללות עבודתו אַלס נשיא חב"ד: די עצם בכי' ושאלה פון דעם רבי'ן נ"ע (פאַרוואָס דער אויבערשטער באַווייזט זיך ניט צו אים) איז אַ חלק פון תורתו והוראתיו, אַז אַ איד דאַרף זיך משתוקק זיין צו גילוי אלקות במוחש בחיים גשמיים שלו, ווי דאָס איז דערנאָך אַרויס בשלימות דורך גילוי תורתו פון דעם רבי'ן נ"ע אַלס נשיא חב"ד (וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט און אַריינגעגעבן כח צו מגלה זיין אלקות — פנימיות התורה — אין עבודה במעשה בפועל).

ו. ויש לומר נאָכמער: די תשוקה ו־בכי' צו וועלן זעען אלקות איז ניט נאָר אַ הכנה צו לימוד התורה און עבודת ה', נאָר דאָס איז אַ חלק פון דער עבודה, ביז אַז די שלימות בלימוד התורה ועבודת ה' איז בשעת מ'האָט אין דעם אַ שטענדיקע השתוקקות צו גילוי אלקות, „וירא אליו ה'", ועד"ז הענין פון „ברכו בתורה תחלה" קודם הלימוד[69].

וכמבואר אויך איינער פון די טעמים אויף דעם וואָס „לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן"[70], ווייל אַן אמת'ער מקבל התורה דאַרף ביי אים ניט זיין קיין ענין של דאגה ומחשבה מלבד ענין התורה.

ז. אין דעם אַלעם קומט צו אין דעם יום ההולדת בשנה זו — ק"ל שנה פון שנת ההולדת. ובהקדים:

לויט דעם כלל פון „מעלין בקודש"[71] איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין דער התגברות המזל פון דעם בעל יום ההולדת קומט צו אַ הוספה ועילוי בכל שנה ושנה. ובנדו"ד: גלייך בשעת דער רבי נ"ע איז געבאָרן געוואָרן האָט זיך שוין אויפגעטאָן דער ענין הכי נעלה פון יציאת הולד לאויר העולם — אַ נשמה כללית וועלכע וועט דערנאָך אויסוואַקסן זיין אַ נשיא ב־ישראל.

וכמודגש אין דעם וואָס דער צ"צ האָט געזאָגט, אַז דער יום ההולדת איז געווען בכ' חשון בשנת כתר"א, „שהוא רומז ל־כתרא עילאה"[72], ווי ס'איז דערנאָך נתגלה געוואָרן בשעת ער איז נכתר געוואָרן בכתר הנשיאות.

נאָר דער גילוי דערפון קומט אַרויס בסדר והדרגה, לאחרי שנות חינוכו וגי־דולו כו'. ווי ס'איז געווען בהדגשה באַ דעם רבי'ן נ"ע, אַז קבלת נשיאותו איז גע־קומען בסדר והדרגה: נאָך בחייו פון זיין פאָטער, דער רבי מהר"ש, האָט ער פון אים מקבל געווען כמה עניני נשיאות. אָבער בפועל האָט ער ניט אָנגענומען די נשיאות בכל הפרטים ביז לאחרי כמה שנים נאָך הסתלקות אביו[73].

69) נדרים פא, ב. ב"מ פה, ריש ע"ב. ב"ח או"ח סמ"ז. וראה רבינו יונה — הובא בר"ן נדרים שם. שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס מז.

70) מכילתא ר"פ בשלח.

71) ברכות כח, א. וש"נ.

72) להעיר שהלכה היא כתרה של תורה (ראה אגה"ק סכ"ט).

73) ובפרטיות — בשנת תרנ"ד (ראה חנוך לנער ע' 12).

מהטעמים לזה — גם מפני כבוד אחיו הגדול הרז"א. וכידוע שאדנ"ע (גם לאחרי קבלת הנשיאות) השתמט מכמה דברים כדי לא לפגוע בכבוד אחיו. ויי"ל שהוא ע"ד מ"ש הראי"ש (ספ"ק דקידושין) „אמרו עליו על רבינו מאיר מרוטנבורג שמיום שעלה לגדולה לא הקביל פני אביו ולא רצה שאביו יבא אליו".

און אויך לאחרי זה איז פאַרשטאַנדיק, אַז „מעלין בקודש", און בכל שנה ביום ההולדת קומט צו נאָך אַן עילוי אין זיין נשיאות עצמה.

ביז אַז אויך לאחרי ההסתלקות קומט אויך צו עליות בכל יום הולדת, כמובן פון דער רשימה דלקמן בנוגע צו אמירת דא"ח ע"י רבותינו נשיאינו ביום הולדת הפ"ד פון דעם רבי'ן נ"ע.

ובזה גופא — קומט צו אַ שלימות מיוחדת ווען עס ווערט ק"ל שנה פון זיין יום הולדת, כידוע[74] אַז ק"ל איז בגימטריא ה' פעמים הוי' (כ"ו):

מ'האָט פריער גערעדט, אַז בשעת אַ נשיא זאָגט אַ מאמר חסידות איז דאָס אַזוי ווי דבר הוי' מהר סיני, ובהדגשה יתירה — אין די מאמרי חסידות פון דעם רבי'ן נ"ע („דער רמב"ם פון חסידות"), וואו ס'איז אונטערשטראָכן דער ענין פון „דבר הוי' זו הלכה", „והוי' עמו".

וי"ל אַז דער ענין שטייט בגלוי ביום ההולדת פון דעם נשיא בכל שנה (ובכל שנה קומט אין דעם צו אַן עילוי כנ"ל) — כידוע דברי כ"ק מו"ח אדמו"ר[75], אַז „בכל שנה ביום הולדתו הי' אאמו"ר אומר דא"ח כו'"[76].

און נאָכמער: דער ענין איז אויך שייך לאחרי ההסתלקות — כידוע די רשימה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר פון כ' חשון תש"ה, אַז „בחלומי ראיתי את הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק בבגדי ש"ק ובפנים צוהלות במאד. ואמר במעט לעת זה שנתמלאו שמונים וארבע שנים לירידת נשמתי בעולם התחתון הנה יהיו אצלי אורחים טובים, וכפי הסדר הזה הנה כל אחד מכ"ק רבותינו ואבותינו הק' יאמר דרוש ע"פ דקאַפיטל פ"ד"[77].

ויש לומר הענין בזה: וויבאַלד אַז דער יום הולדת איז אַ יום כללי בחיי האדם, ועאכו"כ בחיי הנשיא, וועלכער איז פאַרבונדן און כולל כללות עבודתו (כנ"ל ס"א) — דעריבער איז דעמולט אַ זמן המתאים צו זאָגן אַ מאמר חסידות, וואָס אין דעם באַשטייט כללות עבודת הנשיא — מגלה זיין (אַ נייעם ענין אין) אלקות[78] — דבר הוי'. כולל ובהדגשה — באַ דעם רבי'ן נ"ע[79], כנ"ל.

---

74) ראה יאיר נתיב למאו"א ק, מה. קהלת יעקב בערכו. תו"א ח, ב. לקו"ת חוקת פ, ג. אוה"ת נשא ע' שפא־ב. ועוד.

75) „היום יום" כ' חשון.

76) וממשיך שם: אלא שהי' בחשאי, מלבד כשאירע בש"ק. ביום ההולדת האחרון בעלמא דין אמר מאמר נתת ליראיך כו'. כשסיים אמר לי: ביום הולדת צריך לומר חסידות. יתן השי"ת לך מתנה שתאמר חסידות ביום ההולדת שלך כו'.

77) אבל להעיר, שברשימה זו לא נזכר ש־אדנ"ע אמר מאמר על קאַפיטל זה. ולהעיר, שיש מאמר מכ"ק מו"ח אדמו"ר מכ' חשון תש"ה (סה"מ תש"ה ע' 104) ד"ה אשרי אדם עוז גו' (פסוק ב־קאַפיטל פ"ד בתהלים).

78) וי"ל השייכות לענין של יום הולדת, כי אמירת תורה חדשה של צדיק ונשיא הו"ע של הולדה חדשה (ואדרבה: זהו עיקר ענין ההולדה של צדיק*).

ועד"ז י"ל גם בנוגע לתורה הנ"ל של אדנ"ע (למה הקב"ה לא מתגלה אליו) ומענה הצ"צ על זה — שתורה זו נאמרה בקשר עם יום הולדת אדמו"ר נ"ע, כשנכנס להצ"צ לקבל ברכתו בשייכות ליום הולדתו.

79) ולהעיר שהמשך חרס"ו הי' כ"ו (בגימטריא הוי') שנה לאחרי הולדת כ"ק מו"ח אדמו"ר (בשנת תר"ם). והמשך תער"ב הי' בשנת הנ"ב (ב' פעמים כ"ו) של אדמו"ר נ"ע. ולהעיר גם, ששיחת כ"ק אדנ"ע לתלמידי הישיבה ד"ה כל היוצא למלחמת בית דוד בשמחת תורה תרס"א נאמרה כ"ו שנה לאחרי חתונת אדנ"ע (בשנת תרל"ה).

---

*) ראה ב"ר (פ"ל, ו) ופרש"י ר"פ נח: תולדותי־הם של צדיקים מעשים טובים.

און אין דעם גופא קומט צו אַ שלימות מיוחדת בשנת הקי"ל פון דעם יום ההולדת — ה' פעמים הוי': דער מספר ה' בקשר מיט תורה באַווייזט אויף דער שלימות אין תורה — חמשה חומשי תורה [און דאָס איז כולל אויך תושבע"פ, די ששה סדרי משנה, ביז כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, וואָס הכל ניתנה למשה מסיני]. ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צו תורתו פון דעם בעל יום ההולדת, אַז בקי"ל — ה' פעמים הוי' — שנה פון הולדת שלו [ול־הוסיף, אַז ער איז דער נשיא חבּ"ד החמישי], שטייט בגלוי די שלימות פון כל התורה, מאמרי חסידות שלו (דבר הוי'). כולל — די שלימות פון דעם חידוש מיוחד במאמרי חסידות שלו, אַז מ'האָט אין דעם אַ מסקנא והלכה, ביז אין עבודה בפועל.

ויש לומר אַז די שלימות (פון קי"ל שנה) קומט אַרויס דוקא אין דעם דריטן דור פון דעם דור פון דעם רבי'ן נ"ע — ע"פ מארז"ל[80] עה"פ[81] „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך", אַז שלימות התורה באופן פון „מעתה ועד עולם", איז בשעת עס זיינען דאָ דריי דורות, תלתא זימנא הוי חזקה[82], וכמאחז"ל[83] „עטרת זקנים בני בנים". וכמבואר במ"א[84], אַז י"ל אַז דאָס איז דער טעם פאַרוואָס התייסדות ישיבת תומכי תמימים איז געווען פאַרבונדן מיט חתונת כ"ק מ"ח אדמו"ר, וואָס דורך דעם האָט זיך אויפגעטאָן די אפשריות אויף „בני בנים".

ד.ה. אַז די שלימות פון דער תורה ועבודה פון דעם בעל יום ההולדת בקי"ל שנה להולדתו, ה' פעמים הוי' — קומט אַרויס בגלוי צוויי דורות לאחרי זה, דורך די תלמידי התלמידים שלו, די תלמידים וחסידים פון בנו ממלא מקומו כ"ק מו"ח אדמו"ר, נשיא דורנו. און פון זיי — ווערט עס נמשך ווייטער, ביז צו דער גאולה האמיתית והשלימה וועלכע קומט דורך יפוצו מעינותיך חוצה — די גאולה פאַר־בונדן מיט דעם ענין של עשרה (שירה העשירית, מנין העשירי וכו'), ב' פעמים חמש, כפליים לתושי'.

ח. דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער לימוד מכל הנ"ל בנוגע לפועל:

בשנה זו — קי"ל שנה מיום הולדת אדמו"ר נ"ע — באַקומט יעדער איד (פון דעם בעל יום ההולדת און פון בנו ממלא מקומו) די שלימות פון קי"ל, ה' פעמים הוי', די שלימות פון כל התורה וכל עניני עבודה פון דעם בעל יום הולדת, ובפש־טות — דער כח צו קענען לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן אין אַן אופן אַז ג־טלעכקייט ווערט אַ טייל פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

און דער כח באַקומט יעדער איד, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב. — זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די עבודה דאַרף זיין מיט אַ סדר, אַז מ'לערנט ניט אַלע ענינים (קי"ל) בבת אחת, אָבער גלייך בתחלת הלימוד האָט מען שוין דעם כח פון קי"ל, שלימות כל התורה שלו.

ובנוגע לפועל:

בקשר מיט דעם קומענדיקן כ"ף מר־חשון, דאַרף באַ יעדער איד צוקומען אַ שלימות אין לימוד התורה וכל עניני עבודה שלו,

אָנהויבנדיק פון דעם, אַז ביי אים איז

---

80) ב"מ פה, א.

81) ישעי' נט, כא.

82) וכמדובר כמ"פ בשנה זו המעלה דמספר שלשה, כמודגש בקביעות השנה (ראה מכתבים כלליים בקשר לחודש תשרי ש.ז. (נדפסו לקמן ח"ב בהוספות)).

83) משלי יז, ו. וראה אבות פ"ו מ"ח. ב"ר פס"ג, ב.

84) לקו"ש ח"כ ע' 392.

דאַ אַ שטענדיקע תשוקה צו אלקות, און דאָס קומט ביי אים אַרויס בפועל — דורך מוסיף זיין אין לימוד התורה, נגלה דתורה און פנימיות התורה, כולל ובמיוחד — אין דער תורה פון דעם בעל יום ההולדת,

אַ לימוד באופן של הבנה והשגה פון דעם אדם הלומד [וכמובן, מיט דער זהירות ניט צוצוגעבן הסברים וסברות מבחוץ כו', נאָר דוקא ביאורים וועלכע זיינען מיוסד אויף דרושי חסידות פון רבותינו נשיאינו],

און צוזאַמען דערמיט — לימוד שמביא לידי מעשה, אין קיום המצוות בהידור, הן בנוגע לעצמו, והן בנוגע צו משפיע זיין אויף אַנדערע — ובכללות — אין דער עבודה פון יפוצו מעינותיך חוצה, ביז אין דער חוצה שאין חוצה ממנה,

ובאופן פון „והעמידו תלמידים הרבה", כולל דורך דער התפשטות והתרחבות פון סניפי ישיבת תומכי תמימים בכל מקום השייך לזה,

און דורך אַ השתדלות אין חינוך און הרחבת מוסדות חינוך בכלל, ובמיוחד — דורך איינוואַרצלען אין קינדער (הן ב־שנים והן בידיעות) — עס זאָל ביי אים זיין נוגע בנפש אַז דער אויבערשטער זאָל זיך צו אים באַווייזן, כנ"ל.

ט. ויהי רצון, אַז דאָס זאָל אַלץ נאָכ־מער צואיילן די גאולה האמיתית והשלי־מה, תיכף ומיד ממש, און מ'גרייט זיך צו דעם כ"ף חשון ווען מ'וועט הערן תורה — אַ מאמר חסידות — פון דעם בעל יום ה־הולדת עצמו, און תורה פון אַלע נשיאים: דער בעש"ט, דער מגיד, דער אַלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צ"צ, דער רבי מהר"ש, און כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — פון אַלע שבעה נשיאים, ע"ד ווי דערציילט אין דער רשימה הנ"ל, אָבער דעם כ"ף חשון וועט מען דאָס הערן בגלוי פון רבותינו נשיאינו נשמות בגופים, וואָרום „הקיצו ורננו שוכני עפר"[85], און צדיקים קמים מיד [כמבואר בזהר[86]],

„והיו עיניך רואות את מוריך"[87], און מ'וועט הערן די תורה מפיהם בקול גלוי — אַז דער קל (חסר וא"ו) דלא אשתמע, ווערט נמשך אין קול (מלא וא"ו), קלא דאשתמע[88], אַזוי אַז ווי דאָס שטייט למעלה מעלה בפנימיות הנשמה בבחי' קלא דלא אשתמע, ווערט עס אַזוי נמשך — דורך דעם ו' הממשיך והמבריח מן הקצה אל הקצה — אין דעם קלא דאשתמע, דאָ למטה בעוה"ז הגשמי, אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו, וואו עס ווערט דער דירה לו יתברך[89], לו לעצמותו[90], זייענ־דיק למעלה פון דעם גאַנצן גדר פון מעלה ומטה (קלא דלא אשתמע און קלא דאשתמע).

ונוסף לזה וואָס מ'הערט תורתם בדוגמא ווי דאָס איז געווען בחיים חיותם בעלמא דין — וועט מען פון זיי אויך הערן „תורה חדשה",

ועוד והוא העיקר — תיכף ומיד ממש.

---

85) ישעי' כו, יט.

86) ח"א קמ, א.

87) ישעי' ל, כ.

88) ראה סידור עם דא"ח יט, ב. ספר הליקוטים דא"ח צ"צ ערך קול ע' מה ואילך. ועוד.

89) ראה תניא פל"ו.

90) ראה אוה"ת בלק ע' תתקצז. המשך תרס"ו ס"ע ג. ועוד.

משיחות ש"פ חיי שרה, כ"ב מרחשון ה'תנש"א

א. על הפסוק „ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" (שבהתחלת פרשתנו) — מפרש רש"י: „לכך נכתב שנה בכל כלל וכלל, לומר לך שכל א' נדרש לעצמו, בת ק' כבת כ' לחטא . . ובת כ' כבת ז' ליופי".

ולאחרי שהכתוב מפרט מספר השנים דחיי שרה — מוסיף ומסיים „שני חיי שרה", ומפרש רש"י: „כולן שוין לטובה".

וצריך להבין[1]:

א) ב' חלקי הכתוב (ופירוש רש"י ב־פשוטו של מקרא) הם לכאורה בסתירה זל"ז — כי, בחציו הראשון של הפסוק נאמר ש„כל א' נדרש לעצמו" (אלא שדו־מין זל"ז, „בת ק' כבת כ' . . ובת כ' כבת ז'", בכ"ף הדמיון), ואילו בחציו השני של הפ־סוק נאמר „כולן שוין לטובה", שוין ממש?

ב) ועיקר: ההוספה ד„כולן שוין לטו־בה" לגבי „בת ק' כבת כ' . . ובת כ' כבת ז'", היא — בשתים: (א) לא רק „בת ק' כבת כ' . . ובת כ' כבת ז'" בכ"ף הדמיון בלבד, אלא „כולן שוין לטובה", שוין ממש. (ב) לא רק שהשנים האחרונות שוין לשנים הראשונות (במעלת היופי דבת ז' והעדר החטא דבת כ'), אלא גם לאידך גיסא — שהשנים הראשונות שוין לשנים האחרונות (שבהם הוסיפה בעבודתה בעילוי אחר עילוי).

ולכאורה תמוה — איך אפשר לומר ש־„כולן שוין לטובה", שכל שנותי' היו שוין ממש:

בנוגע להשוואת שנים האחרונות ל־

1) בהבא לקמן — ראה גם לקו"ש ח"ה ע' 92 ואילך. 336 ואילך. ח"כ ע' 325 ואילך.

שנים הראשונות (שלא נגרע במעלת היופי והעדר החטא) — הרי (נוסף על השינוי שנעשה מצד השייכות לגדר של חטא (בת עונשין) ומיעוט היופי, שלכן צריכים לש־לול זה) מצינו ש(גם) בפועל לא היו כל שנותי' שוין בענין היופי והחטא, כמפורש בכתובי שהי' אצלה מצב ד„בלותי" (ירידה בשלימות היופי), ועד"ז המצב ד„ותצחק שרה"[2], „ותכחש שרה"[3] (ירידה בהעדר החטא לגמרי)?

ובנוגע להשוואת שנים הראשונות ל־שנים האחרונות — כיון שבמשך שנות חיי' היתה עבודתה באופן ד„מעלין בקודש"[4], „צדיקים . . ילכו[5] מחיל אל חיל"[6], ועד לעילוי שבאין־ערוך לדרגא הקודמת [ול־דוגמא: העילוי כשהיתה עם אברם (שאז התחילה (עיקר) עבודתה ב„הנפש אשר עשו בחרן"[7], „אברם מגייר את האנשים ו־שרה מגיירת את הנשים"[8]) לגבי שנות חיי' שלפנ"ז; העילוי בהליכתה עם אברם מ־חרן, „ויקח אברם את שרי אשתו וגו'"[7]; ועד להעילוי דקריאת השם „שרה", „שרה על כל"[9], ו(בהמשך לזה) לידת יצחק[10]] — איך יתכן לומר שהשנים הראשונות בהת־

2) וירא יח, כב.

3) שם, טו. וראה בארוכה לקו"ש ח"ה שם.

4) ברכות כח, א. וש"נ.

5) תהלים פד, ח.

6) ברכות בסופה וש"נ.

7) לך לך יב, ה.

8) פרש"י עה"פ (מב"ר פל"ט, יד).

9) לך לך יז, טו ובפרש"י.

10) ראה לקוטי לוי"צ על פסוקי תנ"ך (פרשתנו ע' יג): „ויהיו חיי שרה, שעיקר חיי שרה היו ל"ז שנים מספר ויהיו משעה שנולד יצחק שהיתה בת צ' שנה, כמ"ש בזוה"ק פ' חיי שרה דקכ"ג ע"א ע"ש, כי אשה כשאין לה בנים נחשבת כמתה, כמו שאמרה

חלת עבודתה שוין ממש לשנים האחרונות בגמר ושלימות עבודתה?

ג) ע"פ הידועי[11] שכל עניני התורה (גם הסיפורים שבתורה) הם הוראות (תורה מלשון הוראה[12]), ובפרט הסיפורים ע"ד דברי ימי חיי ה„אבות" וה„אמהות" (ועאכו"כ ראשון שבאבות וראשונה שבאמהות) דכל אחד ואחת מבנ"י[13], שהם הוראות בנוגע לימי חייו של כאו"א מישראל, „מעשה אבות סימן (הוראה ונתינת־כח) לבנים"[14] — צריך להבין מהו הלימוד וההוראה בעבודת כאו"א מישראל מ„שני חיי שרה" ש„כולן שוין לטובה", דלכאורה, כיון שזוהי מעלה מיוחדת שנתפרשה בכתוב בנוגע לשרה דוקא[15], איך יתכן לומר על זה „סימן לבנים", ששנות חייו של כאו"א מישראל צריכים להיות באופן ש„כולן שוין לטובה"?!

ב. ויש לומר הביאור בזה[16]:

בפסוק „ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" — שבו נכללים כל מעשי' ועבודתה של שרה במשך כל שנות חיי' — נרמזת גם כללות עבודת האדם, כי, הכחות שבנפש האדם[17] נחלקים (בכללות) לג' חלקים: (א) מדות, (ב) מוחין (שכל), (ג) רצון ותענוג (למעלה מהשכל), המרומזים במספר שנות חיי שרה — „מאה שנה עשרים שנה ושבע שנים", כמבואר בדרושי חסידות[18] ש„מאה שנה" קאי על כתר (רצון ותענוג), „עשרים שנה" קאי על חכמה בינה (מוחין), ו„שבע שנים" קאי על שבע המדות.

ונוסף על העבודה בנפש האדם („מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים"), מודגשת ב„חיי שרה" גם הפעולה בעולם[19].

ובהקדים המבואר במק"א[20] החילוק שבין האבות לאמהות, שהפעולה דהמשכת הקדושה בעולם נעשית בעיקר ע"י האמהות, החל משרה[21] (הראשונה שבאמהות), ולכן, בסיום שני חיי שרה[22] (גמר

רחל (אחת מהאמהות (ברכות טז, ב)) הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי, חיי שרה הי"ה משנולד להי' בן יצחק, והוא ל"ז שנה".

11) ראה זח"ג קנב, א. מכתבי תורה (להרגוצ'ובי) מכתב צט.

12) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. זח"ג נג, ב.

13) ולכן אמרו חז"ל (ברכות שבהערה 10) „אין קורין אבות אלא לשלשה, ואין קורין אמהות אלא לארבע" — ראה תו"א ר"פ וארא. ובכ"מ.

14) ראה תנחומא לך לך ט. ב"ר פ"מ, ו. רמב"ן לך לך יב, ו. לקו"ש חט"ו ע' 76. ושי"נ.

15) ועד שאפילו באברהם שנאמר בו (בסוף הפרשה (כה, ז)) „ואלה ימי שני חיי אברהם מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים", „בן ק' כבן ע' ובן ע' כבן ה' בלא חטא" (פרש"י עה"פ) — לא נתפרש עוה"פ „שני חיי אברהם" (כמו בשרה), ש„כולן שוין לטובה".

16) בהבא לקמן — ראה בארוכה ד"ה ויהיו חיי שרה שנאמר בהתוועדות סה"מ מלוקט ח"ה ע' סה ואילך).

*) להעיר ממרז"ל (ברכות ס, א. ושי"נ) אשה מזרעת תחלה יולדת זכר.

17) האדם האמיתי — „אתם קרויין אדם" (יבמות סא, רע"א), ע"ש אדמה לעליון (ראה של"ה ג, רע"א. ועוד). — ויש לומר, שבשביל ענין הבחירה נעשה כן גם באוה"ע (ראה עד"ז סה"מ תרנ"ו ס"ע שיט).

18) לקו"ת ר"פ ברכה. ביאו"ז ותו"ח ואוה"ת ריש פרשתנו. ועוד (ראה הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' קנא). ד"ה ויהיו חיי שרה הנ"ל.

19) נוסף לכך ששבע המדות („שבע שנים") הם המקור שמהם ועל ידם נמשכת העבודה במעשה בפועל, גם בחלקו בעולם, ועי"ז בכל העולם.

20) ראה לקו"ש ח"ה ע' 339 ואילך. ושי"נ.

21) להעיר, שאברהם ושרה הם דוגמת נשמה וגוף (זהר פרשתנו קכב, ב. ועוד).

22) נוסף על פעולתה במשך שנות חי', החל מהעשירות דאברהם בכסף וזהב (שבזה מודגשת הפעולה בבירור ניצוצות הקדושה שבעניני העולם) שבאה לו ע"י שרה, כמ"ש „ולאברם הטיב (פרעה) בעבורה ויהי לו צאן ובקר וגו'" (לך לך יב, טז), עד שבעלותו ממצרים הי' „כבד מאד במקנה בכסף

ושלימות עבודתה) נעשה עילוי ושלימות גם בהפעולה בעולם – כמודגש בפרטי הענינים שבפרשה (לאחרי ההקדמה הכללית ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים"), ומהם:

א) בהתחלת הפרשה – קניית מערת המכפלה, כמ"ש[23] „ויקם שדה עפרון גו' והמערה אשר בו גו' לאברהם למקנה לעיני בני חת גו'", דיש לומר, שבזה התחיל כיבוש ארץ ישראל (בירור העולם) בפועל[24], ובתכלית השלימות, באופן ש„אין אומות העולם יכולים . . לומר גזולים הן בידכם"[25] – שענין זה הי' בקשר ובשייכות לקבורת שרה.

ב) בסיום הפרשה – „ויוסף אברהם (לאחרי ש„ותמת שרה") ויקח אשה ושמה קטורה ותלד לו וגו'"[26], „ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם גו' וישכנו גו' על פני כל אחיו נפל"[27] – שבזה מודגשת הפעולה באומות העולם, תולדותיו של אברהם מהגר (הן „בני קטורה", „זו הגר"[28], והן „תולדות ישמעאל גו' אשר ילדה הגר") ששייכותה לאברהם אינה אלא מפני היותה שפחת שרה[29].

[ועפ"ז מתורצת התמיהה בנוגע לשם הפרשה, „חיי שרה", אף שרק בפסוק הראשון נזכר אודות „שני חיי שרה", משא"כ הפסוק שלאח"ז, „ותמת שרה גו'", וכן הפסוקים שלאח"ז אודות קבורתה במערת המכפלה, והמשך המאורעות שהיו לאחרי וכתוצאה ממיתת שרה – כיון שבמאורעות אלה שהיו בגמר עבודתה מודגשת השלימות דעבודת שרה לפעול בעולם[30]].

ג. ולאחרי שהכתוב מונה פרטי הענינים שבעבודת שרה (ובכללות העבודה),

---

ובזהב" (שם יג, ב), היינו, שברכתו של הקב"ה בממון [„לך לך מארצך גו' ואברכך גו'", „שלשה ברכות כו' על הממון כו'" (ר"פ לך לך ובפרש"י)] נתקיימה בפועל ע"י שרה (ראה בארוכה לקו"ש ח"כ ע' 38 ואילך).

ובפרטיות יותר (בשייכות לפסוק „ויהיו חיי שרה גו' ושבע שנים") – ע"י יפי' של שרה („בת ז' ליופי"), כמ"ש „ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה ויאמר אל שרי אשתו הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את גו' אמרי נא אחותי את למען ייטב לי בעבורך", „יתנו לי מתנות" (שם יב, יא־יג), וכך הי' בפועל, „ויהי כבוא אברם* מצרימה ויראו המצרים את האשה כי יפה היא מאד גו' ותוקח האשה בית פרעה ולאברם היטיב בעבורה גו'" (שם, יד־טז).

23) כג, יז־יח.

24) נוסף על ההבטחה „לזרעך נתתי את הארץ הזאת", „אמירתו של הקב"ה כאילו היא עשוי'" (לך לך טו, יח ובפרש"י), ופעולת אברהם „קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה" (שם יג, יז) כדי לקנותה (ראה ב"ב ק, א).

25) ב"ר פ"א, ז. וש"נ.

*) והחידוש שבדבר – שגם „כבוא אברם" (ולא „כבואם") לבדו, „שהטמין אותה בתיבה" כדי שלא יראוה המצרים, מ"מ, „פתחו וראו אותה" (פרש"י שם) – דיש לומר (ע"ד הרמז) ש„מזלייהו חזי" את יפי' שבקע את (מן) התיבה.

26) כה, א־ב.

27) שם יב, ואילך.

28) פרש"י שם, א.

29) ובפרטיות יותר: נוסף לכך ששילוחם של „בני הפלגשים" מעל יצחק („וישלחם מעל יצחק בנו" (כה, ו)) הוא תוצאה והשפעה מדברי שרה „גרש את האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש גו' עם בני עם יצחק" (וירא כא, יו"ד), יש לומר, שגם המצב ד„תולדות ישמעאל" כשלעצמם („וישכנו גו'") קשור עם שרה*, שלכן מדגיש הכתוב „ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם", שילדי הגר השפחה הם נכסי שרה.

30) ראה גם לקו"ש חט"ו ע' 145 ואילך. ועוד.

*) ויתירה מזה: גם בנוגע לישמעאל עצמו, הלימוד שעשה תשובה הוא ממ"ש „יצחק וישמעאל", שישמעאל „הוליך את יצחק לפניו" (כה, ט ובפרש"י) – מתאים לדרישת (והשפעת) שרה.

„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", שמחולקים זמ"ז [שהרי בודאי אינה דומה העבודה שמצד המדות (שבע שנים) לעבודה שמצד המוחין (עשרים שנה), ועד לשלימות העבודה מצד הרצון והתענוג (מאה שנה)] — מוסיף ומסיים „שני חיי שרה", „כולן שוין לטובה":

ויובן בהקדים דיוק הלשון „כולן שוין לטובה" — דלכאורה, פשיטא שההשתוות ד„שני חיי שרה" היא למעליותא (שכל מעלה שמצינו בא' ממספר שנותי' היתה בכל שנות חיי'), ומאי קמ"ל ההוספה ד„כולן שוין לטובה"?

ויש לומר הביאור בזה — שההשתוות („כולן שוין") היא מצד ה„טוב" שבנשמתו של כאו"א מישראל שהיא „חלק אלקה ממעל ממש"[31], חלק מן העצם (שעל ידו תופסים בהעצם כולו[32]) שהוא עצם ומקור הטוב וטבע הטוב להיטיב[33], ומזה נמשך בכל אופני העבודה כפי שבאים בהתחלקות לפרטים, מן הקצה אל הקצה, מרצון ותענוג, עד ל(מדות ו)מעשה בפועל בחלקו בעולם (ובלשון הידוע[34] למעלה מעלה עד אין קץ ולמטה מטה עד אין תכלית)[35], שכולם חדורים בה„טוב" דעצם הנשמה, ולכן „כולן שוין לטובה", שמשתווין ב„טובה" שמצד גילוי ה„טוב" דעצם הנשמה.

ועפ"ז מתורצות ב' השאלות האמורות (הסתירה בין „כל א' נדרש לעצמו" ל„כולן שוין לטובה", והתמיהה שלמרות חילוקי הדרגות במשך שנות חיי' „כולן שוין לטובה") — כי, חילוקי הדרגות במשך שנות חיי' הם מצד פרטי העבודה שהם באופן של התחלקות, אבל מצד גילוי עצם הנשמה[36] שלמעלה מהתחלקות נעשים גם כל פרטי העבודה באופן ש„כולן שוין לטובה", ובשני הקצוות: שהמעלות דשנים הראשונות (בת כ' בלא חטא ובת ז' ליופי) נמשכות גם בשנים האחרונות[37], והמעלות שנוספו בשנים האחרונות עד לגמר ושלימות עבודתה פועלות גם על העבר עד להתחלת ימי חיי'[38].

---

31) תניא רפ"ב.

32) ראה כש"ט הוספות סקט"ז. ושי"נ.

33) ראה בהנסמן בלקו"ש חכ"ד ע' 334 בהערה.

34) ראה תקו"ז סוף תיקון נז (וראה שם תיקון יט — מ, ב). ד"ח יתרו לד, סע"ג.

35) ע"ד ב' הפירושים ב„חלק אלקה ממעל ממש" — אלקות ממש (שמורה על אמיתת הענין), וממש מלשון ממשות (ראה אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' תד־ז).

36) ויש לומר, שענין זה (גילוי עצם הנשמה) מודגש בשרה יותר מאשר באברהם (שלא נאמר בו „כולן שוין לטובה", וראה לקמן הערה 38) — דכיון שאצלה מודגשת יותר הירידה למטה לפעול בעולם (כנ"ל ס"ב), לכן מודגשת יותר גם העלי' (שנעשית ע"י ירידה זו) דהתגלות עצם הנשמה.

37) ומש"נ „בת ק' כבת כ' ובת כ' כבת ז'", בכ"ף הדמיון (מצד השייכות לגדר של חטא ומיעוט היופי, כנ"ל ס"א) — יש לומר שהכוונה בזה היא למעליותא, שבשנים שלאח"ז ניתוסף חידוש גדול יותר, הן בנוגע לשלילת החטא — ע"י עבודתה, והן בנוגע לשלימות היופי — חידוש ושינוי טבע הגוף (ראה לקו"ש ח"כ ע' 326). ויתירה מזה — שגם זמני הירידה („בלותי", „ותצחק שרה", כנ"ל ס"א) הם „לטובה", כיון שירידה זו היא בשביל עלי' גדולה יותר לגבי המצב שלפני הירידה (ראה לקו"ש ח"ה ע' 353).

38) ועוד יותר מאשר באברהם (ראה לעיל הערה 36), שאף שימי חייו היו קע"ה שנה („בן ק' כו' כבן ה' לחטא"), מ"מ, נאמר עליו „עקב אשר שמע אברהם בקולי (כמנין עק"ב שנים שמע אברהם בקולי), חושבני' מאה ושבעין ותרין" (קע"ה חסר שלש שנים), כיון ש„בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו"* [משא"כ בג' שנים הראשונות שבהם

---

*) נדרים לב, סע"א. — ולהעיר מהדעה שבן מ"ח שנים הכיר אברהם את בוראו (ב"ר פ"ל, ח. וש"נ), „גמר ההיכרא" (כס"מ לרמב"ם הל' ע"ז פ"א

ד. והנה, ע"פ האמור לעיל, „שני חיי שרה" („כולן שוין לטובה") הוא ענין נוסף (דרגא נעלית יותר) לגבי „מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", ולכאורה, מפשטות הלשון משמע ש„שני חיי שרה" („כולן שוין לטובה") הוא פירוש וביאור (סיכום) ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", ולא ענין נוסף.

ולכן, יש לומר הפירוש ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" באופן אחר קצת (כדלקמן), שעפ"ז יובן ש„שני חיי שרה" („כולן שוין לטובה") הוא פירוש וביאור (סיכום) ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים".

ועפ"ז יובן גם הלימוד וההוראה מכללות הענין ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה", „כולן שוין לטובה" — באופן השייך לכאו"א מישראל, בני אברהם (יצחק ויעקב) ושרה (רבקה רחל ולאה)[39], כדלקמן.

ה. והביאור בזה — ע"פ מאמר הזהר[40] „מאה שנה כללא דכולא":

„מאה שנה" רומז (לא רק לא' מאופני העבודה הפרטיים, עבודה שמצד רצון ותענוג, אלא גם) לכללות העבודה, „כללא דכולא", הנקודה הכללית שבכל עניני העבודה, ש„כלל" זה נמשך וחודר בכל פרטי העבודה ד„עשרים שנה ושבע שנים", מוחין מדות.

ויומתק יותר ע"פ פירוש רש"י ש„כל א' נדרש לעצמו", „פירוש כל כלל מתפרש לעצמו ואינו מתחבר עם הכללים האחרים עד שיהיו שלשתן יחד סך אחד . . משום דשנה שנה לחלק משמע . . כאילו אמר בת מאה שנה ובת עשרים שנה ובת שבע שנים, דהשתא הוו להו שבע שנים דקרא אותן שבע שמשנולדה עד שהיתה בת ז', וכ' שנה דקרא אותן כ' שמשנולדה עד שהיתה בת כ', וק' שנה דקרא אותן מאה שמשנולדה עד שהיתה בת ק'"[41] — שעפ"ז נמצא שעיקר שלימות השנים היא „מאה שנה", „כללא דכולא", ומאה שנה אלה קשורים גם עם ה„עשרים שנה ושבע שנים" (בת ק' כבת כ' ובת כ' כבת ז'), היינו, שהכלל נמשך וחודר בהפרטים.

ועפ"ז מובן ש„שני חיי שרה" („כולן שוין לטובה") הוא פירוש וביאור (סיכום) ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" (ולא ענין נוסף) — כי, גם ב„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" מודגש התוכן

„**התחיל**** לשוטט בדעתו וכו'"***, אף שהתעסק** בהכשר והכנה **להכרת בוראו (שדורשת משך זמן), ולכן היו כל ימיו בשלימות, „בא בימים", „יומין שלימין", מ"מ, אין זה בכלל דרגת העבודה ד„שמע אברהם בקולי"), דלא כבשרה שכל קכ"ז שנותי' (מהרגע הראשון שיצאה לאויר העולם)** „שוין לטובה".

ה"ג), שעפ"ז היו מספר השנים שעבד את בוראו לאחרי גמר ושלימות ההכרה — **קכ"ז** שנה, כמספר שני חיי שרה.

**) רמב"ם שם — שיעור יומי דערב ש"ק זה.

***) ויש לומר, ש„התחיל לשוטט בדעתו" מיד בצאתו לאויר העולם — ע"ד שמצינו שלפני המבול „כשהיתה אחת מהם יולדת . . היתה אומרת לבנה צא והבא לי צור לחתוך טבורא כו'" (ב"ר פל"ו, א. ויק"ר פ"ה, א). וראה שבט מוסר פנ"ב: „אמר המגיד . . עד שהי' אברהם **בן עשרה ימים** התחיל ללכת בארץ . . וכשבא השמש ויצאו הכוכבים אמר אלו הם האלקים, אח"כ כשעלה עמוד השחר . . אמר אינם אלקים וכו'".

---

39) **ולהעיר ממ"ש בזהר דפרשתנו (קכב, סוף ע"ב) „שרה זכתה לחיין עלאין לה ולבעלה** ולבנהא בתראה, **ההי"ד הביטו אל צור חוצבתם ואל מקבת בור נוקרתם, ועל דא ויהיו חיי שרה כו'".**

40) **שם קכג רע"א. הובא ונת' בדרושים שב־הערה 18.**

41) **פירוש הרא"ם.**

ד„כולן שוין לטובה", כיון שה„כלל" ד„מאה שנה" נמשך וחודר בהפרטים ד„עשרים שנה ושבע שנים".

ו. וביאור הענין ד„מאה שנה כללא דכולא" בעבודת האדם – ע"פ המבואר בהמשך דברי הזהר שזהו"ע „רזא דמאה ברכאן דכל יומא":

איתא בגמרא[42] „חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, שנאמר[43] ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך", „קרי בי' מאה"[44]. והובא להלכה בשו"ע[45], ובארוכה ובפרטיות בשו"ע של רבינו הזקן[46], שמבאר טעמי הדבר[47] (הלכות בטעמיהן[48]), ומוסיף גם לפרט כל המאה ברכות שבכל יום (גם ביום התענית, ושבת (ויו"ט) ויוהכ"פ)[49].

ותוכן הענין דמאה ברכות בכל יום – מובן מדברי רבינו הזקן בשולחנו[46] „וסמך לדבר מן התורה, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה', אל תקרי מה אלא מאה, והן מאה ברכות שהן ליראה את ה' ולאהבה אותו ולזכרו תמיד[50] על ידי הברכות שמברך תמיד ערב ובוקר וצהרים בג' תפלות וברכות השחר ושאר ברכות הקבועות בכל יום ובכל עת והן ק' ברכות":

בפסוק שממנו למדים החיוב דמאה ברכות נתבאר ה„כלל" דעבודת האדם – „ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' וגו'". ומזה מובן שהענין ד„מאה ברכות" (א"ת מה אלא מאה ה' אלקיך שואל מעמך) הוא „כללא דכולא", היינו, שאין זה (רק) ריבוי ענינים פרטיים, ברכה על כל פרט ופרט, אלא (גם בעיקר) שבזה מתבטאת כללות העבודה[51]

42) מנחות מג, סע"ב.

43) עקב י"ד, יב.

44) פרש"י מנחות שם. ובתוד"ה שואל מעמך – „בקונטרס פירש אל תקרי מה אלא מאה" (וראה חדא"ג מהרש"א שם).

45) או"ח סמ"ו ס"ג.

46) שם ס"א.

47) „שתיקן דוד המלך עה"ש ע"י מעשה כו' וסמך לדבר מן התורה וכו'".

48) לשון הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר לשו"ע אדה"ז.

49) ועד"ז ברמב"ם (הל' תפלה פ"ז הי"ד), משא"כ בשו"ע דהב"י. – ולהעיר מהשינויים במנין המאה ברכות בין הרמב"ם לרבינו הזקן (המג"א ועוד). ואכ"מ.

50) ועד"ז ברמב"ם (הל' ברכות פ"א ה"ד) „לזכור את הבורא תמיד וליראה ממנו".

אבל, הרמב"ם כתב זה רק בנוגע ל„ברכות הודאה" (מבין ג' מיני הברכות: „ברכות הנ' וברכות מצוות וברכות הודאה"), ואילו רבינו הזקן (א) כתב זה בנוגע לכל המאה ברכות, (ב) ושינה מלשון הרמב"ם („לזכור את הבורא תמיד וליראה ממנו") והקדים „ליראה את ה'" (ואח"כ „לזכרו תמיד"), והוסיף „ולאהבה אותו".

ויש לומר שהא בהא תליא – כי, בהמשך הפסוק שממנו למדים החיוב דמאה ברכות („ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך") נאמר „כי אם ליראה את ה' . . ולאהבה אותו".

51) ויומתק יותר ע"פ השינוי בשו"ע של רבינו הזקן לגבי הרמב"ם ושו"ע הב"י – שברמב"ם ובשו"ע דהב"י נתבארו תחילה פרטי ברכות השחר (אלקי נשמה, הנותן לשכוי בינה וכו'), ואח"כ מובא החיוב דמאה ברכות בהלכה (ועניו) בפ"ע, משא"כ בשו"ע של רבינו הזקן, אף שמתחיל בהחיוב הכללי דברכות השחר, ש„תקנום חכמים על סדר העולם והנהגתו מה שהבריות נהנין בכל יום שיברכו להקב"ה כו'" ממשיך מיד שתקנה זו היא כדי „להשלים מנין המאה ברכות שחייב אדם לברך בכל יום ויום"* (ורק לאחרי שמפרט המאה ברכות מבאר תוכן ברכות השחר, אלקי נשמה, הנותן לשכוי וכו') – שבזה מודגש שברכות השחר הם פרטים שמסתעפים מהחיוב הכללי דמאה ברכות, שתוכנו „ליראה את ה' ולאהבה אותו ולזכרו תמיד".

*) ועד"ז בטור: „תקנו חכמים ז"ל אלו הברכות על סדר העולם והנהגתו להשלים ק' ברכות בכל יום", אבל בטור כותב זה **לאחרי** שמבאר פרטי ברכות השחר (אלקי נשמה, הנותן לשכוי וכו'), וגם אינו כותב שהמאה ברכות הן ליראה את ה' וכו' (כבשו"ע אדה"ז).

(„ליראה את ה׳ וגו׳״[52]) כפי שנמשכת בכל פרטי הברכות, „הברכות שמברך תמיד . . ק׳ ברכות״[53] — ע״ד „מאה שנה כללא ד־כולא״ שנמשך וחוזר בפרטי הענינים ד־„עשרים שנה ושבע שנים״[54].

ז. ובפרטיות יותר:

ב„מאה ברכות״ („כללא דכולא״) נכללת הן העבודה בנפש האדם — „ליראה את ה׳ ולאהבה אותו ולזכרו תמיד״, והן העבודה דפעולה בעולם[55] — כמודגש בתוכנם של המאה הברכות ש(רובם) קשורים עם עניני העולם („סדר העולם והנהגתו״)[56], הן „ברכות הנהנין״[57], והן „ברכות הודאה שהן דרך שבח והודי׳ ובקשה״ בנוגע לדברים הגשמיים שבעולם (ע״ד הדגשת הפעולה בעולם בגמר ושלימות „שני חיי שרה״[58] כמבואר בהמשך הפרשה[59], כנ״ל ס״ב).

ושני ענינים אלה (העבודה בנפש האדם והעבודה דפעולה בעולם) מודגשים גם ב־

---

52) ראה חדא״ג מהרש״א (מנחות שם): „אל תקרי מה כו׳, דלפי פשוטו (מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה) . . קשה וכי יראה מילתא זוטרתי היא . . וע״כ דרשו א״ת מה אלא מאה, והה״פ דקרא, מה ה׳ אלקיך שואל וגו׳, מאה ברכות ששואל הקב״ה מעמך אין כונתו כי אם ליראה וגו׳, שהיא ודאי מילתא רברבי״, היינו, ש„מאה ברכות זהו בנקל לאדם לקיים, ועי״ז יבוא ליראה את ה׳״ (אוה״ת ויחי שצ, א).

53) נוסף לכך שיש ביניהם ברכות שמברכים רק „בפעם ראשונה שנהנין הנאה זו בכל יום יום״, שהיא באופן של „כלל״ על פרטי הנאה זו במשך כל היום.

54) ויש לקשר זה עם האמור לעיל ש„שני חיי שרה״ („כולן שוין לטובה״) רומז על העבודה שמצד עצם הנפש שלמעלה מהתחלקות — כי, ההמשכה ד„מאה ברכות״ („מה״ בתוספת אל״ף שרומז על הכתר) נעשית ע״י הביטול ד„מה״ (א״ת מה אלא מאה), ענין הקבלת עול שבו מתגלה עצם הנפש שלמעלה מהתחלקות. — וראה חדא״ג מהרש״א שם: „ע״פ דעת חכמי האמת . . דלכך היו ק׳ ברכות שמעשר מן המעשר מהם יבוא לחלק הנשמה ברכה אחת שהיא חלק אלקה ממעל, ורמז על זה חסר הא׳ ממאה שהיא הברכה האחת ממאה הברכות היא בסוד הנשמה ממעל ליראה את ה׳ וגו׳״.

55) ויש לומר, שנרמז בחלוקה לשני הפסוקים: הפסוק הראשון, „ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה׳ אלקיך בכל לבבך וב־כל נפשך״ — העבודה בנפש האדם, והפסוק השני, „לשמור את מצות ה׳ ואת חוקותיו גו׳״ — מצות וחוקים שעיקרם בנוגע להנהגת האדם בעניני העולם*.

56) ועד שביום השבת שאין בו שאלת צרכיו (בי״ב ברכות), וביוהכ״פ (ויום התענית) שאין בו אכילה ושתי׳, יש צורך בהשתדלות מיוחדת להשלים המנין דמאה ברכות.

57) ולהעיר, ש„כל הנהנה מעוה״ז בלא ברכה כאילו נהנה מקדשי שמים, שנאמר לה׳ הארץ ו־מלואה״, „לאחר ברכה הרי היא לבני אדם״ (ברכות לה, סע״א ובפרש״י) — דיש לומר, שע״י הברכה (לא נתבטל ח״ו העילוי ד„קדשי שמים״, אלא) נע־שים „קדשי שמים״ שלו, היינו, שהדברים הגשמיים שנהנה מהם חדורים בקדושה ד„קדשי שמים״.

58) ולהעיר, שגם עבודת אברהם (ושרה) ל־פרסם אלקות בעולם היתה ע״י ענין הברכות — „ל־אחר שאוכלים ושותים אמר להם ברכו למי ש־אכלתם משלו, כסבורים משלי אכלתם, משל מי שאמר והי׳ העולם אכלתם״, ועי״ז „נקרא שמו של הקב״ה אלקה לכל העולם״* (פרש״י וירא כא, לג), ועד שנעשה „אלקי הארץ״, „שהרגלתיו בפי ה־בריות״ (פרש״י פרשתנו כד, ז).

59) וענינו בעבודת כאו״א מישראל „לכוף את כל באי העולם לקבל מצות שנצטוו בני נח״ (רמב״ם הל׳ מלכים ספ״ח).

---

*) ומסיים „לטוב לך״, „ואף היא . . לטוב לך שתקבלו שכר״ (פרש״י שם), היינו, שגם ע״י ה־עבודה בעולם ניתוסף עילוי בעבודה בנפש האדם.

*) ויתירה מזה — „א־ל עולם״, (ולא „א־ל העולם״), שאין העולם מציאות בפ״ע, אלא המציאות דאלקות, כולא חד (לקו״ת תבוא מב, ד. מג, ג. ובכ״מ).

תוכן ענין הברכה — כידוע[60] ש„ע״י הברכה ממשיך ברכה והמשכה להיות גילוי אור א״ס בנפש כלל ישראל שתתחזק אמונת ה׳ בלבם בבחי׳ גילוי כאילו רואה כו׳״, לכל לראש — להמברך עצמו, כולל גם להעומדים מסביבו[61] ששומעים הברכה ועונים[62] „אמן״[63], שמורה על קיום הדבר ואמיתתו[64], ועי״ז נמשך גם למטה בעולם.

וכמודגש גם בנוסח הברכה „ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם״ — שלכל לראש נעשית ההמשכה (ברוך מלשון ברכה והמשכה) לישראל להיות „הוי׳ אלקינו״, אלקה שלנו, כוחינו וחיותנו, ועי״ז נעשית גם ההמשכה להיות „מלך העולם״[60].

ח. עפ״ז יש לבאר הענין ד„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה״, „כולן שוין לטובה״ — בשייכות לעבודת כאו״א מישראל:

הענין ד„מאה ברכות בכל יום״ הוא דבר השייך ובנקל[65] לכאו״א מישראל, הן אנשים והן נשים, וגם טף, שהרי גם לפני בר־מצוה (ובת־מצוה) מחנכים אותם באמירת מאה ברכות בכל יום, וגם הקטנים יותר שלא הגיעו לגיל חינוך[66], עד לתינוקות שמתחילים לדבר — מחנכים אותם באמירת ברכות[67] (ועניית אמן[68]) עד שאמירת הברכות נעשית אצלם דבר הרגיל ובדרך ממילא (ע״ד „מנפשי׳ כרע״[69]), ולא רק אמירת הברכות בפה, אלא גם (ובעיקר) באופן שחודר בכל מציאותו, חפצו ורצונו שכלו ומדותיו — ע״י החינוך בתוכן הברכות, „ליראה את ה׳ ולאהבה אותו ולזכרו תמיד על ידי הברכות שמברך תמיד״.

ומזה מובן שע״י ההשתדלות בקיום החיוב דמאה ברכות בכל יום כדבעי נעשים כל ימיו ושנותיו באופן ש„כולן שוין לטובה״ — כיון ש„על ידי הברכות שמברך תמיד ערב ובוקר וצהרים . . בכל יום ובכל עת . . ק׳ ברכות״ (שבהם כלולים כל עניניו במשך כל היום), נעשים כל ימיו ושנותיו (וכל מציאותו) „שוין לטובה״, ל־

60) ד״ה להבין ענין הברכות בתו״א בראשית ו, א ואילך. ועם הגהות באוה״ת שם (כרך ג) תקנא, א ואילך. ד״ה חייב אדם לברך תרל״ח.

61) ויש לומר, שמצד הענין דאהבת ישראל ו־אחדות ישראל — כל בנ״י בכלל „העומדים מס־ביבו״.

62) ויתירה מזה — „גדול העונה אמן יותר מן המברך״ (ברכות נג, ב. וש״נ).

63) להעיר, ש„אמן״ הוא גם מלשון אמונה (ראה אוה״ת עקב ע׳ תקיח. וש״נ). וראה גם ד״ה ויהיו חיי שרה תרל״א ותרמ״ג: „וענין הברכה הוא להמשיך כח וחיות באמונה, כמ״ש וצדיק באמונתו יחי׳, ד־היינו, שע״י צדיק, שהוא בחי׳ ק׳ ברכות וצ׳ אמנים* ויו״ד קדישים וד׳ קדושות, עי״ז ממשיכים חיות באמונה . . שיהי׳ נתאמת בעיניו כאילו הוא ראה ממש״.

64) חדא״ג מהרש״א לסנהדרין קי, סע״ב.

*) ובתרמ״ג שם: „דאמן מתחיל באל״ף, והיינו, שאפילו מבחי׳ אל״ף בחי׳ פלא עליון יומשך ג״כ, והוא ענין א׳ עם ענין הברכה״ — כמודגש ב„מאה ברכות״ שע״י הביטול ד„מה״ ממשיכים מבחי׳ האל״ף (מאה).

65) ראה אוה״ת (בפירוש דברי המהרש״א) ש־בהערה 52.

66) ובכללות — „בר שית״ (ראה כתובות נ, א. ועוד), אף שבפרטיות יותר, „שיעור החינוך במ״ע הוא בכל תינוק לפי חריפותו וידיעתו בכל דבר לפי עניניו״ (שו״ע אדה״ז או״ח סשמ״ג ס״ג).

67) לא רק שמקפידים עליהם ומזהירים אותם שלא יאכלו בלא ברכה ח״ו, אלא גם עי״ז שנותנים להם מיני מתיקה כדי להרגילם בריבוי ברכות.

68) להעיר ממארז״ל (סנהדרין שם) „קטן מ־אימתי בא (זוכה) לעוה״ב . . משעה שיאמר אמן, שנאמר (ישעי׳ כו, ב) פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים, א״ת שומר אמונים אלא שאומר אמן״ (וראה חדא״ג מהרש״א שם).

69) ראה ירושלמי ברכות פ״ב סה״ד. הובא בתוס׳ שבת קיח, סע״ב. ועוד.

היותם חדורים בהנקודה הכללית שהיא תכלית כל העבודה — „ליראה את ה' ו־לאהבה אותו ולזכרו תמיד".

ועוד ועיקר — שגם אם בעבר הי' איזה חסרון (עכ"פ בהשלימות ש)בענין זה, הרי, יהודי הוא בעה"ב גם על העבר, ובכחו וביכלתו לתקן גם את העבר שיהי' בתכ־לית השלימות, „כולן שוין לטובה".

וההדגשה בזה היא ש„כולן שוין ל־טובה", גם השנים הראשונות דהתחלת ה־עבודה, התחלת החינוך, ועד להרגע הרא־שון[70] שיצא לאויר העולם[71] — כיון שהחי־נוך „ליראה את ה' ולאהבה אותו ולזכרו תמיד" מתחיל מהרגע שיוצא לאויר העו־לם[72], ע"י המזוזה שבפתח חדרו, „שיר ה־מעלות" וכיו"ב, וכן ע"י שאביו ואמו וכל העומדים סביבו ורואים אותו (תנועות ידיו ורגליו והתפתחותו כו') מתפארים בו[73] ו־נותנים ברכה ושבח והודי' להקב"ה (תוכן ענין הברכות), ועי"ז ניתוסף עוד יותר ב־ברכתו של הקב"ה שיזכו לגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ביחד עם כל בניהם ובנותיהם, כולל גם אלה שיוולדו לאח"ז, משפחה גדולה מרובה בבנים וב־נות עוסקים בתורה ובמצוות.

ט. ויש להוסיף ולקשר זה עם הפרשה שלאח"ז (שמתחילין לקרוא במנחה) — פר־שת תולדות:

בפירוש כפל הלשון שבהתחלת הפר־שה, „ואלה תולדות יצחק בן אברהם אבר־הם הוליד את יצחק" — מפרש רש"י: „קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק". ועד כדי כך הי' קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם, שלא היו יכולים להבחין ביניהם, כדאיתא בגמרא[74] „מאן דהוה בעי למשתעי בהדי אברהם משתעי בהדי יצחק, בהדי יצחק משתעי בהדי אברהם", עד ש„אתא אברהם בעא רחמי והוה זקנה, שנאמר[75] ואברהם זקן בא בימים"[76].

ומזה למדים הוראה בענין החינוך —

70) ואדרבה — הרגע הראשון שיצא לאויר ה־עולם יש לו מעלה יתירה, להיותו בסמיכות ממש לזמן ש„נר דלוק לו על ראשו . . ומלמדין אותו כל התורה כולה" (נדה ל, ב), שמהוה נתינת־כח ל־עבודתו לאחרי שיוצא לאויר העולם (אף ש„כיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו . . ומשכחו כו'") — ראה לקו"ת שלח מד, א. ובכ"מ.

71) ומ"ש רבינו הזקן בשו"ע (או"ח (מהדו"ת) סוף ס"ד) ש„תחלת כניסת נפש זו הקדושה היא בחינוך לתורה ומצוות שחייבו חכמים לחנך, גם במצות מילה" — ה"ז פרטי דרגות בכניסת נפש ה־קדושה לגוף עד שיעשה הגוף בפ"ע קדוש*, אבל בודאי שנפש זו הקדושה נמצאת ונכנסת בו ברגע שיוצא לאויר העולם**. — ולהעיר שעבודתו של אברהם אבינו במשך רוב שנותיו (תשעים ותשע שנים) היתה לפני המילה.

*) גם בעת השינה, כמובן מתוכן ההלכה ע"ד הזהירות מנגיעת קטן קודם נט"י, כי, בחזרת הנשמה לגוף בכל בוקר מסתלקת רוח הטומאה מכל הגוף ונשארת על הידים, עד לאחר נט"י.

**) ולהעיר מחילוקי הדעות בסנהדרין שב־הערה 68: „קטן מאימתי בא לעה"ב . . משעה שנולד . . משעה שסיפר . . משעה שנזרע . . משעה שנימול . . משעה שיאמר אמן" — דכיון ש„אלו ואלו דברי אלקים חיים", יש לומר שהם חילוקי דרגות בה־שייכות לעוה"ב.

72) ועוד לפנ"ז — בזמן העיבור („משעה ש־נזרע" — ראה בשוה"ג להערה הקודמת).

73) ובאופן שאין נתינת־מקום כלל לענין דעינא בישא כו'. — ולהעיר ממנהגי נשים זקנות בישראל (ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט) בענין זה.

74) ב"מ פז, א.

75) פרשתנו כד, א.

76) וראה גם ב"ר פס"ה, ט: „אברהם תבע זק־נה, אמר לפניו, רבון העולמים אדם ובנו נכנסין למקום ואין אדם יודע למי מכבד (ובפרט כפי ש־אירע אצלו בגלל הדמיון בינו לבנו), מתוך שאתה מעטרו בזקנה אדם יודע למי מכבד . . נתן לו זקנה כו'".

שצריך להיות באופן ש„העידו הכל אברהם הוליד את יצחק", שכאשר מסתכלים על ילד יהודי רואים ומכירים („כל רואיהם יכירום"[77]) שהוא בנו[78] של אברהם („אחד[79] הי' אברהם"[80]), ו„קלסתר פניו . . דומה לאברהם", שרואים ומכירים שהוא בנו של חסיד ותמים כו', עד כדי כך, שההבדל בינו לבין אביו אינו אלא בענין הזקנה, שלאביו יש כבר זקן שיבה, ואצלו לא התחיל לצמוח זקן להיות ילד קטן. . . שענין זה נעשה ע"י שהתחלת החינוך (משעה שיוצא לאויר העולם) היא באופן שמחדירים בו הנקודה הכללית שבכללות העבודה („ליראה את ה' ולאהבה אותו ולזכרו תמיד"), שמצד נקודה זו „כולן (מגדול ועד קטן) שוין לטובה".

ועפ"ז יש לבאר סדר הפרשיות — שבפרשת חיי שרה מדובר אודות השלימות ד„כולן שוין לטובה" בנוגע לעצמו, ובפרשת תולדות מדובר אודות השלימות ד„כולן שוין לטובה" גם ביחס ל„תולדות" שלו, „יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק".

ועוד ועיקר — שע"י שלימות העבודה באופן ד„כולן שוין לטובה" (לא רק בנוגע לעצמו, אלא) גם בנוגע לה„תולדות", החל מהולדת ריבוי בנים ובנות („תולדות" כפשוטם), ממהרים ומזרזים עוד יותר את הגאולה האמיתית והשלימה, דכיון ש„אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף" („אוצר ששמו גוף")[81], הרי לידת כל ילד יהודי נוסף ממהרת הזמן שיכלו כל הנשמות באוצר ששמו גוף, ויבוא בן דוד, ואז יתגלה שכל בנ"י הם „תולדות יצחק", כיון שיאמרו ליצחק דוקא „כי אתה אבינו"[82].

*

י. בהאמור לעיל ניתוסף הדגשה יתירה בקשר ובשייכות ליום ההולדת דכ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע בכ"ף מרחשון — דמיני' אזלינן, בתוך ג' ימים (יום חמישי כ"ף מרחשון, עש"ק א"ך (טוב) מרחשון ויום הש"ק כ"ב מרחשון) שנחשבים (בכמה ענינים בהלכה[83]) למציאות אחת:

מהחידושים העיקריים של בעל יום ההולדת דכ"ף מרחשון — התייסדות ישיבת תומכי תמימים, שתכליתה ומטרתה (כפי שמבאר בקונטרס עץ החיים[84] „תכלית יסוד אגודתינו"[85]) „אשר הבחורים העוסקים בתורה הנגלית יהיו יהודים (אידען) יראים ושלמים עם ה' ותורתו . . לנטוע בהם איזה הרגש פנימי ביראת ה' ואהבת ה' . . עיקר ויסוד הדבר הוא הלימוד בדא"ח שידעו את ה' ומתוך כך יבואו אל יראת ה' ואהבת ה' . . ובזה דוקא יחיו בלימוד התורה הנגלית כו'" (ועד"ז בשאר הקונטרסים הידועים שלו[86]), היינו, שההתעסקות בלימוד החסידות, „דע את

---

77) ישעי' סא, ט.

78) שיורש הכל, ועד שעומד במקום המוריש ממש (ראה שו"ת צפע"נ דווינסק ח"א סקי"ח. ועוד), ויתירה מזה — „יפה כח הבן מכח האב" (שבועות מח, סע"א. וש"נ).

79) ודוגמתו בכאו"א מישראל — שהוא כמו בן יחיד שנולד להורים זקנים לעת זקנתם (כש"ט הוספות סקל"ג).

80) יחזקאל לג, כד.

81) יבמות סב, סע"א (ובפרש"י). וש"נ.

82) ישעי' סג, טז. שבת פט, ב.

83) ראה לדוגמא — פסחים קו, סע"א. ועוד.

84) פרקים כב־כג.

85) ויש לומר, שבהתחלת הקונטרס, „כי נר מצוה ותורה אור", מרומז תפקידם העיקרי של תלמידי התמימים — להיות „נרות להאיר" (ראה לקו"ש ח"ב ע' 484. וש"נ).

86) ראה גם המכתב שבהתחלת הקונטרס (ע' 5) ע"ד ארבעת הקונטרסים.

אלקי אביך ועבדהו בלב שלם"[87], תהי' יסוד ועמוד גם בחינוך הצעירים[88], תלמידי הישיבות.

ועוד ועיקר — שהחינוך ברוח זו („לנטוע . . הרגש פנימי ביראת ה' ואהבת ה'") צריך להיות גם בנוגע לילדים קטנים, כפי שלמדים מהסיפור הידוע[89] שסיפר כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו אודות בעל יום ההולדת, שבקטנותו (בהיותו בן ד' או ה' שנים) השתוקק לגילוי אלקות עד כדי כך שבכה על זה שה' אינו נראה אליו כמו שנראה לאברהם!...

וענין זה חודר ופועל גם בכל עניניו הגשמיים ובחלקו בעולם, כמודגש גם בשמו של בעל יום ההולדת, שחתם שמו (בגכי"ק) בסוף הקונטרס[90] — „שלום דובער", שענין ה„שלום" (שרומז על התורה שניתנה לעשות שלום בעולם[91]) נמשך וחודר גם ב„דוב" (וגם כפי שנקרא בלע"ז — „בער"[92]) ש„מסורבל בבשר"[93], שנעשה „מסורבל בבשר" למעליותא.

ובסגנון האמור לעיל — שהנקודה הכללית דעבודת האדם „(מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם) ליראה את ה' גו' ולאהבה אותו גו'", צריכה לחדור בכל ימיו ושנותיו של כאו"א מישראל (גם בצעירותו ובקטנותו, „חנוך לנער גו' גם כי יזקין גו'"[94]) באופן שנעשים „כולן שוין לטובה".

יא. וזהו גם א' הטעמים להדפסת קונטרס עץ החיים בהוצאה מיוחדת וחלוקתו לכאו"א מאנשים נשים וטף בסיום וחותם יום ההולדת כ"ף מרחשון (התחלת ערב שבת זה),

— אשר, למותר לפרש שהכוונה היא שילמדו בקונטרס זה, ובאופן דלימוד המביא לידי מעשה[95], וכמ"ש בסיום וחותם הקונטרס[96]: „ואחר כל הדברים האלה הנני מבקש אתכם שימו לבבכם אל כל הדברים הנאמרים בקונטרס הזה, והיו הדברים האלה על לבבכם תמיד, כי כבד עלי הדבר מאד להגיד ולחזור ולהגיד, ולזאת יהיו הדברים האלה תמיד נגד עיניכם ולא ישכחו מאתכם, והיא חייכם ואורך ימיכם ובזה תחיו חיי עולם כו'" —

כדי להדגיש שכל הדברים האלה נמשכים בתקפם ובשלימותם (וביתר שאת) ע"י כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ה„מנהל-פועל" דישיבת תומכי תמימים, ובפרט לאחר מלאות ארבעים שנה להסתלקותו, ש„קאי איניש אדעתא דרבי'"[97], ובמילא נשלמה כבר העבודה דדור השלישי (לאדנ"ע)[98], דור הגאולה, „ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו"[99].

---

87) דה"א כח, ט. וראה תניא קו"א קנו, ב. ובכ"מ.

88) כפי שמקדים ש„הדבר אשר הביאנו לייסד אגודתינו אשר ראה ראינו אשר . . הרבה מהצעירים הלומדים תורה אין בהם יראת שמים כו'".

89) „היום יום" ט' חשון. ובכ"מ. הובא ונת' בלקו"ש ח"א ע' 23 ואילך. ח"ה ע' 86 ואילך. חט"ו ע' 129 ואילך. ח"כ ע' 161 ואילך. ועוד.

90) חידוש שלא מצינו דוגמתו בשאר הקונטרסים שלא חתם שמו בסיום הקונטרס (כמו באגרת).

91) רמב"ם הל' חנוכה בסופן.

92) ובזה גופא ב' אופנים: (א) „דוב בער", ב' שמות, (ב) „דובער", שם אחד, ועד שהאות ב' משמשת הן לסיום ד„דוב" והן להתחלה ד„בער" (כפי שרואים בחתימת יד קדשו).

93) מגילה יא, רע"א. וש"נ.

94) משלי כב, ו.

95) ראה גם קונטרס הנ"ל פל"ג.

96) ונדפס גם בראש הקונטרס — צילום העתקה הראשונה בגכתי"ק של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בנו יחידו וממלא מקומו של בעל הקונטרס.

97) ע"ז ה, רע"ב.

98) ראה גם לעיל ע' 125.

99) הושע ו, ב. וראה מצו"ד עה"פ.

וכדי להוסיף בזה עוד יותר — הרי, כיון שבהשגחה פרטית נתגלה בסמיכות לכ"ף מרחשון מאמר חדש של בעל יום ההולדת[100] (שאמרו בשנת תרע"ח, ואעפ"כ, נתעלם במשך עשיריות שנים, ונתגלה בימים אלה דוקא[101]), ידפיסו ויחלקו לכאו"א (בלי נדר) גם מאמר זה[102], שעי"ז יתוסף עוד יותר בלימוד החסידות (ובלימוד התורה בכלל), ובאופן דלימוד המביא לידי מעשה.

יב. ויה"ר שההוספה בלימוד והפצת תורת החסידות, ביחד עם ההוספה בלימוד נגלה דתורה, שכמה עניני נגלה דתורה נמצאו במאמר זה, והפצת התורה והיהדות, כולל ובמיוחד ע"י הקמת מוסדות חדשים, וביסוס וחיזוק והרחבת המוסדות הקיימים[103], בתי תורה, בתי תפלה (עבודה) ובתי גמילות-חסדים — ימהרו ויזרזו ויביאו תיכף את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, שאז יאמרו ליצחק דוקא „כי אתה אבינו" — „תולדות יצחק" (כנ"ל ס"ט).

ובהדגשה יתירה מצד השייכות לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — ששמו השני (סיום וחותם שמו) יצחק, אשר, עוד בזמנו העיד שנשלמו כל עניני העבודה, גם „צחצוח הכפתורים"[104], ולכן ציווה (ונתן כח) „עמדו הכן כולכם"[105] לקבל פני משיח צדקנו, ועאכו"כ בימינו אלה.

ובפרט כשרואים המאורעות שבתקופה האחרונה בנוגע ל„תולדות ישמעאל" (שבסיום פרשתנו) — אשר, נוסף לכך שכללות הענין ד„מלכיות מתגרות זו בזו" הוא מסימני הגאולה, כמארז"ל[106] „אם ראית מלכיות מתגרות זו בזו צפה לרגליו של משיח", הי"ז בהדגשה יתירה בנוגע ל„תולדות ישמעאל", כדאיתא בילקוט שמעוני[107] „שנה שמלך המשיח נגלה בו . . מלך פרס מתגרה במלך ערבי . . כל אומות העולם מתרעשים ומתבהלים" (כפי שרואים במוחש הבלבול דאוה"ע שלא יודעים מה לעשות, ומחפשים עצות שונות כו'), והקב"ה אומר לישראל „בני אל תתייראו כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם . . הגיע זמן גאולתכם", וממשיך, ש„מלך

---

100) להעיר, שתוכן המאמר הוא שבעבודת האדם שהיא בהגבלה ובהתחלקות נמשך בחי' בלי גבול האמיתי („שכרך הרבה מאד", שנמשך מבחי' „אנכי מגן לך") — שזהו התוכן ד„כולן שוין לטובה", שפרטי העבודה שהם באופן של התחלקות חדורים בנקודה הכללית שמצד עצם הנפש שלמעלה מהתחלקות, כנ"ל בארוכה.

101) וההסברה בזה [דלכאורה, כיון שמאיזו סיבה לא הי' מאמר זה בכל המשך הזמן דלאחרי כתיבתו בגלוי, מהי הסיבה שנתגלה עכשיו] — כיון שעומדים בסמיכות ממש להגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ניתוסף גם בהפצת המעיינות חוצה (שעי"ז אתי מר דא מלכא משיחא — כמ"ש באגה"ק דהבעש"ט הידועה), עד להתגלות חדשה, מאמר חדש (כולל גם תוספת ביאור וחידוש במאמר שנתגלה עתה) בפנימיות התורה*.

102) באור ליום ג' (שהוכפל בו כי טוב) כ"ה מרחשון נתן כ"ק אדמו"ר שליט"א לכאו"א מהאנשים והנשים והטף, מאמר ד"ה אנכי מגן לך תרע"ח, בצירוף שטר של דולר לצדקה (המו"ל).

---

*) להעיר שבסיום המאמר מבאר ש„לעתיד יהי' גילוי טעמי תורה, שזהו עיקר הגילוי דמשיח והוא עיקר הקבלת שכר האמתי כו'".

---

103) ובאופן ש„כולן שוין טובה" — שהמוסדות החדשים מוסיפים חיות ומרץ מחודשים בפעולות דהמוסדות הקיימים, והמוסדות הקיימים מוסיפים ידע ונסיון בפעולות דהמוסדות החדשים.

104) שיחת שמח"ת תרפ"ט.

105) אג"ק שלו ח"ד ריש ע' רעט.

106) ב"ר פמ"ב, ד. מדרש לקח טוב לך לך יד, א.

107) ישעי' רמז תצט.

המשיח . . עומד על גג בית המקדש[108] והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם" — כפי שהכריזו ומכריזים במיוחד לאחרונה.

וכן תהי' לנו — שכל בנ"י יוצאים מ־הגלות, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו וב־בנותינו"[109*], כולל גם התינוקות שנולדו (או יוולדו) ביום הש"ק זה (ובסמיכות לו), וכולם יחדיו (כולל גם בנ"י שבכל הדורות שלפנ"ז, ו„הקיצו[*110] ורננו שוכני עפר"[111]) באים („עם ענני שמיא"[112]) לארצנו ה־קדושה, לירושלים עיר הקודש ולהר ה־קודש ולבית המקדש השלישי, וזוכים לשמוע „תורה חדשה[113] מאתי תצא"[114], תיכף מיד ממש.

108) להעיר מדיוק לשון המדרש „עומד על גג בית המקדש" — שגגין לא נתקדשו (פסחים פה, סע"ב. רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו ה"ז), דיש לומר, שבזה מרומז שההכרזה „ענוים הגיע זמן גאולתכם" באה מחוץ לארץ שלא נתקדשה בקדושת ארץ ישראל, בדוגמת החילוק שבין גג המקדש להתוך דהמקדש עצמו.

109) בא יו"ד, ט.

110) ישעי' כו, יט.

111) להעיר מפתגם כ"ק אדנ"ע („היום יום" י"א סיון) בביאור הענין דתחיית המתים בעבודה הרוחנית — שכאשר המוח הקר (כמו מת) מבין ומרגיש ומתפעל מהשגה אלקית, הי"ז „דער אמת'ער תחיית המתים"*. ועפ"ז יש לבאר גם הענין ד„הקיצו ורננו שוכני עפר" בעבודה הרוחנית — שהענין דתחה"מ נעשה ע"י הקדמת הביטול באופן ש„נעשה שכן לעפר" (ראה סוטה ה, א).

112) דניאל ז, יג.

113) כולל גם תורה חדשה (מאמר חדש) מבעל יום ההולדת דכ"ף מרחשון, ובתוספת ביאור ע"י בנו יחידו ממלא מקומו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

114) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

*) ויש לומר, שהחידוש שבדבר מודגש ביותר אצל כ"ק אדנ"ע, כי, במאמרי החסידות שלו (ה־רמב"ם דתורת החסידות) מודגשת ביותר ההבנה וההשגה בחב"ד דשכל אנושי (שכל הקר), ובמילא, מודגש יותר החידוש דהרגש וההתפעלות מה־השכלה, תחיית המתים.

*) נוסף על לימוד המאמר הנ"ל כאילו שומעים ממנו בעצמו („כאילו בעל השמועה עומד כנגדו" — ירושלמי שבת פ"א ה"ב. ועוד), ובפרט ע"פ פתגמו הידוע (אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' קיג) „איך גיי אין הימל און די כתבים לאָז איך אייך", שע"י לימוד הכתבים (שבהם „נפשי כתבית יהבית" (שבת קה, א) הכניס עצמותו) נמצא בעצמו (בהיותו „אין הימל") גם למטה.

משיחות ש"פ תולדות, מבה"ח וער"ח כסלו ה'תנש"א

– בקשר עם כינוס השלוחים העולמי –

א. דער כינוס השלוחים העולמי, פון די שלוחים שי' פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בכל מרחבי תבל — הויבט זיך אָן דעם שבת פ' תולדות, און ווערט פאַרגעזעצט אין די קומענדיקע טעג פון פ' ויצא (וועלכע מ'הויבט אָן לייענען בתפלת מנחה פון דעם שבת).

מ'האָט שוין גערעדט אין די פריערדיקע יאָרן[1] די שייכות פון דעם כינוס השלוחים מיט די פרשיות בתורה [וועלכע מ'לייענט — בהשגחה פרטית, און מיט וועלכע מ'דאַרף „לעבן"[2] — אין דער צייט]: דעם ערשטן מאָל וואו עס רעדט זיך אין תורה וועגן שליחות[3] איז אין סיום פון פ' תולדות[4] (דער שיעור חומש פון דעם שבת) — „וישלח יצחק את יעקב וילך גו'". און דערנאָך אין אָנהויבס פ' ויצא[5] רעדט זיך וועגן קיום השליחות בפועל — „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה".

וויבאַלד אַז די שליחות ווערט דערציילט אין תורה (ובפרט — אַז זי איז די ערשטע שליחות בתורה), תורה מלשון הוראה[6], אַ הוראה נצחית[7] צו אידן בכל הזמנים ובכל המקומות, ובפרט אַז דאָס איז אַ שליחות פון די אבות — הליכת יעקב אבינו בשליחות יצחק אבינו, וואָס „מעשה אבות סימן לבנים"[8] — איז פאַרשטאַנדיק, אַז פון שליחות יעקב בפרשיות אלו קען מען אַרויסנעמען הוראות אין דער עבודה פון אידן בכלל, ובמיוחד — בקשר מיט דעם ענין שהזמן גרמא — דער כינוס השלוחים העולמי און די עבודה פון די שלוחים פון יצחק שבדורנו („וישלח יצחק") — כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

דערצו דאַרף אויך זיין אַ שייכות ולימוד פון דעם וואָס דער כינוס השלוחים, און קריאת פרשיות אלו בתורה, איז בסמיכות צו (ראש) חודש כסלו, ובשנה זו — בשבת מברכים וערב ראש חודש כסלו, וועלכער האָט אַ שייכות מיוחדת מיט דער עבודת השליחות שבדורנו, ובפרט פון די שלוחים — הפצת התורה והיהדות, ובמיוחד — הפצת המעינות חוצה, וואָס עיקר ענינה האָט זיך אָנגעהויבן בחודש כסלו — בי"ט כסלו[9], חג הגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן (דער ראש השנה פון חסידות[10]), און דערנאָך (בשנים שלאחרי זה) — יו"ד כסלו, חג הגאולה פון דעם מיטעלן רבי'ן (און ט' כסלו — יום הולדת ויום הילולא שלו), און דאָס האָט אויך אַ שייכות מיט די ימי החנוכה (בסיום חודש כסלו) — וואָס עיקרו איז דער נס השמן[11], דער ענין פון

---

1) שיחת ש"פ תולדות, מבה"ח וער"ח כסלו תשמ"ח (ספר השיחות תשמ"ח ח"א ע' 93 ואילך. ספר השליחות (קה"ת, תנש"א) ע' 51 ואילך).

2) „היום יום" ב חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך.

3) משא"כ שליחות אליעזר בפ' חיי שרה — היתה לא בתור שליח אלא בתור עבד — ראה שיחת ש"פ תולדות הנ"ל ס"ב ואילך.

4) כח, ה.

5) שם, י.

6) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

7) ד„התורה היא נצחית" — תניא רפי"ז (כב, ב). ובכ"מ.

8) ראה תנחומא לך לך ט. ב"ר פ"מ, ו. רמב"ן לך לך יב, ו. וראה לקו"ש חט"ו ע' 76. ושי"נ.

9) ס' השיחות תורת שלום ס"ע 112 ואילך.

10) מכתב כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע — נדפסה ב„היום יום" בתחלתו. אגרות־קודש שלו ח"א ע' רנט. ושי"נ.

11) ראה שבת כא, ב ובפרש"י.

„נר מצוה ותורה אור"[12], כולל ובמיוחד — פנימיות התורה (שמן שבתורה[13]).

ב. אין דעם סיפור בתורה וועגן שליחות יעקב — זיינען פאראן כמה דיוקים:

א) בסוף פרשתנו (פ' תולדות) שטייט שוין אז „וישמע יעקב אל אביו ואל אמו וילך פדנה ארם"[14] — איז פארוואס שטייט נאכאמאל[15] (בתחלת פ' ויצא) „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה"[16].

ב) פארוואס איז דער פסוק מדייק זאגן דעם שם המקום פון וואנעט איז געווען יציאת יעקב — „ויצא יעקב מבאר שבע".

ג) דער דיוק הלשון „חרנה" און ניט „לחרן". דאעפ"פ וואס רש"י שרייבט ב־כ"מ[17], אז „תיבה שצריכה למ"ד בתחלתה הטיל לה הכתוב ה"א בסופה", איז אבער וויסנדיק דער תכלית הדיוק פון יעדן ווארט אין תורה, דארף מען פארשטיין פארוואס עס שטייט דא אין פסוק „חרנה" און ניט „לחרן"[18].

ג. וועט מען עס פארשטיין בהקדים א שאלה כללית אין דעם ענין:

יציאת יעקב פון באר שבע צו גיין אין חרן איז א ירידה גדולה ביותר: אוועקגיין פון ארץ ישראל, ארץ מגורי אביו[19], קיין חרן, „חרון[20] אף של מקום (בעולם[21])", צו לבן הארמי, מיט די אלע ענינים בלתי רצויים פארבונדן דערמיט (ווי דערציילט אין המשך הפרשה).

האט יעקב לכאורה געדארפט מאכן א געוואלד, אז ער וויל ניט אוועקגיין פון ארץ מגורי אביו און גיין אין חרן, „חרון אף של מקום", און זייענדיק א צדיק — וואס צדיק גוזר והקב"ה מקיים[22] — וואלט ער דאס אויסגעפירט!

ואעפ"פ אז יצחק אביו האט אים דארט געשיקט „וקח לך משם אשה"[23] (און אויך רבקה אמו האט אים דארט געשיקט — „ברח לך אל לבן אחי חרנה"[24]) — איז אבער הרבה דרכים למקום, האט יעקב לכאורה געקענט אויספירן אז ער זאל ניט דארפן גיין קיין חרן[25], נאר מ'זאל צו אים ברענגען אן אשה[26] (ע"ד ווי ס'איז געווען בנוגע צו יצחק, אז אברהם האט געשיקט אליעזר צו ברענגען אן אשה פאר יצחק'ן[27]). נוסף לזה וואס אויך בנוגע צו יצחק קען מען פרעגן: פארוואס האט ער אים געהייסן גיין צו חרן — א ירידה גדולה ביותר — און ניט אז ער זאל בלייבן במקומו (אדער במקום שני) בארץ ישראל און מ'וועט אים דארט ברענגען אן אשה פון פדן ארם.

---

12) ל' הכתוב — משלי ו, כג. ושייך במיוחד לנר חנוכה — רש"י ד"ה בנים שבת כג, ב.

13) ראה בארוכה אמרי בינה שער הק"ש פנ"ד ואילך. ועוד.

14) כט, ז.

15) ובפרט שגם בס"פ תולדות נאמר (שם, ה) „וישלח יצחק את יעקב וילך פדנה ארם".

16) ראה רד"ה ויצא העת"ר. פר"ת. ועוד.

17) פרשתנו כח, ב. ועוד — מיבמות יג, ב.

18) וכפרש"י כאן: וילך חרנה — יצא ללכת לחרן.

19) ר"פ וישב (לז, א).

20) פרש"י ס"פ נח (וראה לקו"ש חט"ו ע' 63 ואילך). וראה זח"א קמו, א.

21) כ"ה בכמה דפוסי רש"י. וראה לקו"ש שם הערה 7.

22) תנחומא וירא יט. וראה שבת נט, ב.

23) פרשתנו כח, ב.

24) שם כז, מג.

25) והרי בלאו הכי יעקב „נטמן בבית עבר י"ד שנה ואח"כ הלך לחרן" (פרש"י סוף פרשתנו).

26) ובנוגע לסכנת עשו (שמפני זה אמרה רבקה ליעקב „ברח לך אל לבן אחי חרנה") — הי' אפשר לשלוח יעקב למקום שני, ובפרט שבלאו הכי „נטמן בבית עבר י"ד שנה", כבהערה הקודמת.

27) חיי שרה כד, ב ואילך.

איז דער ביאור אין דעם[28]:

די שליחות פון יעקב („וישלח יצחק את יעקב") צו גיין אין חרן דריקט אויס די כללות'דיקע שליחות און סדר אין עבודת האדם — אַז אַ מענטש זאָל ניט בלייבן בארץ מגורי אביו, וואו ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, אפילו אויב דאָס איז אַ מקום פון קדושה, נאָר ער האָט אַ שליחות ער זאָל פון דאָרט אַוועקגיין (ע"ד „יעזוב איש את אביו ואת אמו"[29]), און אַרויסגיין אין וועלט, וואו עס איז אַ מצב פון „חרון אף של מקום", „לקחת לו משם אשה", און דאָרטן אויפשטעלן אַ בית בישראל, און אויפטאָן דעם בירור העולם, „(פרו ורבו ו)מלאו את הארץ וכבשוה"[30], ובלשון הידוע[31] — מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים.

ובכללות יותר: ס'איז מבואר אין מפרשים[32], אַז „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" איז מרמז און גייט אויף דער שליחות כללית פון יעדער אידן[33], אַלס שלוחו של הקב"ה — די שליחות פון ירידת הנשמה בגוף, מאיגרא[34] רמה („באר שבע") לבירא עמיקתא („חרנה") — אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, בכדי מאַכן פאַר דעם אייבערשטן אַ דירה דאָרט בתחתונים.

ד. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער פסוק איז מפרט דעם מקום ש־משם יצא — „מבאר שבע", און דעם מקום שלשם הלך — „חרנה":

אין דעם ענין השליחות בכלל דאַרף זיין צוויי ענינים: (א) לכל לראש — די ידיעה והכרה פון דעם שליח אַז ער איז שלוחו פון דעם משלח, און ער איז בטל אליו (עכ"פ במעשה שליחות זו), און ער גייט מקיים זיין שליחותו בכח זה וואָס דער משלח האָט אים ממנה געווען אַלס זיין שליח, ושלוחו של אדם כמותו[35]. (ב) ולאידך גיסא: דער שליח דאַרף זיין אַ בר דעת[36] בפני עצמו, אַ באַזונדער מציאות פון דעם משלח (און זייענדיק אַ באַזונדער מציאות איז ער זיך מבטל — ברצונו — צו דעם משלח), וואָס דוקא דעמולט קען ער מקיים זיין שליחותו[37].

ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צו דער ערשטער שליחות פון אַ אידן — ירידת הנשמה בגוף — אַז אין דעם זיינען פאַראַן די צוויי קצוות — מן הקצה אל הקצה, ירידת הנשמה מאיגרא רמה לבירא עמיקתא: די נשמה איז יורד פון אַן איגרא, און אין איגרא גופא — איגרא רמה, און זי איז יורד ניט למקום מישור, נאָר לבירא, און אין בירא גופא — בירא עמיקתא, ובזה גופא — „בור ריק אין בו מים"[38], און

28) בהבא להלן — ראה תו"א ויצא כא, ג. ובארוכה — תו"ח שם כד, סע"ד ואילך. ד"ה ושבתי בשלום תשל"ח (סה"מ מלוקט ח"ב ע' קנז ואילך). וש"נ.

29) בראשית ב, כד. וראה ביאורי הזהר (להצ"צ) ע' צח — שזהו"ע „ויצא יעקב גו'".

30) בראשית א, כח. וראה בארוכה לעיל ע' 75 ואילך.

31) תניא פל"ו. וראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו.

32) ראה אור החיים ויצא כח, יד. הובא ונתבאר בקיצורים והערות לתניא ע' נז. ד"ה ויצא תר"ל.

33) דנוסף על זה שבכל א' מישראל יש בו הג' אבות (ראה תו"א ר"פ וארא), הרי נשמת יעקב „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם" (תניא (אגה"ק) ס"ז).

34) ע"פ ל' חז"ל — חגיגה ה, ב.

35) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב. וש"נ.

36) ראה גיטין כג, א.

37) ראה גם שיחת ש"פ ח"ש (בקשר עם כינוס השלוחים) סה"ש ה'תש"נ ח"א ע' 132 ואילך.

38) כמש"נ גבי הבור שבו הושלך יוסף (וישב לז, כד), שזה הי' הגורם ל„ויוסף הורד מצרימה" (שם לט, ג), ההתחלה של גלות מצרים — והרי

נאָכמער — „נחשים[39] ועקרבים יש בו"[38]:

לכל לראש דאַרף מען וויסן דעם אָרט פון וואַנעט מ'קומט — דער מקור ושרש ה־נשמה וואָס נעמט זיך מלמעלה מעלה — „מבאר שבע" (איגרא רמה), בחי' בינה[40], דער מקור (באר) פון די שבע מדות, די שבע קני המנורה (אין וועלכע עס טיילן זיך אַלע נשמות ישראל[41]), ולמעלה מזה יש לומר — אַז „באר שבע" גייט אויף דעם שרש המדות — שרש הנשמה — ווי זיי זיינען למעלה ממוחין;

לאידך גיסא — באַשטייט די שליחות אין דעם, אַז די נשמה איז יורד למטה מטה, ביז אין אַ ירידה שלא בערך — „וילך חרנה" (וואָס אמיתית ענין ההליכה איז — ווען עס איז שלא בערך), אין עלמא דפרודא, ביז אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית'[42], בירא עמיקתא, אַ בור ריק שאין בו מים (אָבער ס'איז ניטאָ קיין ענין הפכי), ביז נאָכמער — „חרון אף של מקום" — עוה"ז מלא קליפות וסט"א שהן נגד ה' ממש[42] (נחשים ועקרבים יש בו), וועלכע איז שלא בערך צו „באר שבע" — שלא בערך סיי מצד דעם שליח, אַז זייענדיק אַ נשמה בגוף איז ער בגלוי „אַ צווייטער", אַ באַזונדער מציאות פון דעם משלח (כביכול), און סיי מצד דעם מקום השליחות, אַז דאָרט הערט זיך ניט אָן די השפעה פון דעם (מקום ה)משלח[43] — וואָרום דוקא דעמולט קען מען אויספירן די שליחות בשלימותה, צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, אין די תחתונים ווי זיי שטייען במדריגתם אַלס תחתונים[44].

ויש לומר, אַז נוסף צו דעם עילוי אַז דורך דעם ווערט אַ דירה בתחתונים (מי־לוי הכוונה פון נתאווה הקב"ה), קומט דורך דעם אויך אַרויס דעם עילוי אין דעם גילוי התוקף פון כח המשלח: ווי־באַלד דער שליח געפינט זיך אין „חרנה", אין אַ מקום ומצב וואו מצ"ע הערט זיך כלל ניט אָן (ביז באופן — שלא בערך) די השפעה פון דעם משלח (ודמקום המשלח), דאַרף דער שליח אָנקומען מערער צו דעם תוקף וכח המשלח (ביז אַז שלוחו של אדם העליון כמותו) בכדי צו בייקומען דעם העלם והסתר; און דעריבער איז מובן, אַז דעמולט שטייט דער תוקף וכח המשלח בשלימות הגילוי — אַז אפילו אין „חרנה" פירט זיך דורך (ע"י השליח) דער רצון המשלח, דורך דעם וואָס דער שליח, זייענדיק מצ"ע אַ באַזונדער מציאות, און זייענדיק אין „חרנה", בירא עמיקתא, וואו עס הערט זיך ניט אָן מצ"ע השפעת המשלח, איז זיך מבטל צום משלח און הערט און פילט אַז ער קומט „מבאר שבע", מאיגרא רמה.

עבודת יוסף היא המשך לעבודת יעקב („אלה תולדות יעקב יוסף" — שם לז, ב), המשכת ענינו של יעקב בבי"ע, עד כמצרים (ראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' רכד. וש"נ).

39) שבת כב, ריש ע"א. וש"נ.

40) ראה ד"ה ושבתי בשלום הנ"ל (הערה 27). וש"נ.

41) לקו"ת ר"פ בהעלותך. מאמרי אדמו"ר האמצעי במדבר ח"ג בתחלתו.

42) ל' התניא פל"ו. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 429 הערה 52.

43) שהרי אף שהתהוות הבריאה היא ע"י הקב"ה, וההתהוות היא בכל רגע ורגע מחדש (שעהיוה"א פ"א) — הרי ההתהוות היא בדרך ריחוק, באופן של יש מאין (שלא נרגש בהיש האין המהווה אותו), עד באופן של „יש מאין ואפס המוחלט ממש בלי שום עילה וסיבה אחרת קודמת ליש הזה" (אגה"ק ס"כ), עד שבהרגשתו הרי „מציאותו מעצמותו" (ראה ד"ה מצה זו תש"ז. ועוד).

44) ראה גם ס' השיחות: תשמ"ח ח"א ע' 140 ואילך. תשמ"ט ח"א ע' 60 ואילך. ה'תשנ"נ ח"א ע' 132.

ה. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס דאָ שטייט „חרנה" און ניט „לחרן": „(ויצא יעקב מבאר שבע וילך) לחרן" איז (מער) מדגיש אַז ס'איז נאָך דאָ אַ המשך ושייכות צו דער יציאה (ומקום היציאה) — אַז זיין יציאה פון באר שבע איז אין דער ריכטונג „לחרן"; משא"כ „וילך חרנה" איז מער מדגיש ווי „חרן" (מקום השליחות) איז אַ באַזונדער מקום און ניט כ"כ אַ המשך („ל־") צו דער יציאה פון באר שבע.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס „בה"א נברא העולם הזה"[45], ווייל כשם ווי אין דעם אות ה"א איז דער רגל השמאלי נפסק פון דעם רגל הימני און דעם גג[46], אַזוי איז אויך עולם הזה (עשי') נפסק — „אף עשיתיו"[47] — פון די עולמות עליונים[48].

ולהוסיף נאָכמער, אַז דער ה"א פון „חרנה" איז מרמז אויף דער ירידה בתוך חרן גופא, ד.ה. אין דעם חלק הכי תחתון אין חרן עצמו. ע"ד די ירידה אין בירא עמיקתא, אין בירא עצמה — אַ בור עמוק. ביז אַ בור שאין בו מים, און נאָך נידעריקער: „חרון אף של מקום" — נחשים ועקרבים יש בו — לבן הארמי.

און ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן בפועל, אַז הליכת יעקב אין „חרנה" בגלות לבן, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ירידה גדולה ביותר — שלא בערך צו דעם מצב אין „באר שבע" (בבית יצחק אביו) — האָבנדיק צו טאָן מיט לבן הארמי, וועלכער האָט זיך מיט אים געפירט ברמאות („למה רמיתני"[49]), ביז אַז יעקב האָט זיך באַקלאָגט אַז במשך די יאָרן באַ לבן „ביום אכלני חרב וקרח בלילה"[50], וואָס מזה מובן אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ירידה רוחנית בעבודת יעקב[51], ועד כדי כך איז געווען די ירידה — אַז דאָס האָט זיך געצויגן עשרים שנה, עשרים בגימטריא כתר[52], אַ ירידה בדרגת כתר.

ולמרות כל זה האָט יעקב עובד געווען עבודתו באַ לבן אין חרן, און האָט דאָרט מקיים געווען שליחותו בשלימות (אַלס אַ מרכבה לה'[53]), צו אויפשטעלן די י"ב שבטים, ובאופן פון „מטתו שלימה"[54] — דער יסוד פון עם ישראל, און בעבודת הבירורים (צאן לבן)[55], און דורך דעם ממשיך ומגלה זיין דעם רצון המשלח אויך אין „חרנה".

---

45) מנחות כט, ב.

46) ראה תו"א צה, סע"ב. לקו"ת ר"פ בלק. ובכ"מ.

47) ל' הכתוב — ישעי' מג, ז.

48) לקו"ת אחרי כה, סע"ד ואילך. ר"פ בלק. ובכ"מ.

49) ויצא כט, כה.

50) שם לא, א.

51) שהרי יעקב לא הקפיד על הצער גשמי שבזה*, אלא שהקפיד על הצער שהי' מונע לשלימות עבודתו בתור מרכבה („האבות הן הן המרכבה" (ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו. ועוד)), ובפרט „בחיר שבאבות" (ב"ר פע"ו, א. ועוד — נסמן לקמן הערה 58), „שכל אבריהם היו כולם קדושים ומובדלים מעניני עוה"ז ולא נעשו מרכבה רק לרצון העליון לבדו כל ימיהם" (תניא פכ"ג).

52) ראה לקו"ת שה"ש לה, ג. ובכ"מ.

53) שזהו „כל ימיהם", גם בהיות יעקב בבית לבן בחרן. ואדרבה — בחרן נתגלה שלימות נעלית יותר בעבודתו בתור מרכבה, שגם במצב ירוד כזה הי' מרכבה לה'.

54) ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. תו"כ בחוקותי כו, מב. ספרי ואתחנן ו, ד. האזינו לב, ט. ברכה לג, ב.

55) ראה תו"א ויצא כב, ד ואילך. ובארוכה — תו"ח שם כז, ג ואילך. ד"ה ושבתי בשלום הנ"ל סי"ג. ושי"נ.

---

*) להעיר משו"ע אדה"ז הל' נזקי גוף ונפש ס"ד בקו"א (ב): מה שאוסר לצער גופו צע"ג מיעקב אבינו שאכלו חורב וקרח. ואכ"מ.

דאָס הייסט, אַז דורך ירידת יעקב „חרנה", איז צוגעקומען אַן עילוי אפילו לגבי זיין (יעקב'ס) מצב זייענדיק בארץ מגורי אביו — ער איז נתעלה געוואָרן בדרגת כתר (עשרים) למעליותא, שלמעלה מבחי' באר שבע (מקור השבע מדות, ביז למעלה ממוחין), ובפשטות — הקמת י"ב שבטים, ושלימות עבודת הבירורים בצאן לבן, ביז אַז אויך באַ יעקב עצמו איז צוגעקומען דער עילוי — אַז „ויפרוץ האיש מאד מאד"[56].

ו. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק דער טעם פאַרוואָס עס שטייט „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" אע"פ וואָס לפנ"ז (בסוף פ' תולדות) שטייט „וישמע יעקב אל אביו ואל אמו וילך פדנה ארם": אין סוף פ' תולדות הערט זיך אָן ווי הליכת יעקב („וילך פדנה ארם") איז אַ המשך ותוצאה גלוי' פון „וישמע יעקב אל אביו ואל אמו", שליחות אביו ואמו. ד.ה. אַז אין דעם איז ניכר די השפעה פון דעם ציווי המשלח, און במילא איז נאָך ניט אַזוי בהדגשה די ירידה למטה מטה בבירא עמיקתא: משא"כ בריש פ' ויצא קומט צו דער חידוש אַז „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" — די יציאה לגמרי מבאר שבע, וילך חרנה — אַ הליכה (וירידה) שלא בערך אין „חרנה", אין „חרון אף של מקום"[57], ווי דאָס איז אָפּגעזונדערט פון ציווי המשלח („וישלח יצחק", און אפילו פון „וישמע יעקב גו'").

ויש לומר דעם טעם אויף ביידע פסוקים — ווייל דער סדר העבודה איז מן הקל אל הכבד: פריער קומט דער ציווי השליחות — „וישלח יצחק", דערנאָך קבלת השליחות — „וישמע יעקב", און התחלת קיומה — „וילך" (אָבער נאָך אַלץ אַ המשך צו דעם ציווי וקבלת השליחות), ביז — די יציאה וירידה בפועל — „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" [און אויך לאחרי זה זיינען דאָ כמה דרגות: הבטחת הקב"ה ליעקב ער זאָל מצליח זיין, תפלת יעקב, ביז — ביאתו לחרן בפועל, און זיין עבודה דאָרטן].

ז. ויש לומר דעם טעם פאַרוואָס דוקא באַ יעקב איז געווען די שליחות צו גיין און טאָן עבודתו אין חרן, און אויך — די עלי' וואָס איז ביי אים אַרויסגעקומען דורך דעם — ווייל באַ יעקב („בחיר שבאבות"[58]) איז געווען שלימות העבודה, כידוע[59] אַז יעקב איז מדת האמת (תפארת) — בריח התיכון המבריח מן הקצה אל הקצה, אַז ווי אלקות שטייט למעלה מעלה בבחי' „באר שבע" איז יעקב דאָס ממשיך למטה מטה אין „חרנה"[60].

ובכללות איז אין דעם באַשטאַנען די עבודה פון יעקב במשך כל ימי חייו (אויך פאַר און נאָך זיין עבודה אין חרן), אַנהויבנדיק פון ווען ער איז געבאָרן געוואָרן — כמרומז בשמו „יעקב", על שם „וידו[61] אוחזת בעקב עשו"[62] — כידוע אַז שם האדם גיט אַרויס דער תוכן ומהות העבודה שלו:

ובהקדים השאלה: ווי קומט עס אַז לידת יעקב אבינו זאָל זיין פאַרבונדן דערמיט וואָס „וידו אוחזת בעקב עשו".

---

56) ויצא ל, מג.

57) ועפ"ז יומתק מה שנאמר כאן „פדנה ארם", ולא „חרנה" כמו בר"פ ויצא.

58) ב"ר פע"ו, א. זח"א קיט, ב. שער הפסוקים תולדות כז, כה.

59) תניא פי"ג (יט, א). ביאוה"ז לאדהאמ"צ כט, ג. להצ"צ ע' קסח ואילך. וראה לקו"ש חט"ו ע' 436. ושי"נ.

60) ראה אוה"ת תרומה ע' א'תקכה, שע"י הענין ד„וילך חרנה" נעשה יעקב בריח התיכון.

61) פרשתנו כה, כו.

62) פירוש השני בפרש"י עה"פ.

און נאָכמער, אַז „אביו[62] קרא לו יעקב על שם אחיזת העקב", און דאָס איז שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש, דער שם וואָס גיט אַרויס תוכן עבודתו!?

איז דער ביאור אין דעם: עבודת יעקב איז באַשטאַנען אין דעם אַז ער זאָל מברר זיין און ממשיך זיין אלקות אויך אין די נידעריקסטע דרגות (באופן פון מבריח מן הקצה אל הקצה). דעריבער איז לידתו פאַרבונדן בגלוי דערמיט וואָס „וידו אוחזת בעקב עשו", ועל שם זה ווערט ער אָנגערופן „יעקב", יו"ד (אותיות „ידו"[63]) עקב[64], די המשכה פון יו"ד (שרש הנשמה בחכמה דאצילות) אין בחי' עקביים[65], ביז אין „עקב עשו".

אָבער בכדי אַז די עבודה זאָל זיין בשלימות, דאַרף פריער זיין די ירידה למטה — אַז בגלוי זאָל עשו זיין דער בכור, און „ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו", און דערנאָך זאָל יעקב דאַרפן טאָן זיין עבודה למטה בעוה"ז, ביז אַז ער זאָל דאַרפן זיין אָנגעטאָן בלבושי המתברר, בלבושי עשו, ביז אַז „בא אחיך במרמה ויקח ברכתך"[66] — אַ ירידה הכי גדולה באַ יעקב עצמו, וואָס מדתו איז מדת האמת,

און דערנאָך האָט ער יורד געווען ל־מטה יותר, „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", בבית לבן הארמי (און אויך דאָרטן זאָגט יעקב[67] „אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות", אַ ירידה בגלוי לגבי מדת האמת מדתו של יעקב):

אָבער די כוונה אין די אַלע ירידות, איז בכדי אויפטאָן דעם בירור אויך למטה מטה, און דורך דעם זאָל אַרויסקומען אַ גילוי הכי נעלה, ביז דער גילוי פון שרשו של עשו — די אורות מרובים דתהו, וועלכע זיינען „גדולים מאד ולא יכלו להתלבש בתוך הכלים כו', אבל מצד שרש שרשו במקיפים דתהו הרי האורות דתהו הם למעלה מהאורות דתיקון"[68] — שרשו של יעקב, און דורך עבודת יעקב איז ער ממשיך די אורות מרובים דתהו אין די כלים מרובים דתיקון[68],

אָבער בזה גופא — איז דער בירור באופן של סדר מסודר (פון עולם התיקון של יעקב), אָנהויבנדיק פון דעם בירור פון „וידו אוחזת בעקב עשו"[69], ער איז אוחז נאָר אין „עקב עשו" (אין די דרגא הכי תחתונה פון די אורות דתהו), און דערנאָך איז ער עולה מדרגא לדרגא בעבודתו, כולל אויך — אין דער עבודה פון בירור עשו, „מכרה כיום את בכורתך לי"[70], און דערנאָך — קבלת יעקב של ברכות יצחק לעשו, דורך דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן ב„בגדי עשו בנה הגדול החמודות"[71], וואָס דורך דעם איז נתגלה געוואָרן אַז שמו יעקב איז על שם „ויעקבני זה פעמים את בכורתי לקח והנה עתה לקח ברכתי"[72],

63) תו"א וישב כט, א.

64) ע"ח שער ג (שער פרדס אצי' למהרח"ו) פ"ב. פרדס שער כג (שער ערכי הכינויים) בערכו.

65) ראה תו"א ר"פ ויצא. ושם מקשר זה עם „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" — שבחי' יעקב (יו"ד עקב) הוא הממשיך מבחי' באר שבע שהוא למעלה מעלה כו' עד השתלשלות למטה מטה למדרגה היותר תחתונה שהוא בחי' חרן.

66) פרשתנו כז, לה.

67) ב"ב קכג, א. ב"ר פ"ע, יג. הובא בפרש"י עה"פ ויצא כט, יב.

68) תו"א ר"פ וישלח. ובארוכה — תו"ח שם. ובכ"מ.

69) ראה סד"ה ויגדלו הנערים תרס"ה.

70) פרשתנו כה, לא.

71) שם כז, טו.

72) שם, לו.

אָבער דערנאָך האָט יעקב געדאַרפט אַנטלויפן פון עשו, ווייל עשו איז נאָך ניט געווען מוכן לבירור, און יעקב האָט יורד געווען אין חרן, צו אויפטאָן די בירורים פון צאן לבן, ביז אַז דערנאָך – לאחרי די עשרים שנה אין חרן – איז ער געגאַנגען אויך מברר זיין עשו[73], ביז במקום עשו – „וישלח[74] יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר גו', ויצו אותם לאמר כה תאמרון לאדוני לעשו גו' עם לבן גרתי ואחר עד עתה"[75], ביז אַז לדעת יעקב איז עשו שוין דעמולט געווען מוכן לבירור, און למעלה מזה – ער איז שוין געווען לאחרי הבירור, דערפאַר האָט ער דערנאָך געזאָגט „עד אשר אבוא אל אדוני שעירה", בכדי מקבל זיין (מ„אדוני") די אורות מרובים (אדוני) דתהו, פון בחי' שעירה, בחי' שערות למעליותא[75*], שערות הזקן פון די י"ג תיקוני דיקנא, „לבושי' כתלג חיוור ושער רישא כעמר נקא"[76] (בחי' כתר[77]), וועלכע זיינען אַ המשכה הכי נעלית שלמעלה ממוחין (וואָס קענען ניט נמשך ווערן סיידן דורך דער צמצום פון שערות, מותרי מוחין), און דאָס זאָל נמשך ווערן אין די כלים גדולים פון תיקון (דרגת יעקב), ביז אַז עס זאָל אויך מהפך זיין די ענינים בלתי רצויים וואָס קומען אַרויס דורך דער יניקת ה־חיצונים פון שערות – אַז דער „נגע גו' בזקן"[78] (וואָס אין למטה – אין למטה מנגעי") ווערט נהפך צו ענג, וואָס אין למעלה מענגי[79] (למעלה פון מוחין, און אויך למעלה פון רצון וחפץ, בחי' כתר)[80].

ח. דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער לימוד וואָס יעדער איד נעמט אַרויס פון שליחות יעקב אין חרן, אַז דער אויבער־שטער האָט אַראָפּגעשיקט זיין (דעם איד'ס) נשמה פון „באר שבע" דאָ למטה אין „חרנה", צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים,

און הגם אַז דאָס איז אַ ירידה הכי גדולה, ביז שלא בערך, דאַרף ער דערפון ניט נתפעל ווערן, וואָרום ער איז שלוחו של הקב"ה, ושלוחו של אדם העליון[81] כמותו[35], ביז „כמותו דהמשלח ממש"[82] (כביכול).

ואדרבה: וויבאַלד אַז ער געפינט זיך אין „חרנה", וואָס דאָרט זעט מען ניט בגלוי די השפעה פון דעם משלח, דאַרף ער נאָכמער אָנקומען, ובמילא באַקומט ער, דעם תוקף וכח המשלח. און דוקא דורך דער ירידה גדולה – ווערט אויפגע־טאָן אַן עלי' הכי גדולה, העכער פון דעם אָרט („באר שבע") פון וואַנעט זיין נשמה האָט יורד געווען.

און דער לימוד שטייט נאָכמער בהד־

73) ראה אוה"ת ר"פ וישלח (רלא, א). סד"ה וישלח תרס"ז. תרע"ג. ד"ה עם לבן גרתי תשמ"ב.

74) ר"פ וישלח (לב, יד ואילך).

75) ראה סד"ה וישלח תרס"ז.

75*) ראה לקו"ת אמור לא, ד ואילך. ובכ"מ.

76) דניאל ז, ט.

77) ראה סה"מ מלוקט ח"א ע' תנ. וש"נ.

78) תזריע יג, כט.

79) ראה ספר יצירה פ"ב מ"ד: אין בטובה למעלה מענג ואין ברעה למטה מנגע. וכידוע ד„נגע" הוא היפך „ענג" – זח"א כו, רע"ב. ח"ב רסה, ב. ח"ג (רע"מ) רעג, א. תקו"ז בהקדמה (יב, א). תכ"א (נח, א).

80) להעיר ממאחז"ל (ויק"ר פי"ז, ו, הובא בפרש"י) עה"פ (מצורע יד, לד) „כי תבואו אל ארץ כנען גו' ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם" – „בשורה היא להם שהנגעים באים עליהם לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב וכו'". והיינו, דכשישנו אצל בנ"י ענין בלתי רצוי ד„נגע", בהכרח, שזהו רק בכדי שעי"ז יתוסף עוד יותר בטוב שלהם (ראה לקו"ש חכ"ב ע' 197).

81) ראה לקו"ת ר"פ ויקרא (א, ג).

82) לקו"ת שם. וכ"ה הלשון (כמותו ממש) בתשובות הריב"ש סרכ"ח.

גשה בשעת אידן געפינען זיך אין גלות[83], וואָס אין דער שליחות פון ירידת הנשמה בגוף עצמה — איז דאָס נאָך אַ נידעריקערע ירידה, „אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם"[84], לא מיבעי אין דעם זמן פון רדיפות וגזירת המלכות בחושך הגלות, נאָר אפילו אין אַ זמן (ווי איצטער) ווען אידן געפינען זיך אין אַ מלכות של חסד, און זיינען עובד עבודתם במנוחת הנפש ומנוחת הגוף — קומט עס אָבער ניט צו דעם מצב אמיתי וואו אידן באַלאַנגען, סמוך על שולחן אביהם, ביז באופן אַז „והיו עיניך רואות את מוריך"[85],

ובמילא דאַרף מען דעמולט נאָכמער אָנקומען צו דעם תוקף וכח המשלח, וע"פ הכלל אַז ירידה צורך עלי', און וואָס נידעריקער די ירידה, אַלץ העכער די עלי' הבאה ע"ז — איז פאַרשטאַנדיק אַז די ירידה אין גלות, ברענגט צו נאָך אַ העכערער עלי' וגילוי פון כח המשלח באַ דעם שליח, און אויך — אַ גרעסערער גילוי אין אַלע ענינים, בדוגמא ווי ס'איז געווען באַ גלות מצרים, אַז דאָס האָט געבראַכט צו דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"[86], ועאכו"כ בגלות זה האחרון, וועלכער ציט זיך שוין העכער ניינצן הונדערט יאָר, מיט דער איינציקער הסברה — אַז דאָס איז בכדי ברענגען אַ „רכוש גדול" שלא בערך כלל בגאולה האמיתית והשלימה[87]. — ולהעיר, אַז איצטער, לאחרי אַזויפיל יאָר אין גלות, איז דאָס שוין אויך קיין הסברה ניט, וואָרום מ'האָט שוין פון לייגג אָן געקאָנט האָבן דעם „רכוש גדול" העתיד.

ט. ועפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס דוקא בדורות האחרונים אין גלות, איז צוגעקומען דער חידוש בענין השליחות דורך רבותינו נשיאינו בכלל, ובמיוחד — דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו[88] — אַז „וישלח יצחק" שלוחים, ער האָט אַריינגעגעבן אַ כח חדש אין כללות ענין השליחות פון יעדער אידן (אַלס שלוחו של הקב"ה), דורך דעם וואָס ער האָט אָנגעזאָגט און געגעבן כח אַז די שליחות פון יעדער איד בדורנו זה איז צו פאַרשפרייטן תורה ויהדות און הפצת המעינות חוצה. און האָט געזאָגט אַז דערצו דאַרף מען אַוועקגיין ממקומו ומצבו — „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", און צו דערגרייכן אידן בכל מקום שהם.

ביז אַז דאָס האָט זיך אויסגעדריקט בפועל — דורך דעם וואָס צווישן אידן גופא זיינען דאָ די וועלכע האָבן זוכה געווען און זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין שלוחים — וועלכע זיינען אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער עבודה פון הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה,

ווי מ'זעט איצטער דעם מצב בפועל, אַז בכל קצוי תבל זיינען פאַראַן שלוחים פון נשיא דורנו — וביניהם די שלוחים וועלכע האָבן זיך איצטער צוזאַמענגע־

83) וכידוע ש„ויצא יעקב גו'" קאי על הירידה בגלות (ראה ב"ר פס"ח, יג. רמב"ן ר"פ ויצא מפדר"א פל"ה. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 153 ואילך. וש"נ. שם ע' 355).

ולהעיר מחדא"ג מהרש"א חגיגה ה, ב בפירוש דברי רבי „מאיגרא רם לבירא עמיקתא" (ראה לעיל ס"ד): ואפשר שרמז בזה על שהשליכן בגלות לבבל כו'.

84) ברכות ג, א.

85) ישעי' ל, כ. וראה תניא פל"ו.

86) לך לך טו, יד. וראה ברכות ט, ריש ע"ב.

87) נוסף על זה שאז יתגלה המטמוניות שהטמין יוסף במצרים, שחלק אחת (מהשלש מטמוניות) גנוזה לצדיקים לע"ל (פסחים קיט, א. וראה תו"א מד, א. אוה"ת מקץ שמג, ב).

88) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 329 ואילך.

קליבן אין דעם כינוס השלוחים העולמי — וועלכע זיינען זיך עוסק אין דער עבודה הנ"ל, כולל אויך באופן פון שליח עושה שליח וכו' — באופן שהולך ומתפשט, הולך ומוסיף ואור.

ועפ"ז הנ"ל יש לומר דעם טעם לזה, ווייל וואָס ווייטער און טיפער דער חושך הגלות — אַלץ מער דאַרף מען אָנקומען צו דער עבודת השליחות אין „חרנה", צו דערגרייכן אידן בכל מקום שהם און זיי מעורר זיין אַז זיי זאָלן נאָכמער צוגעבן אין אַלע ענינים פון אידישקייט,

און הגם אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ ירידה לכאורה — די ירידה פון חושך הגלות בכלל, און די ירידה פון די שלוחים צו אַוועקגיין פון „באר שבע" (ארץ מגורי אביו) „וילך חרנה" — איז דאָס גופא באַוויזט אָבער, אַז וואָס „ווייטער" — בכמות ובאיכות — מ'געפינט זיך פון דעם משלח ומקום המשלה — אַלץ מער דאַרף מען אָנקומען, און אַלץ מער באַקומט מען, דעם כח ותוקף המשלה, און די אַלע עילויים וואָס קומען צו דורך דער ירידה, כנ"ל.

י. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון דעם כינוס השלוחים העולמי (און די פרשיות בתורה וואָס מ'לייענט בסמיכות לזה) מיט חודש כסלו:

דער עיקר ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בי"ט כסלו, חג הגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן, איז געקומען דורך דעם וואָס פריער איז געווען אַ קטרוג אויף דעם גילוי החסידות באופן של חב"ד פון דעם אַלטן רבי'ן, וואָס דאָס האָט געבראַכט צו דעם מאסר; אָבער די כוונה אין דער ירידה איז געווען — אַז דורך דעם זאָל אַרויסקומען אַ הוספה והרחבה, ביז שלא בערך, אין הפצת המעינות חוצה, ווי ס'איז געוואָרן נאָך דער גאולה בי"ט כסלו.

[ובדוגמא לזה — ולפני זה אויך בנס חנוכה, נס השמן, בסוף חודש כסלו — ל־אחרי שגברה מלכות יון הרשעה, און לא מצאו אלא פך אחד של שמן, וואָס דאָס ווייזט אויף דעם גילוי פון פנימיות התורה, שמן שבתורה — דוקא דורך דער ירידה בגלות].

וכידוע דער משל פון דעם אַלטן רבי'ן — אַלס ענטפער אויף דער שאלה וקטרוג אויף דעם גילוי החסידות בהר־חבה — פון אַ בן מלך וועלכער איז גע־וואָרן ניט געזונט, און דער מלך הייסט דעם רופא — לאחרי וואָס אַלע אַנדערע תרופות העלפן ניט — ער זאָל צומאָלן דעם אבן הכי יקרה בכתר המלך און דאָס צומישן מיט וואַסער, און אַריינגיסן דעם קינד אין מויל, טאָמער ... אַ טראָפּן וועט אַריינגיין און אים ראַטעווען ...

און אַזוי — דור אחר דור נאָך דעם אַלטן רבי'ן, אַז ס'איז צוגעקומען אין חושך הגלות — איז אַלץ מער צוגעקומען אין דער גילוי פון פנימיות התורה דורך רבותינו נשיאינו, ביז צו דער חידוש וואָס איז צוגעקומען אין הפצת המעינות חוצה — אַלס תוצאה פון דעם מאסר וגאולה פון י"ב־י"ג תמוז — לאחרי וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר איז אָנגעקומען אין חצי כדור התחתון.

ביז אַז בדורנו זה, ובפרט בשנים הכי אחרונות, איז אין דעם צוגעקומען באופן שלמעלה ממדידה והגבלה — אַז מ'איז מבזבז אוצרות המלך וועלכע זיינען גע־

89) ראה לקו"ש שם ע' 349 ואילך. ושי"נ.

90) שבת כא, ב.

91) „התמים" ח"ב ע' מט (עב, א). אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' שכו ואילך. ועוד.

וועו גנוזים במשך הדורות[92], און אפילו די יחידי סגולה וועלכע האָבן דאָס געהאַט ברשותם — האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס אַלץ צו מפרסם זיין און לערנען באופן של הבנה והשגה פון חכמה בינה ודעת — וואָס דורך דעם קומט צו אַ חידוש והוספה לגבי ווי די אוצרות פון פנימיות התורה זיינען מצד שרש הנשמה כו' (ע"ד דער עילוי וואָס ווערט דורך דער עבודה אין חרנה לגבי דעם מצב אין „באר שבע"): און איצטער איז מען מגלה די אוצרות [ובמיוחד — פון תורת הצמח צדק, וואָס ב' שמותיו אלה זיינען שמו של משיח צדקנו[93], וועלכער ילמד את כל העם כולו פנימיות התורה[94]], און מ'דרוקט זיי, באופן אַז יעדערער קען אין דעם לערנען באופן של חב"ד, און מפיץ זיין די מעינות חוצה, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה.

ויש לומר, אַז דער חידוש בגילוי פנימיות התורה בדורנו זה (פאַרבונדן מיט חודש כסלו במיוחד) איז פאַרבונדן — והא בהא תליא — מיט דעם חידוש אין ענין השליחות שבדורנו זה: לא זו בלבד וואָס די יציאת השלוחים פון „באר שבע" (ארץ מגורי אביו) בכדי מפיץ זיין די מעינות חוצה בכל קצוי תבל, רירט ניט אָן ח"ו וח"ו דעם גילוי פון פנימיות התורה (פון „באר שבע"), נאָר אדרבה ואדרבה: דורך דעם וואָס די שלוחים פאָרן אַרויס בשליחותם במקומות הרחוקים — בגשמיות וברוחניות — פון מקום המשלח — רופט דאָס נאָכמער אַרויס און דאָס איז נאָכמער מגלה די כחות פון דעם משלח, כולל בענינינו — פון גילוי פנימיות התורה, תורת חסידות חב"ד, באופן פון יפוצו מעינותיך חוצה, ביתר שאת וביתר עוז, באופן אַז מ'איז מגלה די אוצרות כנ"ל.

יא. צווישן די מאורעות בעולם [ובשייכות אויך מיט פעולות השלוחים הנ"ל] וואו מ'זעט דוגמת ענין הנ"ל — איז דאָס וואָס די מדינה, וועלכע האָט „אַריינגעזעצט" כ"ק מו"ח אדמו"ר צוליב זיין התעסקות אין הרבצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, און מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ גזר דין, און דערנאָך דעם פסק פון גלות אין קאָסטראָמאַ [וואָס צער גלות „שקול כמעט כצער מיתה"[95] ר"ל], האָט די זעלבע מדינה לאחרונה משנה געווען איר יחס מן הקצה אל הקצה, און האָט אַרויסגעלאָזט — און לאָזט ווייטער אַרויס — הונדערטער טויזנטער אידן זיי זאָלן קענען פאָרן וואו זיי ווילן, כולל — אין ארצות הברית, ביז אויך אין ארץ ישראל. און נאָכמער: די מדינה אַליין איז מסייע בזה, כולל — דורך הוצאות של ממון (וועלכע ווערט — בחלק — צוזאַמענגעקליבן פון די מסים פון כל תושבי מדינה ההיא).

און צווישן די וועלכע זיי האָבן אַרויסגעלאָזט און מיט אַ סיוע שלהם — זיינען אויך אידישע קינדער וועלכע זיינען גע'ניזק'ט געוואָרן פון דעם אויפרייס אין טשערנאָביל (לפני כמה שנים) — האָט די מדינה זיך משתדל געווען און איז זיך משתדל, ועל חשבונם, זיי אַרויספירען און היילן.

ביז ווי בשנה האחרונה — האָט די מדינה געהאָלפן זיי אַרויסשיקן פון

92) ראה המשך ההילולא באתי לגני ה'שי"ת פי"א ואילך.

93) זכרי' ג, ח (צמח)*. ישעי' יא, ה (צדק). וראה ירושלמי ברכות פ"ב ה"ד. פי' הראב"ע והרד"ק שם. וראה תקו"ז בהקדמה (יז, ב).

94) לקו"ת צו יז, א. ועוד.

*) ובנוסח הושענות הושע"ר: איש צמח שמו.

95) חינוך מצוה תי.

דאָרטן און געלאָזט פאָרן אין ארץ הקודש, און דאָרטן גופא — אין „כפר חב"ד", וואָס דאָרטן איז מען זיך מטפל מיט זיי און מ'איז זיך משתדל זיי אויסהיילן וכו' —

וואָס דאָס אַלעס באַווייזט אויף דער עלי' פון בירא עמיקתא (דמדינה ההיא, וועלכע האָט מנגד געווען צו חב"ד), ביז צו אַ מצב פון חב"ד[96], ביז — כפר חב"ד, וואָס איז מרמז אויף דעם חידוש פון חסידות חב"ד, צו אַרויסברענגען פנימיות התורה און תורת החסידות אין פרטים ופרטי פרטים (ע"ד ווי נבואת יחזקאל, אַ בן כפר וועלכע איז מתאר דעם מרכבת המלך מיט אַלע פרטים צוליב רוב ההתפעלות שלו בזה[97]), וואָס הגם אַז דאָס קומט דורך דער ירידה אין גלות — קומט אָבער צו דורך דעם אַן עילוי אפילו לגבי דעם גילוי פון „באר שבע" (שקודם הירידה), ביז דער גילוי העונג (וואָס אין למעלה מעונג, תמורת אין למטה מנגעי) וואָס קומט דורך לערנען פנימיות התורה בחב"ד שבשכל.

[ולהוסיף הוראה ע"ד הרמז פון דעם וואָס נבואת יחזקאל בן בוזי איז געווען בחוץ לארץ „על נהר כבר"[98]: דורך דער ירידה אין חוץ לארץ, און דאָרט גופא — על נהר כבר[99], וואָס איז מרמז אויף די קאַלטקייט וואָס דער יצר וואַרפט אַריין אײנעם וואָס הערט אַן ענין נפלא בתורה אין פנימיות התורה, און אַנשטאָט זיך צוהערן כדבעי און דערהערן דער חידוש אין דעם — זאָגט ער: הע! „כבר" — איך האָב דאָס שוין אַמאָל — כבר — געהערט! ... אויב ער וואָלט עס טאַקע געהערט, וואָלט ער איצט אויך דערהערט דעם חידוש בזה ... — איז דורך דער ירידה, ווערט דער גילוי פון נבואת יחזקאל באופן של חב"ד, בפרטים ופרטי פרטים. וכמרומז גם בשמו יחזקאל — חזק א־ל, בן בוזי — דער גילוי וביזה נאָך מער פון ביזת הים (עלמא דאתכסיא) פון פנימיות התורה, באופן פון „בוז יבוזו לו"[100]].

יב. פון די לימודים וואָס מ'קען אַרויסנעמען פון המדובר לעיל בקשר מיט דעם כינוס השלוחים העולמי, וועלכער קומט פאָר בפ' „וישלח יצחק את יעקב גו'", „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", און בשבת מברכים וערב ראש חודש כסלו:

וזהו א' הטעמים להדפסת ספר התניא (תושב"כ[109] דתורת חסידות חב"ד[110]) בהוצאה חדשה (ובפורמט גדול[111]) וחלוקתו לכאו"א מהאנשים והנשים והטף בקשר ובשייכות ל„חג הגאולה י"ט כסלו קצב שנה"[112] — כדי להדגיש בפועל ובגלוי לעיני בשר שלימות העבודה דיפוצו מעינותיך חוצה במשך קצב שנה, סוף זמן הגלות[113], „קץ[114] הימים"[115] („קץ דשמאלא", סוף הגלות), ותיכף ומיד באים ל„קץ הימין"[116] (קץ הגאולה)[117].

שזהו"ע קיבוץ ואסיפת ניצוצות הקדושה (תו"א פרשתנו כח, א. ובכ"מ).

108) עבוה"ק ח"ד פי"ט. אוה"ת מקץ שלח, סע"ב. ועוד.

109) ראה אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ד ע' רסא ואילך. וש"נ.

110) כולל גם תורת החסידות דהבעש"ט והמגיד כפי שנתבארה בתורת חסידות חב"ד, כמרומז־מפורש גם בהסכמות לספר התניא (שרבינו הזקן חפץ בהם, ועד שנקבעו בסדר הלימוד דספר התניא כפי שנחלק לימי השנה) — „אשר מכבר נגלה מסתריו יושב בשבת תחכמוני אצל אדוננו מורנו ורבנו (המגיד) .. וכעת ישמח ישראל (הבעש"ט) בהגלות דברי קדשו כו'" (הסכמת הרי"ל הכהן). — ראה לקו"ד ח"א סא, א. ועוד.

111) להעיר מהדגשת מעלת הגשמיות — כמות — לעתיד לבוא, שלכן, עיקר השכר הוא לנשמות בגופים דוקא (רמב"ן בשער הגמול בסופו. לקו"ת צו טו, ג. ובכ"מ), ועד שלעת"ל הנשמה ניזונית מן הגוף (ראה המשך וככה תרל"ז פפ"ח ואילך. המשך תרס"ו ע' תקכח. ועוד).

112) כפי שנדפס ע"ג השער דספר התניא.

113) ולהעיר, שבהתחלת ספר התניא נרמז ביטול (סוף) הגלות: „תניא" — אף שהגירסא הנפוצה היא „דרש ר' שמלאי" — כידוע (ראה ליקוט פירושים לתניא בתחלתו. וש"נ) שיש קליפה שנקראת בשם „תניא" שמנגדת ללימוד רזין דאורייתא שעי"ז מקרבים את הגאולה, ובפתיחה זו („תניא") נתכוין רבינו הזקן להחליש ולבטל קליפה זו, ובמילא, לקרב ולהביא בפועל את הגאולה. „בספ"ג" — רומז לסוף גלות השלישי (האחרון (ראה לקו"ש חכ"ו ע' 151. וש"נ)). „דנדה" — כידוע שבזמן הגלות נמשלו ישראל לנדה שצריכה ליטהר לבעלה (ראה יחזקאל לו, יז ובמפרשים. איכ"ר פ"ה, יז. ובכ"מ).

114) ראה זח"א נד, סע"א. ר"פ מקץ. איכ"ר פ"ב, ו — הובא ונת' באוה"ת ר"פ מקץ.

115) במ"ם סתומה — שרומזת על תיקון ושלימות פירצת הגלות („חומות ירושלים אשר המ פרוצים" — מ' פתוחה בסוף התיבה), בגאולה האמיתית והשלימה („לםרבה המשרה" — מ"ם סתומה באמצע התיבה) — ראה ספר הערכים־חב"ד ע' אותיות התורה (ע' רג ואילך). וש"נ.

116) בנו"ן ארוכה — שציורה למטה מן השורה רומז על ההמשכה למטה מטה (ראה לקו"ת פ' ראה כ, סע"ב. ובכ"מ), ועד שעי"ז מתהפך הענין הבלתי־רצוי דאות נו"ן (ר"ת נפילה*) לענין הכי נעלה — ר"ת „נסים" ו„נפלאות"**, ועד שכולל כל העילויים שבמשך נו"ן אלפים יובלות (נסמן במאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ס"ע רסח).

117) ויש לקשר זה עם הפרשה שמתחילין לקרוא במנחה — „ויהי מקץ שנתיים ימים" (אוה"ת

---

*) ועד ש„לא נאמר נו"ן באשרי מפני שיש בה מפלתן של שונאי ישראל דכתיב נפלה גו'", אלא ש„חזר דוד וסמכן ברוח הקודש שנאמר סומך ה' לכל הנופלים" (ברכות ד, ב). — ולהעיר גם מהענין דסמיכת גאולה לתפלה (ברכות שם).

**) ראה לקוטי לוי"צ לזח"א ע' קפא: „נס הוא ב' אותיות נ' ס', נ' מורה על נפילה וס' מורה על סמיכה ועזר מהנפילה" (וראה תורת מנחם תפארת לוי"צ ח"א ע' רלג־ד).

ובלשון הכתוב במזמור תהלים ה־ידוע[118] (שאומרים בשנה זו) — „מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו"[119], משיח צדקנו[120], שנקרא „משיח" ע"ש שנמשח בשמן המשחה („שמן קדשי"), ונוסף על משיח בן יוסף[121], גם (ובעיקר) משיח בן דוד, דוד מלכא משיחא.

*

יב. מההוראות מהאמור לעיל בנוגע למעשה בפועל:

בעמדנו ביום השבת שהוא יום השלישי ל(חגיגות ד)חג הגאולה י"ט כסלו, ראש השנה לתורת החסידות ודרכי' — צריך כאו"א לקבל החלטות טובות מתאימות בנוגע ללימוד והפצת תורת החסידות (ה־חל מלימוד ספר התניא כפי שנחלק לימי השנה מי"ט כסלו עד י"ט כסלו הבעל"ט) והנהגה בדרכי' בהוספה על ההחלטות שקיבל כבר בחג הגאולה עצמו, באופן של פריצת כל הגדרים, „פרצת עליך פרץ".

וכן הוספה בלימוד נגלה דתורה — החל מהמנהג לסדר חלוקת הש"ס בי"ט כסלו, ע"פ מ"ש בעל הגאולה בהתחלה ובסיום אגה"ק (וקו"א) שבספר התניא ע"ד „השלמת כל הש"ס כולו . . מדי שנה ב־שנה", „לחלק המסכתות עפ"י הגורל או ברצון כו'",

— אשר, כיון שמפני צוק העתים אין ביכולת כל א' בפ"ע לסיים הש"ס בשנה אחת, הרי, עי"ז שמצטרף עם עוד כמה מישראל שמחלקים הש"ס ביניהם, נחשב לכל א' מהלומדים כאילו למד בעצמו כל הש"ס[122], ע"ד שמצינו בהלכות שבת[123] ששנים שעשו יחד מלאכה שא' אינו יכול לעשותה לבדו, שניהם חייבים, דחשיב שכל א' עשה את המלאכה כולה[124] —

ובודאי סידרו חלוקת הש"ס גם בי"ט כסלו השתא, ובמקומות שלא סידרו עדיין חלוקת הש"ס, יעשו זה בהקדם האפשרי[125]

שם). ולהעיר ברמז, ש„קץ" בתוספת ב' (שנתיים ימים) הוא קצ"ב שנה.

118) פט, כא.

119) והחידוש שבדבר — שאף שנמשח „בשמן קדשי" (בחי' החכמה, ועד לבחי' קדש מלה בגרמי, בחי' הכתר) שלמעלה ממציאותו, ה"ז חודר ונעשה המציאות שלו, „משחתיו" דייקא (ע"ד האמור לעיל (ס"ו והערה 62) שהפריצה למעלה ממציאותו נעשית המציאות שלו).

120) החל מהגילוי („מצאתי") דמשיח שבכאו"א מישראל — שנקרא בשם „כוכב"* (ראה ירושלמי מע"ש ספ"ד), כמו משיח שנאמר בו „דרך כוכב מיעקב" (בלק כד, יז. וראה ירושלמי תענית פ"ד ה"ה), מפני שיש בו ניצוץ של משיח (מאור עינים ס"פ פינחס) — בחי' היחידה שבנשמת כאו"א מ־ישראל, ונשמת משיח היא בחי' היחידה הכללית (רמ"ז לזח"ג רס, ב. ועוד).

121) שגם הוא נקרא „משיח" ע"ש שנמשח בשמן (ראה לעיל בשוה"ג להערה 85).

122) ובפרטיות: ל"ו מסכתות (שיש בהם משנה וגמרא), ס' מסכתות („ששים המה מלכות" — אלו ששים מסכתות (שהש"ר פ"ו, ט (ב). במדב"ר פי"ח, כא)), ס"ג* מסכתות (כשמונין ג' הבבות כ"א בפ"ע, וכן שבת ועירובין כ"א בפ"ע — פי' מהרז"ו לשהש"ר שם, או כשמונין גם מסכת אבות שאינה מדברת בהלכות — חידושי הרש"ש לבמדב"ר שם).

123) שבת צג, א. ושי"נ. רמב"ם הל' שבת פ"א הט"ז (מהשיעורים דימים האחרונים).

124) ראה לקו"ש ח"י ע' 267 ובהערות שם. ושי"נ.

125) בסמיכות לזמן העיקרי דחלוקת הש"ס — בי"ט כסלו (דאף שבמשך זמן היו נוהגים לסדר

---

*) והאות מ' — „מקץ שנתיים ימים" — רומזת על הארבעים שנה (כנ"ל ס"י).

*) להעיר מהשייכות לפרשת השבוע — שי"א השבטים נמשלו ל„אחד עשר **כוכבים**" (לז, ט).

*) אותיות „גס" דקדושה — גאות דקדושה (בתורה) שנמשכת משם ס"ג (ראה אוה"ת מג"א ע' ב'תכב־ג. ועוד).

(„מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה"[126], „חטוף ואכול חטוף ושתי"[127]). ומה טוב — שגם חלוקת הש"ס תהי' באופן של פריצת גדר, „פרצת עליך פרץ", ע"י „שיקח" יותר ממסכת אחת.

[ובהמשך לזה — יש לעורר ולזרז עוה"פ אודות לימוד הרמב"ם ג' פרקים בכל יום על מנת לסיים בשנה אחת, כפי שכבר נתפשט המנהג בתפוצות ישראל שכל א' מסיים לימוד הרמב"ם, „מקבץ ל־תורה שבעל פה כולה", הלכות כל התורה כולה, בכל שנה].

וכן יש להוסיף בכל עניני יהדות תורה ומצוותי' והפצתם חוצה — בג' הקוין דתו־רה עבודה (תפלה) וגמ"ח, כפי שדרשו חז"ל[128] על הפסוק[129] „פדה בשלום נפשי" (ששייך להגאולה די"ט כסלו[130]), „כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים ומתפלל עם הציבור, מעלה אני עליו כאילו פדאני לי ולבני מבין אומות העולם".

וכל זה — באופן ד„פעולה נמשכת" בימים שלאח"ז, ובפרט בימי חנוכה[131], ש־נקבעו על נס השמן[132], שרומז על רזין דרזין שבתורה[133] (נוסף על כללות הענין ד„נר מצוה ותורה אור"[134]), ובאופן ש־„מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ"[135], שזהו תוכן הענין דיפוצו מעינותיך חוצה, ענינו של י"ט כסלו, ומה גם ששלימות הגאולה די"ט כסלו — כשחזר רבינו הזקן לוויטעבסק (כההלכה — מצב ד„חזר ל־בוריו"[136]) — היתה בג' דחנוכה[137], שלכן, יכולים וצריכים להמשיך בכל עניני י"ט כסלו (כולל גם התוועדויות וחגיגות) גם בימי חנוכה[138], ובאופן של הוספה, כהו־ראת נרות חנוכה ש„יום ראשון מדליק אחת מכאן ואילך מוסיף והולך"[135], שב־דורותינו אלה נעשה „מנהג פשוט" בכל ישראל[139].

ויה"ר שהדיבור וקבלת החלטות טובות בכהנ"ל ימהרו ויזרזו ויביאו את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בפו־על ממש ותיכף ומיד ממש, שביום הש"ק זה יקויים היעוד „עלה הפורץ לפניהם" ע"י „פרץ זה משיח", ועוד לפני הקריאה במנחה „ויהי מקץ שנתיים ימים", ועאכו"כ לפני ימי חנוכה, יהי' כבר קץ (סוף) ה־גלות, „קץ שם לחושך"[140], והתחלת ושלי־מות הגאולה הנצחית, ביחד ועיקר עם בנין וחנוכת ביהמ"ק הנצחי, „מקדש אדנ־י כוננו ידיך"[141], תיכף ומיד ממש.

חלוקת הש"ס בכ"ד טבת — ה"ז באופן של דחוי מזמנה העיקרי מפני אפס הפנאי בי"ט כסלו („היום יום" — י"ט כסלו), ובשנים האחרונות חזרו ונהגו לסדר החלוקה בזמנה העיקרי, בי"ט כסלו (ראה לקו"ש ח"כ ע' 468 הערה 5)).

126) ראה מכילתא ופרש"י בא יב, יז.

127) ל' חז"ל — עירובין נד, א. וראה „מבוא" לקונטרס ומעין ע' 22.

128) ברכות ח, רע"א.

129) תהלים נה, יט.

130) כמ"ש אדה"ז באגרתו הידועה (אג"ק שלו סל"ח־ט).

131) שמתברכים מיום הש"ק זה — הן הימים שלפני שבת חנוכה, הן שבת חנוכה (שבת הבע"ל), והן הימים שלאחרי שבת חנוכה.

132) שבת כא, ב ובפרש"י.

133) ראה אמ"ב שער הק"ש פנ"ד ואילך.

134) משלי ו, כג.

135) שבת שם.

136) ראה סדר ברכת הנהנין לאדה"ז פי"ג ס"ה.

137) לקו"ד ח"א יב, א.

138) להעיר שימי חנוכה הם גם „ימי שמחה" (להרמב"ם הל' חנוכה פ"ג ה"ג. וראה בארוכה סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 165. ושי"נ).

139) רמ"א או"ח סתרע"א ס"ב.

140) איוב כח, ג. וראה זהר ובי"ר ר"פ מקץ.

141) בשלח טו, יז.

משיחות ש"פ מקץ, שבת (ד') חנוכה
מבה"ח טבת ה'תנש"א

א. בנוגע צו נר חנוכה — זאָגט די גמרא[1] (אראָפּגעבראַכט אין הלכה[2]), אַז „הרגיל בנר[3] הויין לי' בנים תלמידי חכמים", ופרש"י: „דכתיבי[4] כי נר מצוה ותורה אור, על ידי נר מצוה דשבת וחנוכה בא אור דתורה".

איז ידועה די שאלה בזה: וואָס איז דער טעם והסברה אויף דעם וואָס הרגיל בנר חנוכה דוקא באַקומט דעם שכר פון „בנים תלמידי חכמים"[5]?

דאָס וואָס רש"י שרייבט, אַז מ'לערנט דאָס אָפּ פון דעם פסוק „כי נר מצוה ותורה אור", אַז „על ידי נר מצוה . . ד־חנוכה בא אור דתורה" — איז נאָר אַ ראי', אָבער ניט אַ טעם והסברה אין דעם שייכות ביניהם: דאָס שטעלט נאָר איבער די שאלה אויפן פסוק (לויט ווי רש"י איז אים מפרש), פאַרוואָס „נר מצוה" (פון חנוכה) ברענגט צו „תורה אור".

ב) דברי רש"י עצמם (בפירוש הכתוב „נר מצוה ותורה אור") דאַרפן האָבן ביאור:

ווי קען מען זאָגן אַז „נר מצוה" ברענגט „תורה אור": „נר מצוה" איז נידעריקער פאַר „תורה אור", ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם לשון עצמו אַז בנוגע צו מצוה שטייט „נר" און בנוגע צו „תורה" שטייט „אור", וואָס אור הנר איז קלענער פאַר אור סתם (אור היום[6]), וכדברי חז"ל עה"פ „תלה ה־כתוב את המצוה בנר לומר לך מה נר אינה מגינה אלא לפי שעה אף מצוה אינה מגינה אלא לפי שעה, ואת התורה באור לומר לך מה אור מגין לעולם אף תורה מגינה ל־עולם"[7], וכמבואר בכ"מ[8] אַז מצוה איז נמשלה לנר, „נר יחידי ופרטי"[9], ווייל אַ מצוה איז אַ „גילוי הארה פרטית"[10], יעדע מצוה איז פאַרבונדן מיט מדידה והגבלה, ביז אַז (רוב) מצוות זיינען „תלויות בזמן ומקום"[11], משא"כ תורה איז נמשלה לאור,

---

1) שבת כג, ב.

2) טואו"ח ריש הל' חנוכה (סתרע"א) ובנ"כ.

3) ויש גורסין: בנר חנוכה (כ"ה גירסת הר"ח, הרא"ש, הרי"ף, המאירי. ועוד), או: בנר חנוכה ושבת (כ"ה גירסת הרי"ף). ראה דק"ס כאן.

4) משלי ו, כג.

5) ובפרט שבהמשך הגמרא שם מביא עוד דברים ששכרם הוא מדה כנגד מדה: „הזהיר במזוזה זוכה לדירה נאה, הזהיר בציצית זוכה לטלית נאה, הזהיר בקידוש היום זוכה וממלא גרבי יין". ומסתבר שגם „הרגיל בנר הויין לי' בנים ת"ח" הוא מדה כנגד מדה. וראה מאירי כאן.

בס' מנורת המאור (נר ג' כלל ד סוף ח"ב) מבאר: „לפי שמצוה זו היא תקנת חכמים, הזהיר בה יצאו ממנו בנים ת"ח . . . גמולים הבאים מדה כנגד מדה". אבל לפי"ז הרי כן צ"ל ע"י קיום כל תקנת חכמים, וצ"ע מהו השייכות לנר (חנוכה) דוקא.

6) בשל"ה בתחלתו פירוש „אור" — „מדורה גדולה". אבל באוה"ת משלי עה"פ (ע' תקסט), וכ"ה בקונטרס עה"ח בתחלתו, שע"פ מאחז"ל בסוטה (שבהערה הבאה) „משמע דאור היינו אור היום וכ"מ ממש"ש כיון שעלה עמוד השחר כו', ולכאורה לא כמ"ש בשל"ה מדורה גדולה, דאור היום עדיף גם ממדורה גדולה".

7) סוטה כא, א.

8) וראה גם פרש"י משלי שם: „כמו שהאור מאיר לעולם תמיד כך התורה עומדת זכותה לעולם על האדם, וזכות מצוה לפי שעה כאור הנר".

9) אוה"ת משלי שם ע' תקע. קונטרס עה"ח פ"ב.

10) של"ה שם.

11) לא מיבעי במצוות שחיובם רק מזמן לזמן, אלא אפילו ב„מצוות שהן תדירות", בכל יום, כמו ק"ש ותפלה, הרי חיובם הוא בזמנים קבועים ביום

אַן אור גדול, וואָרום תורה איז למעלה ממדידה והגבלה, „תלמוד תורה כנגד כו־לם"[12], און גדול תלמוד שמביא לידי מעשה[13]. תורה איז למעלה בפרט מזמן ומקום (ביז אַז „העוסק בתורת כו' כאילו הקריב כו'"[14], אויך בזמן הזה ווען ס'איז ניטאָ קיין ביהמ"ק). חיוב לימוד התורה איז תמידי, בכל זמן ובכל מקום[15] — איז ניט מובן וואָס רש"י זאָגט אַז „על ידי נר מצוה כו' בא אור דתורה", ווען „תורה אור" איז העכער פאַר „נר מצוה"[16]?

ואדרבה: „תורה אור" איז דער מקור אויף „נר מצוה", כפשטות הענין אַז תורה זאָגט אָן וועגן די מצוות; און די מצוות („נר מצוה") זיינען די כלים (נר) צו „תורה אור"[17]. ובפרט מצות נר חנוכה וועלכע איז אַ מצוה מדברי סופרים[18].

אויך: „נר מצוה" גייט בפשטות אויף אַלע מצוות*, ניט דוקא אויף מצות נר חנוכה (ונר שבת). איז ווי לערנט מען דערפון אָפּ אַז דוקא „על ידי נר מצוה דשבת וחנוכה בא אור דתורה"?

ב. וועט מען עס פאַרשטיין ע"פ ה־מבואר בכ"מ[19] דעם טעם פאַרוואָס דער נס חנוכה איז נקבע געוואָרן בנרות צוליב דעם נס פון פך השמן (אע"פ וואָס לכאורה איז דער עיקר געווען דער נצחון המל־חמה) — ווייל דער מלחמה ונצחון פון חנו־כה איז געווען (בעיקר) בנוגע צו ענינים רוחניים, אין דעם ענין הנרות, „נר מצוה ותורה אור": „בבית שני כשמלכו יון גזרו גזירות על ישראל ובטלו דתם ולא הניחו אותם לעסוק בתורה ומצות כו'"[21], „להש־כיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך"[22], „כתבו לכם על קרן השור כו'"[23], און די ישועה פון חנוכה איז באַשטאַנען אין דעם נצחון פון „נר מצוה ותורה אור", אַ חיזוק והתגברות חדשה — מתוך מסירת נפש — אויף כללות התורה והמצוות.

ועפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס „הרגיל בנר (חנוכה) הויין לי' בנים תלמי־די חכמים" — ווייל דער באַדייט פון צינדן נר חנוכה איז: די התחדשות אין כללות אור התורה והמצוות („נר מצוה ותורה אור"), און דעריבער איז „על ידי נר מצוה (פון חנוכה) בא אור דתורה"[24], וואָס דאָס

(כדלקמן בפנים), ולא עוד, אלא, שאפילו שש המצוות ש„חיובן תמידי לא יפסק מעל האדם אפילו רגע אחד בכל ימיו", אמונת ה', יחודו, אהבתו ויראתו כו' (אגרת המחבר בריש ספר החינוך) — הם גם בגדר הזמן, אלא שזמנם הוא כל רגע ורגע*.

12) משנה ריש פאה.

13) קידושין מ, ב. ושי"נ.

14) מנחות בסופה.

15) ראה לקו"ת במדבר יג, א־ב.

16) ע"ד השאלה ברד"ה נר חנוכה תרס"ו (ע' קי), וראה גם שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ג. אבל השאלה שם היא על הפסוק, „למה מקדים נר מצוה לותורה אור, והו"ל להקדים תורה למצות".

17) שערי אורה שם. וראה גם תו"א תצוה פא, ד: אוה"ת שם ע' א'תקנ: התורה היא אור שהיא מאירה את הנר, שנר מצוה היא כלי לאור התורה, והתורה היא אור וחיות המצוות.

18) רמב"ם הל' חנוכה פ"ג ה"ג.

---

*) ולהעיר גם ממארז"ל (הנ"ל בפנים) „מצוה אינה מגינה אלא לפי שעה", דקאי (בפשטות) גם על המצוות שחיובן תמידי בכל רגע — מכיון שגם מצוות אלו שייכות לעולם שהוא בגדרי הזמן.

19) כמובן גם ממארז"ל הנ"ל עה"פ (סוטה שבהערה 7).

20) תו"א כט, א. ל, א. לב, א ואילך. שערי אורה שם פמ"א־ב. פנ"ג. סה"מ תקס"ג ע' נז. אתהלך לאזניא ע' סג ואילך. ועוד.

21) רמב"ם שם ה"א.

22) נוסח הודאת „ועל הנסים" דחנוכה.

23) ראה ירושלמי חגיגה פ"ב ה"ב. מגילת תענית ספ"ב. ב"ר פ"ב, ד. פט"ז, ד. פמ"ד, יז. ועוד. וראה תו"א וישב ל, א.

24) ראה עד"ז פירוש הרי"ף לעין יעקב שבת שם. אבל שם לא מבאר השייכות לענין הנר („הרגיל בנר") דוקא.

(„אור דתורה", „בנים ת"ח") איז אויך כולל כל המצוות — ובפרט שתלמוד גדול שמביא לידי מעשה[13].

ג. מ'דאַרף נאָך פאַרשטיין בכללות ביאור הענין:

„נר מצוה" (אפילו פון חנוכה, וואָס איז פאַרבונדן מיט כללות התומ"צ) איז פאַרט אַ מצוה פרטית, וועלכע איז ווי אַ „נר" (און איז מגין לפי שעה) בערך צו „תורה אור" (וועלכע איז מגין לעולם), וועלכע איז דער מקור אויף „נר מצוה", כנ"ל. און נאָכמער: נר חנוכה איז אַ מצוה שהזמן גרמא — קיומו איז דוקא אין די שמונת ימי החנוכה, און בהם עצמם — איז זמן הדלקת הנרות דוקא „משתשקע החמה"[25], און דאָס האָט אַ שיעור מסויים וויפל דאָס דאַרף ברענען[25], און דערנאָך ווערט דאָס נפסק און אַ איד (קען און) דאַרף זיך דעמולט פאַרנעמען מיט אַנדערע מצוות און מיט לימוד התורה בכלל — איז ווי האָט אַ מצוה פרטית („נר מצוה") פון אַ איד דעם כח צו ברענגען „תורה אור", כללות התורה והמצוות (כולל — די מצוה פון תלמוד תורה („בנים תלמידי חכמים"), וועלכע איז אַ מצוה תמידית), און ניט נאָר בשעת הדלקת נרות חנוכה, און נאָר בימי החנוכה בכלל, נאָר במשך כל ימי השנה, ובפרט נאָך באופן פון „בנים ת"ח", וואָס דאָס ווערט נמשך בדור שלאחרי זה, ועד סוף כל הדורות[26].

וועט מען דאָס פאַרשטיין דורך דעם פאַרגלייך מיט די נרות המנורה אין ביהמ"ק — וואָס נרות חנוכה נעמען זיך און זיינען אַ זכר צו (דעם נס וואָס איז געשען מיט) נרות המקדש[27]: אע"פ וואָס די נרות המנורה האָבן אַ זמן מסויים — מ'האָט זיי אָנגעצונדן בין הערביים און זיי דאַרפן ברענען (לרוב הדיעות) „מערב[28] ועד בוקר"[29], און ניט ביום*[30] — ווערן זיי אָנגערופן אין פסוק[31] „נר תמיד". און איינער פון די פירושים בזה איז, ווייל „כל לילה ולילה קרוי תמיד כמו שאתה אומר[32] עולת תמיד ואינה אלא מיום ליום כו'"[33].

---

25) שבת כא, ב. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנכה (כרך טז ס"ע שה ואילך). ושי"נ.

26) שהרי גם הבנים ת"ח בודאי ידליקו נר חנוכה, ויקיימו בהם „הרגיל בנר הויין לי' בנים ת"ח".

27) רמב"ם שם ה"ב. טואו"ח ר"ס תרעא.

28) תצוה כז, כא.

29) וגם לדעת הרמב"ם (הל' תמידין ומוספין פ"ג הי"ב) ועוד, שמדליקים הנרות (לא רק בין הערביים, „מערב ועד בוקר", אלא) גם בבוקר — הרי ההדלקה היא „כמדה שיהי' דולק מערב ועד בוקר" (שם הי"א), כלומר, הדלקה לחצי מעת־לעת, ואח"כ (בבוקר) חוזר ומדליק לחצי מעת־לעת, ולא באופן ד„נר תמיד" כפשוטו. ונוסף לזה: יש מפרשים שגם לדעת הרמב"ם יש הבדל בין בוקר לבין הערביים, שבבוקר אין מצוה חיובית להדליק כל הנרות, אלא אם מצאם כבויים מדליקם, ובין הערביים צריך לכבות כולם ולחזור ולהדליקם (ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הדלקת הנרות (כרך ח — ס"ע שיב־ג), ושי"נ). וראה הערה הבאה.

30) והטעם י"ל — כי עיקר תועלת האור היא בלילה, זמן החושך, משא"כ ביום — שרגא בטיהרא מאי אהני' (ראה תו"א וישב ד"ה בכ"ה בכסלו (כט, א), ובהגהות לשם באוה"ת רעט, א). [וראה אוה"ת שם רצה, א: ז' נרות הם ז' מדות שבמל' הנק' נר, אבל ביום מאירים ז' מדות דאצי' לכן שם ליכא חושך, א"כ זיכוך המדות אז הוא ע"י אור היום דעדיף מנר].

ועפ"ז יש לומר שגם לדעת הרמב"ם עיקר ההדלקה היא בלילה (הזמן המפורש בקרא — „מערב ועד בוקר").

31) ר"פ תצוה (כז, כ). אמור כד, ב.

32) פינחס כח, ו.

33) פרש"י תצוה שם. אמור שם. פרש"י חגיגה כו, ב. וראה רא"ם תצוה שם. וראה בכ"ז אנציקלופדי' שם ע' שיב, ושי"נ.

---

*) ל' חז"ל — חולין ס, ב.

דעם קרבן תמיד האָט מען מקריב געווען נאָר פעמיים ביום[34], און בזה גופא – האָט עס געדויערט אַ שעה צייט[35] – און דער טייטש פון „תמיד" איז: מ'טוט עס אויף אַ שטענדיקן אופן, תמיד בכל יום ויום, ועד"ז בנוגע הדלקת המנורה – בכל לילה ולילה, ובאופן אַז דאָס ברענט ב־משך הלילה.

ועפ"פ דיוק לשון התורה „תמיד", ובפרט אַז רוב המפרשים טייטשן אַז דאָס מיינט „תמיד" ממש[36], איז מסתבר לומר (כדי ניט צו פאַרגרעסערן די מחלוקת), אַז אויך לפי פירוש הנ"ל איז „תמיד" דער טייטש, אַז וויבאַלד מ'צינדט עס אָן באופן תמידי (בכל לילה ולילה) האָט עס אַ פעולה תמידית בכל המעת־לעת כולו [ע"ד ווי עס שטייט בנוגע צום קרבן תמיד (שמק־ריבים פעמיים ביום), אַז דאָס האָט אַ פעו־לה תמידית על כל היום על כל הזמנים – כידוע[37] אַז „תמיד של שחר הי' מכפר על עבירות הלילה ותמיד של בין הערביים על של יום[38] וכן מדי יום ביום לעולם"].

דוגמא לדבר – פון כמה מצוות:

(א) מצות ציצית[39]: אע"פ וואָס דער חיוב פון ציצית איז במשך כל שעות היום בשעת מ'טראָגט אַ בגד של ד' כנפות – איז מען מקיים די מצוה (כל זמן היום) דורך דעם וואָס מ'טוט עס אָן פעם אחת בזמן מסויים ביום (ווען מ'מאַכט אויף דעם די ברכה), און דער קיום המצוה ווערט נמשך כל היום כל זמן מ'טראָגט די ציצית.

(ב) מצות צדקה[40]: אע"פ וואָס מצות צדקה איז חיובה במשך כל המעת־לעת (בשעת מ'טרעפט אַן עני, אפילו דעם זעלבן עני), כמ"ש[41] „פתוח תפתח את ידך לו", „נתון תתן לו", „אפילו מאה פעמים"[42] (וואס דאָס איז כולל אויך מער פון מאה פעמים[43]) – פונדעסטוועגן האָט מען קובע געווען אַ זמן מסויים וקבוע ביום אויף נתינת וקבלת צדקה (בכדי מאַכן לייכטער פאַר די עניים), ע"ד דברי המשנה[44] „שלש אבעיות ביום בשחר ובחצות ובמנחה".

(ג) און נאָכמער – במצות תלמוד תורה: אע"פ וואָס חיובה איז תמידי (מער ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות, כולל מצות צדקה, ועאכו"כ ציצית וואָס חיובה איז נאָר ביום ולא בלילה[45]) – זיינען רוב אידן מקיים מצות תלמוד תורה בזמן קבוע ביום, ווי די גמרא זאָגט[46] „הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידן, כרשב"י ולא

---

34) פינחס שם, ג.

35) פסחים רפ"ה.

36) כדעת הרמב"ם הנ"ל הערה 28. ויש מפרשים (נסמן בלקו"ש חי"ח ע' 98 הערה 48), שלדעת הרמב"ם המצוה היא שהנרות יהיו דולקים תמיד (כפשטות לשון הרמב"ם בסהמ"צ שלו (מ"ע כה): שנצטוו הכהנים להדליק הנרות תמיד לפני ה').

וגם לרוב הדיעות (שמצות ההדלקה היא „מערב ועד בוקר"), לדעת רובן המצוה היא שנר המערבי יהי' דולק תמיד (נסמן באנציקלופדי' שם).

37) אגה"ת פי"א.

38) ברכות כו, א.

39) להעיר משייכותה לנר חנוכה – ע"פ מ"ש בשאילתות (כו): מזוזה מימין ונ"ח משמאל ובעה"ב בטלית מצויצת באמצע. ובשו"ת מהרי"ל סס"מ מסיים בזה: ולקיים החוט המשולש כו'.

40) להעיר משייכותה לנר חנוכה – ראה לקו"ש ח"ה ע' 443.

41) ראה טו, ח. יו"ד.

42) ספרי ויל"ש עה"פ. הובא בפרש"י (עה"פ „נתון תתן לו"). וראה בארוכה לקו"ש (חלק לד) ראה תשמ"ט. וש"נ.

43) ראה פיה"מ להרמב"ם ב"מ פ"ב מ"ט. חולין פי"ב מ"ג. דקדוקי רש"י (באר רחובות) בפרש"י שם. וראה לקו"ש שם ס"ה.

44) פאה פ"ד מ"ה. הובא להלכה – רמב"ם הל' מתנות עניים פ"ב הי"ז.

45) מנחות מג, א. רמב"ם הל' ציצית פ"ג ה"ז. טושו"ע (ודאדה"ז) רסי"ח.

46) ברכות לה, ב.

עלתה בידן", דוקא בא יחידי סגולה (רשב"י וחביריו) איז "תורתם אומנתם"[47], משא"כ בא "הרבה" איז תלמוד תורה בחלק מסויים פון טאג (ווייל בחלק היום איז מען זיך עוסק בעבודת האדמה וכיו"ב), ביז אפילו שכמה יוצאים ב"פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית"[48], און דורך דעם איז מען מקיים דעם "לא[49] ימוש ספר התורה הזה מפיך"[50] (די פעולה תמידית פון תורה)[51]. ונוסף לזה, זיינען פאראן מצוות וועלכע זיינען דוחה תלמוד תורה (מצוה שאי אפשר לעשותה ע"י אחרים, ועוד[52]).

ע"פ הנ"ל איז מובן אז דאס וואס מצוות זיינען פארבונדן און תלויות בזמן ומקום, ביז מצוות שהזמן גרמא, אין א זמן קבוע ביום — איז דאס קיין סתירה ניט דערצו אז די מצוה האט א פעולה תמידית במשך כל היום.

און נאכמער — א פעולה תמידית ב־משך כל השנה (אויך לאחרי דעם זמן החג והמצוה). ודוגמא לדבר — פון מצות סו־כה: הגם אז די מצוה איז דוקא בשבעת ימי החג (נאכמער, אז דער זמן פון חג הסוכות איז גורם און טוט אויף די מצוה) — איז א "סוכה ישנה", "שעשאה קודם לחג שלשים יום", "אפילו מתחלת השנה" — כשרה (אפילו לדעת ב"ש "אם עשאה לשם חג")[53]. ד.ה. אז אויך באמצע השנה האט מען (און עס ווערט נמשך פון חג הסוכות) דעם ענין הסוכה (אע"פ וואס די מצוה איז פארבונדן דוקא מיט שבעת ימי החג).

ועפ"ז יש לומר אז עד"ז איז אויך בא מצות נר חנוכה, וועלכע איז פארבונדן און א זכר צו נרות המקדש ("נר תמיד"), ואדרבה: זי האט א מעלה לגבי נרות ה־מקדש (אע"פ וואס זי איז א מצוה מדרבנן), א מעלה בענין התמידות ונצחיות — כ־מבואר אין רמב"ן[54], אז די נרות חנוכה "אינן בטלין לעולם" (משא"כ די נרות ה־מקדש זיינען בטל געווארן, ובפרט לאחרי חורבן בית המקדש), מ'צינדט די נרות חנוכה "אף לאחר חורבן בגלותינו".

איז דערפון פארשטאנדיק, אז בא נר חנוכה איז נאכמער בהדגשה דעם ענין התמידיות הנ"ל: הגם אז נר חנוכה איז א מצוה שהזמן גרמא, במשך אכט טעג, און נאר א זמן קצר ביום — איז דאס ניט שולל איר שטענדיקע פעולה, בכל המעת־לעת פון די ימי חנוכה (אויך נאך דעם שיעור ההדלקה), און במשך כל ימי השנה, וכל השנים.

ד. וואס איז די הסברה אין דעם, אז א מצוה פרטית — פארבונדן מיט א מדידה והגבלה בזמן (ומקום), ביז אז נצטוו "לא תוסיפו"[55] — האט א פעולה תמידית על כל הזמנים?

וועט מען עס פארשטיין בהקדים אן ענלעכע שאלה כללית בנוגע צו אידן בכלל:

די נשמה פון יעדער איד (אויך בהת־לבשותה בגוף) איז א "חלק אלוקה ממעל ממש"[56], וואס דערפון איז מובן אז א איד (אויך זיינעדיק א נשמה בגוף למטה) איז

47) ראה שבת יא, א. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סו"ס קו. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ד־ה.

48) מנחות צט, סע"ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד (וראה שם פרטי דינים בזה).

49) יהושע א, ח.

50) מנחות שם.

51) וראה בארוכה לקו"ש ח"ג ע' 916. ע' 1004 ואילך.

52) מו"ק ט, ב. רמב"ם הל' ת"ת פ"ג ה"ד. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג.

53) סוכה ט, א — במשנה.

54) ר"פ בהעלותך.

55) ואתחנן ד, ב. ועד"ז בפ' ראה יג, א.

56) תניא רפ"ב.

למעלה ממדידה והגבלה, זייענדיק אַ „חלק אלוקה ממעל", וואָס „אלוקה ממעל" איז בל"ג, והעצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[57].

לויט דעם ווערט די שאלה: ווי קען מען אָנזאָגן אַ אידן — וואָס ער איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש" שלמעלה ממדידה והגבלה — אַז זיין עבודת ה' דאַרף זיין מיט אַ הגבלה, „לא תוסיפו"?!

[דאָס וואָס די נשמה פון אַ איד האָט מען אַראָפּגעשיקט אין דעם גבול פון עולם הזה — איז דאָס קיין סתירה ניט צו דעם בלי גבול פון אַ אידן, וואָרום אַ איד, אויך זייענדיק למטה, שטייט אַלעמאָל העכער פאַר גדרי העולם (כדלקמן ס"ח): אָבער ווי קען מען אַ אידן מגביל זיין אין זיין עבודת ה', אַז זיין קיום המצוות דאַרף זיין בהגבלה?].

וי"ל דעם ביאור אין דעם:

מובן אַז ס'איז ניט שייך עס זאָל זיין אַ הגבלה אין דער עבודת ה' בתומ"צ פון אַ אידן ח"ו, וואָרום היות אַז „אני נבראתי לשמש את קוני"[58], איז בהכרח לומר אַז בכל זמן ובכל מקום ובכל מצב קען ער דינען און ער דינט בפועל דעם אויבערשטן דורך קיום התומ"צ.

נאָר די הגבלה פון מצוות איז, אַז אין דעם אופן העבודה גופא שטעלן זיך אויס די מצוות, וועלכע זיינען ציוויים צו אַ אידן ווי ער זאָל זיי דורכפירן בעולם, באופן של התחלקות (רמ"ח מצוות עשה ושס"ה מצוות לא תעשה), בהתאם צו די גדרי הבריאה, בגדרי הזמן והמקום.

אָבער די נקודה כללית ופנימית פון יעדער מצוה און אַלע מצוות איז למעלה ממדידה והגבלה — הן מצד דעם אידן: עבודת ה' — „לשמש את קוני", און הן מצד די מצוות — קיום רצון העליון, און דער (מצוה מלשון) צוותא וחיבור[59] מיט דעם אויבערשטן, און אויך — המשכת וגילוי אלקות למטה דורך קיום המצוות: נאָר די נקודה כללית גופא — שלמעלה ממדידה והגבלה — שטעלט זיך אויס אין פרטים, כנ"ל.

[ויש לומר אַז דער ענין זעט מען אויך אין דעם וואָס אַלע מצוות זיינען אַ חלק פון תורה (און דער גילוי המצוות איז דורך תורה), וועלכע איז „ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים"[60], ביז למעלה מכל מדידה והגבלה].

און די נקודה בלי גבולית אין מצוות (איז דאָ ניט נאָר בקיום כל המצוות יחד, נאָר דאָס) שפּיגלט זיך אָפּ בקיום כל מצוה פרטית — וואָרום יעדע מצוה (אויך אַלס מצוה פרטית) איז כולל אַלע אַנדערע מצוות, כמובן פון דעם דין[61] „העוסק ב־מצוה פטור מן המצוה", ווייל דאָס איז „כמו שמקיים גם זה" (די מצוה שני')[62], וכמבואר בכ"מ[63] אַז דער רצון העליון בכל מצוה פרטית איז (ניט נאָר ווי אַ פרט מן הכלל, נאָר אויך) אַ חלק מן העצם — דער רצון בתרי"ג מצוות (וואָס איז בל"ג, למעלה מהתחלקות).

ויש לומר נאָכמער: אויך בשעת אַ איד איז מקיים אַ מצוה פרטית ווי זי שטייט אין

---

57) כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סקט"ז. וש"נ.

58) משנה וברייתא סוף קידושין.

59) לקו"ת בחוקותי מה, ג. דרך חיים שער התפלה (נב, סע"ב). סה"מ תרח"ץ ע' נב. הש"ת ע' 73 ואילך. התש"י ע' 71 ואילך. ועוד.

60) איוב יא, ט.

61) סוכה כה, א.

62) צפע"נ כללי התורה והמצוה בערכו.

63) המשך תרס"ו ע' תקכב. המשך תער"ב ח"ב ע' א'פא. ועוד. וראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 428. חלק ל' ע' 4־153. ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 643 הערה 21.

איר ציור פון מדידה והגבלה (בזמן ומקום) — איז דאָס נאָר בנוגע צו כמות וגשמיות המצוה, אָבער דער אופן ואיכות קיום המצוה, ווי דאָס ווערט געטאָן דורך אַ אידן, „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"[64], איז למעלה ממדידה והגבלה. וכמבואר בתניא[65], אַז „עסק התורה ומצות והתפלה הוא ג"כ ענין מסירת נפש ממש", ובלשון הידוע — מסירת הרצון, וואָס דאָס האָט אין זיך מעין פון מסירת הנפש כולה פון אַ אידן, וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש" (למעלה ממדידה והגבלה).

דערפון אַלעם קומט אויס, אַז כשם ווי אַ איד — „נר ה' נשמת אדם"[66] — איז למעלה ממדידה והגבלה, אַזוי זיינען אויך מצוות — „נר מצוה" — מיט וועלכע ער דינט דעם אויבערשטן — למעלה ממדידה והגבלה (און דער ענין הגבול שבהם איז נאָר אין זייער ציור פרטי). דעריבער איז די הגבלה פון מצוות, און פון „לא תוסיפו", קיין סתירה ניט צו דער בל"ג פון אַ איד און פון זיין עבודה.

ועפ"ז איז מובן, אַז יעדע מצוה וואָס מ'איז מקיים (ניט קוקנדיק אויף די הגבלה שבזה בזמן ומקום) איז דאָס באמת אַן ענין שלמעלה ממדידה והגבלה, און דעריבער, ווערט זי נמשך באופן תמידי אויך לאחרי זמן קיום המצוה בפועל[67] (וכמאמר[68] קדושה לא זזה ממקומה).

ה. דער ענין הבל"ג שבמצוות שטייט אָבער ניט בגלוי למטה אין יעדער מצוה[69]; דער אויפטו פון מצות נר חנוכה איז — אַז דער ענין התמידיות ובל"ג שבמצוות שטייט אין איר בגלוי אויך למטה, לעיני בשר:

(א) מצות נר חנוכה באַשטייט פון אָנצינדן אַ ליכט, וועלכע ברענגט אַריין גשמיות'דיקע ליכטיקייט אין דער שטוב און אָרט וואו מ'צינדט אים אָן, באופן אַז יעדערער קען דאָס זען בגלוי („לראותן (בלבד)"[70]). וואָס דאָס באַווייזט בגלוי — ווי דורך אַ מצוה קומט צו ליכטקייט אין דעם לעבן פון אידן, וואָס אמת'ע ליכטיקייט — איז דער אור אלקי, ג־טלעכע, הייליקע ליכטיקייט, „נר מצוה ותורה אור" — וואָס דאָס גיט אַרויס בגלוי דער כללות'דיקער אינהאַלט פון אַלע מצוות: צו ממשיך ומגלה זיין דעם אור אלקי דאָ למטה[71].

און דערצו: אור (גשמי) איז פאַרבונדן און איז אַ משל אויף אור א"ס — בלי גבול שלמעלה[72]. די תכונה פון אור איז — אַז דאָס פאַרשפּרייט זיך בלי מדידה והגבלה, ובאופן אַז מ'קען דערפון מדליק זיין נר מנר עד א"ס (באופן אַז עס פעלט ניט אין דעם ערשטן נר)[73].

(ב) ובזה גופא איז הדלקת נרות חנוכה באופן פון „מוסיף והולך" מיום ליום[74] — אַ תנועה פון הוספה אין אור, באופן

64) ואתחנן ו, ה.

65) פמ"א (נח, א).

66) משלי כ, כז.

67) ועפ"ז י"ל הביאור בעומק יותר בדברי הרמב"ם בהקדמתו לספר המצות שרש שלישי, שמנין התרי"ג מצוות הן המצוות „הנוהגות לדורות" („שאין ראוי למנות מצוות שאין נוהגות לדורות"), כי התוכן פנימי של כל התרי"ג מצוות הוא — ענין הבל"ג והתמידיות שבהן (לדורות).

68) ראה ע"ח שער ד פ"ג. של"ד פ"ג. של"ה פ"א. אגה"ק ביאור לסי' ז"ך (קמז, א).

69) ולכן „יחוד זה למעלה הוא נצחי כו' אלא שלמטה הוא תחת הזמן ובאותה שעה לבדה שעוסק בה בתורה ובמצוה" (תניא פכ"ה).

70) נוסח „הנרות הללו".

71) ראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 511. ובכ"מ.

72) ראה לקו"ש ח"ז ע' 154.

73) ראה שמו"ר ספל"ו. תו"א פרשתנו לט, ג. סה"מ תקס"ב ס"ע קכא ואילך. אוה"ת נ"ך משלי ע' תקפ.

74) שבת כא, ב. שו"ע או"ח סתרע"א ס"ב.

שלמעלה ממדידה והגבלה (דקדושה) פון דעם יום שלפני זה.

ולהוסיף, אַז בזמן הזה איז דער „מנהג פשוט"[75], אַז יעדערער צינדט אָן די נרות חנוכה באופן פון מוסיף והולך — „מהדרין מן המהדרין"[76], וואָס דאָס באַווייזט אויך אויף אַ הוספה שלמעלה ממדידה והגבלה אפילו פון דעם דין תורה (דער חיוב ע"פ דין), און ניט נאָר איין הידור, נאָר מהדרין מן המהדרין.

(ג) דער מקום ההדלקה איז „על פתח ביתו מבחוץ"[77] — וואָס באַווייזט אַז די השפעה פון אור הקדושה („נר מצוה ותורה אור") דאַרף זיין, נוסף באַ זיך ובני ביתו, אויך בחוץ, אין דער סביבה אַרום. וואָס דאָס בְרענגט אַרויס די למעלה ממדידה והגבלה פון נר חנוכה — אַז דאָס גייט אַרויס פון גבול הקדושה און דערגרייכט אויך בחוץ[78].

ולהוסיף, אַז אַזוי איז דאָס געווען „בימים ההם", אין דעם זמן ווען עס האָט פאַסירט דער נס חנוכה — „והדליקו נרות בחצרות קדשך"[22]**, אַז נוסף אויף דעם וואָס מ'האָט געהאַט דעם ביהמ"ק וקדושת הביהמ"ק, ביז דעם קדש הקדשים בעצמו, איז מען אַרויס פון דער מדידה והגבלה פון קדושה (וקדש הקדשים) און געצונדן נרות חוץ פון ביהמ"ק, „בחצרות קדשך", וואָס חצר[78] (שאינו בית) באַווייזט אויף די המשכת האור אויך למטה מטה"[79].**

ועד"ז זעט מען דאָס אין דעם וואָס דער זמן ההדלקה איז „משתשקע החמה"[25] (ניט ווי די נרות המקדש וועלכע מ'האָט געצונדן מפלג מנחה, שעה ורביע קודם השקיעה[80]) — אַ הוספה אין השפעת אור הקדושה אויך אין דער חושך העולם.

(ד) מספר נרות חנוכה איז שמונה (מער ווי די (שבעה) נרות המקדש). ומבואר בכ"מ[81] אַז דאָס איז פאַרבונדן דערמיט וואָס שמונה איז למעלה מן ההיקף של שבעה, נאָר שומר את ההיקף[82] — ווייל בחנוכה איז דער גילוי פון למעלה מסדר השתלשלות, אַ גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה אפילו פון היקף דקדושה (שבעה), כנגד די שבעה נרות המקדש[83].

[און אפילו בלילות הראשונים פון חנוכה ווען מ'צינדט ניט שמונה נרות, ווייס מען אָבער גלייך בתחלת חנוכה אַז עס וועט זיין שמונת ימים[84]].

ולהעיר, אַז לכמה גירסאות איז בשנה הראשונה ווען עס האָט פאַסירט נס חנוכה — איז ווען די בני חשמונאי „נכנסו לביהמ"ק, מצאו שם שמונה שפודין של ברזל, וקבעו אותם והדליקו בתוכם נרות"[85].

---

75) **רמ"א שם.**

76) **שבת שם.**

77) **שבת שם. רמב"ם הל' חנוכה פ"ד ה"ז. וראה טושו"ע שם ס"ה.**

78) **ולהעיר שלדעת רש"י (שבת כג, ב) מדליקין נרות חנוכה „על פתח ביתו מבחוץ" — „בחצירו, דבתיהם היו פתוחין לחצר". וראה ד"ה נר חנוכה עטר"ת.**

79) **ד"ה בכ"ה בכסלו תר"ס (ע' עה). וראה אוה"ת דברים ע' ב'שלח.**

80) — **נסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' יז בהערה.**

81) **אוה"ת חנוכה ד"ה ת"ר (דש, ב). שם כרך ז ד"ה להי"ע חנוכה (תתסב, א־ב). ד"ה בכ"ה בכסלו תר"ס (ע' סג. עו). נ"ח תרפ"ה (ע' קד). מאי חנוכה תש"א (ע' 59). ת"ר תשל"ח (סה"מ מלוקט שם). ובכ"מ.**

82) **שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט.**

83) **ראה עד"ז בס' מנורת המאור הנ"ל הערה 5 ח"ב ספ"א.**

84) **ובפרט להסברא דימי חנוכה „הם מציאות אחת" (ראה בזה צפע"נ מהד"ת נט, ג — נעתק בצפע"נ כללים בערכו. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 243).**

85) **פסיקתא רבתי רפ"ב. — כמה מפרשים שם גורסים „שבעה" (כפי שהוא במגילת תענית פ"ט —**

ומטעם זה גופא (וואָס חנוכה איז פאַרבונדן מיט למעלה מגבול דקדושה) האָט חנוכה דעם כח צו ממשיך זיין אור הקדושה אויך למטה מגבול הקדושה — „על פתח ביתו מבחוץ", ביז בחושך העולם (תשקע החמה).

ויש לומר, אַז דער כח אויף דעם וואָס נר חנוכה טוט אויף למעלה ממדידה והגבלה איז דערפאַר וואָס דער נס איז געקומען לאחרי דער ירידה גדולה פון גזירות היוונים, און דורך דער התגברות פון אידן בתומ"צ מתוך מסירת נפש קעגן דעם חושך, האָט דאָס אויפגעטאָן אַ גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה פון קדושה, פון „נר מצוה ותורה אור": דאָס האָט מגלה געווען דעם ענין הבלי גבול וואָס איז דאָ אין „נר מצוה ותורה אור".

ו. ועפ"ז איז מובן פאַרוואָס „הרגיל בנר (חנוכה) הויין לי' בנים תלמידי חכ־מים" — ווייל „על ידי נר מצוה" פון חנוכה „בא אור דתורה", דער בל"ג פון תורה — כמבואר[86] אַז דאָס איז ע"ד דער אויפטו פון „במחשכים הושיבני — זה תלמודה של בבל"[87], אַז דוקא דורך דעם חושך פון די קושיות והעלמות אין תלמוד בבלי קומט אַרויס דער בלי גבול פון תורה, די פירושים בלי גבול וואָס זיינען דאָ אין תורה, וועלכע איז „ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים", ולמעלה מזה — בלי גבול *ממש,*

[וכידוע דער סיפור[88], אַז דער אַלטער רבי האָט געוואָלט געבן דעם צמח צדק תורה במתנה, האָט דער צ"צ ניט געוואָלט נעמען מהטעם, אַז ער וויל דאָס באַקומען דורך יגיעה ועבודה בכח עצמו; דערנאָך האָט ער איבערגעטראַכט אַז ער האָט דאָס געדאַרפט נעמען, ווייל וויפל תורה מ'באַ־קומט במתנה — ומזה משמע — אפילו „תו־רתו אומנתו" ואפילו אַלע פירושים שב־תורה וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן ביז דעמולט — קען מען אַלעמאָל מוסיף זיין מערער (בכח עצמו)].

און דעריבער „הויין לי' בנים תלמידי חכמים", ניט בלויז גילוי התורה שלו ובדור שלו, נאָר אויך בדור שלאחרי זה, ובדור אחר דור עד סוף כל הדורות.

וי"ל אַז „נר מצוה" פון חנוכה איז מגלה דעם ענין הבלי גבול אויך אין אַלע מצוות (נוסף אויף תורה), כנ"ל — אַז אַלע מצוות זיינען באמת למעלה ממדידה והגבלה, ובכל הפרטים הנ"ל: (א) זיי זיינען ממשיך דעם אור אלקי למטה, (ב) באופן פון מוסיף והולך ואור, (ג) (על פתח ביתו) מב־חוץ — אַז מ'דאַרף באַלייכטן די סביבה מיט „נר מצוה ותורה אור".

נעתק גם באור זרוע ח"ב סשכ"א). אבל כ"ה (שמונה) בפסיקתא שלפנינו. וכן הובא במהר"ץ חיות שבת כא, ב*. צפע"נ על הרמב"ם הל' חנוכה פ"ג ה"ב**.

*) ושם כ' דהך „שבעה" שבמג"ת הוא ט"ס וצ"ל „שמונה". ובזה מתרץ קושיית הב"י הידועה (טואו"ח סתר"ע) — „ראינו ענין חדש דשמונה ימים הם בשביל שמונה שפודין שמצאו".

**) אלא דשם כ' „למה לן שמונה, וצ"ל כך דאז לא הדליקו רק נר מערבי לבד, והשפודין הוה כמו גולמי כלי מתכת דלא מקבלי טומאה, רק כיון שדלק בו יום אחד שוב מקרי עליו שם כלי וכמו איסורו חושבו דבכורות דף י וכ"מ ולכך למחר הי' צריך שפוד חדש", ע"ש.

אבל בפנימיות הענינים י"ל שהענין דמציאת **שמונה** שפודין מרמז על גילוי בחי' שומר את ההיקף (ובפרט עפמ"ש במפרשים על הפסיקתא שם (זרע אפרים, ועוד) דיוק הל' „מצאו" (ודלא כבמג"ת (שלפנינו) „שפודין של ברזל בידם") — שהמציאה היתה נס).

86) שערי אורה שם פנ"ד ואילך.

87) סנהדרין כד, א.

88) ראה לקו"ש חכ"ד ע' 561. ובכ"מ.

ז. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם קשר מיט דער פרשה פון דעם שבת חנוכה (ורוב שבתות חנוכה) — „ויהי מקץ":

מ'האָט גערעדט מערערע מאָל אַז פון יעדער וואָרט אין תורה כשלעצמה (אומאָפּהענגיק אין דעם וואָס דער וואָרט איז אַ חלק פון המשך הענין) אַנטהאַלט אַ תוכן און גיט אַרויס אַ לימוד.

דער וואָרט „מקץ" מרמז (באַווייזט) אויף דעם ענין פון קץ וגבול (כפרש"י: וכל לשון קץ סוף הוא).

אין דעם גופא איז איינער פון די פירושים[89], אַז דאָס איז אַ קץ לגריעותא. און דער פירוש אין „ויהי מקץ שנתיים ימים" איז[90], אַז דורך דעם וואָס „ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו"[91] איז געוואָרן אַ קץ והגבלה אין דעם ענין פון „שנתיים ימים", בחי' התורה אויף וועלכע עס שטייט[92] „ואהי' שעשועים יום יום", „אלפיים שנה קדמה תורה לעולם"[93], וואָרום אין תורה ומצוות מצ"ע — הגם אַז למטה שטייען זיי במדידה והגבלה — איז אין זיי מאיר בגלוי בחי' שלמעלה ממדידה והגבלה[94] — דרגת יוסף, „שיוסיף תענוג עליון לאין שיעור למעלה ולמטה, ועי"כ נק' יוסף לשון תוס' וריבוי בלי גבול כלל כו'"[95]; אָבער דורך דעם וואָס „ולא זכר שר המשקים את יוסף גו'", אַז אין זיין תורה איז ניט מאיר די שמחה ותענוג אלקי (שלמעלה ממדידה והגבלה), נאָר דער תענוג האדם (המוגבל), ווערט „מקץ שנתיים ימים", אַ קץ וגבול לבחי' שנתיים (אפילו) דתורה.

ולהוסיף, אַז דאָס איז אויך די שייכות דערצו וואָס דער „ולא זכר גו'" איז בקשר מיט זיין חלום אין בית האסורים, וואו ער איז געווען צוזאַמען מיט יוסף, „מקום אשר אסירי המלך אסורים"[96]:

פון דעם ענין הגבול אין תורה ווערט נמשך ונשתלשל לאחרי ריבוי צמצומים כו' אויך דער גבול פון עולם (דאסתכל באורייתא וברא עלמא[97]). וי"ל אַז דער גבול פון עולם איז מרומז אין „בית האסורים"; און אין דעם גופא קומט צו די הגבלה פון אַ חלום, וואָס דאָס גייט אויף ענין הגלות („היינו כחולמים"[98]), אַז אין דעם גבול פון עולם הזה עצמו — קומט צו אַ גבול בתוך גבול, דער חלום פון גלות.

ומצד די הגבלה ומיצר, ווערט דערנאָך דער ענין השכחה (בחי' מקץ[99]), „ולא זכר גו' את יוסף וישכחהו", און דאָס ברענגט די מדידה והגבלה פון „מקץ שנתיים ימים", כנ"ל.

ענינו של יוסף איז אָבער למעלה ממדידה והגבלה, העכער פאַר דעם ענין פון „מקץ". דעריבער ווערט „ויהי מקץ" לשון עבר, אַז דער ענין הקץ וגבול בלייבט אַן ענין שבעבר — כל ענינו איז נאָר לפי שעה, און די תכלית בזה איז אַז יוסף זאָל אַרויס מבית האסורים באופן נעלה יותר (ווי קודם הירידה — „מבית האסורים יצא למלוך"[100], די יציאה פון

---

89) זח"א ריש פרשתנו. וראה אוה"ת ריש פרשתנו שמביא ב' הפירושים: קץ למעליותא, קץ הגלות (קץ הימין), וקץ דשמאלא.

90) תו"א ריש פרשתנו (לא, ב. לב, ג). תו"ח שם (דרוש הא' — פ"ט־י. דרוש הב' — פ"ז. פ"ו).

91) ס"פ וישב (מ, כג).

92) משלי ח, ל.

93) ראה מדרש תהלים צ, ד. ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. ושי"נ. זח"ב מט, א.

94) תו"ח שם פ"י (פא, ג).

95) תו"ח שם פי"ז (פז, א).

96) וישב לט, כ.

97) זח"ב קסא, א־ב.

98) תהלים קכו, א.

99) זח"א שם (קצג, ב).

100) קהלת ד, יד. קה"ר (ופרש"י ומצו"ד) שם. ב"ר פרשתנו פפ"ט, ג.

מדידה והגבלה (בית האסורים) אין למע־לה ממדידה והגבלה (מלך), אמיתית ענינו ודרגתו של יוסף.

ח. דערפון איז אויך מובן דער לימוד פאר יעדער איד:

יעדער איד ווערט אנגערופן על שם יוסף[101]. יוסף'ס פארשיקט ווערן אין בית האסורים, "מקום אשר אסירי המלך אסו־רים" איז מרמז אויך אויף דעם בית האסו־רים פון עולם הזה הגשמי וגוף הגשמי וואו עס געפינען זיך "אסירי המלך" — יע־דער איד, וועמען'ס נשמה דער אויבער־שטער, מלך מלכי המלכים הקב"ה האט אראפגעשיקט אין דעם בית האסורים פון דעם גוף המוגבל און עולם המוגבל, ביז — אז דאס לאזט אן ארט אויף דעם ענין החלום פון גלות.

דאס איז אבער ניט דער אמת'ער ארט פון א איד, ווארום א נשמה איז למעלה מכל מדידה והגבלה, כנ"ל.

ויש לומר, אז דער ענין איז אויך מרומז בשמו יוסף ע"ש "יוסף ה' לי בן אחר"[102]: די ירידת הנשמה למטה אין א גוף מוגבל ועולם מוגבל איז פאר דער נשמה אן ענין פון "אחר" — אן אנדער, פרעמדע זאך, א בית האסורים, ווייל די אמת'ע מציאות פון יוסף איז בלי"ג. די כוונה אין ירידת ה־נשמה למטה בבחי' אחר איז, בכדי די נשמה זאל זיך מתלבש זיין לפי שעה אין הגבלות הגוף והעולם, באופן פון "אזלית לקרתא הלך בנימוסא"[103], ובלשון ההל־כה[104] — "דינא דמלכותא דינא", און דער פירוש בזה איז ניט ווייל ער ווערט בטל ח"ו לגבי דער קרתא און די נימוסי הקר־תא, נאר אדרבה: וויבאלד אז "מה' מצעדי גבר כוננו"[105], איז דאס וואס ער געפינט זיך בבית האסורים איז בהשגחה פרטית ובשליחותו של הקב"ה[106], בכדי ער זאל ממשיך זיין אלקות אין די מדידות והג־בלות פון דעם ארט, דורך דעם וואס ער נוצט די נימוסי המקום והעיר (באופן המו־תר ע"פ שו"ע) למילוי שליחותו בעולם, ביז אז ער ווערט בעה"ב ומלך אויף דעם ארט — "יצא למלוך".

און דעמולט ווערט נתגלה ווי דאס איז "ויהי מקץ" לשון עבר, און א קץ וגבול פארבונדן מיט א חלום — נאר אן ענין שבעבר וואס איז מלכתחילה געווען אן אמצעי צו מגלה זיין דעם כח הבלי גבול פון א אידן.

דערפון האט מען אויך א לימוד מיו־חד: וויבאלד אז תורה זאגט אז "דינא ד־מלכותא דינא", איז פארשטאנדיק אז דאס איז ניט ווייל מ'איז בטל ח"ו פאר דעם מלכות, נאר ווייל דאס גופא איז די וועג ווי צו אריינברענגען תורה ומצוות אין דער מדינה ומלכות, דורך נוצן די חוקי המדינה אויף פארשפרייטן צדק ויושר, די ז' מצוות בני נח[107], און די תרי"ג מצוות פאר אידן, און באווייזן בכל המדינה אז "יוסף" — דער וואס פירט זיך ע"פ הוראות התורה — איז דער מלך ובעה"ב בשלי־חותו של הקב"ה, דער בעה"ב אויף דער גאנצער וועלט.

נאך אן ענין איז מובן: וויבאלד תורה זאגט אז "דינא דמלכותא דינא", קען ניט זיין א מציאות אז דורך פירן זיך לויט די הוראות התורה והשו"ע זאל דאס שאטן

101) תהלים פ, ב ובפרש"י.

102) ויצא ל, כד.

103) שמו"ר פמ"ז, ו.

104) גיטין י, ב. ושנ"נ.

105) תהלים לז, כג.

106) ראה "היום יום" ח"י אלול. כש"ט הוספות ס"ג. וראה גם כש"ט סקכ"ה. "היום יום" י"ד חשון. וראה גם שם יו"ד תמוז. ובכ"מ.

107) כפס"ד הרמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י.

דער מדינה, נאָר אדרבה: דורך דעם וועט צוקומען אין טובת ותועלת המדינה. אע"פ וואָס אַמאָל זעט מען דאָס ניט גלייך בגלוי, דאַרף מען מעיין זיין און מ'וועט זען ווי דער דרך התורה איז די אמת'ע טובת המדינה.

ביז אַז מ'איז מגלה בכל העולם אַז „והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[108], „והיתה לה' המלוכה"[109], די גאַנצע וועלט מיט אַלע נימוסי המדינה והמקום (ע"פ השו"ע) זיינען אַ מיטל — אַן אמצעי — אויף מגלה זיין מלכותו ית' בכל העולם.

ט. ויש לקשר זה אויך מיט דער קרי־אה בתורה בימי חנוכה פון הקרבת הנשי־אים לחנוכת המזבח. ובזה גופא — איז היינט דער יום ונר רביעי פון חנוכה, וואָס זיין נשיא איז „נשיא לבני ראובן"[110], דער בכור השבטים:

נשיאים בכלל, ובמיוחד — דער בכור השבטים, וואָס אַ בכור („ראשית אוני"[111]) איז דער וועמען אַלע ברידער דאַרפן מכבד זיין און אַרויפקוקן אַלס ביישפיל — דערמאָנט אַ אידן, אַז ער — זיין נשמה, וועלכע איז אַ חלק אלוקה ממעל ממש, איז דער אמת'ער נשיא ובעה"ב ובכור פון כל העולם, „אתה בחרתנו מכל העמים"[112].

ולהוסיף, אַז דער נר רביעי פון חנוכה איז מרמז אויף די ד' רוחות העולם וועלכע „זיינען אויף די פלייצעס" פון יעדער איד: זייענדיק דער בעה"ב ומלך טראָגט ער די אחריות פאַר דער גאַנצער וועלט, צו אויפמאַכן פון די ד' רוחות העולם אַ מ"ם סתומה (בדוגמא ווי צורת חניית הד' דגלים פון מחנה ישראל), דורך מתקן ומשלים זיין אויך דעם רוח צפונית שאינה מסובבת[113], און ניט אַריינלאָזן קיין ענין בלתי רצוי בתוך המ"ם סתומה.

י. אין דעם אַלעם קומט צו אַן ענין הכי עיקרי. ובהקדים: בשעת אַ מענטש ליגט שטאַרק אין אַ געוויסע זאַך, איז דער טבע בן אדם, אַז בשעת עס קומען נאָך זאַכן זוכט ער און געפינט — צום אַלעם ערשטן — די נקודה משותפת מיט דער זאַך אין וועלכער ער ליגט (אע"פ וואָס אין דעם קענען זיין נאָך ענינים, און עני־נים עיקריים).

בנוגע צו אידן, ובפרט בסוף זמן הג־לות (לאחרי וואָס כלו כל הקיצין[114], און כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מעיד געווען אַז מ'האָט שוין תשובה געטאָן און מ'האָט אַלץ פאַרענדיקט) — „ליגט מען" אין „אח־כה לו בכל יום שיבוא"[115], אַז במשך כל היום (בכל יום) וואַרט מען און מ'בענקט נאָך דער גאולה האמיתית והשלימה.

און וויבאַלד אַז אידן קאָכן זיך אין ביאת המשיח — איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין יעדער זאַך זוכט מען לכל לראש די שייכות מיט אחכה לו בכל יום שיבוא.

ובנדו"ד: שטייענדיק בימי החנוכה — איז הגם אַז חנוכה האָט אין זיך כו"כ ענינים — אונטערשטרייכט מען צום אַלעם ערשטן איר שייכות מיט דער גאולה[116]: דער יו"ט קומט צוליב דעם נס פון פך

108) זכרי' יד, ט.

109) עובדי' בסופו.

110) נשא ז, ל.

111) ויחי מט, ג.

112) נוסח התפלה דשלש רגלים.

113) ב"ב כה, ריש ע"ב.

114) סנהדרין צז, ב.

115) נוסח „אני מאמין" (נדפס בכמה סידורים) — ע"פ לשון הכתוב חבקוק ב, ג. פיהמ"ש להרמב"ם סנהדרין הקדמה לפרק חלק היסוד הי"ב.

116) כידוע שכל המועדים בטלים לע"ל חוץ מחנוכה כו' (מדרש רז"ל — הובא באגרת הטיול דרוש אות מ'. ספר החיים ח"ג רפ"ז).

השמן וואָס האָט פּאַסירט בקשר מיט הד־לקת המנורה אין ביהמ"ק[117], און דערנאָך איז געווען די חנוכת המקדש ע"י החשמו־נאים[118] (פינו את היכלך וטהרו את מק־דשך[22]). דערמאָנט דאָס גלייך אַ אידן, און דאָס גיט בײַ אים צו נאָכמער אין זײַן אחכה לו בכל יום שיבוא און בנין וחנוכת ביהמ"ק השלישי, און הדלקת המנורה ע"י אהרן כהן גדול, בגאולה האמיתית וה־שלימה ע"י משיח צדקנו.

יא. ועפ"פ המבואר לעיל, יש להוסיף ביאור בזה:

די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו דריקט אויס די שלימות וגי־לוי פון כל מעשינו ועבודתינו[119] בתורה ומצוות. דעמולט וועט זײַן די שלימות פון קיום המצוות — „ושם[120] נעשה לפניך כמצות רצונך"[121].

ובסגנון אחר: בימות המשיח וועט זײַן דער גילוי האמיתי פון כל התומ"צ — דער ענין פון גילוי אלקות, וגילוי הבלי גבול שבתומ"צ, כנ"ל (ס"ד).

וואָס דאָס איז דער טעם אויף דעם אחכה לו בכל יום שיבוא, בלשון ה־רמב"ם[122]: „מפני זה נתאוו כל ישראל כו' לימות המשיח כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה ובמצות כהוגן" פון דער עבודה פון אידן בזמן הזה בתורה ומצוות.

ועפ"ז איז אויך מובן אַז דער אחכה לו איז אַן ענין תמידי, ווײַל אין דעם באַ־שטייט די נקודה פנימית און די שלימות פון גאַנץ עבודת ה' [והגם אַז מ'זאָגט עס בתפלה בדיבור נאָר איזה פעמים ביום, איז דאָס ע"ד הנ"ל אַז אַן ענין פאַרבונדן מיט אַ זמן קבוע האָט אַ פּעולה תמידית בכל המעת־לעת, ובכל השנה ובכל ה־זמנים].

ויש לומר אַז דאָס איז דער טעם אויף דעם וואָס אידן (וועלכע ליגן אין דעם אחכה לו בכל יום שיבוא) זוכן אין יעדער מצוה ויו"ט די שייכות מיט ביאת המשיח — ווײַל בימות המשיח וועט זײַן די שלי־מות הגילוי פון אמיתית הענין אין דער מצוה ויו"ט.

ועפ"פ הנ"ל, אַז חנוכה איז אויך פאַר־בונדן מיט דעם גילוי ושלימות פון „נר מצוה ותורה אור", איז נאָכמער יומתק די שייכות פון ימי חנוכה מיט ביאת המשיח.

יב. ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו דער פרשה וועלכע מ'לייענט דעם שבת חנוכה: גלייך בשעת אַ איד הערט און דערהערט בקריאת התורה דעם וואָרט „מקץ" — כאַפּט ער זיך: אַהאַ! דאָס איז מרמז אויף דעם קץ הגלות, און קץ הימים און קץ הימין[123], דער קץ הגאולה!

דערנאָך בשעת ער לייענט און הערט די הפטורה — „ראיתי והנה מנורת זהב כולה גו'"[124] — דערהערט ער גלייך אַז דאָס רעדט זיך וועגן די גאולה העתי־דה[125]!

די קריאה וועגן די נשיאים בכלל און וועגן נשיא לשבט ראובן בפרט — דער־

117) שבת שם.

118) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנכה ע' רמב. ושי"נ. לקו"ש חכ"ה ע' 235.

119) ראה תניא רפל"ז.

120) תפלת מוסף.

121) ראה תו"ח ר"פ ויחי. המשך וככה תרל"ז פי"ז. ובכ"מ.

122) הל' תשובה פ"ט ה"ב. וראה שם הל' מלכים פי"ב ה"ד.

123) ראה אוה"ת ריש פרשתנו. שיחת ש"פ וישב — לעיל ע' 189. ושי"נ.

124) זכרי' ד, ב.

125) מדרש — הובא בלקו"ת בהעלותך לד, סע"ב.

מאַנט אים גלייך אַז מ׳וועט האָבן די אַלע נשיאים בגאולה האמיתית והשלימה, און דעמולט וועט נתגלה ווערן ווי אידן זיינען דער „בכור״ פון כל העולם כולו.

נר רביעי דחנוכה — דערמאָנט גלייך אויף דער גאולה הרביעית. ווען עס וועט זיין שלימות גילוי אלקות בכל ד׳ רוחות העולם, כנ״ל.

ויה״ר אַז פון דעם דיבור בכל זה און פון דעם אחכה לו בכלל — זאָל דאָס קומען בפועל ממש: ביאת משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, און מ׳וועט זען ווי אהרן צינדט די מנורה אין ביהמ״ק השלישי, און אויך — „והדליקו נרות בחצרות קדשך״[22], ותיכף ומיד ממש.



משיחות ש"פ ויגש, ה' טבת* ה'תנש"א

א. בתוכן הענין ד„ויגש אליו יהודה" (שבהתחלת פרשתנו) ישנם ג' מצבים (פירושים) שונים:

א) המצב ד„ויגש אליו יהודה" כפי שהי' במחשבתו של יהודה בגשתו אל יוסף (לפני ש„התודע יוסף אל אחיו"[1]) — שיוסף הוא „אדוני הארץ"[2], „השליט על הארץ"[3], ש„בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו גו'"[4], בא־כחו של פרעה, מלך דאומות העולם שהי' „מושל בכיפה"[5] (כסיום הכתוב „כי כמוך כפרעה", „חשוב אתה בעיני כמלך"[6]), ויהודה (עם היותו „מלך בשבטים"[7]) זקוק אליו, שלכן „ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני", „יכנסו דברי באזניך"[6] — שיסכים לשחרר את בנימין (כמסופר בהמשך הכתובים).

ב) המצב ד„ויגש אליו יהודה" כפי שהוא לאמיתתו של דבר (לאחרי ש„התודע יוסף אל אחיו") — ש„אדוני הארץ" הוא יוסף הצדיק.

[ובפרט ע"פ דרשת חז"ל „כי הנה המלכים נועדו[8] . . זה יהודה ויוסף"[9], „אחד באחד יגשו[10] זה יהודה ויוסף"[11] — ש„ויגש אליו יהודה" הו"ע פגישה והתאחדות של מלכי ישראל, „המלכים נועדו"[12], ועד לשלימות האחדות באופן ש„אחד באחד יגשו ורוח לא יבוא ביניהם". ומודגש יותר בהפטורה (סיום וחותם הפרשה) — „קח לך עץ אחד וכתוב עליו ליהודה ולבני ישראל חבריו ולקח עץ אחד וכתוב עליו ליוסף גו' וכל בני ישראל חבריו וקרב אותם אחד אל אחד והיו לאחדים בידך"[13]].

ג) המצב ד„ויגש אליו יהודה" כפי שרומז על רוחניות הענינים בשרשם למעלה — כדאיתא בזהר[14] ש„ויגש אליו יהודה" הו"ע סמיכת גאולה לתפלה, שרומז על ההמשכה דיסוד (גאולה, בחינתו של יוסף) למלכות (תפלה, בחינתו של יהודה), כמבואר בארוכה בדרושי חסידות[15], ועד להפירוש ש„ויגש אליו יהודה" הו"ע ה־

---

*) היום בו „דידן נצח". באופן גלוי לעיני כל העמים (בבית המשפט הפדרלי) בנוגע לספרי וכתבי רבותינו נשיאינו שבספריית ליובאוויטש.

1) פרשתנו מה, א.

2) מקץ מב, ל. לג.

3) שם מב, ו.

4) שם מא, מד.

5) ראה מכילתא בשלח יד, ה. זהר ח"ב ו, א.

6) פרש"י עה"פ.

7) ראה ב"ר פפ"ד, יז. מדרש אגדה (באבער) פרשתנו מו, כח. פתיחתא דאסת"ר־יו"ד. פרש"י ויחי מט, ט.

8) תהלים מח, ה.

9) ב"ר ריש פרשתנו (פצ"ג, ב). וראה בארוכה זהר ריש פרשתנו (רו, א ואילך).

10) איוב מא, ח.

11) ב"ר שם. תנחומא (באבער) פרשתנו ג.

12) ובלשון הזהר שם: „יהודה איהו מלך ויוסף מלך אתקריבו דא בדא ואתאחידו דא בדא". ובהמשך הענין (שם, ב): „דיוסף איהו צדיק יהודה איהו מלך . . בגין דקורבא דלהון דאתקריבו כחדא גרם כמה טבין לעלמא, גרם שלמא לכלהו שבטין . . גרם ליעקב דאתקיים רוחא דילי'". ובסיום הענין (רח, א): „כיון דאתקריבו יוסף ויהודה כחדא כדין אסגיאו שלמא בעלמא וחידו אתוסף לעילא ותתא".

13) יחזקאל לז, טו ואילך.

14) ריש פרשתנו (רה, ב).

15) ד"ה ענין הגשת יהודה ליוסף בסה"מ תרכ"ט ע' יג. ד"ה ויגש בסה"מ תרמ"ג ע' רט. המשך תרס"ו ע' קיט. שם ע' תפז ואילך. המשך

תפלה — „הגשה לתפלה"[16], ובאופן ד„ויגש אליו", ע"פ מ"ש „בכל קראנו אליו"[17], „אליו[18] ולא למדותיו"[19].

וע"פ הידוע[20] שכל הפירושים בענין א' שייכים זל"ז, יש לבאר הקשר והשייכות דג' פירושים־מצבים הנ"ל, ועוד ועיקר — לבאר הלימוד וההוראה בעבודת האדם, כדלקמן.

ב. ובהקדמה — שהלימוד וההוראה מ„ויגש אליו יהודה" הוא גם מהמצב (פירוש) כפי שהי' במחשבתו של יהודה שנגש (לא ליוסף הצדיק, אלא) ל„אדוני הארץ":

אע"פ שהמצב דגישת יהודה ל„אדוני הארץ" (שצריכים להשפיע ולפעול עליו[21] בענין שנוגע לטובתם של ישראל) אינו אלא מצד הקס"ד של יהודה, ולאח"ז נתברר שאין המצב כן — מ"מ, כיון ש(גם) המצב ד„ויגש אליו יהודה" כפי שהוא מצד הקס"ד של יהודה נכתב בתורה, ה"ז חלק מ„תורת־אמת", ותורה נצחית, שהיא גם הוראה (תורה מלשון הוראה[22]) אמיתית ונצחית עד סוף כל הדורות.

וכידוע מ"ש הרגצ'בי[23] בביאור הטעם שאפשר להתפיס בשבועת משה[24] אף שלאחרי זמן התיר משה שבועתו[25] — „דכל שכתוב בתורה הדבר הוי נצחי ולא רק מה שהי'", „כיון דהשבועה כתובה בתורה הוה דבר נמשך וכאילו השבועה ישנה תמיד".

ועד"ז בנדו"ד — שגם לאחרי שנתברר שהמצב ד„ויגש אליו יהודה" כפי שהי' מצד מחשבתו של יהודה אינו אלא קס"ד שאינו לפי המצב האמיתי[26], ה"ז חלק בתורה, ובמילא, ענין אמיתי ונצחי, שיש בו לימוד והוראה ונתינת־כח עד סוף כל הדורות.

ולא עוד אלא שעיקר הלימוד וההוראה מ„ויגש אליו יהודה" הוא ביחס להמצב כפי שהי' מצד מחשבתו של יהודה, שעל זה מדובר בהמשך הפסוק והפרשה (לאחרי התיבות „ויגש אליו יהודה") — שהרי כל אריכות הסיפור אודות תוכן דבריו של יהודה ל„אדוני הארץ" שייך רק ע"פ הקס"ד של יהודה.

ג. וביאור הענין:

תוכן ונקודת ההוראה דפרשת ויגש — שגם כאשר יהודי נמצא במעמד ומצב שזקוק ל„אדוני הארץ"[21] כדי לפעול בענין שנוגע לטובת בנ"י (בדוגמת המעמד ומצב ד„ויגש אליו יהודה" מצד מחשבתו של יהודה), שבכללות ה"ז המעמד ומצב דזמן הגלות[27] שבנ"י זקוקים לחסדי מלכות ה־

תער"ב ח"ב ס"ע תשצד ואילך. ד"ה הנ"ל תשכ"ה (סה"מ מלוקט ח"ה ע' קכז ואילך). ועוד.

16) ב"ר פצ"ג, ו. ובתנחומא וירא ח: אין ויגש אלא תפלה. וראה אוה"ת פרשתנו שמט, א.

17) ואתחנן ד, ז.

18) ספרי — הובא בפרדס שער לב ריש פ"ב.

19) אוה"ת ריש פרשתנו (שמט, א. (כרך ה') תתקפב, א). סה"מ תרכ"ז ס"ע עב ואילך. ועוד.

20) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782. ובכ"מ.

21) ועד שיש צורך לדבר אליו קשות („ואל יחר אפך", „מכאן אתה למד שדיבר אליו קשות" — פרש"י ריש פרשתנו), כיון שמצד מצרים הי"ה במצב של מנגד.

22) רד"ק לתהלים יט, ח. וראה זהר ח"ג נג, ב.

23) צפע"נ מהדו"ת סז, ג. וראה מפענח צפונות פ"ה ס"ב. ושי"נ.

24) נדרים יו"ד, א במשנה. ירושלמי שם פ"א סוף ה"ב.

25) נדרים סה, א.

26) כלומר: לא זו בלבד שבשעתו הי' ענין אמיתי, אלא שלאחרי זמן נתבטל הדבר (כבשבועת משה, שבשעתה היתה שבועה בכל התוקף, אלא שלאחרי זמן הותרה השבועה), אלא יתירה מזה — שגם בשעתו לא הי' כפי האמת, כי אם, קס"ד במחשבתו של יהודה.

27) ויש לומר שגם בענין הגלות יש דמיון למעמד ומצב ד„ויגש אליו יהודה" — כמ"ש בהמשך

מדינה כדי לנהל אורח־חיים יהודי מתוך הרחבה — הרי האמת היא ש„אדוני הארץ" הוא יוסף (כפי שנתגלה לאחרי ש„התודע יוסף אל אחיו"), דקאי על כל ישראל ש־נקראים ע"ש יוסף[28], היינו, שגם בזמן ה־גלות יהודי[29] הוא בעה"ב בעולם לפעול שהנהגת העולם תהי' כרצונו.

עבודתו של בעל ההילולא לעשות מ„אחר" „בן" היא, לכל לראש, בנוגע לבנ"י — ע"י הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה גם עבור אלה שבגלוי ובחיצוניות נראים במעמד ומצב של „אחר", להיותם רחוקים לע"ע מקיום התומ"צ (שלא באשמתם, תינוקות שנשבו[143]), שתתגלה מציאותם האמיתית — „בן" — בפועל ובגלוי, כולל ובמיוחד — ע"י תרגום עניני התורה ופנימיות התורה בלשונות דאוה"ע[144] עבור אלה שעדיין אינם מבינים לשון הקודש[145], שדבר זה התחדש ע"י בעל ההילולא[146]; וגם בנוגע לאוה"ע, „אחר" כפשוטו — ע"י הפצת צדק ויושר חדורים באמונה בבורא העולם שמביאה לקיום שבע מצוות בני־נח[147], ובכללות ל„לשבת יצרה"[148].

ובמיוחד — בבואו למדינה זו בחצי כדור התחתון [שגם בזה מודגש החידוש של בעל ההילולא לגבי רבותינו נשיאינו שלפניו, כולל גם אביו, שכולם היו בחצי כדור העליון], שבה ניתוסף עוד יותר (ומוסיף והולך עד היום הזה) בבירור התחתון, לעשות מ„אחר" „בן", הן בנוגע לבנ"י והן בנוגע לאוה"ע.

וכהדגשה מיוחדת — שעבודה זו היא הכנה להגאולה: בנוגע לבנ"י — שהקירוב דכל בנ"י (גם אלה שהיו רחוקים מיהדות) לתומ"צ היא מעין ודוגמא והכנה לקיום היעוד „יוסיף אדנ־י שנית ידו לקנות את שאר עמו אשר ישאר מאשור וממצרים וגו' ומאיי הים[149] גו' ואסף נדחי ישראל גו'"[150]; ובנוגע לאוה"ע — הכנה לקיום היעוד „אז אהפוך אל עמים שפה ברורה גו' לעבדו שכם אחד"[105].

וע"פ המבואר לעיל שתוכן הענין ד„בא אל פרעה" הוא בירור התחתון בשביל היציאה ממצרים והכניסה לארץ, יש לבאר השייכות דיום ההילולא (גמר ושלימות עבודתו) לפרשת „בא אל פרעה" —

נמשכת ברכה ונתינת־כח לעבודה דחודש שבט — „ירח שהגוף נהנה מן הגוף" (מגילה יג, א), שרומז גם להנאה (כביכול) שע"י חיבור יש האמיתי עם יש הגשמי (ראה לקו"ש חט"ו ע' 382 ואילך).

140) ויצא ל, כד.

141) ראה אוה"ת פרשתנו ע' רנ. ועוד.

142) ומרומז גם בשמו השני, „יצחק", ע"ש השמחה והצחוק („כל השומע יצחק לי") — שעיקר הצחוק והתענוג למעלה נעשה ע"י העבודה דהפיכת „אחר" ל„בן", „אתהפכא חשוכא לנהורא" (ראה תו"א תולדות יז, ד ואילך. וראה אוה"ת שם ע' רמט), ולעת"ל — „אז ימלא (שאז מותר וממלאים) שחוק פינו גו'" (תהלים קכו, ב. ברכות לא, א).

143) ראה רמב"ם הל' ממרים פ"ג ה"ג.

144) להעיר מהשייכות לחודש שבט — „בעשתי עשר חודש באחד לחודש (ר"ח שבט) גו' הואיל משה באר את התורה", „בשבעים לשון פירשה להם" (דברים א, ג־ה ובפרש"י).

145) לא רק כתיבת ופירסום מאמרי חסידות באידית (נוסף על אמירתם באידית, כדרכם של רבותינו נשיאינו, כמ"ש רבינו הזקן ש„הבעש"ט ז"ל הי' אומר ד"ת בל"א ולא בלה"ק" (אגה"ק סכ"ה)), אלא גם בלשון כל עם ועם.

146) ולהעיר, שגם ההתחלה דענין זה בזמנו של אביו, כ"ק אדנ"ע, היתה בהשתדלות ועל ידי בנו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

147) כפס"ד הרמב"ם בהל' מלכים ספ"ח: „וכן נצטווה משה מפי הגבורה לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח . . מפני שצוה בהן הקב"ה בתורה כו'".

148) ישעי' מה, יח.

149) ויש לומר ש„איי הים" רומז על חצי כדור התחתון.

150) שם יא, יא־יב.

כיון עיקר עבודתו של בעל ההילולא כל ימי חייו היתה בבירור התחתון („בא אל פרעה") כהכנה לגאולה האמיתית והשלימה (יצי"מ וכניסה לארץ).

יב. ובנוגע לפועל:

בעמדנו ביום הש"ק פרשת בא אל פרעה שממנו מתברך יום ההילולא ד־עשירי בשבט — יש לעורר ולפרסם בכל מקום ומקום (נוסף על הפעולות בד' אמותיו של בעל ההילולא[151]) ע"ד ההכנות המתאימות ליום ההילולא, ועאכו"כ ע"ד ההנהגה המתאימה ביום ההילולא עצמו[152], כולל ובמיוחד הוספה בלימוד תורתו, הוספה בנתינת הצדקה למוסדות שמתנהגים ברוחו או שנקראים על שמו, והתוועדויות פעילות[153] שבהם יקבלו החלטות טובות להוסיף יותר ויותר בהליכה „בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו נס"ד"[154].

והדגשה יתירה בנוגע להכנה להגאולה ע"י חיזוק האמונה והבטחון והצפי' לגאולה, „אחכה לו בכל יום שיבוא"[155] — כלשון בעל ההילולא[156]: עמדו הכן כולכם לקבל פני משיח צדקנו.

ובפרט בשנה זו, „הי' תהא שנת נפלאות אראנו", ולאחרי שכבר ראו נסים ונפלאות בתקופה האחרונה, כולל ובמיוחד — יציאתם של רבים מישראל ממדינה ההיא לארץ ישראל, ועי"ז גם קירובם ליהדות תורה ומצוותי', שענין זה הוא מעין ודוגמא והכנה קרובה לקיום היעוד[157] „קהל גדול ישובו הנה".

יג. ובזה ניתוסף עוד יותר בימים ה־אחרונים ממש:

המאורעות דימים האחרונים בהענין ד־„מלכיות מתגרות זו בזו" מדגישים שנמצאים בסמיכות ממש להגאולה, כמבואר במדרשי חז"ל[158] שענין זה הוא מסימני הגאולה.

ובלשון המדרש[159] „שנה שמלך המשיח נגלה בו . . מלך פרס מתגרה במלך ערבי . . וכל אומות העולם מתרעשין ומתבהלין . . ואומר להם (הקב"ה לישראל) בני אל תתייראו[160]*, כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם הגיע זמן גאולתכם".

ופשוט, שמאורעות אלה לא יפגעו כלל וכלל בבנ"י, שהם בבת עינו של הקב"ה, „הנוגע בכם כנוגע בבבת עינו" [שב„בבת עינו" („אישון העין") גדולה ביותר ה־זהירות אפילו מנגיעה הכי קלה, שלא בערך לגבי הזהירות בנוגע לשאר חלקי הגוף], כולל ובמיוחד בנוגע לבנ"י הדרים בארצנו הקדושה, שכיון שהיא „ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה (שימת־לב מיוחדת)

---

151) להעיר מדיני חצר המשתמרת — בשיעורי הרמב"ם דימים האחרונים (הל' גירושין רפ"ה).

152) ראה ספר המנהגים חב"ד ע' 95 ואילך. ועוד.

153) לפי תנאי המקום והזמן, כולל ובמיוחד תנאי הזמן דקביעות שנה זו שיום ההילולא חל בערב שבת.

154) לשון אדה"ז באגה"ק סוי"ך.

155) עיקר הי"ב מי"ג עיקרים.

156) „היום יום" ט"ו טבת. ובכ"מ.

157) ירמי' לא, ז.

158) ב"ר פמ"ב, ד. מדרש לקח טוב לך לך יד, א.

159) יל"ש ישעי' רמז תצט.

160) ובלשון הכתוב (ישעי' לה, ד — בהמשך לנבואה ע"ד הפרעון לרשעי אוה"ע) „אמרו לנמהרי לב (שממהרין את הגאולה ומצירין על איחורה — פרש"י) אל תיראו הנה אלקיכם נקם יבוא גמול אלקים (על הרשעים) הוא יבוא ויושיעכם".

---

*) ובראב"ע: „שלא היו מאמינים להיות כפלא הזה".

תמיד עיני ה' אלקיך בה (ומוסיף ומפרט) מרשית השנה ועד אחרית שנה" (מתחילתה ועד סופה בשוה), הרי היא המקום הבטוח ביותר.

ובנוגע לפעולותיהם של שונאי ישראל שמנסים לפגוע ח"ו – אין בהם ממש, ולא יעלה הדבר בידם, כיון ש„לא ינום ולא יישן שומר ישראל"[161], ואלה שנפגעו ב־אופן קל [אף שמצד גודל מעלתם של ישראל, „בבת עינו" של הקב"ה, גם נגיעה הכי קלה היא דבר חמור] – יזכו תיכף ומיד לרפואה שלימה, ועד לתכלית ה־שלימות שברפואה, באופן שעוקרת ומ־בטל החולי מלמפרע (ע"ד פעולת חכם – „וכל בניך לימודי ה'"[162] – בעקירת נדר מלמפרע)[163].

ועד"ז בנוגע לכל בנ"י בכל מקום שהם – כמפורש בפרשתנו[164] בנוגע להזמן שלפני ובסמיכות להיציאה ממצרים, ועד"ז בימינו אלה, ברגעי הגלות האחרו־נים: „ולכל בני ישראל הי' אור במושבו־תם"[165].

השייכות דמאורעות אלה לבנ"י היא – הידיעה ש„הגיע זמן גאולתכם", שלכן, עמדו הכן כולכם לקבלת פני משיח צדקנו, כולל ובמיוחד ע"י ההוספה בעניני תומ"צ, אשר, ע"י „מצוה אחת, הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות, וגרם לו ולהם תשועה והצלה"[166].

יד. ויה"ר שלא יצטרכו להוסיף ול־דבר על סימני ביאת הגאולה, כיון ש־תיכף ומיד ממש רואים בפועל ובגלוי את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ובלשון הכתוב בפרשת בשלח שמת־חילין לקרוא תיכף במנחה: „ויהי בשלח פרעה[167] את העם", „ובני ישראל יוצאים ביד רמה"[168].

ובהמשך לזה – פרשת שירה[169], „אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת וגו'"[170],

– כולל גם הגילוי בפועל דה„רמז לתחיית המתים" („שר לא נאמר אלא ישיר, מכאן רמז לתחיית המתים"[171]) – „הקיצו ורננו שוכני עפר"[172], ומשה ואהרן עמהם[173], ביחד עם נשיאי וצדיקי ישראל, ובראשם נשיא דורנו בעל ההילולא ד־עשירי בשבט –

ותיכף ומיד – „תביאמו ותטעמו בהר נחלתך מכון לשבתך פעלת ה' מקדש

---

161) תהלים קכא, ד.

162) ישעי' נד, יג.

163) „דיש ב' מיני רפואות, א' מכאן ולהבא . . וא' למפרע" (צפע"נ לרמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ב (בסופו)).

164) יו"ד, כג.

165) להעיר מהדעה ש„ארץ גושן" (שבה ישבו בנ"י) „נבלעת בתוך ערי ישראל" (ראה לקו"ש חט"ז ע' 407 ואילך. וש"נ).

166) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד.

167) כלומר, שפרעה עצמו שולח את בנ"י ממצרים (וראה גם תו"א ר"פ בשלח) – ע"ד מ"ש „והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה' בסוסים וברכב גו' על הר קדשי ירושלים".

168) יד, ח.

169) ומתחיל מהשירה תיכף ומיד – ניגון שמח, ששמחה פורצת גדר, ובפרט הניגון „ופרצת" [ששייך במיוחד ליום השבת לאחרי חצות, „נחלה בלי מצרים . . נחלת יעקב אביך . . כיעקב שכתוב בו ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה" (שבת קיח, סע"א ואילך)], שעי"ז ממהרים ומזרזים ופועלים תיכף ש„עלה הפורץ לפניהם" (מיכה ב, יג), „פרץ זה משיח" (אגדת בראשית ספס"ג).

170) טו, א.

171) סנהדרין צא, סע"ב. מכילתא ופרש"י עה"פ.

172) ישעי' כו, יט.

173) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד – פסחים קיד, סע"ב.

אדנ־י כוננו ידיך"[174], ביהמ"ק השלישי שיבנה ע"י הקב"ה בשתי ידים[175], „כשה' ימלוך לעולם ועד[176], לעתיד לבוא שכל המלוכה שלו"[177] — ותומ"י כן תהי' לנו בלשון עבר, „והיתה (כבר היתה) לה' המלוכה"[103].

174) שם, יז.

175) ראה כתובות ה, סע"א ובפרש"י. מכילתא ופרש"י עה"פ.

176) שם, יח.

177) פרש"י שם, יז.



משיחות ש"פ בשלח, י"א שבט ה'תנש"א

א. אין אונזער פרשה רעדט זיך וועגן עטלעכע כללות'דיקע ענינים — נסים כלליים — וועלכע האָבן פאַסירט מיט די אידן נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים:

נאָך דעם וואָס „בשלח פרעה את העם"[1] ווערט דערציילט וועגן דעם נס פון קריעת ים סוף, „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים", „ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים"[2], דורך דעם וואָס אַלע מצריים זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים, „לא נשאר בהם עד אחד"[3], „וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים גו'"[4], און די אידן האָבן געזאָגט שירה — „אז[5] ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת וגו'"[6].

נאָך פרשת השירה ווערט דערציילט וועגן (דעם נס פון המתקת מי מרה[7], און דערנאָך) פרשת המן — וועגן דעם נס פון ירידת המן, „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים גו'"[8], וואָס סיי דער עצם ירידת המן אין מדברי און סיי די פרטים אין דעם אופן הירידה איז געווען באופן נסי[10],

און אויך דער נס פון דעם שליו — „ותעל השליו גו'"[11], בכדי אַז „בין הערבים תאכלו בשר"[12].

ווייטער אין דער פרשה ווערט דערציילט וועגן דעם נס פון באר מים ע"י הכאת האבן — „והכית בצור ויצאו ממנו מים ושתה העם"[13].

ביז בסוף הפרשה — דער נס פון דעם נצחון במלחמת עמלק, וואָס צוליב דעם האָט משה געבויט דאָרט אַ מזבח „ויקרא[14] שמו ה' נסי", „הקב"ה[15] עשה לנו כאן נס (גדול[16])".

וויבאַלד אַז די אַלע נסים ווערן דערציילט בהמשך אחד און אין איין סדרה בתורה (בשלח), איז פאַרשטאַנדיק אַז (נוסף צו דעם וואָס זיי האָבן פאַסירט איינער בהמשך צום צווייטן) האָבן זיי צווישן זיך אַ שייכות אין תוכן הנס[17]. ולכאורה, זיינען זיי באַזונדערע, גאָר באַזונדערע נסים?

---

1) ריש פרשתנו.

2) שם יד, כט־ל.

3) שם, כח.

4) שם, לא.

5) „כשראה הנס כו'" — פרש"י עה"פ.

6) פרשתנו טו, א.

7) שם, כב ואילך.

8) טז, ד.

9) ראה מו"נ ח"ג פ"נ. — הובא בד"ה ברוך שעשה נסים תרס"ד (ס"ע 10־9. ע' 19). וראה לקמן בפנים סי"ב.

10) ראה יומא עה, א ואילך. וראה פרש"י פרשתנו טז, יז („המרבה ללקוט לא העדיף על עומר לגולגולת כו', והממעיט ללקוט לא מצא חסר כו', וזהו נס גדול שנעשה בו"). שם, כט („נס נעשה בכל ע"ש לתת לכם לחם יומיים").

11) טז, יג.

12) שם, יב.

13) יז, ו.

14) שם, טו.

15) פרש"י עה"פ.

16) כ"ה בנ"מה דפוסים. וכן נעתק באוה"ת עה"פ (ע' תרסה).

17) ועפ"ז י"ל ויומתק הטעם שבד"ה ברוך שעשה נסים הנ"ל (ע' 19) מביא הדוגמא ל„נסים שיוצאים מדרכי הטבע לגמרי" — „כמו נס דקרי"ס ומן ושלו" (אף שלעיל שם (ס"ע 9) מביא רק הנס דמן ושלו, כמו שהובא ומבואר במו"נ שם), כי נסים אלו נאמרו בפרשתנו ושייכים זל"ז, כמשנ"ת לקמן בפנים. וראה סה"מ תרע"ח ע' רכב: וכמו המן והשליו . . דומה לנס דקרי"ס וכה"ג.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: נאָך פ' בשלח קומט פ' יתרו, "וישמע יתרו", "מה שמועה שמע ובא, קריעת ים סוף ומלחמת עמלק"[18]. וואָס האָט יתרו דערהערט במיוחד אין דעם ענין פון "קרי"ס ומלחמת עמלק" (מער ווי אין די נסים פון יצי"מ) וואָס האָט אים געבראַכט ער זאָל קומען צו משה'ן? וואָס איז די שייכות בתוכן הענינים פון ביאת ודברי יתרו[19] "עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלקים כי בדבר אשר זדו עליהם" (וואָס דערפאַר "נאבדו במים"[20]) מיט דעם תוכן פון קרי"ס און מלחמת עמלק (און אויך — מיט ירידת המן און באר מים — "את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו", "בירירת המן בבאר ובעמלק"[18])?

ועוד ועיקר: וואָס איז די (תורה מלשון[21]) הוראה פון דעם אַלעם אין עבודת ה', ובפרט בזמנים אלו?

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים, אַז די נסים הנ"ל בפרשתנו זיינען ניט אַן איין מאָליקע זאַך וואָס האָט דעמולט פאַסירט, נאָר זיי זיינען עניני כלליים, וועלכע האָבן אַ המשך תמידי לדורות (נוסף אויף דעם וואָס יעדער זאַך אין תורה איז נצחי לעולם[22]):

קריעת ים סוף: אע"פ וואָס דער נס (בפשטות) איז געווען אַן איין מאָליקע ("לשעה"[23]), ווערט אָבער ערקלערט בכ"מ[24] אַז די בקיעת הים איז געווען אַן ענין כללי וואָס האָט אויפגעטאָן אַ פעולה אין דער גאַנצער וועלט[25] (און אין גאַנץ סדר ההשתלשלות), אַלס הכנה צו מתן תורה, אַ פעולה וואָס ווערט נמשך לעולם. ווי ס'איז אויך אונטערשטראָכן אין שירת הים (בסיומה)[26] — "ה' ימלוך לעולם ועד".

וואָס דערפאַר דערמאָנט מען דעם ענין פון קריעת ים סוף בכל יום (בתפלה), ע"ד ווי מזכירין יצי"מ בכל יום[27], "ואיתא בתוספתא[28] שצריך לזכור ג"כ קרי"ס"[29], ווי אַראָפּגעבראַכט אין שו"ע[30], אַז "צריך להזכיר . . קרי"ס . . באמת ויציב וכן באמת ואמונה כו'" — "וים[31] סוף להם בקעת וזדים טבעת וידידים העברת ויכסו מים צריהם . . לך ענו שירה בשמחה רבה ואמרו כולם[32] מי כמוכה . . נאדר בקודש נורא תהלות עושה פלא . . יחד כולם הודו והמליכו ואמרו[26] ה' ימלוך לעולם ועד"[33].

ולהוסיף, אַז בכל יום זאָגט מען אויך

18) ר"פ יתרו ובפרש"י.

19) שם יח, יא.

20) פרש"י עה"פ. וראה גם ת"י שם. סוטה יא, א.

21) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

22) כי התורה היא נצחית (תניא רפי"ז. ובכ"מ), ולא תהא מוחלפת ח"ו (ראה פיה"מ להרמב"ם סנהדרין, הקדמה לפרק חלק, היסוד התשיעי. וראה גם רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ט. הל' מלכים פי"א סה"ג. ובכ"מ).

23) פרש"י פרשתנו טו, א סד"ה אז ישיר.

24) בביאור ענין קרי"ס — ראה דרושי פרשתנו, שש"פ, ועוד — בתו"א, לקו"ת, תו"ח וכו'.

25) ולהעיר ש"כל מים שבעולם" נבקעו בעת קרי"ס (מכילתא ופרש"י פרשתנו עה"פ יד, כא).

26) טו, יח.

27) ברכות יב, ב (במשנה). רמב"ם הל' ק"ש פ"א ה"ג. שו"ע אדה"ז או"ח סס"ז ס"א.

28) ברכות רפ"ב.

29) תו"א פרשתנו סב, ב.

30) שו"ע אדה"ז או"ח סס"ו סי"ב. ועד"ז הוא בטור שם (בנוגע להזכרת קרי"ס באמת ויציב), מירושלמי ברכות פ"א ה"ו.

31) נוסח ברכת "אמת ויציב". ועד"ז הוא בברכת "אמת ואמונה" (נעתק לקמן ס"ג).

32) פרשתנו טו, יא.

33) וראה שו"ע אדה"ז שם: כל אלה הנסים התדירים תמיד.

(גאַנץ) שירת הים[34] („אז ישיר וגו'"), מיט די אַלע י"ח שמות שבה וכו'[35].

ירידת המן: הגם וואָס דער נס איז געווען נאָר במשך די ארבעים שנה אין מדבר — האָט דער אויבערשטער גע־הייסן[36] אַז „מלא העומר ממנו למשמרת לדורותיכם למען יראו את הלחם אשר ה־אכלתי אתכם במדבר גו'" [ווי ס'איז גע־ווען בימי ירמיהו, אַז „הוציא להם צנצנת המן כו', ראו בזה נתפרנסו אבותיכם, הר־בה שלוחין יש לו למקום להכין מזון ליראיו"[37]].

און אין שולחן ערוך[38] ווערט גע־בראַכט, אַז „טוב לומר בכל יום . . פרשת המן, כדי[39] שיאמין שכל מזונותיו באין לו בהשגחה, שכן[40] הי' במן שהשגיח הקב"ה לתת לכל אחד עומר לגולגולת לכל נפשות ביתו וכו'".

[נוסף לזה וואָס אַ זכר צו דעם מן איז דאָ בכל שבת: דער חיוב פון די ג' סעודות פון שבת, און אויך „לחם משנה" בכל שבת, לערנט מען אָפּ[41] פון די פסוקים ב־נוגע צום מן — „ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה' היום לא תמצאוהו בשדה"[42], ו„ביום הששי לקטו לחם משנה"[43]].

מלחמת עמלק: כמפורש בקרא[44] — „מלחמה לה' בעמלק מדור דור", ובפרט לויט'ן פירוש התרגום ירושלמי: „מדרא דעלמא דין מדרא דמשיחא ומדרא דעל־מא דאתי" — ד.ה. בכל הדורות כולם. וכ־ידוע אַז די מצוה פון זכירת עמלק — ל־כמה דיעות[45] — איז אַ מצוה תמידית. און דער מנהג איז אַז מ'איז מזכיר מעשה עמלק בכל יום (אין די „שש זכירות")[46].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז די דריי ענינים — קרי"ס, מן, מלחמת עמלק — זיי־נען אַלע ענינים כלליים אין תומ"צ און עבודת ה'; ועפ"ז הנ"ל האָבן זיי צווישן זיך אַ שייכות (וויבאַלד זיי שטייען בהמשך אחד אין דער זעלבער סדרה).

ג. ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם:

דער תוכן פון שירת הים איז — דער סיפור שבח והודאה וואָס משה ובני ישראל גיבן אָפּ דעם אויבערשטן אויף דעם וואָס ער האָט זיי מציל געווען פון פרעה און פון די מצריים, און ווי די מצריים „טבעו בים סוף"[47], וואָס דורך דעם זעען אַלע די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן — „מי כמוכה באלים ה', מי כמוכה נאדר בקודש נורא תהלות עושה פלא"[32]. ביז אַז דאָס ברענגט אַז אַלע פעלקער אין דער וועלט זאָלן דערפון וויסן און מורא האָבן: „שמעו עמים ירגזון גו' אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב יאחזמו רעד נמוגו כל יושבי כנען, תפול

34) ראה זהר פרשתנו נד, ב*.

35) ראה שער הכולל פי"ז ס"ב.

36) פרשתנו טז, לב.

37) פרש"י עה"פ.

38) טושו"ע או"ח ס"א ס"ה. שו"ע אדה"ז שם (במהדו"ק) ס"י. ובמהדו"ב (שם ס"ט) בשינוי: „ופ' המן לבטוח בה' נותן לחם דבר יום ביומו". — ביאור השינויים ראה לקו"ש חכ"ו ע' 95 ואילך.

39) ב"י לטור שם.

40) לבוש שם ס"י. שו"ע אדה"ז במהדו"ק שם.

41) שבת קיז, סע"ב.

42) פרשתנו טז, כה.

43) שם, כב.

*) וכצ"ל בשער הכולל שבהערה הבאה.

44) סוף פרשתנו (יז, טז).

45) רמב"ם הל' מלכים פ"ה ה"ה. סהמ"צ שלו מ"ע קפט. וראה לקו"ש חי"ט ע' 221, וש"נ.

46) ראה של"ה חלק תושב"כ ס"פ תצא: ומצוה גדולה היא לומר פרשה זו בכל יום לקיים מצות זכור. וכן נסדר בסידור אדה"ז, ועוד. וראה מג"א או"ח ס"ס סק"ב. שו"ע אדה"ז שם ס"ד.

47) שם טו, ה.

עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן, עד יעבור עמך ה' עד יעבור עם זו קנית („חבבת משאר אומות כחפץ הקנוי בדמים יקרים שחביב על האדם"[48]), תבאמו ותטעמו בהר נחלתך מכון לשבתך פעלת ה', מקדש אד' כוננו ידיך"[49], ביז — „ה' ימלוך לעולם ועד"[26].

ולכאורה האָט דער עיקר הדגשה אין שירת הים געדאַרפט זיין בנוגע צו הצלת בני ישראל (דורך דעם נס פון קרי"ס) — פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ הדגשה אויף דער פעולה אויף די אוה"ע, טביעת מצרים בים, און דער אימה ופחד אויף די אוה"ע אַרום כו'?

וי"ל דעם ביאור אין דעם: דער תוכן הנס (קרי"ס) והשירה איז ניט אַזוי דער אַרויסברענגען די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן ווי ער שטייט למעלה, און ווי ער האָט ליב אידן און באַשיצט זיי וכו' מצד די מעלה פון זייערע נשמות, זייענדיק „בנים אתם לה' אלקיכם"[50] וכו', נאָר בעיקר בכדי אַרויסברענגען די גרויסקייט און שטאַרקייט פון דעם אויבערשטן — און זיין פאַרבונד מיט אידן — למטה אין עולם הזה, אַ וועלט וואָס איז אונטערוואַרפן די חוקי הטבע (וועלכע דער אויבערשטער האָט באַשטימט), אַ וועלט וואו עס זיינען פאַראַן אוה"ע, און אידן זיינען אדרבא „המעט מכל העמים"[51], ביז ווי אַ כבשה אחת בין שבעים זאבים[52], אידן האָבן מנגדים, מצרים און אַנדערע אומות — און ניט קוקנדיק אויף דעם, באַשיצט דער אויבערשטער אידן און ער ראַטעוועט זיי פון די הענט פון זייערע שונאים, און אויב עס נויטיקט זיך — מאַכט פאַר זיי דער אויברשטער נסים, ער שפּאַלט פאַר זיי דעם ים און „פאַרטרינקט" די מצריים בים, און וואַרפט דורך דעם אָן אַן אימה ופחד אויף די אומות אַרום,

און דוקא דורך דעם ווערט נתגלה, אין אַ פולער אופן, מלכותו יתברך בכל העולם כולו, אַז אויך אין אַ וועלט, וואו דאָרט הערשן די חוקי הטבע, און מ'קען זיך איינרעדן און אָפּנאַרען אַז די וועלט ווערט געפירט דורך די חוקי הטבע — ווערט אַנטפּלעקט ווי דער אויבערשטער איז דער בעל־הבית און מלך אויף אידן און אויף כל העולם כולו — „ה' ימלוך לעולם ועד".

ויש לומר אַז דאָס איז דער חידוש וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך שירת הים, ע"י וואָס אידן האָבן געלאָזט אַלעמען הערן (דורך זאָגן שירה) אַז „ה' ימלוך לעולם ועד" — ווי עס שטייט אין מדרש[53]: אע"פ שמעולם אתה, לא נתיישב כסאך ולא נודעת בעולמך עד שאמרו בניך שירה כו', אמרו ישראל באמת עד שלא בראת עולמך היית אתה משבראת אותו אתה הוא, אלא כביכול עומד כו', אבל משעמדת בים ואמרנו שירה לפניך באז נתיישבה מלכותך וכסאך נכון, הוי נכון כסאך מאז[54] באז ישיר". דאָס הייסט, אַז דורך דעם וואָס אידן האָבן געזאָגט שירה (אויף קרי"ס)[55] איז נתגלה געוואָרן בעולם — ב־

---

48) פרש"י שם, טז ד"ה קנית.

49) שם, יד־יז.

50) פ' ראה יד, א.

51) ואתחנן ז, ז.

52) תנחומא תולדות ה. אסתר רבה פ"י, יא. פס"ר פ"ט, ב.

53) שמו"ר פרשתנו פכ"ג, א.

54) תהלים צג, ב.

55) דאף שגם לפני אמירת שירת הים הראה הקב"ה ממשלתו בעולם ועשה כמה נסים — כמו בדור המבול ובדור ההפלגה — הרי ע"ז לא הוקבע עדיין מלכותו והי' רק לשעה כו' (ראה פי' מהרז"ו לשמו"ר כאן), כי ע"י הנסים עצמם (שנעשו ע"י הקב"ה) — בלי אמירת שירה ע"י בנ"א — עדיין אין הוכחה שהעולם (מצד ענינו הוא) מכיר במלכותו ית'

אופן של התיישבות – מלכותו ית', ועד"מ ווי דורך ישיבה זעט מען בגלוי ווי די רגלים זיינען טפל לראש, ועד"ז אין נמשל, אַז עולם העשי' (בחי' רגלים) איז ניט מסתיר אויף אלקות, נאָר מ'זעט ווי ער איז טפל און אַ כלי צו אלקות[56].

וי"ל, אַז דער כח אויף דעם איז גע־קומען דורך דעם נס פון קריעת ים סוף, „הפך ים ליבשה"[57], וואָס דורך דעם איז דער כח אלקי וואָס איז פאַרדעקט אין דער בריאה (ווי דער ים וואָס פאַרשטעלט און פאַרדעקט אַלץ וואָס אין אים), קומט אַרויס בגילוי – „יבשה", און דורך דעם באַקומט מען דעם כח צו זען בגלוי דעם אלקות אין יעדער זאַך בעולם;

אָבער „נתיישבה מלכותך" בעולם איז געוואָרן דוקא דורך אמירת שירה של משה ובנ"י[58]. ולהוסיף, אַז שירה איז פאַר־בונדן מיט שמחה וועלכע איז פורץ אַלע גדרים והגבלות[59], דעריבער גיט דאָס נאָכמער כח צו מגלה זיין אלקות (שלמע־לה מהגבלה) אין וועלט (גבול), ביז ווי דער אויבערשטער איז „מלך על כל ה־ארץ"[60].

דערפון איז מובן, אַז קרי"ס און שירת הים איז אַן ענין הכי כללי – דער יסוד וכללות העבודה בכל הזמנים ובכל ה־דורות – וואָס דערפאַר האָבן אַלע אידן גע־זאָגט שירה, אנשים נשים וטף (און „אפילו עוברין שבמעי אמן אמרו שירה"[61]), און דערפאַר איז מען מזכיר קרי"ס (און מ'־זאָגט שירת הים) בכל יום (כנ"ל ס"ב) – קבלת עול מלכות שמים[62], און צו מגלה זיין מלכותו ית' אין וועלט, אַז בכל דור ודור ובכל זמן ובכל מקום, אפילו ווען עס זיינען דאָ „זאבים", זאָלן אַלע אַנערקענען, אויך די אוה"ע, אַז „ה' ימלוך לעולם ועד" (ווי עס וועט זיין בשלימות לעתיד לבוא, ווען עס וועט זיין „כל ה־מלוכה שלו"[63]).

ווי אונטערשטראָכן אין תפלות כל יום וואו מ'איז מזכיר קרי"ס און שירת הים (אין „אמת ויציב" און „אמת ואמונה"): „אמת ויציב וכו' לעולם ועד, אמת אלקי עולם מלכנו צור יעקב מגן ישענו לדור ודור הוא קיים ושמו קיים וכסאו נכון ומלכותו ואמונתו לעד קיימת כו', לעד ולעולמי עולמים על אבותינו ועלינו על בנינו ועל דורותינו ועל כל דורות זרע ישראל עבדיך כו'", און דערנאָך איז ער ממשיך „על חסד שעשה עם אבותינו ש־הוציאם ממצרים ובקע להם הים והעבי־רם"[64], און מ'איז מתפלל אַז אַזוי זאָל זיין „בכל דור ודור".

ועד"ז אין „אמת ואמונה" – „מדבר בה גם על העתידות שאנו מצפים שיקיים לנו

ובנסים של הקב"ה, ו„נתיישבה מלכותך" נעשה דוקא ע"י שירת משה ובנ"י שנשמע גם בעולם.

56) ראה בארוכה (בביאור מדרש זה) ד"ה אז ישיר באוה"ת פרשתנו ע' תצ. ע' תצה ואילך. ד"ה הנ"ל העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' תתמב. ע' תתנ).

57) תהלים סו, ו.

58) כי ע"י קרי"ס עצמו (בלי שירת משה ובנ"י) עדיין אין הוכחה שהעולם (מצד ענינו הוא) מכיר במלכותו ית', כנ"ל הערה 55.

59) ראה בארוכה סה"מ תרנ"ז ע' קכג ואילך.

60) נוסח תפלת העמידה דר"ה (חתימת ברכת „אלקינו כו' מלוך כו'"), וכן בקידוש ובברכת ההפטורה.

61) סוטה ל, א.

62) העבודה כללית דראש השנה, „שתמליכוני עליכם" (ר"ה טז, א. לד, ב), וממנו נמשך העבודה בפרטיות בקב"ע מלכות שמים בכל יום. (ראה ברכות רפ"ב).

63) פרש"י פרשתנו עה"פ.

64) שו"ע אדה"ז שבהערה 30.

הבטחתו ואמונתו לגאלנו מיד מלכים ומיד עריצים ולשום נפשנו בחיים ולהדריכנו על במות אויבינו, כל אלה הנסים התדירים תמיד"[64], „הא־ל העושה לנו נקמה בפרעה כו' המעביר בניו בין גזרי ים סוף ואת רודפיהם ואת שונאיהם בתהומות טבע וראו בניו גבורתו שבחו והודו לשמו ומלכותו ברצון קבלו עליהם, משה ובנ"י לך ענו שירה בשמחה רבה כו', מלכותך ראו בניך בוקע ים לפני משה כו'"[65].

ד. בכדי אויפטאָן דעם ענין פון „ה' ימלוך לעולם ועד" אין וועלט — דאַרף אַ איד דאָס פריער אויפטאָן באַ זיך אַליין, אַז ער זאָל אַנערקענען און פילן בכל מציאותו אַז דער אויבערשטער איז „מלך ישראל"[66], ובאופן פון „לעולם ועד", אין אַלע זיינע ענינים, כולל עניני העולם — זמן ומקום, זיין גוף הגשמי און אַלע זיינע גשמיות'דיקע זאַכן.

וואָס דאָס איז דער תוכן ולימוד פון פרשת המן — „כדי שיאמין שכל מזונותיו באין לו בהשגחה"[39] (וואָס דערפאַר איז דאָס נוגע לכל יום ויום): פון[67] ירידת המן לערנט אַ איד — בכל זמן ובכל מקום — אַז דער אויבערשטער איז „הזן את הכל"[68], דער שפייז פון אַ אידן, און פון כל העולם כולו, איז „לחם מן השמים"[69]. און דערפון פאַרשטייט מען, אַז אויך ווען אַ איד באַקומט פרנסה באופן פון „לחם מן הארץ", דורך זיין אייגענע האָרעוואַניע און די לבושי הטבע (פון חרישה וזריעה וכו') — ווייס ער און פילט ער אַז דאָס איז באמת „לחם מן השמים", ניט געבונדן מיט די הגבלות פון דרכי הטבע, ווי עס שטייט אין מדרש[70]: „דבר יום ביומו[8], מי שברא יום ברא פרנסתו, מכאן הי' ר"א המודעי אומר כל מי שיש לו מה יאכל היום ואומר מה יאכל למחר הרי זה מחסירי אמונה", און ווי הנהגת הלל „שהי' אומר ברוך[71] ה' יום יום יעמס לנו צרכנו"[72].

ובפרט בזמן הגלות, און בפרטי פרטיות אין די דורות האחרונים פון גלות — כידוע דער וואָרט פון דעם רבי'ן מהר"ש[73], אַז פרנסה בזמן הזה[74] איז באופן פון השפעת המן, לחם מן השמים.

דאָס הייסט, אַז אַ איד דאַרף וויסן אַז ער איז באמת העכער פאַר וועלט און טבע, און אפילו ווי ער „קומט אַראָפּ" און שטייט אין וועלט און האָט צו טאָן (בחיצוניות) מיט לבושי הטבע און אוה"ע כו' — איז ער למעלה מטבע, און זיין פרנסה און אַלע הצטרכויות באַקומט ער באופן פון „לחם מן השמים", וואָס איז ניט געבונדן מיט דרכי הטבע.

65) נוסח ברכת „אמת ואמונה".

66) נוסח תפלת מוסף דר"ה (ברכת מלכיות) — מישעי' מד, ו.

67) בהבא לקמן — ראה אוה"ת פרשתנו ע' תרמג ואילך. לקו"ש חט"ז ע' 174 ואילך. חכ"ו ע' 95 ואילך. ועוד.

68) סוף ברכה הראשונה דברהמ"ז.

69) ל' הכתוב בנוגע להמן — פרשתנו טז, ד.

70) תנחומא פרשתנו כ. וראה לקו"ש חט"ז שם ע' 176, וש"נ.

71) תהלים סח, כ.

72) ביצה טז, א. הובא בשו"ע אדה"ז או"ח סרמ"ב ס"י. — „וגם שמאי לא אמר מחדא בשבא לשבא רק משום כבוד שבת דוקא אבל בשאר עניני האדם ופרנסתו גם לשמאי האמת האמיתי הוא שאין לאדם לדאוג כלל מה יהי' למחר ומה יהי' פרנסתו כו'" (אוה"ת שם ע' תרמד).

73) סה"מ תש"ט ע' 21.

74) ואף שכן הוא בכל הזמנים (כנ"ל בפנים), הרי בארץ ישראל שהיו „איש תחת גפנו" (מ"א ה, ה) כו', אי"ז ניכר כ"כ, משא"כ בצוק העתים הללו דזמן הגלות, נראה שאין ההשפעה באה ע"י ולפי"ע מעשה ידיו. וראה דרמ"צ קז, סע"א: בעסקו במו"מ יכוין שמאמין שהשפע ברכת ה' היא כשארי הנסים הגלויים כמו שהוריד המן כו'.

וי"ל אַז עד"ז איז אויך דעם לימוד פון דעם שליו און באר מים וועלכע זיינען נמשך געוואָרן צו אידן אין מדבר באופן נסי מן השמים — אַז דערפון לערנט מען בנוגע צו אַלע עניני פרנסה וצרכי האדם — אויך בשר ומים (נוסף אויף לחם, השם כללי לכל צרכי האדם) — אַז אויך ווען ער באַקומט דאָס דורך לבושי הטבע, איז באמת איז דאָס „מן השמים".

און דורך דעם וואָס אַ איד איז מקבל מלכותו ית' אין זיין אייגענעם לעבן, אַז ער איז מגלה באַ זיך דעם „ה' ימלוך לעולם ועד", ווי זיין פרנסה און אַלע זיינע ענינים קומען פון מלך מלכי המלכים הקב"ה — האָט ער דעם כח צו אַזוי אויך אויפטאָן אין וועלט [וכמ"ש[75] „גם את ה־עולם נתן בלבם". ולהעיר מפס"ד ה־רמב"ם[76], אַז דורך אַ מצוה אחת קען אַ איד מכריע זיין „את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשובה ו־הצלה"] — אַז אין דער גאַנצער וועלט זאָל זיך אָנהערן אַז „ה' ימלוך לעולם ועד".

ה. בכדי אויפטאָן שלימות הענין פון „ה' ימלוך לעולם ועד" פאָדערט זיך אַז מ'זאָל מבטל זיין אַלע ענינים וואָס זיינען דערצו מנגד.

וואָס דאָס איז דער כללות'דיקער באַ־דייט פון מלחמת עמלק: פון דעם וואָס שטייט באַ מלחמת עמלק „כס י"ה"[44] לערנען אָפּ חז"ל[77] (און רש"י ברענגט עס אַראָפּ בפירושו עה"פ), אַז „נשבע הקב"ה שאין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה שמו של עמלק כולו, וכשימחה שמו יהי' השם שלם והכסא שלם". און דעריבער איז „מלחמה לה' בעמלק מדור דור", „ידו של הקב"ה הורמה לישבע בכסאו להיות לו מלחמה ואיבה בעמלק עולמית"[78] — עמלק איז אַ סתירה צו „ה' ימלוך לעולם ועד", שלימות גילוי מלכו־תו ית' בעולם. און וויבאַלד אַז דער גילוי פון „ה' ימלוך" איז אַן ענין תמידי בכל דור ודור, אַזוי איז אויך אין דעם קו פון „סור מרע" (צו מבטל זיין די ענינים וואָס שטערן צו „ה' ימלוך") — אַז דאָס איז „מדור דור", ווייל דוקא דורך דעם וואָס „ימחה שמו" דעמלק וועט זיין „השם שלם והכסא שלם".

ובעבודת השם: קליפת עמלק איז דער ענין פון קרירות, כמ"ש[79] „אשר קרך ב־דרך", און עמלק בגימטריא ספק[80] — ער קילט אָפּ און וואַרפט אַריין ספיקות אין דעם וואָס קרי"ס האָט אויפגעטאָן[81] און ענין הנסים בכלל[82] — אפשר איז די פעו־לה פון קרי"ס געווען נאָר אַן איין מאָליקע זאַך, אָבער דער סדר הרגיל וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט איז, אַז

---

75) קהלת ג, יא. וראה לקו"ת במדבר ה, ריש ע"ב.

76) הל' תשובה פ"ג ה"ד.

77) תנחומא תצא יא.

78) פרש"י שם.

79) תצא כה, יח. וכדרז"ל (תנחומא שם ט. פרש"י עה"פ) — ל' קור כו'. — וראה ד"ה והי' כאשר ירים תר"פ אות ג ואילך (סע' רצב ואילך). ד"ה זכור וד"ה והי' כאשר ירים תרצ"ד (סה"מ קונטרסים ח"ב ע' 570 ואילך). לקו"ש ח"א ע' 209 ואילך. ובכ"מ.

80) כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סצ"ג. סה"מ עטר"ת ע' רצד. סה"מ תש"ט ע' 40. שם ע' 65 (השני). אגרות קודש אדמו"ר מוהריי"צ ח"ג ע' רעט. ועוד.

81) ראה אוה"ת פרשתנו ע' ב'תתקס, שעניננו של עמלק („כס י־ה", ש„אין שמו שלם וכסאו שלם") הוא היפך הענין ד„הפך ים ביבשה" בקרי"ס.

82) ראה ד"ה ויבוא עמלק וד"ה ויאמר משה תש"ט (ע' 34 ואילך. ע' 51 ואילך). וראה גם ד"ה זכור תרמ"ז (ע' פ ואילך).

אַ איד זאָל זיין אונטערטעניג צו די חוקי הטבע, ובפרט בזמן הגלות. וכמרומז אויך אין דעם לשון „קרך" — מלשון מקרה: עמלק וויל פועל'ן אַז אַ איד זאָל ניט זען עניני השגחה פרטית[83]. און בכדי מגלה זיין ווי „ה' ימלוך לעולם ועד", סיי ביי אַ אידן בעבודתו, און סיי בכל העולם כולו, פאַדערט זיך אַז „ימחה שמו של עמלק כולו", מבטל זיין אַלע ענינים פון קאַלט־קייט, גלייכגילטיקייט און ספיקות — וועלכע זיינען היפך פון דעם ענין פון „השם שלם והכסא שלם".

ה. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם המשך פון „וישמע יתרו", „מה שמו־עה שמע ובא קרי"ס ומלחמת עמלק"[84]:

אויף דברי יתרו „עתה שמעתי כי גדול הוי' מכל האלקים" זאָגן חז"ל[85], „מלמד שהי' מכיר בכל ע"ז שבעולם שלא הניח ע"ז שלא עבדה".

דאַרף מען פאַרשטיין: א) לויט דעם פירוש אַז „כל האלקים" גייט אויף ע"ז, וואָס איז דער אויפטו ושבח פון דעם אַז יתרו האָט מכיר געווען אַז „גדול הוי' מכל האלקים"?! ב) צי דען קומט די תורה רעדן בגנותו של יתרו צו זאָגן אַז „הי' מכיר בכל ע"ז שבעולם" (היפך הכלל אַז תורה איז זהיר ניט צו רעדן אפילו בגנותה של בהמה טמאה[86]), ובפרט אַז פון תוכן ה־פרשה איז מובן, אַז מ'קומט רעדן בשבחו דיתרו?

איז דער ביאור אין דעם ע"פ דברי ה־רמב"ם[87], אַז התחלת ענין ע"ז איז געקומען דערפון וואָס זיי האָבן געמיינט אַז „הואיל והאלקים ברא כוכבים אלו וגלגלים ל־הנהיג את העולם כו' ראויין הם לשבחם ולפארם ולחלוק להם כבוד, וזהו רצון הא־ל כו'". זייער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, אַז זיי האָבן געמיינט אַז די כוכבים האָבן אַ שליטה וכח צו משפיע זיין ב־בחירתם ח"ו, און זיי האָבן ניט געוואוסט דעם אמת, אַז דער אויבערשטער איז משפיע דורך זיי כגרזן (דבר בלי חיות כלל וכלל) ביד החוצב[88].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז שלילת ענין ע"ז איז שייך ניט נאָר בנוגע צו כוכבים ומזלות, נאָר בנוגע צו אַלע דרגות אין סדר השתלשלות (מלאכים[89], שרפים וכו') דורך וועלכע די השפעה קומט ל־מטה, אַז זיי האָבן ניט קיין רצון ובחירה ובמילא האָט קיין אָרט ניט זיי אָפּגעבן כבוד, ווייל זיי זיינען נאָר כגרזן ביד החוצב.

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק דער עילוי פון יתרו, און פון זיין הכרה אַז „עתה ידעתי כי גדול הוי' מכל האלקים": יתרו האָט מכיר געווען „בכל ע"ז שבעולם", ער האָט געהאַט אַ ידיעה והשגה אין אַלע דרגות וממוצעים בכל העולמות ביז למעלה מע־לה [נאָר ווען ער איז געווען „כהן מדין"[90] האָט ער געהאַט דעם טעות און געמיינט אַז זיי האָבן אַ כח ושליטה, ובמילא איז דאָס עבודה זרה]: און דורך דעם וואָס ער האָט געהערט און דערהערט — „שמועה שמע ובא" — וועגן „קרי"ס ומלחמת עמלק" און „כל אשר עשה להם בירידת המן ובבאר ובעמלק", און וועגן די נסים

83) ראה גם ס' השיחות תשמ"ט ח"א ע' 328.

84) בהבא לקמן ראה גם לקו"ש חי"א ע' 77. חט"ז ע' 202־201. סה"מ מלוקט ח"ג ע' ס ואילך.

85) מכילתא ופרש"י עה"פ. זח"ב סט, א.

86) ב"ב קכג, א.

87) הלכות ע"ז בתחלתן.

88) סהמ"צ להצ"צ מצות מילה (ו, ב). שם מצות אחדות ה' (ס, ב). ובכ"מ.

89) ראה רמב"ם שם ה"ב. שם רפ"ב. וראה פיהמ"ש להרמב"ם פ' חלק יסוד החמישי.

90) שמות ב, טז. ר"פ יתרו.

פון יצי"מ בכלל, די ענינים וועלכע האָבן מגלה געווען אַז די לבושי הטבע און אַלע ממוצעים זיינען נאָר כגרזן ביד החוצב, ובפרט פון מלך מלכי המלכים הקב"ה („ה' ימלוך לעולם ועד"), און מ'האָט מלחמה מיט „עמלק" וואָס שטערט דערצו — האָט ער געזאָגט אַז „עתה ידעתי כי גדול הוי' מכל האלקים"[91], אַז אויך די כחות פון טבע נעמען זיך פון הוי', און הוי' איז דער איינציקער שולט איבער זיי (וואָס דערפאַר האָט ער בכח צו מאַכן נסים, כולל — נסים המלובשים בטבע, ביז באופן אַז אין בעל הנס מכיר בנסו[92], וואָס בפרט אחד איז דאָס נאָך אַ גרעסערער חידוש ווי נסים שיוצאים מדרך הטבע)[93].

און דורך הודאת יתרו — וואָס דאָס איז געווען נאָך קודם שנתגייר[94] — איז אַריינגעגעבן געוואָרן דעם כח אין עולם, און אין אוה"ע — זיי זאָלן קומען צו דער הכרה אַז „גדול הוי' מכל האלקים", „ה' ימלוך לעולם ועד".

ז. דער ענין הנ"ל — וועלכער שטייט נאָכמער בגלוי ובהדגשה אין דעם שבת (אע"פ וואָס דאָס איז אַן ענין כללי ותמידי במשך כל השנה כולה), ווען מ'לייענט וועגן דעם בגלוי אין קריאת התורה, תורה שבכתב[95] — איז נאָכמער אונטערשטראָכן בדורות האחרונים, ובפרט בדורנו זה:

יו"ד שבט, דער יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, קומט אויס אַלעמאָל בסמיכות צו (אָדער אין) דער וואָך פון פ' בשלח, ובשנה זו — איז דאָס געווען בערב שבת פ' בשלח, וואָס דער „יאכל בשבת" (פ' בשלח) איז פון דעם „טרח בערב שבת"[96], כמודגש בפרשתנו, אַז ביום הששי האָט מען מלקט געווען „לחם משנה" אויך פאַר דעם יום השבת.

וע"פ הידוע אַז ביום ההסתלקות, ועד"ז בכל שנה ביום ההילולא, פון אַ צדיק ווערט נתגלה „כל מעשיו ותורתו ועבודתו", און דאָס איז „פועל ישועות בקרב הארץ"[97] — איז מובן, אַז די עבודה פון דעם בעל ההילולא האָט אַ שייכות מיט די ענינים וואָס רעדן זיך אין דער פרשה.

וי"ל איינער פון די ענינים בזה:

דער עיקר עבודה פון דעם בעל ההילולא איז באַשטאַנען אין — הפצת התורה והיהדות, ובמיוחד — יפוצו מעינותיך חוצה[98], לערנען און פאַרשפּרייטן די מעינות פון פנימיות התורה, תורת החסידות,

---

91) ולהוסיף, שענין זה מרומז גם בשמו יתר (שנקרא כן קודם שנתגייר*) — מלשון יתרון ומעלת השכל שבו, ע"ד אורות מרובים דתהו, ולאחרי שנתגייר נקרא בשם יתרו בתוספת וא"ו, שמורה שההמשכה באופן של יתרון יומשך במקום הראוי כו' (ד"ה ויאמר משה תש"ט — ע' 58 ואילך).

92) נדה לא, א.

93) ראה בארוכה אוה"ת יתרו ע' תשלו ואילך. ע' תשמו ואילך. ע' תשנו ואילך. ע' תשסד.

94) ראה זבחים קטז, א. וראה לקו"ש חט"ז ע' 201.

*) שמו"ר פכ"ז, ח. מכילתא ופרש"י ר"פ יתרו.

95) דהגם שענינים הנ"ל מבוארים בתושבע"פ, וליכא מידי דלא רמיזא באורייתא* (נוטריקון „אור ייתא" (סה"ש תש"ד ריש ע' 116. לקו"ש ח"כ ע' 271), היינו שהוא באופן גלוי, ה"ז סו"ס באופן של רמז: ואינו דומה כשקורין ע"ד ענינים אלו בגלוי בתושב"כ בשבת פ' בשלח. — ולהעיר שבתורה עצמה ה"ז ע"ד הגילוי דאלקות שלמעלה מעולם (תושב"כ) בתוך העולם (תושבע"פ).

ויש לומר, שמשבת זו נמשך הכח והלימוד מזה בכל ימי השנה.

96) ע"ז ג, סע"א.

97) תניא אגה"ק סז"ך־כ"ח.

98) ל' הכתוב — משלי ה, טז. אגה"ק הידועה דהבעש"ט — נדפסה בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ.

*) ראה זח"ג רכא, א.

אין חוצה, ביז אין חוצה שבעולם, חוצה שאין חוצה ממנה.

דער כח צו אויפטאָן „ה' ימלוך לעולם ועד" (בעולם) הויבט זיך אָן פון דעם גילוי אין תורה (וואָרום „אסתכל באורייתא וברא עלמא"[99]): תורה ווערט אָנגערופן „לחם"[100], און די דרגא פון „לחם מן השמים" שבתורה איז — פנימיות התורה[101], וועלכע איז למעלה מגדרי העולם („אילנא דחיי, דלית תמן לא קשיא מסטרא דרע ולא מחלוקת כו'"[102]).

ולהוסיף, אַז אויך דער ענין השליו — וואָס איז „(מין עוף) ושמן מאד"[103], בחי' שמן[104] — גייט אויף פנימיות התורה, כידוע אַז שמן איז בחי' פנימיות התורה, ובזה גופא — רזין דרזין דאורייתא[105].

דורך דעם גילוי פון פנימיות התורה, ובפרט כפי שנתגלתה בתורת חסידות חב"ד, וועלכע ברענגט עס אַריין אין הבנה והשגה (ביז — פון נה"ב), בפנימיות האדם, באופן פון „יתפרנסון מיני"[106] — איז מען ממשיך ומגלה אין זיך דעם ענין פון „לחם מן השמים" און „שמן" שבתורה, ביז באופן אַז דאָס ווערט זיין מציאות, „דם[107] ובשר כבשרו"[108].

ד.ה. אַז לימוד החסידות איז אין אַן אופן אַז דאָס ווירקט אויף אים אינגאַנצן, מ'זעט בגלוי ווי דאָס איז זיין מציאות, ביז מציאות הגשמית.

ולהוסיף בדיוק הלשון לימוד החסידות, ע"ד לשון הכתוב „מלמד הבקר"[109], אַז דאָס פועל'ט אויף זיין נה"ב (בחי' בקר שבו), ער זאָל גיין בדרך הישר.

און עד"ז איז תורת חסידות חב"ד מגלה ווי טבע העולם איז באמת אלקות[110], אַנהויבנדיק פון תורת הבעש"ט[111] אַז התהוות הבריאה ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מחדש מאין ואפס המוחלט.

און אין דעם גילוי החסידות באופן הנ"ל דורך רבותינו נשיאינו בכלל — איז צוגעקומען ביתר שאת וביתר עוז דורך דעם בעל ההילולא, ביז — באופן אַז ער האָט געהייסן איבערזעצן תורת החסידות בלשון עם ועם, ובמיוחד — לאחרי ווי ער איז אָנגעקומען אין חצי כדור התחתון, וואָס דעמולט איז נתרחב געוואָרן ביז באופן שלא בערך די עבודה פון יפוצו מעינותיך חוצה, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה, כולל — אויך — הפצת שבע מצוות

---

99) זח"ב קכא, סע"א ואילך.

100) ראה שבת קכ, א. חגיגה יד, א. הקדמת תקו"ז (א, ב). ובכ"מ.

101) מאמרי אדה"ז — הנחות הר"פ ע' עז־עח. סה"מ תקס"ח ע' מ. ועוד. תו"ח פרשתנו שה, ב. ד"ה והי' כי תבוא תרס"ו. אר"ע אשריכם ישראל תרס"ז. וראה בארוכה לקו"ש ח"ט ע' 17 ואילך. חט"ז ע' 169. חכ"ו ע' 112.

102) זח"ג קכד, ב — ברע"מ. הובא ונתבאר באגה"ק סכ"ו.

103) לשון רש"י פרשתנו טז, יג. וראה יומא עה, ב.

104) לקו"ת בהעלותך לב, א. שם, ב ואילך. עיי"ש.

105) ראה בארוכה אמרי בינה שער הק"ש פנ"ד ואילך. וראה בהנ"ל לקו"ש חט"ז שם. ועיי"ש החילוק בין פנימיות התורה בדרגת המן ופנימיות התורה בדרגת השליו.

106) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המק"מ לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד.

107) ראה תניא פ"ה.

108) וכידוע ששמן (פנימיות התורה) „מפעפע בכל דבר", ד„גדי שמן שצלאו בחלבו . . אסור לאכול אפילו מראש אזנו (אף „שאין שם חלב", רש"י) שכיון שהוא שמן מפעפע בכולו" (ראה חולין צו, סע"ב ואילך. שו"ע יו"ד סק"ה ס"ה). — וראה קונטרס ענינה של תורת החסידות ס"ז.

109) שופטים ג, לא.

110) סד"ה פדה בשלום תרפ"ה (ע' פח).

111) שעהיוה"א פ"א.

בני נח באַ אוה״ע[112], און דורך דעם אויפ־טאָן דעם „ה׳ ימלוך לעולם ועד״, גם מ־לשון העלם[113].

ח. וענין זה איז אויך מרומז אין דעם נאָמען פון בעל ההילולא — יוסף יצחק:

יוסף איז מלשון הוספה, און יצחק איז מלשון צחוק ושמחה — וואָס ביידע נעמען באַווייזן אויף אַ גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה: הוספה מער ווי די הגבלה וויפל ס׳איז באַשטימט געוואָרן לכתחילה, און שמחה איז פורץ גדר[59]. ובפרטיות יותר: יוסף איז ע״ש „יוסף ה׳ לי בן אחר״[114], אַז די הוספה דערגרייכט אויך אין בחי׳ „אחר״ (פון עולם), ביז בחי׳ אחר בערך צו קדושה, און פון דעם „אחר״ מאַכט מען אַ בן[115] (לשון) יחיד צו דעם אויבערשטן, און בן אויך מלשון בינה, דער אם ומקור ה־מדות[116] — אַז דאָס נעמט דורך כל מציאותו. יצחק איז ע״ש „כל השומע יצחק לי״[117], אַז דער פריצת גדר (פון צחוק ושמחה) דערגרייכט צו „כל השומע״[118], אפילו אַזאַ וואָס האַלט נאָך ניט באַ ראי׳, און „כל השומע״ [כולל אַזאַ וואָס הערט דאָס לע״ע בעל כרחך (ווייל ער האָט לע״ע ניט קיין רצון דאָס הערן), כידוע אַז בני אדם זיינען ניט קיין בעה״ב אויפן כח השמיעה[119]].

ולהוסיף הדגשה פון קביעות יום ה־הילולא בשנה זו, בערב שבת — ע״פ[120] ה־ידוע[121] אַז די „שית אלפי שנין דהוי על־מא״[122] זיינען כנגד די ששת ימי השבוע, און יום השביעי איז כנגד דעם „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים״[123]: דער גי־לוי פון פנימיות התורה אין דעם אלף ה־ששי (ערב שבת הגאולה), ובמיוחד — נאָך שנת ה׳ת״ק, התחלת הבוקר פון יום (אלף) הששי[124], אָדער[125] חצות יום הששי[126], און נאָכמער — נאָך שנת ה׳תש״נ, חצות יום (אלף) הששי, אָדער שעה שלישית אחר חצות — איז בבחי׳ „לחם משנה״: מ׳באַ־קומט דעמולט (ניט נאָר טועמי׳[127], נאָר אַ חלק פון דעם עצם) גילוי פנימיות התורה פון דעם „יום שכולו שבת ומנוחה״, ובפרט אַז די גאולה קומט תיכף ומיד נאָך באלף הששי, אַזוי אַז מיט דעם גילוי פנימיות התורה איז מען גרייט — בבחי׳ תלמודו בידו — צו לערנען פנימיות התורה ביום שכולו שבת ומנוחה.

---

112) כפס״ד הרמב״ם הל׳ מלכים פ״ח ה״י.

113) ראה לקו״ת שלח לז, ד.

114) ויצא ל, כד.

115) ראה אוה״ת עה״פ רכ, א ואילך. ויחי שפו, א־ב.

116) ראה תניא פ״ג. ובכ״מ.

117) וירא כא, ו.

118) ולהעיר מהשייכות לבחי׳ שמן (פניה״ת) שמגיע עד ל„ראש אזנו״ (כדלעיל הערה 108). ועפ״ז יומתק בפנימיות הענינים הטעם שמביא (לדוגמא) „ראש אזנו״.

119) ורק בנוגע לאברהם אבינו מצינו חידוש מיוחד — ש„המליכו (הקב״ה) על מאתיים וארבעים ושמונה אברים . . שתי אזניים״ (נדרים לב, ריש ע״ב).

120) בהבא לקמן — ראה גם סה״ש ה׳תש״נ ח״א ע׳ 247 ואילך. ושי״נ.

121) רמב״ן בראשית ב, ג. ובכ״מ.

122) ר״ה לא, א.

123) ר״ה שם. תמיד בסופה.

124) אוה״ח הק׳ ר״פ צו. פינחס כו, יט. (ושם, שבשנת ת״ק „יתחיל ניצוצי גילוי הגאולה״ (וראה ס׳ מגדל עוז ע׳ תפו. תצה. ושי״נ). ועד״ז בד״ה ואת האלף לאדה״ז (מאמרי אדה״ז פרשיות ח״א ר״ע תכא)).

125) להדעה שיומו של הקב״ה אלף שנה כולל י״ב שעות היום, ואין הלילה בכלל זה (ראה פי׳ הרד״ל לפרדר״א פ״ז אות נה).

126) מק״מ לזח״א קיז, א. וכן משמע ברמב״ן ובחיי בראשית שם (וכבר תמה ע״ז החת״ס בתשובותיו ח״ו סס״א).

127) ראה שער הכוונות ענין טבילת ערב שבת. פע״ח שער יח רפ״ג. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 282 ואילך. ח״כ ע׳ 173. ושי״נ.

ט. ויש להוסיף בהנ"ל — אַ לימוד פון חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות[128]:

די תכונה פון אַן אילן איז, אַז ער וואַקסט, און האַלט אין איין וואַקסן[129], און איז נושא פירות עד א"ס — ע"ד דער ענין פון יוסף, הוספה[130]. וואָס דאָס באַדייט אין עבודת האדם — „כי האדם עץ השדה"[131] — אַז אַ איד באַנוגנט זיך ניט מיט די הגבלות הטבע פון זיין מצב בהוה, נאָר האַלט אין איין וואַקסן.

ובפרטיות יותר: בראש השנה לאילנות „נוהגין להרבות בו במיני פירות של אילנות"[132], ובפרט במיני פירות שנשתבחה בהן ארץ ישראל — „וגפן ותאנה ורמון ארץ זית שמן ודבש"[133] („דבש תמרים"[134]).

דער עילוי פון אַן אילן לגבי תבואה („חטה שעורה") איז[135], אַז תבואה איז אַ דבר המוכרח לקיומו של האדם, „לחם לבב אנוש יסעד"[136], משא"כ פירות האילן זיינען ניט מוכרח לקיום האדם, נאָר זיי גיבן צו תענוג באַ דעם מענטשן[137].

128) ריש מס' ר"ה. — ולהעיר שהוא אחד מ„ארבעה ראשי שנים", שכולם שייכים זל"ז (הגהות מיימוניות לרמב"ם הל' שופר פ"א אות א'), ועפ"ז שייך לראש השנה שבו נעשה „תמליכוני עליכם".

129) וראה תו"ח בראשית כא, סע"ד.

130) ראה גם סה"ש תשמ"ח ח"א ע' 245 הע' 28.

131) פ' שופטים כ, יט.

132) מג"א או"ח סקל"א סקט"ז. השלמה לשו"ע אדה"ז שם ס"ח.

133) עקב ח, ח.

134) רמב"ם הל' ברכות פ"ח הי"ג.

135) ראה בארוכה סה"ש שם ע' 244. סה"ש ה'תש"נ ח"א ע' 274.

136) תהלים קד, טו.

137) ובנוסח ברכת „בורא נפשות": „חסרונן" — „שהם חסרים וצריכים להם לצורך קיום חיותם . . כגון לחם ומים", ו„להחיות בהן" — „דברים שבראם להתענג בהם, כגון מיני פירות" (טור ושו"ע אדה"ז או"ח סר"ס רז).

דאָס הייסט, אַז דער אויפטו פון ט"ו בשבט, ר"ה לאילנות איז — די עבודה וואָס איז ניט במדידה והגבלה פון „לחם מן הארץ" (חטה ושעורה), וועלכער איז אָפּגעמאָסטן לויט דעם הכרח פון אַ בשר ודם לקיומו, נאָר אַן עבודה שלמעלה ממדידה והגבלה — דברי תענוג, שלמעלה מהצורך והכרח האדם, ביז ע"ד ובדוגמת „לחם מן השמים" בערך צו „לחם מן הארץ".

די כוונה בזה איז אָבער, אַז די פירות האילן זאָלן אַריינברענגען תענוג אויך אין די ענינים מוכרחים פון דעם מענטשן (חטה ושעורה).

ובפרטיות יותר — די שבעה מינים שבהם נשתבחה ארץ ישראל, „ארץ חטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון ארץ זית שמן ודבש"[138]: חטה (מאכל אדם[139]) איז מרמז אויף דער עבודה פון נפש האלקית. שעורה (מאכל בהמה[139]) — די עבודה פון בירור נפש הבהמית. וכמרומז אויך אין דעם וואָס חטה איז בגימטריא כ"ב, כנגד די כ"ב אותיות התורה[140] (קדושה), און שעורה איז מלשון שיעור — מדידה והגבלה (כל חד לפום שיעורא דילי'). חטה ושעורה מצ"ע זיינען אָבער ביידע מרמז אויף דער עבודה — אפילו די עבודה פון נה"א — ווי דאָס איז מוכרח (ע"פ דין) לקיום וחיות האדם, אַז די נשמה (נה"א) איז יורד ומברר דעם אדם.

דערנאָך קומט די עבודה מתוך תענוג, וואָס איז אויך ממשיך תענוג אין דער עבודה בבחי' חטה ושעורה — „וגפן ותאנה ורמון", וואָס באַווייזן אַלע אויף למעלה ממדידה והגבלה: גפן — „המשמח אלקים

138) ראה סה"ש ה'תש"נ הנ"ל הערה 135.

139) סוטה רפ"ב. ועוד.

140) זח"ג קפח, ב. תקו"ז תס"ט (קיד, ד (ס"א)).

ואנשים"[141], שמחה פורץ גדר. תאנה — כמ"ש[142] „כענבים במדבר מצאתי ישראל כבכורה בתאנה בראשיתה", „התאינה הזו בתחלה אורים אותה אחת אחת ואח"כ שתים ואח"כ שלשה עד שאורים אותה בסלים ומגריפות, כך בתחלה אחד[143] הי' אברהם כו' ואח"כ ובני[144] ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד"[145]. רמון — כמאחז"ל[146] מלאים מצוות כרמון, וואָס דאָס באַווייזט אויף אַ ריבוי גדול (אפילו באַ „ריקנין שבהם", עאכו"כ באַ „ועמך כולם צדיקים"[147]).

„ארץ זית שמן ודבש": זית שמן — מפעפע בכל דבר, ושמן שבתורה — בחי' פנימיות התורה (כנ"ל ס"ז). דבש תמרים — „צדיק כתמר יפרח"[148], וידוע אַז אַ תמר וואָס עושה פירות לשבעים שנה[149], באַ־ווייזט אויף אריכות ימים, ושלימות הימים כו'[138].

י. דער לימוד פאַר יעדער איד פון די ענינים האמורים לעיל:

אַ איד דאַרף וויסן אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער געפינט זיך אַ נשמה בגוף אין אַ וועלט מיט אוה"ע, און אַ וועלט וואָס ווערט געפירט לכאורה ע"פ חוקי הטבע — איז ער, דער איד, למעלה מדרך הטבע;

אַ איד איז אַלעמאָל פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן, וועלכער איז דער מלך ובעה"ב אויף כל העולם כולו, און דער אויבערשטער היט און באַשיצט אים פון אַלע זאַכן, „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל"[150]; און היות אַז דער אויבער־שטער איז ניט געבונדן ח"ו וח"ו צו דרכי הטבע, האָט ער ביכולת צו טאָן נסים עד אין קץ, און פאַר וועמען טוט ער נסים — פאַר עם קרובו, דעם אידישן פאָלק!

וכמדובר לעיל: נסים ביי אַ איד איז קיין פלא ניט. מיט יעדער אידן פאַסירן נסים בכל יום ויום — נסים גלויים אָדער נסים נסתרים, ביז בבחי' שאין בעל הנס מכיר בנסו.

ובמיוחד — ווי אונטערשטראָכן דורך רבותינו נשיאינו, ובפרט כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אַז במיוחד בזמנים אלו קען אַ איד זען באַ זיך אין זיין לעבן השגחה פרטית; דורך אַ התבוננות קלה אין די פאַסירונגען וואָס האָבן מיט אים געשען במשך פון מעת־לעת קען ער זען השגחה פרטית און נסים גלויים (מן השמים). ער דאַרף נאָר „אויפעפענען די אויגן" — וועט ער דאָס זען!

ובאם הדברים אמורים וועגן אידן בכל העולם כולו, אַז דער אויבערשטער מאַכט פאַר זיי שטענדיק נסים — עאכו"כ באַ אידן אין ארץ הקודש, „ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[151].

— מ'דאַרף ניט — און מ'זאָל ניט דאַרפן — אָנקומען צו די נסים וועגן וועלכע מ'לייענט אין די צייטונגען, אַז אַ גוי האָט אַרויפגעשאָסן אַ „מיסעל" למעלה, און אַ גוי פון חסידי אוה"ע האָט אים אַראָפּגע־שאָסן, וכיו"ב — וואָרום באַ אידן, ובפרט אין ארץ הקודש, זיינען דאָ אַ ריבוי נסים

141) ספר שופטים ט, יג.
142) הושע ט, י.
143) יחזקאל לג, כד.
144) שמות א, ז.
145) ב"ר רפמ"ו.
146) חגיגה בסופה. ושי"נ.
147) ישעי' ס, כא.
148) תהלים צב, יג.
149) זח"ג טז, א. וראה לקו"ת בחוקותי מט, ד.

150) תהלים קכא, ד.
151) עקב יא, יב.

בכל יום ויום (כנ"ל), נסים בענינים טובים, בטוב הנראה והנגלה.

יא. די הוראה דערפון בפועל, ובפרט בימינו אלו:

צוזאַמען דערמיט וואָס אַ איד דאַרף טאָן כל התלוי בו בעבודה בכח עצמו (ע"פ דרכי הטבע וכו') — דאַרף יעדער איד האָבן בטחון גמור, אָן קיינע ספיקות, אַז דער אויבערשטער וועט אים געבן אַלע גוטס, בטוב הנראה והנגלה[152].

און כשם ווי „הא־ל העושה לנו נקמה בפרעה כו' המעביר בניו בין גזרי ים סוף ואת רודפיהם ואת שונאיהם בתהומות טבע וראו בניו גבורתו שבחו והודו לשמו ומלכותו ברצון קבלו עליהם"[65] — אַזוי וועט דער אויבערשטער זיכער טאָן אויך איצטער, און מקיים זיין תפלת בנ"י „ש־יקיים לנו הבטחתו ואמונתו לגאלנו מיד מלכים ומיד עריצים ולשום נפשנו בחיים ולהדריכנו על במות אויבינו, כל אלה הניסים התדירים תמיד"[64].

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דורך דעם בטחון גמור אין דעם אוי־בערשטן — דאַרף אַ איד, ובפרט בשבת שירה (און די וואָך פון שבת שירה) — שטיין בשמחה און זאָגן שירה צו דעם אויבערשטן אויף די נסים וואָס ער טוט און וואָס ער וועט טאָן[153].

יב. ועוד וגם זה עיקר: בכל זה קומט צו נאָכמער דורך דעם וואָס אידן זיינען מוסיף אין לימוד התורה וקיום המצוות, וואָס „אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמורו" איז דער אויבערשטער מבטיח אַז „ונתתי גשמיכם בעתם גו' ונתתי שלום בארץ גו', ואולך אתכם קוממיות"[154].

כולל ובענינא דיומא — דורך דעם וואָס אידן בכל מקום שהם, וועלן זיכער מקיים זיין — ובתוספות הדגשה וחיזוק — דעם מנהג [וואָס בכמה מקומות איז אין דעם געוואָרן אַ חלישות מאיזה סיבה ש־תהי'] פון עסן בחמשה עשר בשבט פון די מינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל,

וואָס דורך דעם פאַרבינדט מען זיך נאָך שטאַרקער מיט ארץ ישראל, „ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", און דאָס גיט נאָכ־מער צו אין די נסים וואָס דער אויבער־שטער טוט מיט אידן.

— ולהעיר, אַז ע"פ המנהג עסט מען ט"ו בשבט אויך באָקסער (חרובים). וואָס דאָס האָט אַ שייכות מיוחדת מיט נסים — ווי די גמרא[155] דערציילט בנוגע צו רבי חנינא בן דוסא שהסתפק בקב חרובין מערב שבת לערב שבת, ובהמשך לזה ווערן דערציילט כו"כ נסים וואָס האָבן מיט אים פאַסירט, זייענדיק אַ מלומד בנסים.

יג. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער דורך דעם וואָס ביום (ליל) ההילולא האָט מען געטיילט יעדערן אַ (קונטרס) מאמר ד"ה ברוך שעשה נסים (תרס"ד) פון דעם

---

152) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ו ע' שצח ואילך. ושם: צריך לעשות כל מה שביכלתו לעשות עפ"י התורה והשכל האנושי, ולבטוח בה' ולא להיות אפילו בספק ספיקא כי יעזרהו השי"ת. להיות השגחתו ית' על כל נברא ונברא . . כל עניניהם ותנועותיהם היותר קלות הכל הוא בהשגחתו הפרטית והשגחתו ית' הנה היא הנותנת חיים ועוז לכל החי בשמים ובארץ. וראה לקו"ש ח"ג ע' 883 ואילך. חכ"ו ע' 96 ואילך. שמות שנה זו.

153) ראה של"ה חלק תושב"כ פרשתנו בביאור דברי המדרש „עתידין ישראל לומר שירה לע"ל", „כלומר עתידין כשיתבשרו להגאולה יאמרו שירה על מה שעתיד לבוא דהיינו על הנסים שיבואו שיתבשרו עליהם יקדימו לשורר מיד ויהיו בחוזק אמונתם כאילו נעשה כו'". ועיי"ש בהמשך הענין.

154) ר"פ בחוקותי.

155) תענית כד, סע"ב.

רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, אַ הנחה געשריבן דורך בנו יחידו ממלא מקומו, דער בעל ההילולא.

לכל לראש — איז דאָס מעורר אויף לערנען דעם מאמר, און מוסיף זיין אין לימוד התורה בכלל, ובפרט פנימיות ה־תורה, ותלמוד גדול שמביא לידי מעשה, כולל — מקיים זיין די לימודים און הוראות וואָס שטייען אין דעם מאמר.

ביחד עם זה האָט מען אויך געטיילט צוויי שטרות בכדי אָפּגעבן לצדקה, כללות כל המצוות (וצדקה שקולה כנגד כל המצוות), מלשון צוותא וחיבור — בכדי מוסיף זיין נאָכמער אין דעם צוותא וחיבור פון אידן מיטן אויבערשטן[156].

ועוד ועיקר — אַז מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל[157]: דער אויבער־שטער איז מקיים די בקשה וואָס שטייט אין סיום המאמר — "שעשה נסים לאבו־תינו, והבקשה הוא שיהי' גם בזמן הזה",

אַז נאָך אין די לעצטע רגעים פון גלות (מצרים) איז "ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[158],

ביז דער עיקר נס און די נסים רבים — בגאולה האמיתית והשלימה, וואָס "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[159], ובפרט שטייענדיק בשנת ה'תנש"א, שנת "אראנו נפלאות", נפלאות אפילו לגבי די נסים ביציאת מצרים[160],

ועוד ועיקר — תיכף ומיד ממש.

---

156) ולכן חילקו ב' שטרות — כי בצוותא וחיבור מודגש החיבור של שני דברים.

157) תהלים קמז, יט. וראה שמו"ר פ"ל, ט.

158) בא י, כג.

159) מיכה ז, טו.

160) אוה"ת נ"ך עה"פ שם.

משיחות ש"פ יתרו, ח"י שבט ה'תנש"א

א. על הפסוק[1] „וידבר אלקים את כל הדברים האלה" דרשו חז"ל[2] „מלמד ש־אמר הקב"ה עשרת הדברות בדיבור אחד, מה שאי אפשר לאדם לומר כן, א"כ מה ת"ל עוד אנכי ה' אלקיך ולא יהי' לך, שחזר ופירש על כל דיבור ודיבור בפני עצמו"*.

ונוסף על כללות אמירת כל עשרת הדברות בדיבור אחד, מצינו שהאמירה בדיבור אחד נתפרשה בפרטיות יותר:

א) בנוגע לשתי דברות הראשונות[3] — „אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה שמענום"[4], „דכתיב[5] אחת דיבר אלקים שתים זו שמעתי"[6].

ב) בנוגע ל„זכור" ו„שמור"[7] — „זכור ושמור בדיבור אחד, וכן מחללי' מות יומת[8] וביום השבת שני כבשים[9] . . הוא שנאמר אחת דיבר אלקים שתים זו שמע־תי"[10], כלומר, „זכור[11] היינו מצות עשה ושמור היינו מצות לא תעשה"[12], כמו ששנו רבותינו[13] כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה"[14], ואעפ"כ, נאמרו

---

1) פרשתנו כ, א.

2) מכילתא ופרש"י עה"פ.

3) פרטי הדעות באופן אמירת עשרת הדברות ושמיעתן ע"י בנ"י — ראה מילואים לתו"ש (פרשתנו) כרך טז ע' רכא ואילך. וש"נ.

4) מכות בסופה (כד, רע"א).

5) תהלים סב, יב.

6) פרש"י מכות שם. — ומציין המקור: „במכיל־תא". ולהעיר, שבמכילתא* הובא הפסוק „אחת דיבר אלקים גו'" בהדרשה „זכור ושמור שניהם נאמרו בדיבור אחד . . שנאמר אחת דבר אלקים שתים זו שמעתי, ואומר הלא כה דברי כאש נאם ה'" (כד־לקמן בפנים). וראה פרדר"א פמ"א: „מנין תורה תרי"א, ושתים דבר ה'**, שנאמר אחת דבר אלקים שתים זו שמעתי". ועד"ז בזהר פרשתנו פא, ב: „כתיב אחת דיבר אלקים שתים זו שמעתי, כד"א אנכי ולא יהי' לך".

7) בהציווי דשבת: בעשה"ד שבפרשתנו — „זכור", ובעשה"ד שבמשנה תורה — „שמור".

8) תשא לא, יז.

9) פינחס כח, יט.

10) מכילתא ופרש"י עה"פ (פרשתנו שם, ח). ושם: „וכן לא תלבש שעטנז, גדילים תעשה לך, וכן ערות אשת אחיך, יבמה יבוא עלי'". וראה לקו"ש חט"ז ע' 231 הערה 2. וש"נ.

11) ריב"א וחזקוני עה"פ.

ד„ים" (שלא יתגלה הכח האלקי שב־נבראים, אלא יהי' באופן ד„טובעו בים סוף"), ולא עוד אלא שמתהפך לקדושה, ים שלמעלה מיבשה, הגילוי דבחי' עלמא דאתכסיא (ים) שלמעלה מעלמא דאת־גלייא (יבשה)[131], שעי"ז נשלם הענין דיציאת מצרים[132], יציאה מכל המיצרים והגבולים.

ועד"ז בנוגע לענין הצדקה (ענינו של „נדב", נדיבות לב) — „כפר לצדקה"[133], מלשון כפרה[134], שעי"ז מתבטלים כל הענינים הבלתי־רצויים, ועד שמתהפכים לטוב, ועוד ועיקר — „גדולה צדקה ש־מקרבת את הגאולה"[135], ביטול הגלות, ועד להפיכתו לגאולה, שים הגלות שנמ־של לים סוער[136], „נחשול שבים"[137] („און וויפל איז אַ שיעור דערצו"?!...), מתהפך לים הגאולה — „מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[138].

יא. ויה"ר שההחלטה טובה שקיבל ויקבל כאו"א בשבת ר"ח ניסן להוסיף בכל עניני העבודה, כולל ובמיוחד בעניני חג הפסח (שתי שבתות לפני הפסח), בלי־מוד הלכות הפסח ונתינת צרכי הפסח לכל הזקוקים, באופן של הנהגה נסית — תמהר ותזרז ותביא תיכף ומיד את השכר דהנהגה הנסית ע"י הקב"ה, החל מהנס העיקרי דגאולה האמיתית והשלימה, שאז יקיימו כל בנ"י הלכות הפסח בשלי־מותן[139], החל מהקרבת קרבן פסח בי"ד בניסן, ואכילתו בליל ט"ו ניסן, באופן ד„כולנו מסובין", שכל בנ"י מסובין (דרך חירות[140]) על שולחנו של אביהם המלך[141], מלך מלכי המלכים הקב"ה, בעיר הבירה, ירושלים עיר הקודש, ובהיכל המלך, ביהמ"ק השלישי.

ועוד והוא העיקר — שהגאולה האמי־תית והשלימה ע"י משיח צדקנו באה תיכף ומיד, ביום הש"ק פרשת ויקרא, ר"ח ניסן, שנת ה'תנש"א, הי' תהא שנת אראנו נפלאות:

יום הש"ק — מעין ודוגמא והכנה ל„יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[142] (כמ"ש בברכת המזון דסעודות יום השבת),

---

131) ראה תו"א בשלח סב, א ואילך. ובכ"מ.

132) ראה לקו"ש חכ"ב ע' 34. וש"נ.

133) פרש"י ב"ב י"ד, ב (ד"ה א"ל בכי תשא).

134) ועד לשלימות הכפרה — כמ"ש בפרשתנו (א, ד) „ונרצה לו לכפר עליו", ש„אין זו כפרת נפשו, אלא לכפר לפני ה', להיות נחת רוח לקונו" (תניא אגה"ת פ"ב).

135) ב"ב י"ד, א. וראה תניא פל"ז (מח, ב).

136) ראה תו"א ר"פ נח. סה"מ מלוקט ח"א ע' רעג ואילך. וש"נ.

137) וההגנה מזה (בזמן הגלות) נעשית ע"י התומ"צ (ראה אבות פ"ד מי"א. סוטה כא, א), ובמיוחד ע"י הצדקה (כללות כל המצוות) — כמרומז ב„כפר לצדקה", ש„כפר" בגימטריא שלש מאות, שרומז על „שלש מאות אמה* אורך התיבה"** (נח ו, טו), שעל ידה היתה ההגנה דנח מפני מי המבול.

---

*) ר"ת „אלקינו מלך העולם" (לקו"ש ח"א ע' 10. ועוד), שרומז על המשכת וגילוי האל"ף, אלופו של עולם, שעי"ז נעשה מ„גולה" „גאולה" (ראה ויק"ר ספל"ב. לקו"ת בהעלותך לה, ג. ובכ"מ).

**) ושאר מדותי', „חמישים אמה רחבה ושלושים אמה קומתה" — יש לומר, ש„חמישים" רומז על הנו"ן דניסן (נו"ן ארוכה שמהפכת הנו"ן כפופה, כנ"ל הערה 74), ו„שלושים" רומז על ההכנה ד„שלושים יום לפני הפסח" — ענין הגאולה. ועצ"ע.

---

138) ישעי' יא, ט. רמב"ם בסיום וחותם ספרו „משנה תורה".

139) ועפ"ז י"ל שהגאולה אינה בתורת „שכר" על עבודת בנ"י בהכנות לחג הפסח (לימוד ההלכות ונתינת צרכי החג), אלא דבר המוכרח לקיום ציווי הקב"ה בתורה להקריב הפסח.

140) רמב"ם הל' חמץ ומצה פ"ז ה"ז. שו"ע אדה"ז או"ח סתע"ב ס"ז.

141) ראה ברכות ג, סע"א.

142) תמיד בסופה.

פרשת ויקרא, **„ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו מאוהל מועד״ — ששלימותו תהי׳ בבית המקדש השלישי, שהוא גם משולש („חזקה״) כיון שכולל גם בית ראשון ובית שני**[143]**,**

ר״ח ניסן — **„ראש חודש״, שענינו חידוש הלבנה, ודוגמתו בישראל (שדומין ללבנה ומונין ללבנה**[144]**) „שהם עתידים להתחדש כמותה״**[145]**, ו(ר״ח) „ניסן״, „(ראש) חודש של גאולה״, „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל״**[146]**,**

שנת התנשׁ״א — **„תנשׂא״ בה״א הידיעה, „תנשא מלכותו״**[147] **ד„דוד עבדי נשיא להם לעולם״**[148]**, דוד מלכא משיחא**[149]**,**

הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות — **„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״**[150]**, ובאופן ש„בהווייתה תהא״**[151]**, בכל התוקף והנצחיות, גאולה שאין אחרי׳ גלות**[152]**.**

ובכל זה נעשה התוקף ד„חזקה״ ע״י הוצאת שלשה **ספרי תורה והקריאה** בשלשת **הספרים וההפטורה על** שלשתם **בענינים הקשורים עם הגאולה — שנעשה התוקף ד„חזקה״ ע״י פס״ד התורה (ג׳ ס״ת), שבסמיכות זמן להוצאת** השלשה **ספרי תורה (לפני הוצאת הספר תורה בזמן המנ־חה**[153]**) מתגלה הארון („ויהי בנסוע הארון״) והס״ת בביהמ״ק** השלישי **(ש„בנוי**[154] **ומ־שוכלל יגלה ויבוא מן השמים, שנאמר**[155] **מקדש אדנ־י כוננו ידיך״**[156]**), בגאולה** ה־שלישית, **עלי׳ נאמר**[157] **„ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניך״.**

ובלשון הכתוב בסיום וחותם ההפטו־רה: „והי׳ מידי חודש בחדשו ומידי שבת בשבתו (החל משבת ר״ח זה[158]**) יבוא כל בשר להשתחוות לפני אמר ה׳״, בבית ה־מקדש השלישי (השלימות ד„אוהל מועד״), שחנוכתו תהי׳ בר״ח ניסן, כמ״ש בהפטורה „בראשון באחד לחודש תקח פר בן בקר וחטאת את המקדש״, וממשיך לבאר פרטי הענינים ד„חנוכת המזבח בימי המלך ה־משיח כשיבנה בית שלישי״**[159]**.**

ובדרך ממילא, בבוא י״ד ניסן, נהי׳ כולנו (בתוככי כל בנ״י, וכל בנ״י שבכל הדורות) בביהמ״ק השלישי, „שמחים[160]

---

143) ראה זח״ג רכא, א.

144) ראה סוכה כט, א. ב״ר פ״ו, ג. אוה״ת בראשית ד, סע״ב ואילך. ועוד.

145) נוסח ברכת „קידוש לבנה״ (סנהדרין מב, א).

146) ר״ה יא, רע״א. שמו״ר פט״ו, יא.

147) בלק כד, ז ובפרש״י.

148) יחזקאל לז, כה.

149) משבט יהודה, שהנשיא שלו (נחשון בן עמינדב) הקריב קרבנו בר״ח ניסן „על שלשלת המלוכה״, החל מהמלכות דיהודה (שהמליכו אביו על אחיו), והמשכה ע״י מלכי בית דוד שעמדו ממנו, עד למלך המשיח (ראה במדב״ר פי״ג, יד).

150) מיכה ז, טו.

151) ראה ברכות יג, א. מגילה ט, א. שם יז, ריש ע״ב. בכורות ד, ב. ובכ״מ.

152) מכילתא בשלח טו, א. הובא בתוד״ה ה״ג ונאמר — פסחים קטז, ב.

153) וכמרומז גם בהפרשה שמתחילין לקרוא בזמן המנחה — פרשת צו — „אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות״ (פרש״י ר״פ צו).

154) פרש״י ותוס׳ סוכה מא, סע״א. ועוד.

155) בשלח טו, יז.

156) ועד״ז בנוגע לפעולתם של ישראל (גם בבנין ביהמ״ק השלישי — „מעשה ידינו (בשתי ידים) כוננהו״.

157) הושע ו, ב.

158) ראה ילק״ש ישעי׳ בסופו (רמז תקג): „הרי שחל ר״ח להיות בשבת . . באים שני פעמים, אחד של שבת ואחד של ר״ח״.

159) רמב״ם הל׳ מעשה הקרבנות פ״ב הי״ד.

160) נוסח ברכת „אשר גאלנו״ בהגש״פ (מ־פסחים שם).

בבנין עירך וששים בעבודתך, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אשר יגיע דמם על קיר מזבחך[161] לרצון, ונודה לך שיר חדש[162] על גאולתנו ועל פדות נפשנו, ברוך אתה ה' גאל ישראל"[163].

161) **כלשון הכתוב בפרשתנו (א, טו): „ונמצה דמו על קיר המזבח".**

162) **ראה שלי"ה שבהערה 74: „גו"ן כפופה . . שירה חדשה הנקבה, ונו"ן פשוטה שיר חדש".**

163) **לשון עבר דייקא, כיון שהברכה היא על הגאולה ממצרים („אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים"). — ויש לומר, שכיון שחתימת הברכה באה לאחרי וכסמיכות ממש להבקשה על** הגאולה העתידה, **הי"ה כוללת גם הגאולה העתידה כפי שנעשית (לא בלשון עתיד, ולא רק בלשון הוה,** „גואל **ישראל", אלא גם) בלשון** עבר, „גאל **ישראל"*, כיון שהיתה כבר ברגע שלפנ"ז.**

*) ואולי י"ל שמרומז גם בפתיחת הברכה (שהיא מעין החתימה) „אשר גאלנו" — שרומז גם להגאולה העתידה (שבהמשך הברכה) כפי שהיא בלשון עבר. ועפ"ז יומתק הקדימה ד„אשר גאלנו" לפני „וגאל את אבותינו" — שהקירבה אלינו („גאלנו") היא (לא רק בגלל שאנו מרגישים ש„אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו כו' משועבדים היינו", אלא גם ו)בעיקר מפני שקאי (גם) על גאולה העתידה (כפי שהיא בלשון עבר) שתהי' לנו („גאלנו"), **ולאח"ז** (ועי"ז) גם „לאבותינו"



משיחות ש"פ צו, שבת הגדול, ח' ניסן ה'תנש"א

א. דער אינהאַלט פון חודש ניסן, דער „חודש הגאולה"[1] — וואָס ווערט אַזוי אָנגערופן על שם זיין צענטראַלען ענין, חג הפסח, „זמן חירותנו"[2] — איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין דעם שבת פאַר פסח:

ניסן איז מלשון נס[3], און נאָכמער: ניסן (מיט צוויי נוני"ן) באַווייזט אויף „נסי נסים"[4] — די נסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן מיט אידן אין דעם חודש אַרויסנעמענדיק זיי פון מצרים, וועלכער באַצייכנט די ספּעציעלע, נסים־דיקע הנהגה פון דעם חודש. און דער ענין (פון נסי נסים) קומט נאָכמער צום אויסדרוק אין דעם שבת פאַר פסח (פון וועלכן עס ווערט געבענטשט (מיני' מתברך[5]) דער יום־טוב פסח[6]), וועלכער ווערט אָנגערופן „שבת הגדול" „לפי שנעשה בו נס גדול"[7], דער נס פון „למכה מצרים בבכוריהם"[8] (ווי דער אַלטער רבי איז מבאר באריכות אין זיין שולחן ערוך[9]), „וקבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת וקראוהו שבת הגדול". און נאָכמער: „בשבת הגדול היתה התחלת הגאולה והנסים"[10] פון יציאת מצרים (וואָס דערפאַר זאָגט מען בשבת זה „עבדים היינו וכו'"[11]).

דאַרף מען פאַרשטיין[12]: פאַרוואָס ווערט דוקא דער נס פון „למכה מצרים בבכוריהם" אָנגערופן (א) „נס גדול" (גרעסער ווי די אַנדערע נסים): אין וואָס באַשטייט די גדלות פון דעם נס? ביז אַז דאָס איז (ב) „התחלת הגאולה והנסים" פון יצ"מ, דלכאורה איז דאָס נאָר נאָך אַ נס פון צווישן אַלע נסים וואָס האָבן פאַסירט אין מצרים.

מ'דאַרף אויך האָבן הסברה אין דער שייכות פון דעם נס מיט יום השבת דוקא, וואָס „קבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת וקראוהו שבת הגדול", דאע"פ אַז ס'איז דאָ אַ סיבה אויף דעם[13], דאַרף מען אָבער זאָגן[14] (וויסנדיק דעם גודל הדיוק אין יעדער זאַך אין תורה און קביעות הימים ע"פ תורה) אַז דאָס האָט אויך אַ שייכות

---

1) שמו"ר פט"ו, א.

2) נוסח התפלה והקידוש דחה"פ. וראה לקו"ש חי"ז ע' 71 ואילך.

3) ראה מדרש לקח טוב עה"פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

4) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

5) זח"ג סג, ב. פח, א.

6) דאף שיום ראשון דחג הפסח חל (בשנה זו) ביום השבת, הרי גם שבת מקבלת (תוספת) ברכה (נוסף להברכה שיש בה מצ"ע) משבת שלפני זה, שמיני' מתברך כולהו יומין, גם יום השביעי, כמובן מתוכן הענין בזהר שם, שמיני' מתברך כולהו יומין בברכת המן, והרי הברכה על יום הששי כולל „לחם משנה" גם על יום השבת (בשלח טז, ה. כב). וראה גם שיחת ש"פ בא (והתוועדויות שלאח"ז) תשד"מ.

7) תודי"ה ואותו — שבת פז, ב בשם מדרש (ראה דעת זקנים מבעה"ת בא יב, ג). טור ושו"ע אדה"ז או"ח הל' פסח ר"ס תל.

8) תהלים קלו, י. וראה מדרש תהלים שם. רש"י ומצו"ד שם.

9) שם. וכ"ה בתוס' שם. — ובטור מבאר תוכן הנס באו"א. וראה לקו"ש חי"ב ע' 33 ואילך בהערות.

10) שו"ע אדה"ז שם ס"ב.

11) שם, מרמ"א שם ס"א.

12) ראה גם לקו"ש חי"ב שם. חי"ז ע' 57.

13) שו"ע אדה"ז שם ס"א, ממג"א שם סק"א.

14) ראה גם לקו"ש שם ע' 58.

פנימית מיט דעם תוכן פון שבת, ביז אַז דערפאַר ווערט דער שבת אָנגערופן „שבת הגדול".

ולהוסיף, אַז די שייכות פון „(התחלת) הגאולה והנסים" מיט שבת (הגדול) איז נאָכמער בהדגשה דעם יאָר, ווען דער ערשטער טאָג פסח (וואָס דעמולט איז געווען די גאולה ויציאה ממצרים בפועל) קומט אויס ביום השבת[15].

ב. איינער פון די ענינים עיקריים אין גאולת מצרים אונטערשטראָכן אין תורה איז — דאָס וואָס די גאולה איז געווען דורך משה רבינו, גואלם של ישראל, ווי די תורה דערציילט ובארוכה[16] ווי דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן דוקא משה'ן[17] אַלס דער גואל ישראל. ביז אַז אפילו ווען משה האָט געבעטן באָם אויבערשטן „שלח נא ביד תשלח"[18], האָט דער אויבערשטער ניט אָנגענומען זיין בקשה, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דוקא משה זאָל זיין דער שליח צו גואל זיין בני ישראל.

דערפון איז מובן, אַז משה האָט אַ טיפע שייכות מיט גאולה[19], און דערפאַר האָט דוקא ער בכח צו גואל זיין אידן.

ביז אַז חז"ל זאָגן אויף משה'ן „הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון"[20]. משה ווערט אָנגערופן „גואל אחרון" אפילו בנוגע צו דער גאולה האמיתית והשלימה פון גלות זה האחרון (וואָס וועט זיין ע"י משיח צדקנו), אויף וועלכע עס שטייט[21] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", ובפרט כידוע[22] אַז גאולת מצרים איז דער ראש ושורש פון אַלע גאולות, כולל אויך גאולה העתידה לבוא — וואָרום גאולה (יעדע גאולה) קומט דוקא בכח משה.

ג. די נקודת הביאור בזה:

דער תכלית פון גאולת מצרים איז — „ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים וידעתם כי אני ה' אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים"[23], און „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"[24]. ד.ה. אַז דער גילוי אלקות למטה בגאולת מצרים איז, בכדי אַז אידן, ווי זיי געפינען זיך אין וועלט, זאָלן דאָס זען און אָנערקענען און וויסן דעם אויבערשטן, און זאָלן אָננעמען (דערנאָך באַ מתן תורה) די תורה ומצוות פון דעם אויבערשטן[25], און דורך זייער עבודה — אָנטפּלעקן ג־טלעכקייט באופן קבוע ונצחי אין זייער לעבן און חלק בעולם ווי דאָס האָט זיך אויסגעפירט אין דעם משכן (התכלית פון יצי"מ ומ"ת) — „ועשו[26] לי מקדש ושכנתי

---

15) ולהעיר שפסח נקרא שבת בכתוב (אמור כג, טו).

16) שמות ג, א ואילך.

17) ואהרן הלך עם משה אל פרעה — ש„יהי' לך לפה" (אבל „אתה תהי' לו לאלקים" (שמות ד, טז)) במענה לטענת משה „לא איש דברים אנכי גו' כי כבד פה וכבד לשון אנכי" (שם, י), ולכאורה משמע שלולא טענת משה, לא הי' אהרן המדבר (וכמובן גם מזה שבתחלה ענה ה' (על טענת משה הנ"ל) „מי שם פה לאדם גו' ואנכי אהי' עם פיך גו' (שם, יא־יב), ורק לאחרי שאמר משה „שלח נא ביד תשלח", אמר ה' שאהרן יהי' המדבר).

18) שם, יג.

19) ראה שמו"ר פ"ב, ד: משה הי' מתוקן לגאולה, מתחלת ברייתו נתקן לכך.

20) ראה זח"א רנג, א. שער הפסוקים פ' ויחי. תו"א ר"פ משפטים. וראה בארוכה לקו"ש ח"א ע' 8 ואילך.

21) מיכה ז, טו.

22) ד"ה כימי צאתך ה'תש"ח פי"ב (ע' 164).

23) וארא ו, ז.

24) יתרו כ, ב. וראה מכילתא ופרש"י שם. שמו"ר פכ"ט, ג.

25) וכמ"ש (שמות ג, יב) „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה".

26) תרומה כה, ח.

בתוכם"[27], און נאָכמער בקביעות – אין דעם בית המקדש (ראשון ושני), ובתכלית השלימות וועט עס זיין אין בית המקדש השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[28], בית נצחי[29], בגאולה האמיתית והשלימה, און דורך דעם – אויך מגלה זיין אלקות אין וועלט באופן כזה, ביז די שלימות בזה לע"ל, ווען די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן אין איר וועלן אָנהערן און זעען אלקות בגלוי ובשלימות, "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[30].

דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס גאולת מצרים איז געקומען דוקא דורך נסים ונפלאות (גלויים) – וואָרום דוקא דורך אַ נס שלמעלה מדרך הטבע, ווערט אַנטפּלעקט בגלוי (לעיני בשר) דער אומ־באַגרענעצטער כח פון דעם אויבערשטן, מ'זאָל דערקענען בגלוי ווי דער אויבער־שטער איז דער בעה"ב אויף טבע העולם, און האָט דעריבער דעם כח צו מאַכן אַ נס העכער פאַר (אָדער אַ נס וואָס בייט) די הנהגה טבעית פון עולם (מלשון העלם והסתר[31]), וואָס טבע (מלשון "טובעו ב־ים"[32]) פאַרדעקט אויף דעם כח הפועל פון דעם אויבערשטן וואָס איז אין אים פאַראַן,

און דאָס האָט געגעבן און גיט דעם כח צו אידן (וועלכע האָבן געזען די נסים גלויים), אַז בּאַ זיי זאָל ווערן אַ גאולה – באַפרייאונג פון די באַגרענעצונגען (מדי־דות והגבלות) פון דער וועלט און פון דער "פאַרשקלאַפונג" צו וועלטישע הנ־חות און "קנעכטשאַפט" צו די פאַרשידענע (מצרים מלשון[33]) מיצרים וגבולים פון עולם בכלל און גלות בפרט, אָנהויבנדיק פון גלות מצרים – אַז עס ווערט "זמן חירותנו", חירות אמיתית פון אַלע הגבלות, כולל די הגבלות פון לבושי הטבע (אויך פון נסים המלובשים בטבע, ווי נס פורים[34]).

ווי דאָס וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה[35], ווען עס וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", נפלאות אינגאַנצן למעלה מדרך הטבע (ווי די נסים פון יצי"מ), און נאָכמער – נפלאות אפילו בערך צו די נסים פון יציאת מצרים; און אין אַן אופן פון "אראנו", דער אויבערשטער אַליין באַ־וויזט זיי, וואָס דעמולט ווערט אַנט־פּלעקט אַלץ, סיי דאָס וואָס איז שייך צו ווערן אַנטפּלעקט (נגלה), סיי דאָס באַ־האַלטענע (נסתר); עס ווערט געזען דער אמת און די פנימיות פון דער הנהגה טבעית, די פולקאָמע הנהגה נסית, ביז אויך דאָס וואָס איז אינגאַנצן "נפלא".

און דער כח אויף ברענגען גאולה צו אידן (גילוי אלקות למטה) באופן הנ"ל קומט דוקא דורך משה רבינו, גואלם של ישראל, כדלקמן.

---

27) וראה שהש"ר רפ"ה: "ואימת שרתה שכינה עלי' (בארץ) מיום שהוקם המשכן". וראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' נז. ובכ"מ.

28) בשלח טו, יז ובפרש"י. ועוד.

29) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז ת"ח.

30) ישעי' מ, ה. וראה תניא פל"ו (מו, א). ושם: וכבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מ"ת כו'.

31) ראה לקו"ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' שג. ח"ג ע' אינט. וראה לקו"ש (חלק לד) שופטים תשמ"ז הערה 63. ושי"נ.

32) לשון הכתוב – בשלח טו, ד. וראה סה"מ מלוקט ח"ה ע' קח ואילך. ושי"נ.

33) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

34) או"ת להה"מ נט, ג. תו"א מג"א צג, סע"ג ואילך. שם ק, א. סה"מ תקס"ה ח"א ע' שע ואילך (נוסחא שני'). ובכ"מ – נסמנו במכתב כ"ה אדר ש.ז. הערה ד"ה כידוע (נדפס לקמן ח"ב בהוספות).

35) בהבא לקמן – ראה מכתב ה' ניסן ש.ז. (נדפס לקמן ח"ב בהוספות). ושי"נ.

ד. וועט מען עס פאַרשטיין דורך ערקלערן דעם תוכן ענין וחידוש פון משה (וואָס איז בדוגמא דער חידוש פון ענין הגאולה, און דערפאַר קומט די גאולה דוקא דורך משה'ן) — ווי אַרויסגעגעבן אין ספר תהלים מזמור צדי"ק (וועלכער מען פאַנגט אָן זאָגן בימים אלו[36]), וועלכער הויבט זיך אָן „תפלה למשה איש האלקים", און איז מסיים „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו".

דער מזמור איז ספּעציעל אויסגעטיילט מיט דעם חידוש, אַז ער איז געזאָגט געוואָרן דורך משה רבינו („תפלה למשה"): ער איז דער ערשטער פון די „אחד עשר מזמורים כו' מכאן עד[37] לדוד מזמור (ש)משה אמרם"[38] — וואָס דערפון איז מובן, אַז דער מזמור גיט אַרויס דעם תוכן פון עבודת ופעולת משה (ע"י תפלתו), כולל — זיין פעולה אין אידן און אין דער וועלט[39].

און ווי חז"ל זאָגן[40], אַז „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו'" (סיום מזמור זה) איז די ברכה (ותפלה) פון משה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער השראת השכינה אין משכן: „אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וגו'". ד.ה. אַז דוקא תפלת משה האָט אויפגעטאָן די השראת השכינה אין משכן[41], און אין אַן אופן פון „כוננה עלינו" (גרונטבאַפעסטיקט) — מיט אַ קביעות, לדור דור [ביז ווי דאָס וועט זיין בשלימות אין בית המקדש השלישי, כדברי חז"ל[42] עה"פ אַז „ומעשה ידינו כוננהו" באַציט זיך צום ביהמ"ק השלישי, אויף וועלכען דער אויבערשטער זאָגט: לעתיד לבא אני אבנה אותו ומשרה שכינתי בתוכו ואינו חרב לעולם].

ה. דער ביאור אין דעם — ובהקדים דעם דיוק אין דעם כפל הלשון (וענין) בתחלת המזמור ובסיומו[43]: וואָס איז דער טעם אויף דעם כפל „(תפלה ל)משה", און דערנאָך זיין תואר — „איש האלקים". ועד"ז בסיום המזמור: „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו (און דערנאָך — אַ צווייטן מאָל) ומעשה ידינו כוננהו"[44].

---

36) ע"פ המנהג לומר בכל יום הקאַפּיטל תהלים המתאים לשנות חייו (מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר, נדפס ב„קובץ מכתבים" שבסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק (ע' 214). אגרות־קודש שלו ח"א ע' לא. ח"י ע' נג. וראה גם מאמרי אדה"ז הקצרים ע' שמא) — מתחילים בי"א ניסן שנה זו אמירת מזמור צדי"ק שבתהלים.

37) ולא עד בכלל. וראה רש"י שבועות טו, ב (ד"ה השיר): אחד עשר מזמורים שאמר משה בספר תהלים מתפלה למשה עד סוף מזמור לתודה.

38) מדרש תהלים ופרש"י עה"פ. פרש"י פקודי לט, מג. ועוד.

39) ראה בארוכה ד"ה תפלה למשה תשכ"ט (סה"מ מלוקט ח"ה ע' ריז ואילך. „קובץ י"א ניסן — שנת הצדי"ק" (קה"ת, תנש"א) אות כא).

40) פרש"י פקודי שם, מבמדב"ר פי"ב, ט. וראה גם פרש"י תהלים עה"פ. תו"ש עה"פ פקודי שם (אות לד). ושי"נ (וראה ב„פתיחה" לקובץ י"א ניסן הנ"ל הערה 12).

41) ראה בארוכה ה„פתיחה" שם.

42) מדרש תהלים עה"פ. וראה הנסמן במכתב הנ"ל הערה ד"ה לעתיד.

43) שמזה מובן שתוכן כל המזמור (שבין תחלתו וסיומו) הוא ענין של כפל, ראה לקמן ס"ו. ולהעיר שגם בהמשך פסוקי המזמור יש כמה לשונות כפולים: „בדור דור" (פסוק א). „ומעולם עד עולם" (פסוק ב). „תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם" (פסוק ג), ועוד. ואף שכן נהוג בכו"כ מזמורי תהלים לכפול לשונו (כסגנון של מזמור), הרי כל ענינים בתורה הם בתכלית הדיוק (וראה הערה הבאה), ובפרט שבמזמור זה החידוש הוא (לגבי רוב המזמורים) שיש כפל לשון (ענין) הן בתחלת המזמור והן בסיומו.

44) ראה ראב"ע שם ששולל פירוש הרד"ק שהוא לשון כפול.

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם:

בכדי אויפטאָן המשכת וגילוי אלקות למטה באופן של קביעות („ושכנתי בתו־**כם" באופן פון „כונגה עלינו") פאָדערן זיך צוויי ענינים, צוויי קצוות, און חיבורם יחד: (א) אַ כח וואָס איז העכער פאַר די געוויינלעכע הנהגה, הנהגה טבעית פון וועלט, וואָס דאָס האָט די שטאַרקייט צו אַריינברענגען אין וועלט** גילוי אלקות **(וואָס איז ניטאָ בגלוי אין עולם (מלשון** העלם והסתר) **מצ״ע), ביז צו** איבערמאַכן **די וועלט, זי זאָל ווערן „אַ כלי" אויף גילוי אלקות. ובפרט נאָך אין אַן אופן של קביעות ונצחיות — וואָס דערצו פאָדערט זיך אַ כח מיוחד, וואָרום מצד גדר העולם — וועלכער באַשטייט פון שינויים (זמן) — ווערן אַלע נבראים** נשתנה[45] **בהמשך הזמן, ביז אַז „כל הוה נפסד"[46], (ב) דער כח דאַרף אַראָפּקומען און זיך מתלבש זיין ביז צו זיין** בערך **צו די גדרי העולם [כידוע[47] אַז אַ מברר דאַרף זיך מתלבש זיין בלבושי המתברר], וואָס דוקא דע־מולט האָט ער בכח צו דערפון (מהמת־ברר) מאַכן אַ** כלי**, אַ מקום** קבוע **צו אויפ־נעמען** בפנימיות **דעם גילוי (משא״כ אויב דער גילוי איז שלא בערך צו דעם מקבל, וועט ער דאָרט ניט בלייבן בקביעות, נאָר באופן מקיף וכיו״ב, ביז אַז במשך הזמן קען עס נסתלק ווערן).**

ו. אָט די צוויי ענינים — וי״ל אַז דאָס זיינען די צוויי ענינים אין דעם כפל בתחלת וסיום מזמור צדי״ק — זיינען געווען בשלימות ובגלוי באַ משה רבינו — וואָס ער איז דער ממוצע המחבר צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, „אנכי עומד בין ה' וביניכם"[48*], וואָס אַ ממוצע דאַרף האָבן אין זיך פון ביידע ענינים וועלכער ער איז מחבר[49]:

אויף „איש האלקים" זאָגן חז״ל[50] „אם אלקים למה איש ואם איש למה אלקים כו', מחציו ולמטה איש מחציו ולמעלה האלקים". און האָבנדיק די ביידע ענינים — „איש (און) האלקים" — האָט משה בכח מחבר זיין אלקות מיט וועלט (ווי ס'איז אַרויס בגלוי אין משכן משה).

ובפרטיות יותר — י״ל אַז די צוויי קצוות אין דעם ממוצע זיינען די צוויי ענינים „משה" און „איש האלקים" (דער כפל בתחלת המזמור):

אע״פ וואָס „איש האלקים" איז אַ חיבור פון צוויי קצוות („איש" און „האלקים") ווי זיי זיינען אין איין מענטש (משה)[51] — איז

---

45) וכמאמר הידוע: התינוק משנולד מתחיל להתייבש (ראה בחיי בראשית א, כח).

46) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 98 בהערות. חט״ו ע׳ 428. ושי״נ.

47) ראה סה״מ מלוקט ח״א ע׳ קפז. ושי״נ.

48) ואתחנן ה, ה.

49) ראה בארוכה ד״ה פנים בפנים תרנ״ט.

50) מדרש תהלים עה״פ (במדרש תהלים שלפנינו הובא רק בבא הראשונה „ממחציתו ולמטה נקרא איש". אבל במדרש תהלים באבער הובא כל המאמר). דב״ר פי״א, ד. וראה „קובץ י״א ניסן" הנ״ל אות ב. ושי״נ.

51) דאף שמפשטות הלשון משמע, שבמשה היו ב׳ ענינים נפרדים, „איש" („מחציו ולמטה"), ו„האלקים" („מחציו ולמעלה"), והחידוש במשה הוא, שהוא „האלקים" „מחציו ולמעלה" (משא״כ שאר בני אדם הם כולו בבחי׳ איש, גם מחציו ולמעלה) — הרי, מפשטות לשון הכתוב („משה איש האלקים") מובן, שהיות שמשה הוא איש אחד, נשמה בגוף אחד, הרי הוא „איש האלקים" בכל מציאותו׳ (ראה ד״ה פנים בפנים הנ״ל, מע״ת שער לאה ורחל

---

*) ראה פי׳ מהרז״ו לדב״ר שם, שמפרש מאחז״ל זה ע״פ הפדר״א (פמ״א) משה הי׳ רגליו עומדות בהר וכולו בשמים, וקורא לחלק שעמד בארץ איש ולחלק שבשמים אלקים.

אָבער שם אלקים בגימטריא הטבע[52], דאָס איז די דרגא אין אלקות וואָס „טוט זיך אָן" און באַלעבט טבע העולם. און דעריבער שטייט „איש האלקים", ווייל בחי' „איש" („מחציו ולמטה") פון משה'ן, ווי ער איז פאַרבונדן מיט עולם, ווערט נתאחד (נאָר) מיט „האלקים" (אלקות שבערך הבריאה)[53], אָבער ניט מיט הוי' (שם העצם[54] כו'), די ג־טלעכע אַנטפּלעקונג וואָס איז העכער פון וועלט (שנבראת בשם אלקים, בראשית ברא אלקים[55]).

דאַקעגן „משה" (וואָס שטייט פאַר „איש האלקים") איז על שם „כי מן המים משיתיהו"[56] – פון שם מ"ה[57] (ונחנו מה[58]), שם הוי'[59] (העכער פון „איש האלקים"[60]), אלקות שלמעלה מהבריאה. וידוע דער פירוש אין דעם[61], אַז שרש נשמת משה איז פון אַ דרגא גבוה מאד, בחי' מים (עלמא דאתכסיא[62]), שלמעלה מארץ ויבשה (מקום מושב האדם), און פון דאָרטן – „מן המים – משיתיהו" בגלוי אין (עלמא דאתגליא, ביז אין) עולם הזה הגשמי. אַזוי אַז ווי ער שטייט אַלס אַ נשמה בגוף דאָ למטה איז ער בגלוי „מן המים", דבוק בגלוי צו מקורו למעלה (בדוגמא ווי דגי הים וועלכע זיינען שטענדיק מקושר בגלוי צו זייער מקור החיות – מי הים[63]).

קומט אויס אַז „משה איש האלקים" באַדייט די ביידע ענינים הנ"ל באַ משה'ן: „משה" – זיין פאַרבונד (דאָ למטה) מיט אלקות שלמעלה מהבריאה (וואָס גיט דעם כח צו מגלה זיין אלקות למטה און איבערמאַכן די וועלט, און ממשיך זיין נצחיות, כח הבלי גבול – למטה), און (ב) „איש האלקים" – זיין פאַרבונד (אַלס איש) מיט אלקות שבערך הבריאה, וואָס דאָס גיט דעם כח צו ממשיך זיין אלקות בערך צו (אידן) נשמות בגופים בעולם, באופן אַז זיי קענען ווערן כלים (מצד ענינם הם), ובאופן של קביעות, צו גילוי אלקות שבערך הבריאה, ביז צו „ושכנתי בתוכם" – גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה.

בסופו. וראה „קובץ י"א ניסן" שם), שגם „מחציו ולמטה" (בעסקו בענינים גשמיים) הוא חלק מ„(איש) האלקים", וגם „מחציו ולמעלה" (בעסקו בענינים רוחניים) הוא חלק מ„איש (האלקים)" (משא"כ בשאר בני אדם, אף שיש להם ב' חלקים – נשמה וגוף, נשמה היא „חלק הוי' עמו", „חלק אלוקה ממעל ממש", וגוף הוא נברא גשמי).

52) פרדס שער יב (שער הנתיבות) פ"ב. ר"ח שער האהבה פ"ו ד"ה והמרגיל (קכא, ב). וראה שם שער האהבה ספ"א ד"ה וכדי להבין (נב, ד). של"ה פס, א (דאיתא בזהר); קפט, א (ומרומז בזהר); שח, ב. שו"ת חכם צבי סי"ח. שעהיוה"א רפ"ו.

53) ולאידך גיסא יש לומר: מכיון שזהו „איש האלקים" (אלקות שבערך הבריאה), הרי „איש" („מחציו ולמטה") לא מתאחד לגמרי עם „האלקים" („מחציו ולמעלה"), וגם לא נמשך האלקות למטה מבחי' איש (בבחי' אנוש וכיו"ב): משא"כ ע"י התאחדות משה עם עצמותו ית', שזהו התוכן ד„תפלה למשה", בכחו לאחד „איש" ו„האלקים", וגם ל־המשיך אלקות למטה מבחי' איש כו', כדלקמן בפנים סעיף י.

54) כס"מ הל' ע"ז פ"ב ה"ז. פרדס שער יט (שער שם בן ד') פ"א. מו"נ ח"א פס"א ואילך. עיקרים מאמר ב' פכ"ח.

55) בראשית א, א.

56) שמות ב, י.

57) תו"ח שמות קטז, א. אוה"ת תצוה ע' איתרה.

ע' איתרכג. וראה גם תו"א יתרו סט, ריש ע"ב. מג"א צט, ג. ובכ"מ.

58) בשלח טז, ז. ח.

59) ראה סה"מ תקס"ב ע' קלז. אוה"ת וארא ע' רג. ובכ"מ.

60) ראה תו"א יתרו שם. לקו"ת ואתחנן ג, ד. אוה"ת עקב ע' תקצט. ובכ"מ.

61) ראה תו"ח ואוה"ת שבהערה 57. ובכ"מ.

62) תו"א בשלח סב, א־ב. ובכ"מ.

63) וראה ע"ז ג, ב: מה דגים שבים כיון שעולין ליבשה מיד מתים, אף בני אדם כיון שפורשין מד"ת ומן המצוות כו'. וראה גם ברכות סא, ב.

ז. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם כפל בסיום המזמור – „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו":

וויבאַלד אַז באַ משה'ן (ממוצע המחבר) זיינען געוועןביידע ענינים („משה" און „איש האלקים")

– וואָס דערפאַר איז באַ משה'ן למטה דאָ דער ענין הנצחיות וקביעות (כח ה־בל"ג) בגלוי [כמרומז אין המשך המז־מור[64]: „מעון אתה היית לנו בדור ודור, בטרם הרים ילדו גו' ומעולם עד עולם אתה א־ל גו', כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול גו'" – אַזוי ווערט אויך נמשך די נצחיות בזמן באַ „משה איש האלקים"[65] זייענדיק בטל צו אלקות], נצחיות אין משה עצמו, אַז „משה לא מת"[66] (ובכל דור ודור איז דאָ אתפשטותא דמשה[67], נוסף צו בחי' משה שבכל א' מישראל[68]), און אויך אין זיינע כחות און זיינע פרטים[69], ביז אַז אויך „מעשי ידי משה (משכן שעשה משה) נצחיים"[70] –

דעריבער האָט דוקא משה געהאַט דעם כח צו ממשיך זיין שכינה למטה[71] ע"י תפלתו „ויהי נועם גו'", „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם", אין אַן אופן פון „כוננה עלינו" – מיט אַ קביעות, לדור דור (ביז אַז אין דעם („ומעשה ידינו כוננהו") ווערט אָנגעדייטעט די נצחיות פון בית המקדש השלישי, שאינו חרב לעולם, כנ"ל).

וכשם ווי באַ משה עצמו זיינען פאַראַן ביידע ענינים („משה" און „איש האלקים"), אַזוי זיינען פאַראַן די ביידע ענינים (כפל) בברכת ותפלת משה („ויהי נועם גו'") – (א) המשכת השכינה במשכן, אלקות שלמעלה מעולם, (ב) באופן אַז דאָס ווערט נתלבש בפנימיות שלמטה – ויש לומר אַז זיי זיינען מרומז אין דעם כפל הלשון (א) „ומעשה ידינו כוננה עלינו" – באופן של מקיף מלמעלה, „להיותו בלי גבול ותכ־לית"[72], (ב) „ומעשה ידינו כוננהו", אַז ער באַפעסטיקט די „מעשה ידינו" עצמם, ד.ה. אַז דער „כוננהו" נעמט דורך בפנימיות אויך „מעשה ידינו" (ניט נאָר באופן פון „כוננה עלינו")[73].

– ויומתק בזה וואָס כפל בכלל באַ־ווייזט אויף קיום הדבר באופן נצחי – כפליים לתושי'[74] (וואָס איז ניט נאָר צוויי

64) ולהעיר מסיום מזמור שלפני זה (מזמור פט): ברוך ה' לעולם אמן ואמן, שאמן בכלל מורה על קיום הדבר (גמר הנצחון – ראה נזיר בסופו), ואמן בכפליים מורה על הקיום והתוקף באופן נצחי. וענין זה נמשך לעולם, בפירושו מקום וזמן (ראה סה"מ תש"ח ע' 160. ובכ"מ), וגם בפירושו נצחיות (ראה המשך מים רבים תרל"ו פנ"ז ואילך). וראה יהל אור ע' תשכד השייכות ד„אמן" עם עיסקא דשבתא כפול (דלקמן בפנים).

65) ומה שבהמשך המזמור מדבר בקוצר זמן האדם („כל ימינו פנו בעברתך גו' ימי שנותינו בהם שבעים שנה גו'") – הוא חלק מהעונש כאשר „זרמתם שנה יהיו גו' שתה עונותינו גו'".

66) סוטה יג, סע"ב. זח"א לג, סע"ב. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ו ע' 6 ואילך.

67) זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א). ועוד.

68) ראה תניא רפמ"ב.

69) כי שלימות ענין הנצחיות היא דוקא כשנמשכת וניכרת בכל הפרטים, דבאם פרט א' אינו נצחי הו"ז מורה על „חלישות" גם בהענינים שהם נצחיים, כי יש נתינת מקום ואפשריות להיפך הנצחיות.

70) סוטה ט, סע"א. וראה לקו"ש חט"ז ע' 465, ובהנסמן שם. לקו"ש חכ"ו שם.

71) ראה שהש"ר רפ"ה: עמד משה והורידה (השכינה) לארץ . . ואימת שרתה שכינה כו' (כד־לעיל הערה 27). וראה המשך ההילולא באתי לגני הש"ת.

72) תניא אגה"ק סכ"ג.

73) וראה גם פי' האלשיך עה"פ.

74) לשון הכתוב – איוב יא, ו.

מאָל אַזויפיל, נאָר נאָכמער באיכות ובתוקף). און כפל איז אויך פאַרבונדן מיט דער גאולה[75] — גאולה נצחית[76].

ח. ובפרטיות יותר — ע"פ ביאור רש"י[77] בכפל זה: „ושני פעמים ומעשה ידינו כוננהו, א' על מלאכת המשכן שבירכן לישראל והתפלל שתשרה שכינה במעשה ידיהם במשכן, וא' שתהא ברכה במעשה ידיהם". ועפ"ז י"ל, אַז דער כפל באַדייט אַ צווייענידקע ברכה פון משה אַז „מעשה ידינו" זאָלן זיין נצחיים — סיי „מעשה ידינו" אין עניני קדושה (בדוגמת מעשה המשכן), און סיי אין „מעשה ידינו" אין עניני רשות וחול, „מעשיך"[78] און „דרכיך"[79], וואָס הגם אַז דאָס זיינען מעשים פאַרבונדן מיט הנהגת העולם, גיט משה אין זיי אַריין דעם כח הנצחיות — „ומעשה ידינו כוננהו".

ולהוסיף: „תפלה למשה" איז אַ חלק פון תפלת שבת. ועפ"ז איז מובן, אַז די תפלה האָט אַ שייכות מיוחדת מיט שבת[80].

ובפרט אַז „מזמור שיר ליום השבת"[81] איז אַ חלק פון תפלת משה (פון די י"א מזמורים שאמר משה), ביז אַז „בא[82] משה וחדשו על שמו מזמור שיר ליום השבת (ר"ת למשה)"[83].

ויש לומר השייכות: עה"פ „מזמור שיר ליום השבת" זאָגן חז"ל[84] „עיסקא דשבתא כפול". ומבואר בכ"מ[85], אַז דער כפל איז די צוויי דרגות (שתי שבתות[86]) בכל שבת — מעלי שבתא און יומא דשבתא[87], מנוחה בערך ליגיעה, און מנוחה בעצם[88], ע"ד דער חילוק צווישן שם אלקים (אלקות בערך הבריאה) און שם הוי' (אלקות שלמעלה מהבריאה): און אין שבת קומען זיי ביידע צוזאַמען, כפול. וי"ל אַז דאָס איז ע"ד דער כפל בתחלת המזמור — „(תפלה ל)משה" (הוי') און „איש האלקים", און בסיום המזמור — „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", וואָס נועם איז די דרגא פון שבת[89] (וע"ד דער ענין פון עשיית המשכן[89]) — „ומעשה ידינו כוננה עלינו", „ומעשה ידינו כוננהו", סיי מנוחה בערך ליגיעה דמעשה ידינו, און סיי מנוחה בעצם (עלינו). ובכללות יותר: כוננהו אין „מעשה ידינו" פון ימי החול („ששת ימים תעבוד ועשית

---

75) ראה יל"ש ר"פ לך לך (רמז סד). וראה ד"ה ויאמר גו' לך לך באוה"ת תרעד, א. תרכ"ז. תר"ל — הובא בסד"ה נחמו עת"ר.

76) ראה מכילתא בשלח טו, א. הובא בתוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב. ועוד.

77) עה"פ תהלים כאן.

78) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

79) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם.

80) ויומתק בזה שעיקר העבודה דשבת היא עבודת התפלה (ראה ירושלמי שבת פט"ו ה"ג. ספר היראה לר"י אות שיט. הובא ונתבאר בתו"א קיג, א. לקו"ת צו יא, ד. סידור עם דא"ח רצז, ד. ועוד). ובפרט תפלת משה — שחוזרין אליו האלף אורות בשבת (וזהו „ישמח משה במתנת חלקו" (סידור האריז"ל במקומו. פע"ח שער השבת פ"ח)). ומבואר בכ"מ השייכות דתפלה למשה לתפלת שבת — ראה אוה"ת ויצא תתמב ב ואילך. ד"ה תפלה למשה תר"ס. ועוד.

81) תהלים מזמור צב.

82) ב"ר ספכ"ב ובמ"כ שם.

83) וראה פע"ח שם: וכשתאמר מזמור שיר ליום השבת תכוין בר"ת שהם למשה.

84) מדרש תהלים שם. יל"ש עה"פ (בשלח טז, כט) ראו כי ה' נתן לכם השבת (רמז רסא).

85) לקו"ת בשלח ב, ג. יהל אור ריש ע' תרכט. שם בהשמטות ע' תשכד ואילך. ד"ה לך לך תרכ"ז. תר"ל. ובכ"מ. וראה ד"ה אלה תולדות נח תנש"א (סה"מ מלוקט ח"ה ע' מז ואילך).

86) ראה ד"ה אלה תולדות גו' הנ"ל בתחלתו. וש"נ.

87) זח"א (בהקדמה) ה, ב. ח"ב קלח, א.

88) ראה אוה"ת נח נז, ב ואילך. ד"ה תפלה למשה תר"ס. ועוד.

89) ראה מאמרי אדהאמ"צ תצוה ע' ת ואילך.

כל מלאכתך"[90]), "ומעשה ידינו כוננה עלינו" ביום השבת, ווען "כל[91] מלאכתך עשוי"[92].

און שבת — בדוגמת משה — איז פאַרבונדן מיט ענין הנצחיות, כידוע[93] אַז בכל שבת איז דאָ מעין פון דעם "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[94], ווען עס וועט זיין שלימות הגילוי פון מנוחה בעצם, מנוחה נצחית. און די גאולה ("מיד נגאלין") קומט דורך דעם וואָס "משמרין שתי שבתות כהלכתן"[95] (די צוויי דרגות בכל שבת[96], וואָס עיסקא כפול).

ט. ע"פ הנ"ל יש לומר דעם טעם פאַרוואָס אָט די תפלה — תפלת משה איש הא־לקים — איז מזמור צדי"ק אין תהלים, סיי מצד דעם מספר (תשעים), און סיי מצד דעם אות (צ'):

תשעים:

בתלתא זימני הוה חזקה[97]. דער ענין פון חזקה (לשון חוזק, שטאַרקייט) איז, אַז מיט (דער פאָרטזעצונג אָדער איבערי־חזר'ונג פון) דריי מאָל ווערט די זאַך קביעות'דיק, עס ווערט פאַרפעסטיקט ("כוננה") און אַזוי וועט זי בלייבן אויף אייביק.

די פולקאָמע שלימות אין חזקה פון שלשה (פעמים) גופא איז — ניינציק, ווען ער איז דריי מאָל דרייסיק, דריי מאָל דריי מאָל צען: די שלימות פון יעדער מספר איז ווען דאָס איז כלול פון עשר, וואָרום עשר איז שלימות המספרים, וואָס באַווייזט אויף שלימות הענין [וואָס דערפאַר וועט די גאולה העתידה — גאולה נצחית — זיין פאַרבונדן מיט מספר עשרה: "עלי עשור"[98] וכו'[99]]. ועפ"ז — איז שלשים (צען מאָל דריי) אַ שלימות אין חזקה (שלימות מער ווי דריי, זעקס, ניין וכיו"ב); און תשעים (דריי מאָל דרייסיק) איז די פולקאָמע שלימות אין חזקה.

צ':

דער אופן רגיל ווי חז"ל וכו' שרייבן דעם אות (במילוי) איז — "צד"י"[100]* (אָן אַ ק' צום סוף). ובכמה מקומות שרייבט מען "צדי"ק"[101] (מ'איז מצרף צו צד"י דעם אות

90) יתרו כ, ט.

91) פרש"י יתרו שם, ממכילתא שם. טושו"ע או"ח סשי"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א.

92) ולהעיר מפי' הראב"ע עה"פ: "טעם כוננה עלינו — לתקן סבות ועלילות שלא יהי' טורח להם ועמל בכל מעשיהם, וטעם כוננהו — שיהיו שלם, ע"ד אם ה' לא יבנה בית (תהלים קכז, א).

93) ראה המשך תרס"ו בסופו (ע' תקמב). המשך תער"ב ח"ב ע' איקכז. ועוד.

94) תמיד בסופה.

95) שבת קיח, ב.

96) ב"מ קו, ריש ע"ב. ושי"נ.

97) ראב"ע שמות ג, טו. פרדס שער ב פ"ב.

98) תהלים צב, ד. ערכין יג, ב. ושי"נ.

99) ראה מכילתא בשלח טו, א. ושי"נ (שירה העשירית). תנחומא (באבער) תשא ח. ועוד (מנין העשירי). רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג (פרה העשירית). ועוד.

100) ראה שבת קג, ב: שלא יכתוב . . גמין צדין, צדין גמין. ושם קד, א: צד"י כפופה וצד"י פשוטה. ועוד.

101) ראה זח"א ב, ב (בהקדמה): אמר לה (הקב"ה) צדי צדי אנת וצדיק אנת* (נתבאר בספר הדרת מלך סי' עה (לד, א). אוה"ת נ"ך ע' תתקכ ואילך). ובאור הלבנה גריס: א"ל צדי צדיק אנת וצדיק אתקריאת. ובפרדס שער כז (שער האותיות)

*) ראה גם בס' שערי גן עדן להמקובל הר"י קאפל (קארעץ, תקס"ג) אות צד"י (פתח א): הרי שאמר (בזהר) ב' לשונות צד"י וצדי"ק. וכן הוא נמצא בגמרא שלנו כו'. ולכאורה י"ל דכוונתו להא דאיתא בשבת שם: "צד"י כפופה וצד"י פשוטה צדיק כפוף צדיק פשוט". אבל לכאורה אין להביא ראי' מזה, "דהתם אות קמייתא קא דריש" (מגן דוד להרדב"ז אות צד"י), כדמוכח משאר האותיות דדריש בגמ' שם.

שלאחרי זה — ק'"[102*], וואָס דאָס איז פאַרבונדן[103] מיט דער דרגא פון אַ צדיק, בחינת יסוד כמ"ש[104] „צדיק יסוד עולם"[105].

שטייט אין ספרים[106] (ע"פ הידוע בגודל הדיוק בכל עניני התורה, ובפרט קדושת האותיות, אַז יעדער אות במילוי האָט אַ פירוש), אַז „צד"י" איז פון לשון צד (זייט), און לפ"ז איז מובן אַז „צדי" מיינט צד שלי — מיין זייט.

ויש לומר דער ענין בזה (בעבודת ה'):

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ מענטשן און די וועלט אין אַן אופן אַז עס זיינען פאַראַן צוויי צדדים („זה לעומת זה"[107]): דער צד הקדושה און דער צד שכנגד, דער יצר טוב (בצד ימין, חלל הימני[108]) און דער יצר הרע (בצד שמאל[108*]). וויבאַלד אַז „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[109*] צו יעדער איד, איז פאַרשטאַנדיק אַז „צדי" — מיין צד (דער צד פון אַ אידן) — איז תורה ומצוות, די פסקי דיני התורה ווי אַ איד דאַרף זיך אויפפירן בעולם (משא"כ דער צד שכנגד האָט צו אים קיין שייכות ניט, ועאכו"כ ניט אַז דאָס זאָל זיין צד שלו).

לאידך גיסא ווערט דאָס אָבער אָנגערופן „צדי", מער ניט ווי מיינער אַ צד (ניט מציאותי, וכיו"ב) — וואָרום: דער אויבערשטער האָט דאָך באַשאַפן די וועלט (בשם אלקים) אָלס אַ „צד" בפני עצמו (זה לעומת זה עשה אלקים[107]), אַן עולם וואָס איז מעלים ומסתיר אויף אלקות, תחתונים, ביז „תחתון שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית'"[110*], און אין איר הערט זיך ניט אָן (מצ"ע) ווי מ'דאַרף פאָלגן די הוראות התורה, ביז אַז עס קען זיין אַז מ'זאָל זיך פירן היפך התורה ח"ו. און די כוונה אין דעם איז — אַז מ'זאָל איבערמאַכן די וועלט, אַז אויך דער „צד" פון וועלט מצד ענינו הוא זאָל „מסכים" זיין צו הוראות ופס"ד התורה (וואָס דוקא דעמולט ווערט דאָס נקבע בפנימיות אין די תחתונים).

ועפ"ז קען נתעורר ווערן די שאלה (אפילו בנוגע צו אַ דבר של רשות, אפילו ניט דער צד שכנגד): ווי קען אַ איד אַרויסגיין און איבערמאַכן די (חפצא פון) וועלט און די מענטשן אין דער וועלט, אַז זיי — מצד ענינם הם — זאָלן זיך פירן ע"פ הוראות ופס"ד התורה (ביז „לכוף את כל באי עולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח"[111])

פכ"א (הובא באוה"ת שם ס"ע תתקכא): וכן לא נקרא צדיק אלא בהיותו מתייחד בצדק. וכן מפורש באותיות דר"ע אות צדי": אל תקרי צדי" אלא צדק. וי"ג: צדיק. וראה הערה 103.

102) ראה הערה הבאה.

103) ראה מגן דוד שם: אות צ' מורה ביסוד כאשר נבאר בע"ה (וראה הנסמן בהערה 105) וא"ת שהרי אין קריאת האות צדיק אלא צדי" בלא ק', דהכי תניא בברייתא (דלעיל הערה 100) . . לא קשיא שהרי הק' לאחריי הצ' וכאילו אתה מחברה אצל הצ' ומשלים קריאת צדיק, ומלמדי תינוקות של ספרד מלמדין צדיק בק'.

104) משלי י, כה.

105) ראה פרדס שם: פירש בס' התמונה (תמונה ג אות צד"י) כי רמוזה בצדיק יסוד עולם. וכ"ה בקה"י מערכת צ'. אוה"ת נ"ך שם. לקוטי לוי"צ לתנ"ך וכו' ע' ז.

106) ראה מגן דוד שם: צדי" הוא מלשון צד כמו מצד הארון ולצדי המשכן. וראה גם ברוך שאמר (לרבינו שמשון ב"ר אליעזר) אות צדי" — כח, א („הצדקות שינטה מקו האמצעי השוה לצד ראש ימיני").

107) קהלת ז, יד. וראה תניא רפ"ו.

*) בנדפס שם: לפני. ולכאורה הוא טה"ד.

108) תניא רפ"ט.

109) ברכה לג, ד.

110) תניא פל"ו (מה, ב).

111) רמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י.

— ער איז דאָך אין דעם אַ „נוגע בדבר", וואָרום תורה איז תלוי בישראל און איז געגעבן געוואָרן בשביל ישראל (און דערפאַר איז מחשבתן של ישראל קדמה לתורה[112]), ווי עס שטייט אין תורה „צו את בני ישראל", „דבר אל בנ"י" (וכיו"ב), און די חיות פון אַ איד איז תלוי אין תורה (היא חיינו ואורך ימינו[113]) — איז די שאלה: זייענדיק אַ „נוגע בדבר", ווי קען ער אויפטאָן און מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים[114], מצד ענינם הם?!

דעריבער האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז אַ איד (ווי ער קומט אַראָפּ למטה בעולם אַלס אַ נשמה בגוף) שטייט ער בגלוי כאילו מן הצד, אַז זיין שייכות (עצמי) צו תורה ומצוות איז אים ניט מכריח און איז ניט גורם קיין נטי' (בגלוי) ער זאָל זיך אַזוי פירן, נאָר מ'האָט עס אָפּגעגעבן לבחירתו החפשית, ער זאָל בוחר זיין „ובחרת בחיים"[115] צו דעם צד פון תומ"צ, ובמילא איז ער ניט קיין „נוגע בדבר", וואָרום ער איז ניט מוכרח צו זיך פירן באופן אחד דוקא, ער האָט איך זיך סיי אַ צד טוב און סיי אַ צד שכנגד, און „זה וזה שופטן"[116] (ניט „מושלים"[117], אויך ניט זיין נפש האלקית):

אָבער מ'גיט צו אַ יו"ד צום „צד", וואָרום די כוונה בזה איז — „ובחרת בחיים", ער איז בוחר אַז דעם צד ימין זאָל ווערן „צדי", זיין צד[118] [און דעמולט — ווען ער איז בוחר צו פאָלגן דעם נפש האלקית — איז „הקב"ה עוזרו"[119], „כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו"[120]].

וואָס דאָס זיינען ע"ד די צוויי ענינים אין משה — „משה" און „איש האלקים" [ו־מעין זה — די נשמה וגוף פון יעדער איד]: זייענדיק „משה" ע"ש מן המים משיתיהו (למעלה מעולם) איז ער פאַרבונדן בגלוי נאָר מיט אלקות, מיט „אין מים אלא תו־רה"[121] („זכרו תורת משה עבדי"[122]), וואָס תורה איז בעה"ב אויף וועלט, „בראשית", בשביל התורה ובשביל ישראל[123], ובכח זה קען ער איבערמאַכן וועלט און דאָרט ממשיך זיין גילוי אלקות; זייענדיק „איש" („מחציו ולמטה") איז ער „נדמה בחומר־יותו לגופי אוה"ע"[124], און איז דעריבער כאילו ווי עומד מן הצד, און איז בוחר, „ובחרת בחיים", אַז ווי ער שטייט אַלס „איש" ווערט ער „איש האלקים" — „צדי".

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד „צדי" (אַז תומ"צ איז זיין צד) קומט (ניט אַלס „נוגע בדבר", נאָר) ע"י בחירתו, זייענדיק (בחיצוניות) אַן „איש", אַ נשמה בגוף גשמי בעולם — האָט ער בכח צו איבערמאַכן עולם און תושבי העולם, אַז אויך זיי זאָלן „מסכים" זיין, צו פאָלגן די הוראות התורה, באופן כזה אַז דאָס ווערט אין זיי נקבע בפנימיות, וויבאַלד אַז דאָס איז בערכם, כנ"ל. אַזוי אַז דורך דעם קען

112) ראה תדבא"ר פי"ד ופל"א. ב"ר פ"א, ד.

113) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת ערבית — ע"פ לשון הכתוב (נצבים ל, כ) „כי הוא חייך ואורך ימיך".

114) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא שם.

115) נצבים ל, יט.

116) ברכות סא, ב.

117) תניא רפי"ג.

118) וראה ס' ברוך שאמר שם, ש„צדי", צד י', פירושו — צד ימין, ע"ש היו"ד שבצד ימין של הנ' באות צ'.

119) תניא שם. וראה סוכה נב, ב. קידושין ל, ב.

120) תהלים קט, לא.

121) ב"ק יז, א.

122) מלאכי ג, כב.

123) פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ.

124) תניא פמ"ט.

אלקות נמשך ונתגלה ווערן בכל העולם, באופן של קביעות.

י. מ'דאַרף נאָך פאַרשטיין: האמור לעיל רעדט זיך וועגן די עבודה פון „צד"י", צו ממשיך זיין אלקות אין חלק הרשות שבעולם, אין העולם שמשם אלקים (וואָס דאָס איז טאַקע מעלים אויף אלקות, אָבער ניט מנגד) — אַז היות די עבודה פון בירור העולם איז דורך התלבשות אין בחי' „איש האלקים", ווערט דאָס נתקבל אויך אין גדרי העולם; בשעת מ'זאָגט אָבער אַז די גאַנצע וועלט דאַרף ווערן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ דירת קבע, איז פאַרשטאַנדיק אַז עס קען ניט בלייבן אַ „ווינקל" אין וועלט וואָס איז מנגד צו אלקות ח"ו (ווייל דעמולט פעלט אין דער קביעות ונצחית פון כל הדירה). איז ווי האָט מען בכח צו אויפטאָן אויך אין דעם „צד שכנגד", אַן „אָרט" וואו ס'איז שוין געווען אַ מכשול היפך התורה ר"ל?

דאַרף מען זאָגן, אַז דורך „תפלה למשה איש האלקים" (וואָס גיט דעם כח אויף המשכת אלקות באופן של קביעות), דערגרייכט עס אויך אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו, און מאַכט עס אויך איבער. ויש לומר אַז דאָס איז מרומז אין דעם וואָס מ'איז מוסיף אַ ק' צו „צד"י", וואָס מאַכט דעם וואָרט „צדיק" — וואָס אַ ק' איז יורד למטה מן השורה[125], וכדלקמן.

יא. אויף דעם פירוש הנ"ל (ס"ה) אַז משה ע"ש „מן המים משיתיהו" באַדייט דער גילוי פון שם הוי', שלמעלה מן העולם, עלמא דאתכסיא — שטעלט זיך לכאורה אַן אויבנאויפיקע קשיא: די „מים" (פון וועלכע „משיתיהו" משה'ן) זיינען געווען די מי נילוס — „ותשם בסוף על שפת היאור"[126], בסמיכות[127] צו — דער עבודה זרה פון מצרים[128]! אויך: דוקא בת פרעה מלך מצרים (— ערות הארץ[129]) האָט אַרויסגענומען משה'ן מן המים, און האָט אים אָנגערופן משה'ן על שם „מן המים משיתיהו", ודוקא על שם זה ווערט ער אָנגערופן (אע"פ וואָס י' שמות היו לו[130]) — ווי שטימט דאָס מיט דעם פירוש אין חסידות, אַז דאָס איז עלמא דאתכסיא, תכלית ההיפך פון ע"ז און פרעה וכו'?!

איז דער ביאור אין דעם, אַז היא הנותנת: כל הגבוה גבוה ביותר נופל למטה מטה ביותר[131]. בכדי דערגרייכן צו אלקות שלמעלה מגדר הבריאה, דאַרף מען אָנקומען דוקא צו בת פרעה [וכמרומז בשמה „בתי־ה"[132], מלשון בת (מקבלת) פון י"ה[133], שלמעלה משם הוי'], אַז זי זאָל אַרויסנעמען משה'ן פון אַ מקום של עבודה זרה (מי נילוס)[127], און דורך דעם ווערט דער גילוי פון „מן המים משיתיהו", דער גילוי פון משה'ן פון עלמא דאתכסיא אין עלמא דאתגליא.

ועפ"ז יש לומר, אַז דאָס וואָס משה איז

---

125) ראה ספר הערכים חב"ד מערכת אותיות — קריף. ושנ"נ.

126) שמות ב, ג.

127) ראה צפע"נ עה"ת עה"פ, דכיון שהם היו עובדים לנילוס, היתה יוכבד אסורה להשימו בתוך היאור, ולכן „ותשם בסוף על שפת היאור"; ולאחרי ש„ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור" (שמות שם, ה), „שירדה לרחוץ מגילולי אבי'" (סוטה יב, רע"ב. ושנ"נ. ועוד), הרי ביטלה בזה הע"ז, „ושוב באתה התיבה בתוך היאור". וראה גם לקו"ש חט"ז ע' 13.

128) ראה תנחומא וארא יג. שמו"ר פ"ט, ט. פרש"י וארא ז, יז.

129) מקץ מב, יב.

130) ויק"ר פ"א, ג. ועוד.

131) שערי אורה ד"ה יביאו לבוש מלכות פי"ב ואילך. פל"ב ואילך. ובכ"מ.

132) מגילה יג, א.

133) ראה ל"ת להאריז"ל ישעי' כא, ב. ספר הגלגולים פס"ז. עיי"ש.

געוועץ אין תיבה „בסוף על שפת היאור", בסמיכות צו מקום ע"ז (נאָך נידעריקער פאַר „איש" „מחציו ולמטה"), אָבער באופן אַז ער איז געוועזן באַשיצט דורך דער תיבה, און בפשטות איז די תיבה געוועזן פתוחה מלמעלה[134], ד.ה. אַז משה איז זייענדיק אין תיבה געוועזן גלוי כלפי שמיא, און זייענדיק דאָרט איז „ראתה (אפילו נאָך זייענדיק בת פרעה) עמו שכינה"[135], און דערנאָך „מן המים משיתיהו" בת פרעה דוקא, און ער איז אויפגעוואַקסן אין בית פרעה מלך מצרים[136] — האָט דאָס געגעבן משה'ן דעם כח, אַז ער זאָל דערנאָך קענען צוברעכן די קליפה וע"ז פון מצרים, און פון דאָרט אויסלייזן אידן.

קומט אויס אַז אין דעם פסוק „תפלה למשה איש האלקים" איז כלול אויך אַ דריטער ענין (נוסף אויף דער עבודה פון „איש האלקים" (גילוי אלקות בערך הבריאה), און „משה" (גילוי שם הוי' שלמעלה מן הבריאה)) די עבודה פון בירור התחתון שאין תחתון למטה ממנו. וי"ל אַז דאָס איז מרומז אין דעם ענין פון „תפלה למשה"[137], כמבואר אין חסידות*[138] אַז דאָס איז תפלת עשיר, פאַרבונדן מיט עצמותו ית', שלמעלה פון הוי' און אלקים (סובב און ממלא) והמחבר שניהם יחד, וואָס בכח העצמות (שלמעלה לגמרי פון מציאות העולם און פון שלילת מציאות העולם) ווערט נמשך אלקות בכל העולם ובכל הדרגות שבו, ביז אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ווי דאָס וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ"[139], און „לא יהי' שם לא מלחמה כו', ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד"[140] — דער גילוי פון „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", עלמא דאתי איקרי נועם[141], תענוג העצמי[142] (ביז דאָס ווערט נמשך אין) „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", כסיום המזמור[143].

---

134) שהרי בודאי היו נקבים בהתיבה לכניסת אויר, ואם כן, למה הטרחא לעשות סתימה ובה נקבים, כשדי להבטיח שנענוע הגלים לא יפילוהו מתוך התיבה ע"י סתימת רוב גג התיבה. וכפשט הכתוב („ותפתח ותראהו גו'" — שמות ב, ו) שרצתה לראותו ופתחה חלק התיבה שמנע הראי'.

135) פרש"י שמות שם.

136) שם, י.

137) היינו שבבחי' משה ב' ענינים: (א) גילוי שם הוי', עלמא דאתכסיא, אלקות שלמעלה מעולם. (ב) „משה" (הוי') כפי שהוא בדרגת „תפלה למשה", מלשון תפל ומחובר לעצמותו ית'. ואולי י"ל שזהו ע"ד הב' דרגות בהוי': (א) בחי' שם הוי', (ב) כפי שהוא למעלה מכל ענין של שם (ראה ס' הליקוטים דא"ח־צ"צ ערך הוי' בתחלתו. ושי"נ).

138) ד"ה תפלה למשה תר"ס. תשכ"ט.

139) זכרי' יג, ב.

140) רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

141) זח"א קצז, ב.

142) מאמרי אדה"ז על פרשיות התורה ח"א ע' תיא. שע"ת ד"ה אם יהי' נדחך פכ"א.

143) ויש לומר שע"ד התוכן דמזמור „תפלה למשה" — תחלתו וסיומו — הוא גם בספר הרמב"ם (ששמו משה, וידוע הפתגם ממשה ועד משה לא קם כמשה): בתחלת ספרו — „יסוד היסודות ועמוד החכמות" ר"ת הוי'** (כמ"ש נכדו ר' דוד הנגיד — סה"ד שם. שה"ג להחיד"א מע' רמב"ם. וראה גם „פירוש" לריש הל' יסוה"ת) (וגם ממשיך אח"כ „ואמת הוי' לעולם"), „לידע שיש שם מצוי ראשון", „אמיתת

---

*) ולהעיר שיום הולדת שלו הוא בערב פסח (סה"ד ד"א תתקכז).

**) ומהיו"ד ד„יסוד" (כנגד היו"ד דשם הוי') נמשך התיבה „(י)סוד", בגימטריא שבעים, כנגד בירור העולם, שבעת ימי הבנין (בחי' אלקים), וגם שם ממשיכים ומגלים אלקות דבחי' סתום (שלמעלה מהבריאה), ע"י „נכנס יין (בגימטריא שבעים) יצא סוד" (עירובין סה, סע"א), שזהו הגילוי דפנימיות התורה (וע"ד מעשה מרכבה — בפרקים הראשונים דספר הרמב"ם).

יב. עפ"ז יש לומר דער רמז אין דעם מזמור צדי"ק (בהוספת ק' נאָך צד"י):

ס'איז ידוע דער פירוש[144] אין „בה"א נברא העולם הזה"[145], אַז עולם איז באַשאַפן געוואָרן בה"א, וועלכע האָט דריי קוים, כנגד די דריי דרגות אין עולם — בריאה יצירה עשי', מחשבה דיבור ו־מעשה: דער גג ורגל ימיני (המחוברים) זיינען כנגד מחשבה ודיבור, און דער רגל השמאלי הנפסק איז כנגד עשי', אויף וועלכע עס שטייט „אף עשיתיו"[146], אף המפסיק.

וויבאַלד אַז „עולם על מילואו נברא"[147], איז מובן אַז אע"פ וואָס עוה"ז איז באַשאַפן געוואָרן בה"א, אַז ס'איז דאָ אַ הפסק פאַר עולם העשי' (ד.ה. אַ העלם והסתר וואָס איז מעלים אויף איר חיבור מיט די העכערע עולמות) — איז דאָס אָבער על מילואו, באופן ווי דער אויבערשטער האָט עס באַשאַפן בשם אלקים, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט וואָס איז מעלים אויף אלקות. און די עבודה אין דעם עולם באַשטייט פון „צד"י"[148] — בוחר זיין אַז תומ"צ איז דער צד פון אַ אידן, כנ"ל.

דערנאָך איז דאָ די עבודה פון ק' (דקדושה) — אַז מ'דערגרייכט אויך אין דעם אָרט (שנעשית ע"י החטא), אַז פון דעם אות ה' זאָל ווערן אַן אות ק', וואָס איר רגל השמאלי איז יורד למטה מן השורה, למטה פון דעם אָרט ווי דער אויבערשטער האָט די וועלט באַשאַפן לכתחילה. און די כוונה אין דעם איז — „אשר ברא אלקים לעשות, לתקן"[149], ווערן אַ „שותף להקב"ה במעשה בראשית"[150], און מברר זיין אויך דעם אָרט, ווי משה האָט אויפגעטאָן (כנ"ל) — וואָס אין דעם באַשטייט שלימות העבודה פון אַ „צדי"ק", אַז ער איז ממשיך פון „צד"י" (אַז תומ"צ איז זיין צד) אויך אין ק'[151] למטה מן השורה[152].

יג. ע"פ כל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דוקא משה איז גואלם של

המצאו" (עצמותו ית'). ובסיום ספרו — בהל' משיח, הקשור עם הגילוי ד„נועם" (עלמא דאתי), ובזה גופא — ב' תקופות: שלא יהי' שינוי הטבע כ"א ביטול שעבוד מלכיות בלבד (גילוי אלקים בגימטריא הטבע), ובתקופה שני' נסים למעלה מטבע — כנרמז בסיום הספר „כמים לים מכסים". כמבואר במ"א (הדרן על הרמב"ם לעיל ע' 98 ואילך).

144) ראה לקו"ת ר"פ בלק (סז, א ואילך). תו"א מג"א צה, סע"ב ואילך. סה"מ תר"ן ע' רעט ואילך. תרנ"ח ע' ריב. הש"ית ע' 122. סה"מ קונטרסים ח"א רמא, א ואילך.

145) מנחות כט, ב.

146) ישעי' מג, ז.

147) ראה ב"ר פי"ב, ו. פי"ד, ז. פי"ג, ג.

148) וי"ל ש„ד"י" (מתיבת „צד"י") הם כנגד אות ה', שהוא ד' עם י' (רגל השמאלי). וזה בא לאחרי אות צ' שהוא נ' (כפופה) וי' בימינו, שמרמז על העבודה בקדושה ורשות, דאף שנ' ר"ת נפילה, הי"ז נ' כפופה (שאינו יורדת למטה מן השורה), וזהו הירידה בשם אלקים, וצורך עלי' לבחי' נ' ר"ת נשיא, עד לגילוי שער הנ'. ומרומז גם בזה ש„צדי" „הוא מלשון וצודה לי ציד" (מגן דוד שם), בירור ה„ציד" (המותר) דעולם הזה.

ועי"י הירידה נוספת למטה מן השורה, באות ק' (ע"ד ן' פשוטה), נעשית עלי' שלא בערך, ע"ד משה (ש„מן המים משיתיהו", ממקום של ע"ז), שבכחו לברר גם למטה מן השורה.

149) בראשית ב, ג .

150) ל' חז"ל — שבת י, א. קיט, ב.

151) וע"ד ההוספה בצדי"ק לגבי פ"א בפסוקי „תהלה לדוד" (שע"פ סדר הא"ב) — „פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון, צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו": אף שגם ב„פותח גו'" מודגשת ה־פעולה וההשפעה בעוה"ז (ע"ד באות ה'), שזהו"ע „משביע לכל חי" — הרי ההשפעה היא ביד ימין (ראה יהל אור ע' תקנה): וב„צדיק גו'" מרומזת ההשפעה גם ביד שמאל, למטה מן השורה.

152) וע"ד משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא (ראה לקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, ב).

ישראל, בגאולת מצרים, און גואל ראשון הוא גואל אחרון — וואָרום זייענדיק בדרגת „תפלה למשה איש האלקים" האָט ער בכח צו ממשיך זיין גאולה — גילוי כח הבלי גבול — אין וועלט, און אויסלייזן אידן פון אַלע מיצרים וגבולים, ביז אויך פון קליפת וע"ז של מצרים, ובכח זה — אויך די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", ניט נאָר נסים המלובשים בטבע (אלקים), נאָר אויך נסים גלויים שלמעלה מדרך הטבע לגמרי, ביז נפלאות,

און עס וועט זיין אַ גאולה שאין אחרי' גלות, באופן אַז כל העולם כולו וועט זיין אַ דירה לו יתברך, דירת קבע ונצחי, לעד ולעולמי עולמים.

יד. דערמיט קען מען אויך מבאר זיין דעם תוכן פון דעם „נס גדול" בשבת הגדול, און דער קשר מיט שבת דוקא:

דעם נס פון „למכה מצרים בבכוריהם", אַז דער תוקף פון לעו"ז עצמו (בכורי מצרים) שלאָגט מצרים, ארץ מלאה גילולים[153] — דער בירור פון דעם ק' (למטה מן השורה) — ווערט אויפגעטאָן דורך אַ גילוי הכי נעלה פון אלקות, העכער ווי די נסים וואָס האָבן פּאַסירט מיט אידן אַליין (אָדער די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט). ביז אַז דאָס ברענגט אַריס נאָכמער דער כח נצחי וכח הבלי גבול פון אלקות, אַז דאָס דערגרייכט אפילו במקום זה.

דעריבער ווערט דוקא דאָס אָנגערופן „נס גדול", און דוקא דאָס ווערט די „התחלת גאולה ונסים" פון גאולת מצרים.

און דאָס איז נקבע געוואָרן דוקא ב־שבת, וואָרום שבת איז פאַרבונדן מיט דער גאולה נצחית — יום שכולו שבת ומנוחה לחיי עולמים (כנ"ל ס"ז), ועסקא דשבתא כפול, וואָס כפל איז אויך פאַרבונדן מיט גאולה; און דעריבער, אין דעם שבת ווען עס האָט פּאַסירט דער „נס גדול" פון „למכה מצרים בבכוריהם" — מאַכט עס איבער דעם גאַנצן שבת, אַז עס ווערט אַ „שבת הגדול". [און דעריבער האָט דער שבת אויך בכח צו מברך זיין חג הפסח, כנ"ל ס"א].

ולהוסיף, אַז בקביעות שנה זו (ובכמה שנים) קומט אויס שבת הגדול בשבת פ' צו, „אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות"[154], וואָס אונטערשטרייכט נאָכמער גילוי ענין הנצחיות למטה — בכח זה וואָס דער אויבערשטער זאָגט אָן צו משה רבינו: „צו אל אהרן", און דורך אהרן קומט עס אָן צו יעדער איד (וואָרום אהרן איז אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה[155]), אַז ער האָט דעם ציווי און אומבאַגרענעצטען נתינת כח פון דעם אויבערשטן, סיי אין הווה (מיד) און סיי אין עתיד (לדורות):

„מיד" — עס איז ניטאָ ביי אים קיין שטערונג אָדער אפילו אַן אָפּהאַלט צו קענען דורכפירען דעם ציווי גלייך, ווייל ער איז אַריינגעטאָן אין דעם אינגאַנצען, ביז אַז דאָס איז זיין לעבן, דורך און דורך; ולדורות — דאָס ווערט פאַרגעזעצט, און אין דעם זעלבן אופן פון זריזות, אויך ביי די קומענדיקע דורות — ל' רבים: און ווען ס'איז דאָ די חזקה פון דריי דורות (פון אים און נאָך צוויי דורות), ווערט עס אַן ענין נצחי אויף אַלע דורות, אַז יעדע פעולה וואָס ער טוט זאָל זיין באופן פון „מעשה ידינו כוננהו"[156].

---

153) פרש"י וארא ט, כט.

154) תו"כ (הובא בפרש"י) עה"פ.

155) אבות פ"א מי"ב.

156) ראה מכתב ה' ניסן ש.ז (נדפס לקמן ח"ב בהוספות). ושי"נ.

טו. האמור לעיל איז נאָכמער בהדגשה געפינענדיק זיך אין חודש ניסן פון היינטיקן יאָר „הי' תהא שנת נפלאות אראנו", און ווי גערעדט (אויך אין די מכתבים כלליים) וועגן די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פאַסירט דעם יאָר (נאָענט צו דעם היינטיקן פורים), אַז ס'איז בטל געוואָרן אַ מנגד צו אידן, ביז אַז דער נצחון האָט געבראַכט דערצו, אַז דער שונא זאָל באַפרייען, אין אַ גוטן אופן, אַ טייל פון די מלחמה־געפאַנגענע וכו', ווי גערעדט אויספירלעך פריער.

און זיכער וועט דער אויבערשטער ממשיך זיין ווייזן נסים ונפלאות, ביז — ועיקר — „אראנו נפלאות" בגאולה האמיתית והשלימה,

וואָס די מלחמות אין יענעם טייל וועלט („מלך פרס" מיט „מלך ארם") זיינען פון די סימנים אַז אָט קומט די גאולה ע"י משיח צדקנו, ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני[157], און ווי ער זאָגט דאָרט, אַז „בני אל תתיראו . . הגיע זמן גאולתכם", און „מלך המשיח עומד על גג ביהמ"ק והוא משמיע להם לישראל ואומר, ענוים הגיע זמן גאולתכם"!

טז. פון דעם אַלעם האָט יעדער איד אַ הוראה אין זיין אייגענע עבודה:

שטייענדיק אין שנת נפלאות אראנו, און אין דעם גופא — בחודש ניסן, און בתוך השבוע פון חג הפסח, זמן חירותנו, און אין אָנבליק פון די געשעענישן און נסים — וואָס זיינען גלויים לעיני בשר, לעיני כל העמים —

דאַרף דאָס אַרויסרופן ביי אַ אידן נאָכמער רצון און כחות צו טאָן זיין עבודה באופן פון נס, ביז נסי נסים — ס'איז ניט גענוג ער זאָל זיך אויפהויבן פון זיין ביז־איצטיקער געוואוינהייט אין לימוד התורה וקיום המצוות בהידור, נאָר ער דאַרף שטייגן אין דעם אַלץ העכער און העכער, „ילכו מחיל אל חיל"[158], ביז ער דערגרייכט דעם אמת'ן „נס גדול" פאַרבונדן מיט „גדול הוי' ומהולל מאד"[159].

און מ'האָט אויף דעם אַ נתינת כח מיוחדת פון מזמור צדי"ק, „תפלה למשה איש האלקים", „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו" — אַז „תשרה שכינה במעשה ידיו",

און משה גיט כח יעדן אידן — בפרט דורך בחי' משה שבו (וואָס ווירקט אויף זיין עבודה בפועל) — ער זאָל מגלה זיין אין זיך דעם „צדיק" שבו, „ועמך כולם צדיקים"[160], ווי ער איז פאַרבונדן מיט „צדיק ה' בכל דרכיו"[161], און דורך דעם — טאָן בשלימות זיין עבודה פון „צד"י", זיך אינגאַנצן איבערגעבן צו דעם צד פון תורה, אַזוי אַז דאָס ווערט „צדי" אינגאַנצן (אַזוי אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט אויף אַ קס"ד פון נאָך אַ צד), סיי בנוגע צו זיך אַליין, און סיי בנוגע צו השפעה אויף אַנדערע אידן, בהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און אויך — משפיע זיין אויף אוה"ע בנוגע צו זייערע שבע מצוות[111],

— און אין דעם קומט מען צו נוצען נאָך אַ געשעניש להוספה בעבודת השם: בהשגחה פרטית, איז בימים אלו אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ החלטה מספר 104 — גימטריא צד"י[162] — פון דעם בית הנבחרים פון דער

157) ישעי' רמז תצט.

158) לשון הכתוב — תהלים פד, ח.

159) תהלים מח, ב.

160) ישעי' ס, כא.

161) תהלים קמה, יז.

162) והרי כל דבר הוא בהשגחה פרטית. — ולהעיר מהנהגת גדול א' שהי' לומד הוראה אפילו ממספר הרכבת שבה הי' נוסע!

מדינה (די באי־כח פון המדינה כולה), וואָס האָט דעם כח פון דינא דמלכותא דינא[163] — בקשר מיט קובע זיין היי יאָרי־גען „עשתי עשר יום"[164] לחודש ניסן אַלס אַ טאָג געווידמעט במיוחד צו פאַר־שטאַרקן חינוך הטוב א.ז.וו. — יסודות אין ישוב העולם פאַר כל תושבי המדינה וכל תושבי העולם —

און טאָן דאָס ביז אין אַן אופן פון „צדיק", דערגרייכן אויך אין חוצה שאין חוצה ממנה.

והדגשה מיוחדת בענין שהזמן גרמא[165]: צושטעלן אַלע צרכי החג צו די וואָס דאַרפן דערצו אָנקומען — די צרכי הסדר (מצות, ד' כוסות וכו'), און צרכי יום טוב בכלל (בגדי יום טוב, ומאכלי יום טוב), וכיו"ב.

וויש לעורר אויף נאָך אַן ענין בקשר עם זה: אין די ערטער וואו מ'פראַוועט סדרים ציבוריים וכלליים — זיינען דאָ כמה מקומות וואו מ'האָט געמאַכט הכנות צו פראַוועז נאָר איין סדר (צוליב דעם וואָס עס פעלט געלט וכיו"ב). ונחוץ וכדאי ביותר, אַז מ'זאָל זיך משתדל זיין ביותר מאַכן ביידע סדרים, על כל פנים — טיילן די הוצאות אויף ביידע נעכט, ובודאי — וועט מען דערצו ניט דאַרפן אָנקומען, ווייל דער אויבערשטער וועט זיכער בענטשן און צושטעלן צו די עוסקים בזה כל המצטרך, און נאָכמער דערפון.

ויהי רצון אַז עס זאָל שוין מקויים ווערן די שלימות התפלה פון משה און פון משה שבכאו"א מישראל — „תפלה למשה איש האלקים" — „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", „תשרה שכינה במעשה ידיכם", אין מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, און תיכף ומיד ממש דעם עיקר — אין דעם בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך".

---

163) גיטין י, ב. ושי"נ.

164) לשון הכתוב — נשא ז, עב.

165) ראה שו"ע אדה"ז או"ח ריש הל' פסח סתכ"ט ס"ה.

ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנ"ש שיחיו שברכו אותו אור ליום ג', י"א ניסן ה'תנש"א

לאחרי תפלת ערבית

א. כשם ווי אין תורה איז דער סדר אַז „במה שסיים כו' פתח להם כו'"[1] — אַזוי דאַרף אויך זיין באַ אידן, אַז „במה שסיים" ווערט דערנאָך דער המשך און התחלת ופתיחת הענין שלאחרי זה באופן של פעו־לה נמשכת (ביז — על כל השנים כולם)[2].

אַזוי ווי מ'האָט איצטער מסיים געווען[3] מיט „ואני אברכם"[4] — איז „פתח להם" אויך מיט דעם ענין:

„ואני אברכם": דער אויבערשטער זאָגט אין תורה (ואין מקרא יוצא מידי פשוטו[5]), אַז ער אַליין וועט בענטשן את כל המברכים[6], ובברכתו של הקב"ה — מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה[7], אָן קיין מדידה והגבלה במקום ובזמן, במילא קומט עס אָן תיכף ומיד ממש[8], און צוזאַמען דערמיט איז „ואני אברכם" — ווי דאָס איז למעלה ממדידה והגבלה (פון „אני", דער אויבערשטער אַליין) ווערט עס נמשך (ברכה מלשון המשכה[9]) צו אידן למטה, און באופן פון „אברכם" (סתם, בלי פרטים) וואָס איז — אַלע ברכות, צו יעדער אידן און צו אַלע אידן[10], סיי בענינים כלליים סיי בענינים פרטיים, ביז פרטי פרטים.

דאָס הייסט אַז „ואני אברכם" איז כולל צוויי ענינים, צוויי קצוות: פון „אני" (דער אויבערשטער אַליין) שלמעלה מכל מדי־דה והגבלה, ווערט „אברכם", ברכה והמ־שכה צו אידן למטה.

וואָס אין יעדער ברכה והמשכה פאָ־דערן זיך צוויי ענינים: די ברכה זאָל קומען פון אַן אָרט וואָס איז העכער פאַר די הגבלות פון דעם מתברך מצ"ע (וואָס דערפאַר דאַרף ער אָנקומען צו דער ברכה), און צוזאַמען דערמיט זאָל עס נמשך ווערן אין דעם מתברך בפנימיותו, לפי ענינו וההצטרכות שלו.

---

1) ב"ר פ"ק, יא. מדרש תהלים בתחלתו.

2) היינו, שיש בזה ב' ענינים: (א) בענין חדש זה (ש„פתח להם") ישנו המשך וכחות של הבא לפני זה (עד סיומו), (ב) שענין חדש זה מוסיף חידוש גם בהבא לפנ"ז. ועפ"ז יומתק הטעם ש„פתח להם" „במה שסיים" הקודם לו.

3) בברכת כהנים של א' הרבנים שי', שנאמרה בהמשך לברכת אנ"ש שי'. המו"ל.

4) נשא ו, כז.

5) שבת סג, א. וש"נ.

6) להדיעה ש„ואני אברכם" לכהנים נאמר, „כהנים מברכין לישראל והקב"ה מברך לכהנים" (חולין מט, סע"א). וגם להדיעה שלישראל נאמר („כהנים מברכים ישראל והקב"ה מסכים על ידם") „ברכה לכהנים מנא לי"", „מואברכה מברכיך" (לך לך יב, ג) — חולין שם.

7) נוסח ברכה השלישית (— ודמן התורה) ד־ברכת המזון.

8) ובמכ"ש מברכת הכהנים, שהיא באופן ד„עד מהרה ירוץ דברו" (תהלים קמז, ו. וראה לקו"ת ס"פ קרח. ובכ"מ), עאכו"כ הברכה של הקב"ה עצמו, „ואני אברכם".

9) תו"א מקץ לז, ג. ובכ"מ.

10) שהרי גם להדיעה ש„ואני אברכם" לכהנים נאמר (כנ"ל הערה 6), ישראל מתברכין מפי ה־גבורה, ואי"צ לזה קרא מיוחד (ובלשון התוס' חולין שם ד"ה והקב"ה: „פשיטא דמסכים, כיון שציוה להם לברך"), כמשנ"ת במ"א (לקו"ש ח"י ע' 42).

ב. די ברכה פון דעם אויבערשטן („ואני אברכם״) — און אין ביידע ענינים: (א) אַ ברכה שלמעלה ממדידה והגבלה, (ב) וועלכע ווערט נמשך צו יעדער איד למטה — איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין תפלת וברכת משה אין דער התחלה פון מזמור צדי״ק אין תהלים[11] — דער ערשטער פון די „אחד עשר[12] מזמורים״ וואָס משה האָט געזאָגט[13] — וועלכער הויבט זיך אָן: „תפלה למשה איש ה־אלקים״, און ענדיקט זיך (מיט תפלת משה) „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו״:

זייענדיק אַ תפלה (תפלה למשה) — און אויך אַ ברכה[14] — פון „משה איש ה־אלקים״, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס האָט אין זיך דעם כח פון (אַ ברכה פון) „אלקים״[15], ע״ד (כביכול) „ואני (הקב״ה עצמו) אברכם״,

וכמודגש אין תוכן התפלה והברכה, ובסיומה[16] — „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו״, אַז „עלינו״ — יעדער איד און אַלע אידן — זאָל זיין דער גילוי פון „נועם ה׳ אלקינו״, וואָס „נועם״[17] (נועם עילאה) איז די דרגא פון עתיק, און פנימיות עתיק, ביז — עצמו־תו ית׳[18] („אני״, „אני אברכם״[19]), און דאָס זאָל נמשך ווערן אין „מעון״ (אותיות נועם[20]), מלכות, ביז אין „מעשה ידינו״, און דער כח אויף דעם קומט פון „תפלה ל־משה איש האלקים״, תפלת עשיר[21], וועל־כע דערלאַנגט אין עצמותו ית׳[22],

און דעריבער איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַ ברכה שלמעלה מכל מדידה והגבלה במקום וזמן, וויבאַלד אַז דאָס קומט פון „משה איש האלקים״ ובאופן פון „נועם ה׳ אלקינו עלינו״.

און ווי פאַרשטאַנדיק דערפון וואָס מיט דער ברכה האָט משה געבענטשט אידן אַז עס זאָל זיין די השראת השכינה אין משכן — „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו

---

11) ע״פ המנהג לומר בכל יום המזמור תהלים המתאים לשנות חייו (מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר, נדפס ב„קובץ מכתבים״ שבסו״ס אהל יוסף יצחק (ע׳ 214). אגרות־קודש שלו ח״א ע׳ לא. ח״י ע׳ נג. וראה גם מאמרי אדה״ז הקצרים ע׳ שמא) — מתחילים בי״א ניסן שנה זו אמירת מזמור צדי״ק שבתהלים.

— ביאורי רבותינו נשיאינו על פסוקי מזמור זה נלקטו ב„קובץ י״א ניסן — שנת הצדי״ק״ (קה״ת, תנש״א). ועיי״ש בנוגע לכמה ענינים הבאים להלן.

12) ראה הערה 28.

13) מדרש תהלים ופרש״י עה״פ (צ, א). פרש״י פקודי לט, מג. ועוד.

14) שהרי „ויהי נועם גו״ הוא ברכת משה „שתשרה שכינה במעשה ידיכם״ — כדברי חז״ל עה״פ (פקודי שם. פרשתנו (שמיני) ט, כג) „ויברך אותם משה״, „ויברכו את העם״ (פרש״י פקודי ושמיני שם. פרש״י תהלים כאן. וראה תו״ש עה״פ פקודי שם (אות לד). ושי״נ).

15) היינו, שנוסף לזה שבתפלה וברכה זו ישנו כחו של הקב״ה, כמו בכל התפלות והברכות (של כל ישראל) שיש בהם כחו של הקב״ה (שאליו מתפללים והוא מקור כל הברכות והשפעות כו׳), הרי זה „תפלה למשה איש האלקים״, ע״ד „ואני אברכם״ (כביכול), בהוספה על ברכת הכהנים (שלוחי דרחמנא — קידושין כג, ב. ושי״נ).

16) וכן בתחלתה: מעון אתה היית לנו.

17) בהבא להלן ראה ד״ה תפלה למשה — במאמרי אדה״ז אתהלך לאזניא ע׳ קנז. תר״ס (ע׳ נט). וראה גם ד״ה זה תשכ״ט ס״ב (סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ ריז־ט). — נעתקו בקובץ י״א ניסן הנ״ל אות: ו, יח, כא.

18) ראה גם קובץ י״א ניסן הנ״ל עה״פ ויהי נועם (אות עז ואילך). ועוד.

19) ראה ברכת ערב יוהכ״פ (לאחרי תפלת מנחה — לעיל ע׳ 3־42). ושי״נ.

20) ל״ת וס׳ הליקוטים להאריז״ל עה״פ. הובא במקומות שצויינו בהערה 17.

21) ראה זח״א קסח, ב. וראה נדרים לח, א.

22) ד״ה תפלה למשה תר״ס ותשכ״ט הנ״ל (הערה 17).

גו'"[23], און אין אופן פון „כוננה עלינו גו'", באַפעסטיקט אויף אַ יסודות'דיקן אופן — מיט אַ קביעות, לעד ולנצח נצחים (כמובן פון דעם פירוש אין תניא אין „שכינתא שריא", אַז דאָס איז בקביעות[24] ונצחיות[25]), און „ושכנתי (בקביעות) בתוכם"[26], בתוך כל אחד ואחד מישראל[27].

[ויש לומר אַז דער כח לזה קומט דער־פון וואָס די ברכה איז פון „משה איש האלקים", וואָס דוקא פון דעם אויבערשטן קומט דער כח צו אויפטאָן השראת השכינה באופן של קביעות ונצחיות].

עפ"ז קומט אויס אַז אין „תפלה למשה גו'" איז מודגש די צוויי ענינים הנ"ל (אין „ואני אברכם") וואָס פאָדערן זיך אין אַ ברכה: צוזאַמען דערמיט וואָס „תפלה ל־משה איש האלקים" איז אַ ברכה שלמעלה מכל מדידה והגבלה — איז זי אַ ברכה וועלכע ווערט נמשך פון משה צו יעדער איד, און אַ ברכה כללית — די ברכה אַז „תשרה שכינה במעשה ידיכם"[28].

ג. ויש לומר נאָכמער: דער כח ואופן ווי די ברכות של הקב"ה ווערן נמשך צו אידן למטה איז דורך משה רבינו — דער רועה נאמן פון אַלע אידן[29] (בכל הדורות[30]), דורך וועמען עס ווערן נמשך אַלע השפעות צו אידן, און ער איז דער ממוצע המחבר „ביניכם ובין ה' אלקיכם"[31] — וואָס (זייענדיק אַ ממוצע) האָט ער אין זיך פון ביידע ענינים וועלכע ער איז מחבר[32],

ווי חז"ל זאָגן[33] אויף „איש האלקים" —

---

23) נסמן בהערה 13.

24) ראה תניא פ"ו (י, ב), שמביא מאחז"ל (סנהדרין לט, א) „כל בי עשרה שכינתא שריא (ומוסיף בתניא:) לעולם".

וי"ל, כי התוכן בתניא שם הוא ש„צד הקדושה אינו אלא השראה והמשכה מקדושתו של הקב"ה ואין הקב"ה שורה אלא על דבר שבטל אצלו יתב' בין כו' בין בכח כו', ולכן אמרו רז"ל שאפי' אחד שיושב ועוסק בתורה שכינה שרוי' כו' וכל בי עשרה שכינתא שריא לעולם" — שמכיון „שבכחו להיות בטל ממש" לעולם, לכן גם השראת השכינה עליו הוא לעולם. וראה גם תניא ספל"ה.

ולהעיר שבתניא ספי"א מביא מאחז"ל הנ"ל (שכל בי עשרה שכינתא שריא) בנוגע להרשע ורע לו, שבחי' טוב שבו הוא רק בבחי' מקיף עליו (שריא). ועפ"ז נמצא שהענין דשכינתא שריא הוא תמיד בכל ישראל (גם במי שאין בו בחי' טוב בגלוי), וראה לקו"ת ר"פ ראה. ד"ה ראה תשמ"ג (נעתק בקובץ י"א ניסן שנת הפ"ט אות יט). ויש לתווך זה עם משנ"ת בתניא פ"ו הנ"ל, ע"פ המבואר בלקו"ת (יוה"פ סט, ב), שאף שהשראה היא בחי' מקיף (וראה גם אגה"ק סכ"ג. תו"א נד, ג) „אעפ"כ הוא פועל פעולה בהם כו'".

25) ראה רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו ה"ט: קדושת המקדש וירושלים מפני השכינה ושכינה אינה בטלה. וראה לקו"ת פקודי (ה, א. ז, ב) בפירוש „משכן העדות", שעד(ות) הוא לשון נצחיות. וראה תהלים לז, כט: צדיקים ירשו ארץ וישכנו לעד עלי', וברד"ה באתי לגני הש"ת, שמשכינים בחינת שוכן עד מרום וקדוש שיהי' בגילוי למטה.

26) תרומה כה, ח.

27) ראה ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחילתו (ד"ה ושני פסוקים — סט, ב). אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. ועוד.

28) וכמרומז גם בזה שהוא הראשון של ה„אחד עשר מזמורים" שאמרם משה — שב„אחד עשר" יש שני ענינים: (א) אחד שלפני (ולמעלה מ)עשר, אנת הוא חד ולא בחושבן (בחי' עתיק), (ב) אחד עשר — המשכת אחד (חד ולא בחושבן) בעשר, בכל העשר ספירות, ועד בספירת המלכות (ראה ד"ה תפלה למשה תשכ"ט שבהערה 17. ושנ"ג).

29) ראה תניא רפמ"ב. וראה שמו"ר עה"פ (שמות ג, א) ומשה הי' רועה (פ"ב, ג—ד).

30) דאתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא — זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א). ועוד.

31) ואתחנן ה, ה.

32) ראה בארוכה ד"ה פנים בפנים תרנ"ט (ע' קצ ואילך).

33) מדרש תהלים (באבער) עה"פ. דב"ר פי"א, ד.

„מחציו ולמטה איש מחציו ולמעלה ה־אלקים״. משה האָט אין זיךביידע ענינים — סיי ווי ער איז בדוגמא שלמעלה („מחציו ולמעלה האלקים״), און סיי ווי ער איז בדוגמא צו אידן למטה („מחציו ול־מטה איש״), און האָבנדיק די ביידע ענינים האָט משה דעם כח פון „תפלה למשה״ — צו אַראָפּברענגען די ברכות של הקב״ה ווי זיי זיינען למעלה ממדידה והגבלה („ואני אברכם״)[34] צו אידן ווי זיי זיינען נשמות בגופים למטה (בבחי׳ „איש״).

[ובפרטיות יותר — י״ל אַז דאָס איז דער חילוק צווישן „משה״ און „איש ה־אלקים״: „איש האלקים״ באַווייזט אויף דעם חיבור פון בחי׳ איש מיט שם אלקים (בגימטריא הטבע[35]), אלקות שבערך ה־בריאה (והאיש הנברא), וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן בשם אלקים (בראשית ברא אלקים גו׳[36]). משא״כ „משה״ איז פאַר־בונדן מיט שם מ״ה[37], שם הוי׳[38], שלמעלה מהבריאה].

לויט דעם קומט אויס אַז דער מזמור „תפלה למשה״ — נוסף לזה וואָס דאָס גייט אויף דער תפלה פון משה אויף אידן (און ברכת משה צו אידן) — איז אַן ענין כללי ביותר: תפלת וברכת הנשיא — משה, וועלכער איז כולל כל התפלות והברכות כולם; דורך „תפלה למשה״, נשיא ישראל, וואָס הנשיא הוא הכל[39], ווערן נמשך אַלע ברכות פון דעם אויבערשטן למטה, בכל הפרטים ופרטי פרטים.

ד. נאָכמער: בכדי אַז ביי אידן זאָל נקלט ווערן בפנימיות די ברכות של הקב״ה (שלמעלה ממדידה והגבלה), איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך באַ זיי דאַרף זיין מעין פון די ביידע ענינים הנ״ל (פון „איש״ און פון „האלקים״).

ויש לומר, ע״פ הידוע[40] אַז יעדער איד האָט אין זיך בחי׳ משה שבו, כמובן פון דברי הגמרא[41] עה״פ[42] „ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך״, „אטו יראה מילתא זוטרתי היא? אין, לגבי משה מילתא זוטרתי״, און וויבאַלד אַז „כל נפש ונפש מבית ישראל יש בה מבחי׳ משרע״ה״, דעריבער, כשם ווי די ענינים זיינען געווען באַ משה׳ן, אַז ביי אים איז דאָס „זוטרתי״, אַזוי ווערט עס „זוטרתי״ באַ יעדער איד (אנשים נשים וטף עד סוף כל הדורות), ביז אַז דאָס פועל׳ט אויף אים אין זיין עבודה בפועל כהמשך

34) והרי ציווי ה׳ על ברכת כהנים נאמר ע״י משה — „וידבר ה׳ אל משה לאמר דבר גו׳״ (נשא ו, כב ואילך).

ויומתק ע״פ פירוש הבחיי (עה״פ ומעשה ידינו כוננה עלינו), ש„מעשה ידינו״ קאי על „נשיאת כפים שעשה אהרן ביום ההקמה, שזה לשון עלינו״, היינו, שלאחרי ברכת כהנים של אהרן ניתוסף בזה ע״י ברכתו של משה ש„מעשה ידינו כוננה עלינו״, ע״ד ובדוגמת ההוספה ד„ואני אברכם״ על ברכת כהנים שלפני זה.

35) פרדס שער יב (שער הנתיבות) פ״ב. ר״ח שער התשובה פ״ו ד״ה והמרגיל (קכא, ב). שעהיוה״א רפ״ו. וראה הנסמן לעיל ע׳ 400 הערה 52.

36) בראשית א, א.

37) תו״ח שמות קטז, א. אוה״ת תצוה ע׳ א׳תרה. וראה גם תו״א יתרו סח, סע״ב ואילך. מג״א צט, ג. ובכ״מ.

38) ראה סה״מ תקס״ב ע׳ קלז. אוה״ת וארא ע׳ רג. ובכ״מ.

39) פרש״י חוקת כא, כא (בנוגע למשה). וראה גם תנחומא חוקת כג. במדב״ר פי״ט, כח. וברמב״ם הל׳ מלכים פ״ג ה״ו: לבו (של מלך*) הוא לב כל קהל ישראל (והרי משה הי׳ (נשיא, וגם) מלך — רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ו הי״א. ועוד — ראה לקו״ש חי״ט ע׳ 170. וש״נ).

40) תניא רפמ״ב.

41) ברכות לג, ב.

42) עקב י, יב.

*) וראה לקמן סעיף יו״ד.

הכתוב („ועתה ישראל גו'") „ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה"א גו' לשמור את מצות ה' גו'"[43].

דערפון איז מובן, אַז ע"ד ווי בײַ משה'ן זיינען פאַראַן ביידע ענינים פון „איש" און „האלקים" (וואָס ע"י זה איז ער דער ממוצע המחבר צווישן די ברכות שלמעלה און אידן למטה), איז „אפס קצהו ושמץ מנהו"[44] דאָ בײַ יעדער איד (כדלקמן), וואָס דאָס גיט אים דעם כח צו אויפנעמען די ברכות בשלימות.

עפ"ז איז נאָכמער פאַרשטאַנדיק, ווי דער מזמור צדי"ק „תפלה למשה" איז כולל כל הברכות כולם — וואָרום נוסף לזה וואָס דורך „תפלה למשה" ווערן נמשך אַלע ברכות צו אידן למטה, איז דאָ בחי' משה בכל א' מישראל, און במילא איז (תפלת) משה כולל אַלע אידן, און דער תוכן המזמור דריקט אויס און שפּיגלט אָפּ (דעם תוכן און עבודה פון) אידן עצמם אין אַלע זייערע ענינים (וואָרום משה איז רעיא מהימנא פון אַלע אידן (כנ"ל), ביז אַז בחי' משה איז דאָ אין יעדער איד), ביז — אַז „תפלה למשה" פועל'ט אויף אים אין זיין עבודה בפועל (כנ"ל), משה גיט דעם כח אַז אַלע ענינים פון דעם מזמור, אָנהויבנדיק פון דעם עצם ענין פון „תפלה למשה איש האלקים", זאָלן נמשך ווערן צו יעדער איד.

ה. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין דעם כפל הלשון (וענין) במזמור צדי"ק — אַ כפל הן אין דעם מברך (בתחלת המזמור): „(תפלה ל)משה" און „איש האלקים", און הן אין דער ברכה עצמה (בסיום המזמור): „ומעשה ידינו כוננה עלינו" און „ומעשה ידינו כוננהו"[45]:

מעין דעם ענין פון „איש האלקים", „מחציו ולמטה איש מחציו ולמעלה ה־אלקים" (וואָס שטייט אויף משה'ן) — איז דאָ בײַ יעדער איד, בבחי' משה שבו. ובכללות — אַז יעדער איד טיילט זיך אין צוויי חלקים: אַ נשמה און אַ גוף, וואָס זיין נשמה איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[46], ע"ד „האלקים"; און זיין גוף איז פאַרבונדן מיט בחי' „איש", אַ יש ונברא.

ובפרטיות יותר — איז דאָס דער חילוק צווישן „משה" און „איש האלקים" (כנ"ל ס"ג): „איש האלקים" באַווייזט אויף דעם חיבור פון בחי' איש (דער גוף) מיט שם אלקים (בגימטריא הטבע). משא"כ „משה" איז פאַרבונדן מיט שם מה — הוי'.

וואָס די צוויי ענינים זיינען פאַראַן בײַ יעדער איד (בבחי' משה שבו): די צוויי דרגות אין זיין נשמה — בחי' ישראל שבה[47], וואָס איז פאַרבונדן מיט שם הוי'[48] („חלק הוי' עמו"[49]), און בחי' יעקב שבה[47], פאַרבונדן מיט שם אלקים[48] (יעקב איז י' עקב[50], ווי דער יו"ד פון שם הוי'[51] קומט אַראָפּ בבחי' עקב[52], וידו (אותיות יו"ד[53])

---

43) שם, יב—יג.

44) תניא פמ"ד.

45) בהבא להלן ראה בארוכה לעיל ע' 398 ואילך.

46) תניא רפ"ב.

47) ראה בארוכה לקו"ת דרושים לר"ה סב, ג (וראה גם תו"א משפטים עז, רע"ב). ספר הליקוטים דא"ח—צ"צ ערך יעקב סמ"ד (ע' א'קא ואילך). וש"נ.

48) ראה זח"א קעד, א: כמה דקב"ה לזימנין אתקרי הוי' ולזימנין אתקרי אלקים, ה"נ לזימנין אתקרי ישראל ולזימנין אתקרי יעקב. וראה לקו"ת שם. ס' הליקוטים שם ע' א'ק ואילך. וש"נ.

49) האזינו לב, ט.

50) ע"ח שער ג (שער סדר אצי' למהרח"ו) פ"ב. פרדס שער כג (שער ערכי הכינויים) בערכו.

51) הגהות הצ"צ לתו"א ר"פ ויצא — אוה"ת שם קצב, א (בשוה"ג (ב)).

52) תו"א שם (כא, א). ובכ"מ.

53) שם וישב כט, א.

אוחזות בעקב עשו[54]). און דערפון קומט אַרויס דער חילוק צווישן דער נשמה (משם הוי'[55]) און גוף (משם אלקים[56]), ביז אַז דערפון ווערט נשתלשל כו' למטה דער חילוק צווישן „מחציו ולמטה איש" און „מחציו ולמעלה האלקים".

כשם ווי אין אַ אידן זיינען פאַראַן די צוויי ענינים פון „משה" און „איש ה־אלקים" — אַזוי איז אויך אין זיין עבודה, אין „מעשה ידינו", וכמודגש אין דעם כפל פון „מעשה ידינו" בסיום המזמור („ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו") — די עבודה אין עניני קדושה — „מחציו ולמעלה"; און עבודה בעניני רשות וחול (עניני העולם) — „מחציו ולמטה". ובכל־לות — די עבודה עם עצמו („מחציו ול־מעלה"), און די עבודה בבירור העולם („מחציו ולמטה").

ויש לומר, אַז דער כח צו קענען אויפ־טאָן (ברכה והמשכה) אין ביידע אופני עבודה — קומט פון משה רבינו, בחי' משה שבכל א': דורך דעם וואָס אַ איד האָט אין זיך (בחי' משה, וואָס איז כלול פון) ביידע ענינים פון „משה" און „איש האלקים" (אַ נשמה וגוף), גיט עס אים דעם כח צו טאָן בשלימות — באופן פון „כוננהו" — ביידע אופני עבודה, סיי די עבודה אין עניני קדושה, און סיי די עבודה אין בירור העולם (בבחי' חולין שנעשה על טהרת הקודש[57]).

ו. אַ דוגמא לזה — געפינט מען אין דעם ענין פון שבת[58]:

עה"פ „מזמור שיר ליום השבת"[59] (כ־המשך הי"א מזמורים שאמר משה) זאָגן חז"ל[60] „עיסקא דשבתא כפול". איז מבואר בכ"מ[61] אַז דער כפל (פון עיסקא דשבתא) איז כנגד די צוויי דרגות פון מעלי שבתא ויומא שבתא, מנוחה בערך היגיעה און מנוחה בעצם, ע"ד דער חילוק צווישן שם אלקים (אלקות בערך הבריאה), און שם הוי' (אלקות שלמעלה מהבריאה).

ועפ"ז י"ל אַז דאָס איז דער כפל בסיום המזמור: ביום השבת, ווען ס'איז דאָ דער „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", ווערט אַ שלימות כפולה [בדוגמת השלימות וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך „תפלה למשה", וואָס איז פאַרבונדן מיט שבת]: „ומעשה ידינו כוננה עלינו" — די שלימות פון מנוחה בעצם, און „ומעשה ידינו כוננהו" — די שלימות אויך פון מנוחה בערך היגיעה בימי החול („ויכולו השמים והארץ וכל צבאם"[62]) [נוסף אויף דעם וואָס פון שבת מיני' מתברכין כולהו יומין[63] אויך אויף דער עבודה בימי החול שלאחרי זה]. ובכללות יותר: כוננהו אין „מעשה ידינו" פון ימי החול, „ומעשה ידינו כוננה עלינו" ביום השבת, ווען „כל מלאכתך עשוי"[64].

ז. ולהוסיף, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם כפל פון „מזמור שיר (ליום ה־שבת)", „מזמור כפול"[60]:

דער חילוק צווישן „מזמור" און „שיר" איז, אַז מזמור איז בכלי און שיר איז

---

54) תולדות כה, כו.

55) ראה אגה"ת פ"ד (צג, סע"ב ואילך).

56) ראה שעהיוה"א פ"ז (פא, רע"א).

57) חגיגה יט, ב. ושי"נ. וראה תו"א לך יג, א. סידור שער המילה קמה, ד ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות מילה פ"ה (דרמ"צ ח, א). ועוד.

58) ראה לעיל ע' 401.

59) תהלים צב, א.

60) מדרש תהלים עה"פ. יל"ש עה"פ (בשלח טז, כט) ראו כי ה' נתן לכם את השבת (רמז רסא).

61) ראה שיחה שבהערה 58. ושי"נ.

62) בראשית ב, א.

63) זח"ב סג, ב. פח, א.

64) מכילתא (הובא בפרש"י) יתרו כ, ט. טושו"ע או"ח סש"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א.

בפה[65]. ובעבודה רוחנית: שיר בפה באַווייזט אויף דער דרגא פון אור (המשפיע), און מזמור בכלי – איז די כלי (המקבל). וע"ד דער חילוק צווישן אור הנשמה (משם הוי', „משה") און דער כלי הגוף (משם אלקים, „איש האלקים")[66].

ואע"פ וואָס אויך די כלי און גוף איז „איש האלקים", וועלכער איז אַ שם קדוש[67] של הקב"ה[68] – איז דאָס אָבער (כמגן) בהעלם, וואָרום די כוונה איז אַז אַ איד זאָל דאָס מגלה זיין דורך זיין עבודה („מעשה ידינו", ניט נהמא דכסופא[69] ח"ו) פון גילוי אור הנשמה בהגוף[70], אַז די נשמה שלו זאָל פועל'ן און איבערמאַכן דעם גוף, ביז מגלה זיין ווי דער גוף איז אַ כלי צו דעם אור הנשמה, „חלק אלוקה ממעל ממש", משם הוי', און אויך מגלה זיין די מעלה אין דעם גוף (משם אלקים) עצמו.

און דורך דעם – האָט מען אויך דעם כח אויף דער עבודה צו אויפטאָן אין עולם (שנברא בשם אלקים), און מגלה זיין ווי עולם איז אַ כלי צו אלקות, דורכדעם וואָס ער מאַכט פון אַלע עניני העולם אַ כלי צו אויספירן שליחותו בעולם בקיום התומ"צ, דער גילוי השכינה „במעשה ידיכם" באופן של קביעות ונצחיות, ביז אַז עס ווערט אַ דירה לו (לו לעצמותו[71]) יתברך בתחתונים[72], בתחתון שאין תחתון למטה ממנו[73].

און דער כח לזה קומט, כאמור לעיל, פון „תפלה למשה איש האלקים", פון משה רבינו, און פון משה שבכל א' מישראל, וואָס ער האָט אין זיך ביידע ענינים פון „משה" און „איש האלקים", און ער איז מברך וממשיך כחות (באופן של קליטה בפנימיות כנ"ל) אין דער עבודה פון „מעשה ידינו" אין ביידע ענינים – אין גילוי אור הנשמה אור הקדושה, און אין דער עבודה מיטן כלי הגוף און בירור עניני העולם, אַז ביידע זאָלן זיין „כונהו", באַפעסטיקט אויף אַ יסודות'דיקן אופן – דער גילוי פון „יסוד היסודות ועמוד החכמות"[74] ר"ת הוי'[75] (שלמעלה משם אלקים) אין מציאות העולם, אַז מ'ווייסט און מ'זעט ווי „כל הנמצאים משמים וארץ ומה שביניהם לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו"[74], „והוי'[75*] אלקים אמת", „הוא לבדו האמת כו'" [ע"ד „ואמת[76] הוי' לעולם"], „המצוי הזה הוא אלקי העולם אדון

---

65) לקו"ת ברכה צח, ג־ד. סידור (עם דא"ח) שער החנוכה רעז, ג.

66) ראה עד"ז במקומות שבהערה הקודמת. וראה גם שיחת שבת הגדול, ערב י"א ניסן תשמ"ט ס"ט (ס' השיחות תשמ"ט ח"א ע' 394).

67) שבועות לה, סע"א. ירושלמי מגילה פ"א ה"ט. ועוד. רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ו ה"ב.

68) ראה זח"ג ע, ב: גופא דילהון קדישא. וראה תניא פמ"ט (סט, סע"ב ואילך). ס' השיחות תורת שלום ע' 120.

69) ראה ירושלמי ערלה פ"א ה"ג. לקו"ת צו ז, רע"ד.

70) להעיר, שסיום וחותם כל ספר תהלים (ד„הכל הולך אחר החיתום" – ברכות יב, א) הוא „כל הנשמה תהלל י־ה הללוי־ה" (וראה שם מח, א: איזה דבר שהנשמה נהנית ממנו ולא הגוף כו'. ועוד).

71) המשך תרס"ו ס"ע ג. ובכ"מ – נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32.

72) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו.

73) תניא פל"ו.

74) רמב"ם ריש הל' יסוה"ת.

75) כידוע דברי ר' דוד הנגיד (נכדו של הרמב"ם) ש„משנה תורה שחיבר זקנו הרמב"ם מתחיל בשם המפורש" (סדר הדורות ד"א תתקכז. שם הגדולים להחיד"א מע' רמב"ם. וראה גם „פירוש" לריש הל' יסוה"ת). – וראה בארוכה הדרן על הרמב"ם תשל"ה סי"ז ואילך. תשמ"ח ס"ב ואילך (ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 207 ואילך).

*75) ירמי' י, י.

76) תהלים קיז, ב.

כל הארץ"[76*], ביז באופן אַז „מלאה[77] הארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים"[78].

ח. דער ענין הנ"ל פון „תפלה למשה" שטייט נאָכמער בהדגשה ובגילוי בדורנו זה — ווען מ'האָט דעם כח פון די תפלות וברכות און עבודה פון רבותינו נשיאינו, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא[79], ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אתפשטותא דמשה שבדורנו,

ובפרט ווען מ'שטייט לאחרי ארבעים שנה מהסתלקות־הילולא שלו (בשנת תש"י), ווען „נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[80], קאי איניש אדע־תא דרבי'[81],

וואָס ער גיט דעם כח צו בחי' משה אין יעדער איד בדורנו — ובפרט דורך דעם גילוי פון פנימיות התורה — צו מגלה זיין ווי ער איז „משה איש האלקים", און ווי „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", דער גילוי בחי' נועם (פנימיות עתיק), דורך לימוד התורה, ובפרט פנימיות התורה, און די עבודה פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, באופן אַז דאָס טוט אויף „כוננהו" אין „מעשה ידינו", אין אַלע דרגות שבזה,

אָנהויבנדיק פון דער עבודה מיט זיך אַליין — דורך דעם וואָס יעדער איד איז מגלה (בכח פון נשיא דורנו) ווי ער איז שלוחו של הקב"ה, ושלוחו של אדם (העליון[82]) כמותו[83] („משה איש האלקים"),

וואָס דאָס ווערט דורך דעם וואָס אַ איד — אַלס שלוחו של הקב"ה — נוצט אויס זיינע כחות אויף עבודת ה', אַזוי אַז די כחות זיינען נאָר ווי אַ כלי, אַ „שליח", אויף אויספירן שליחותו ורצונו של הקב"ה, בלימוד התורה, נגלה דתורה ופנימיות התורה [כולל ובמיוחד הלכות שבתורה (בחי' הוי'[84] שבתורה)[85], ווי ספר ה־רמב"ם[86] וכיו"ב], וקיום המצוות בהידור,

און אַזוי טוט ער אויף אויך אין עולם, אַז כל עניני העולם ווערן אַ כלי אויף אויספירן שליחותו של הקב"ה;

און דורך דעם וואָס דער שליח טוט זיין עבודה בשלימות בצירוף זיינע עשר כחות — ווערט דאָס משיח[87] (בגימטריא שליח בצירוף עשר[88]), ביז דער גילוי פון משיח בפועל, ווען עס וועט זיין דער שלימות הגילוי „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו'".

ט. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער הדגשה בשנה זו, הי'תשנ"א, ר"ת הי' תהא שנת נפלאות אראנו:

---

*76) רמב"ם שם ה"ד־ה"ה.

77) ישעי' יא, ט.

78) סיום וחותם ספר הרמב"ם.

79) נסמן לעיל הערה 30.

80) תבוא כט, ג.

81) ע"ז ה, ריש ע"ב.

82) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

83) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב.

84) כלשון יחז"ל „והוי' עמו שהלכה כמותו" (ש"א טז, יח. סנהדרין צג, ב). וראה בארוכה אוה"ת יתרו ע' תתצ ואילך. סה"מ תרכ"ז ע' רפ ואילך. ע' רצ ואילך. המשך תרס"ו ע' תכט ואילך. לקו"ש חט"ו ע' 233 ואילך.

85) ו„אין כל הגליות מתכנסות אלא בזכות המשניות" (ויק"ר ריש פ"ז, ג. וראה תו"א שמות מט, ג. תו"ח שם (יח, א־ב). וראה תשובות וביאורים (קה"ת, תשל"ה) סי"ד ס"ה), והרי פסקי דינים הלכה למעשה הם בכלל המשנה — הל' ת"ת לאדה"ז רפ"ב. וראה לקו"ת דברים ב, סע"ב ואילך.

86) חיבור „הלכות הלכות" (כמ"ש הרמב"ם בהקדמתו לספרו).

87) ובהדגשה יתירה בתינוקות של בית רבן, עליהם נאמר „אל תגעו במשיחי" (דה"א טז, כב. שבת קיט, ב).

88) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ט (קה"ת, י"א ניסן, תנש"א) ע' 358 ואילך. ועוד.

דער שרש פון הנהגה נסית קומט פון שם הוי', שלמעלה פון הנהגה טבעית וואָס קומט פון שם אלקים (בגימטריא הטבע)[89].

דער סדר הרגיל אין עולם איז די הנהגה טבעית. עס זיינען אָבער דאָ זמנים ווען דער אויבערשטער מאַכט נסים, מ־לשון „ארים[90] נסי"[91] „כמו הנס על ה־הרים"[92], וועלכער הויבט אויף און איז מגלה אלקות וואָס איז העכער פאַר דער בריאה, און הויבט אויך אויף און איז מגלה די פנימיות פון דער הנהגה טבעית (אַז דאָס קומט פון דעם אויבערשטן, שם אלקים)[93].

ווי דאָס איז געווען אין שנה שעברה, ה'תש"נ, ר"ת הי' תהא שנת נסים – כמדובר כמ"פ[94], וועגן די נסים וואָס מ'האָט דע־מולט געזען.

דערנאָך איז דאָ אַ חידוש נעלה יותר – „אראנו נפלאות", ווי עס שטייט בנוגע צו דער גאולה האמיתית והשלימה, אַז „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[95], נפלאות אפילו בערך צו די נסים פון יציאת מצרים[96], ד.ה. אַז עס ווערט אַן עלי׳ אפילו אין דעם ענין פון „ארים נסי". ונוסף לזה – איז דאָס אין אַן אופן פון „אראנו נפלאות": די נפלאות זיינען בגלוי באופן אַז מ'קען זיי זען בעיני בשר. און נאָכ־מער – „אראנו", דער אויבערשטער אַליין באַווייזט די נפלאות, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז למעלה מכל מדידה והגבלה, און – אַז אַלץ ווערט אַנטפלעקט, עס ווערט געזען דער אמת און פנימיות פון דער הנהגה טבעית[97], און דער גילוי פון די פולקאָמע הנהגה נסית, ביז – אויך דער גילוי פון דאָס וואָס איז אינגאַנצן „נפלא"[98].

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז שטייענדיק אין „שנת נפלאות אראנו" – שטייט בהד־גשה יתירה די ברכה פון דעם אויבערשטן (וואָס ווערט נמשך דורך „תפלה למשה איש האלקים") אין אַלע ענינים, „ויהי נועם ה"א עלינו" – אַז עס ווערט „ומעשה ידינו כוננהו" סיי אין דער הנהגה טבעית

---

89) ראה סידור (עם דא"ח) מד, סע"ב. פירוש המלות פקל"ט. המשך תרס"ו ע' קסג. סה"מ תרע"ח ע' פט. ובכ"מ. סה"מ מלוקט ח"ה ע' צד־ה.

90) ישעי' מט, כב.

91) פרש"י יתרו כ, יז. וראה סידור ופיה"מ שם. תרע"ח שם. הנסמן במכתב כ"ה אדר שנה זו הערה ד"ה „נס" – אויפגעהויבן (נדפס לקמן ח"ב ב־הוספות).

92) סהמ"צ להצ"צ עג, א (ע"פ לשון הכתוב ישעי' ל, יז). וראה סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 371. ושי"נ.

93) להעיר מאוה"ת בשלח ע' תרסה: משה נק' איש האלקים שהוא איש ומושל על שם אלקים . . ע"כ עושה ניסן של ישראל כי שם אלקים גימט' הטבע והנס שהוא למעלה מהטבע זהו ע"י שנקרא איש האלקים.

94) ראה שיחות: ש"פ תולדות, ד' כסלו (סה"ש תש"נ ח"א ע' 60־159): ז כסלו: יו"ד כסלו: כ"ב אלול (שם ע' 691) – תש"נ. לעיל ע' 4־74. ועוד.

95) מיכה ז, טו.

96) אוה"ת נ"ך עה"פ סק"ז (ע' תפז), מזח"א בהשמטות סכ"ה (רסא, ב). וראה הנסמן במכתב ה' ניסן שנה זו הערה ד"ה ווי דער באַוואוסטער פירוש.

97) שהרי גם לע"ל תהי' הנהגה טבעית והנהגה נסית* (וגם בתקופה הב' כשיהי' שינוי במעשה בראשית (ראה לקו"ש חכ"ז ע' 198. ועוד), לא יתבטלו כל חוקי הטבע לגמרי, כפשוט), ויהי' אז גם החילוק בין ימי החול ויום השבתי (ביום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים גופא), וכמ"ש (ישעי' סו, כג) והי' גו' מדי שבת בשבתו גו', וכיו"ב – ובכל א' מהם יהי' הגילוי ד„כוננהו" ע"י הקב"ה עצמו באופן של „נפלאות".

98) ראה גם מכתב הנ"ל.

---

*) ששרשם הוא משם הוי' ומשם אלקים, ולע"ל יהי' גם הגילוי דשם אלקים (ועד שהוי' דעכשיו יהי' אלקים לע"ל, והי' הוי' לי לאלקים (ויצא כח, כא), ויהי' גילוי שם הוי' נעלה יותר – תו"א ואוה"ת ר"פ ויצא. ועוד).

(אלקים), אַז אין זיין „וואָכעדיקע״[99] און טבעית׳דיקע ענינים ווערט „כוננהו״ (ביז באופן של נפלאות), און נאָכמער — „ומעשה ידינו כוננה עלינו״ אפילו אין דער הנהגה נסית (הוי׳), אַז אפילו אין זיין „שבת׳דיקע״ און למעלה־מדרך־הטבע׳דיקע הנהגה באַוויזט דער אויבערשטער נסים גלויים — ווי ער האָט שוין אָנגעהויבן באַוויזן, און איז ממשיך באַוויזן ביתר שאת וביתר עוז, לכל אחד ואחת, אויך בחייו הפרטיים, און הויבט אויף אידן (און „מעשה ידינו״) למעלה ממעמדם ומצבם אפילו כשהיו בשנת נסים (וואָס אויך דעמולט איז מען געווען אויפגעהויבן), און אין אַן אופן פון „(נפלאות) אראנו״, אַז מ׳זעט עס בגלוי, מראה באצבעו ואומר זה[100].

ולהוסיף: דער סדר האותיות פון מספר השנה איז (תש)נ״א, פריער נפלאות און דערנאָך אראנו. אָבער אידן האָבן (אויך) מוסיף ומשנה געווען דעם סדר, אַז מ׳זאָל זאָגן „אראנו נפלאות״ (כלשון הכתוב). ויש לומר דער חילוק: אין „נפלאות אראנו״ איז דער עיקר הדגשה אויף די נפלאות, און די נפלאות — „אראנו״, מ׳זעט זיי באופן של ראי׳.

אין „אראנו נפלאות״ איז דער עיקר הדגשה אויף דעם „אראנו״, ווי דער אויבערשטער אַליין באַווייזט באופן של ראי׳ — דער אמת ופנימיות פון יעדער זאַך, און בשעת דאָס איז אין אַן אופן פון „אראנו״ (דורך דעם אויבערשטן אַליין) זעט מען (בדרך ממילא) ווי דאָס איז אַלץ — „נפלאות״ (סיי די הנהגה טבעית, סיי די הנהגה נסית, סיי די מאורעות שבעבר און סיי די נפלאות וואָס וועלן זיין בעתיד).

ביז אַז עס ווערט „אראנו״ — דער גילוי וראי׳ אין דעם אויבערשטן אַליין, כביכול — „והיו עיניך רואות את מוריך״[101], ראי׳ בעיני בשר, ביז אַז דאָס נעמט דורך אויך די הנהגה טבעית וגשמיות פון אַ אידן[102]. און בשעת ס׳איז דאָ דער „אראנו״ אין („ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו״, ביז אין) דעם אויבערשטן אַליין, זעט מען ווי אַלץ (סיי טבע, סיי נס) איז „נפלאות״ („כוננהו״) של הקב״ה.

י. אין שנת אראנו נפלאות גופא איז דאָס נאָכמער אונטערשטראָכן אין חודש ניסן, וואָס באַווייזט אויף „נסי נסים״[103], נסים אפילו בערך צו נסים (ע״ד די נפלאות דלעיל כנ״ל).

און אין חודש ניסן עצמו — נאָך שבת הגדול, „שנעשה בו נס גדול״[104] (גדלות אין נס עצמו), און שוין נאָך עשירי בניסן (ווען דער „נס גדול״ האָט פאַסירט בפועל, בשבת לפני פסח עשירי בניסן[105]).

---

99) ראה הערה 97.

100) ראה תענית בסופה. שמו״ר ספכ״ג. פרש״י בשלח טו, ב (ד״ה זה א־לי).

101) ישעי׳ ל, כ.

102) וכבר הי׳ לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה, „כדכתיב (ואתחנן ד, לה) אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו, הראת ממש בראי׳ חושית כו׳״ (תניא פל״ו — מו, א). ועד שגילוי זה חדר בהגשמיות דבנ״י, כמ״ש (משפטים כד, יא) „ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו״, היינו, שהגילוי דמעשה המרכבה נמשך בפנימיותם, עד שנעשה דם ובשר כבשרם (ראה תניא פ״ה).

והענין דמתן תורה נמשך בכל יום, „נותן התורה״ לשון הוה (של״ה כה, א. לקו״ת תזריע כג, א. מאמרי אדהאמ״צ שמות ח״א ע׳ קעה. ושי״נ), היינו שהגילוי אלקות דמ״ת ישנו בכל יום, הן בימי החול והן ביום השבת — ראה לעיל בפנים ובהערה 97.

103) ראה ברכות נז, רע״א ובפרש״י וחדא״ג מהרש״א שם.

104) תוד״ה ואותו — שבת פז, א בשם מדרש (ראה דעת זקנים מבעה״ת בא יב, ג). טור ושו״ע אדה״ז או״ח הל׳ פסח ר״ס תל.

105) אלא שקבעו הנס ביום השבת — ראה נ״כ טושו״ע או״ח סת״ל. שו״ע אדה״ז שם ס״א.

און מ'האַלט שוין אור ל„עשתי עשר יום"[106] בחודש ניסן, דער „נשיא לבני אשר"[106], וואָס זיין ענין איז — „והוא יתן מעדני מלך"[107]: יעדער איד ווערט געבענטשט — נאָך אין די לעצטע רגעים פון גלות — מיט „מעדני מלך", דער ענין התענוג („ויהי נועם"), און „מעדני מלך"[108] דוקא — שלימות התענוג[109], סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, כולל — „מעדני מלך" אין עבודת ה', המשכת תענוג אויך אין דער סדר ושלימות העבודה פון מלך ר"ת „מוח לב כבד"[110], מוח שליט על הלב[111], און דערנאָך ווערט עס נמשך אין כבד (מקור הדם[112], „הדם הוא הנפש"[113]), אַזוי אַז ס'איז דאָ שלימות ציור ומצב האדם — איז אויך אין דעם ווערט אַ תוספת ברכה, פון המשכת התענוג („מעדני מלך").

און עס ווערט נתגלה ווי יעדער איד איז אַ בן מלך[114] (ביז אַ „מלך" עצמו[115]) — בנו של מלך מלכי המלכים הקב"ה, וכמ"ש[116] „וכל בניך לימודי הוי'", וואָס דאָס גייט אויף יעדער איד (וועלכער איז נכלל אין „בניך") — וכמבואר הענין ד„כל בניך גו'" אין די דרושי חתונה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[117]: און זייענדיק אַ „בן מלך" באַקומט ער „מעדני מלך" בשלימות, שלימות התענוג.

ויש להוסיף ולקשר זה מיט דעם מאמר הידוע פון דעם בעש"ט[118], אַז יעדער איד איז טייער באַ דעם אויבערשטן ווי אַ בן יחיד שנולד להורים זקנים לעת זקנותם — דלכאורה, איז ניט מובן דער משל פון „הורים זקנים לעת זקנותם" אויף דעם אויבערשטן, ובלשון חז"ל[119]: „מי איכא זיקנא קמי'"?!

ויש לומר, ע"פ הידוע אַז „זקן" איז פאַרבונדן מיט (חכמה[120], ביז מיט) עתיק (יומין)[121], וואָרום עתיק איז לשון זקן (כמ"ש[122] „ועתיק יומין יתיב גו'")[123], פנימיות הכתר, ביז מיט פנימיות עתיק, עצמות התענוג (בחי' אחד עשר, חד ולא בחושבן)[124]: וי"ל אַז דער משל הנ"ל (אַז אַ איד איז אַ בן יחיד שנולד להורים זקנים כו') איז מרמז ווי אַ איד איז פאַרבונדן מיט בחי' זקן (עתיק) שלמעלה, וואָס איז אין

106) נשא ז, עב.

107) ויחי מט, כ.

108) ולהעיר ש„מלך" בגימטריא צ'.

109) ראה סה"ש תשמ"ז — ברכת י"א ניסן ס"א.

110) ראה ניצוצי אורות וניצוצי זהר לזח"ב קנג, א. וש"נ.

111) זח"ג רכד, סע"א. וראה תניא פי"ב (יז, רע"א). פי"ז (כג, א). פ"ל (לח, ב). פנ"א (עא, סע"א).

112) ראה ע"ח שער המוחין (ש"כ) פ"ה.

113) פ' ראה יב, כג.

114) „כל ישראל בני מלכים הם" — שבת סז, א.

115) „אתקריאו ישראל מלכים" — תקו"ז בהקדמה (א, ריש ע"ב).

116) ישעי' נד, יג.

117) ד"ה וכל בניך לימודי ה' תרפ"ט (סה"מ קונטרסים ח"א טז, ב ואילך).

118) כתר שם טוב הוספות סי' קלג.

119) יבמות טז, ב.

120) כמאחז"ל (קידושין לב, ב) „זקן זה שקנה חכמה".

121) ופנימיות אבא פנימיות עתיק (נסמן בקונטרס לימוד החסידות ע' 6) — ראה מקומות שבהערה 123. ד"ה ואברהם זקן תרנ"ד. ועוד.

122) דניאל ז, ט (וראה במפרשים שם).

123) ראה ד"ה ויעמוד העם תרנ"ח (ע' קצ ואילך). המשך תער"ב ח"ג ע' א'שסח ואילך. וראה המשך תרס"ו ע' רלד—ה. ועוד. ובד"ה ויעמוד שם: זקנתי הוא בחי' עתיק, דעתיק הוא ל' זקנה . . וענין הזקנה למעלה הלא ארז"ל ומי איכא זקנה קמי' קוב"ה להיות שאינו בגדר זמן וממילא אינו שייך שם ענין הזקנה. אלא הכוונה דזקנה מורה על הקדמות, והיינו דלהיות שבחי' עתיק כו'.

124) המשך תרס"ו שם.

זאך מיט עצמות ומהות[125] — ישראל וקוב"ה כולא חד[126]. און דעריבער ווערט צו אים (דער בן מלך) אויך נמשך "מעדני מלך"[127] — עצמות התענוג (עתיק).

ובפרט דורך דעם וואס אידן האבן מוסיף געווען בלימוד התורה בכלל, כולל ובמיוחד — לימוד פנימיות התורה, וואס דורך דעם ווערט די המשכת גילוי פון "עצמות עתיק"[128] אין אידן.

און זיכער וועט מען ווייטער מוסיף זיין אין לימוד התורה ובפרט פנימיות התורה — און אויך אין קיום המצות בהידור — באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, און אין דעם גופא — איז מען מוסיף מערער און מערער, "ילכו מחיל אל חיל"[129], אז ניט קוקנדיק אויף דער הנהגה ביז איצטער באופן פון "נס", און פון "ארים נסי", אויפגעהויבן לגבי זיין הנהגה נסית הרגילה שלפנ"ז, איז ער עולה העכער און נאך העכער באופן פון "נפלאות" שבתורה ("גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך"[130]), ביז "נפלאות אראנו", און נאכמער — "אראנו נפלאות", אז עס איז דא דער לימוד התורה באופן של ראי'[131], ביז ראי' אין אלקות, אין דעם נותן התורה (והיו עיניך רואות את מוריך), און דאס ברענגט דעם גילוי פון "נפלאות" אין תורה.

און דורך דעם באקומט מען מדה כנגד מדה[132] וכמה פעמים ככה פון דעם אויבערשטן, אז "אראנו נפלאות" כפשוטו — דער אויבערשטער אליין באווייזט אים, באופן פון מראה באצבעו ואומר זה: אט האסטו די נסים ונפלאות וואס איך, דער אויבערשטער, האט דיר געגעבן, ווי "הורים זקנים" גיבן צום "בן יחיד שנולד לעת זקנותם", מבחי' עתיקא קדישא.

ביז אז דער אויבערשטער אליין שטייט בהתגלות, און מיט וואס איז ער "פארנומען" כביכול (אדער אן א כביכול) — מיט "אראנו", באווייזן יעדער איד "נפלאות", אז דאס וואס עס איז געשען מיט אים ביז איצטער איז אויך געווען "נפלאות", ועאכו"כ די נפלאות וואס קומען דערנאך (נאך דעם "אראנו"),

ביז — די נפלאות בגאולה האמיתית והשלימה, ובאופן פון "אראנו", און דערנאך — קומען נאך העכערע "נפלאות", א.ז.וו. עד אין סוף.

יא. בכל זה קומט צו דורך דעם וואס מ'וועט איצטער מסיים זיין (כרגיל) מיט מאכן יעדערן פון הנוכחים כאן (און דורך זיי — כלל ישראל) פאר א שליח מצוה אין מצות הצדקה (ששקולה כנגד כל המצוות[133]), וכמדובר לעיל[134] אז דורך דעם וואס יעדער איד אלס שלוחו של הקב"ה, וועט אויסנוצן זיינע עשר כחות בשלימות במילוי שליחותו — ברענגט ער (שליח בצירוף עשר בגימטריא) משיח, און נוסף על "גימטריא" (וואס איז בהעלם[135]), בגילוי ממש, בראי' חושיית,

---

125) ומרומז גם בהלשון "בן יחיד", בחי' אחד עשר, חד ולא בחושבן (ראה הערה 28).

126) ראה זח"ג עג, א.

127) ולהעיר גם שפנימיות עתיק הוא מלכות דא"ס (המשך תרס"ו שם).

128) כ"ה בהמשך תרס"ו שם.

129) לשון הכתוב — תהלים פד, ח.

130) תהלים קיט, יח. וראה שער האמונה פ"ס.

131) ראה לקו"ת צו יז, ב: "וזהו פי' אראנו נפלאות, אראנו דייקא בבחי' ראי' ממש . . שהשגתו (דהאריז"ל) הי' בבחי' ראי' כו'". וראה גם שער האמונה שם.

132) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. וש"נ. תוספתא סוטה רפ"ד. מדרש לקח טוב שמות ג, ו. ועוד.

133) ב"ב ט, א. וראה תניא פל"ז (מח, ב).

134) סעיף ח.

135) וראה שעהיוה"א פ"א.

און תיכף ומיד ממש נעמט משיח אַרויס אַלע אידן פון גלות, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[136], בגאולה האמיתית והשלימה, און מ'גייט אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[137],

וואָס דאָרטן האָט מען בתכלית השלי־מות אַלע ברכות פון „תפלה למשה איש האלקים . . ומעשה ידינו כוננה עלינו ומע־שה ידינו כוננהו" — כברכת משה (ואהרן) בנוגע צו השראת השכינה אין משכן, „ויברכו את העם", „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם"[138] — וואָס די שלימות פון „תשרה שכינה במעשה ידיכם" וועט זיין אין דעם בית המקדש השלישי[139], „וכשיבנה — משה ואהרן יהא עמנו"[140],

און עס ווערט (בדוגמא (אבל בעלי' ובהוספה לגבי) ווי ס'איז געווען בעת השראת השכינה אין משכן) „וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם"[141] — גילוי אלקות באופן של ראי', ביז אַז דאָס ברענגט באַ זיי אַרויס אַ רינה[142], און אַזאַ גילוי וואָס איז העכער פאַר פנימיות (ביז אַז „ויפלו על פניהם"*).

ויהי רצון, אַז נאָך אין די לעצטע מעשינו ועבודתינו אין די לעצטע רגעים פון גלות זאָל זיין די השראת השכינה „במעשה ידיכם", כולל אין דער שליחות לצדקה וואָס מ'וועט איצטער געבן,

און פון דעם כפל „תפלה למשה איש האלקים", האָט מען דעם כח צו אויפטאָן דעם כפל פון „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", אין מעשינו ועבו־דתינו איצטער,

און מ'האָט אויך משה ואהרן עמהם — בחי' משה (ואהרן — מז' רועי ישראל[143]), שבכל א' מישראל, אנשים נשים וטף,

ותיכף ומיד ממש — „הקיצו ורננו[142] שוכני עפר"[144], ומשה ואהרן עמהם בפש־טות, נשמות בגופים, צוזאַמען מיט אַלע אידן,

ותיכף ומיד ממש — „ומעשה ידינו כונ־נהו" אין דעם „מקדש אדנ־י כוננו ידיך".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א מה־נוכחים שיחיו שטר של דולר, לתתו (או חילופו) לצדקה].

---

136) כמ"ש ביצי"מ (ו„כימי צאתך מארמ"צ אראנו נפלאות") — בא י, ט.

137) בשלח טו, יז ובפרש"י.

138) פרשתנו ט, כג ובפרש"י.

139) ראה גם מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן ח"ב בהוספות). ושי"נ.

140) תוד"ה אחד — פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

141) פרשתנו שם, כד.

142) להעיר דרנה הוא בפה (זח"ג ח, ב. ושם — ביחס לשמחה שבלב) — ראה לעיל ס"ז*.

143) ז"ח בסופו (תיקונים קד, א). תו"א לב, ב. לקו"ת בהעלותך כט, ג. וראה לקו"ש ח"כ ע' 643.

144) ישעי' כו, יט.

*) וראה לקו"ת שבהערה 65: ועיין בזח"א ויצא (קמח, ב) בענין ההפרש בין שיר הלוים לבחי' וחסידיך ירננו דכהנים שהיא בחי' עליונה יותר. ועד"ז יובן מעלת בחי' שיר על בחי' מזמור.

רשימת דברי כ"ק אדמו"ר שליט"א
אור לי"ד ניסן ה'תנש"א
— לאחרי מכירת חמץ —

חג הפסח כשר ושמח, ולהמשיכו על כל השנה כולה[1],

כולל ובמיוחד — המשכת כל עניני ברכה באופן תמידי, כמו ברכת טל — שמתחילים לומר ביום ראשון דפסח[2] — ש„לא מיעצר"[3], כך יהיו כל הברכות וההמשכות בטוב הנראה והנגלה לכלל ישראל באופן ש„לא מיעצר",

ועד להברכה הכי עיקרית — גאולה האמיתית והשלימה[4], גאולה שאין אחרי' גלות[5] („לא מיעצר").

ובפשטות — שתיכף ומיד שומעים קול השופר דמשיח[6], ולפנ"ז קולו של אליהו הנביא זכור לטוב, מבשר הגאולה[7], שאומר שהגאולה כבר באה, כדאיתא בילקוט שמעוני[8] „בשעה שמלך המשיח בא עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים[9] הגיע זמן גאולתכם".

ובפרט בעמדנו בשנה מיוחדת שבראשי־תיבות שלה נרמז ענין הגאולה — „הי' תהא שנת אראנו נפלאות" (או „נפלאות אראנו") — שתיכף ומיד נעשה ה„אראנו נפלאות", „אראנו" דייקא, שרואים בעיני בשר ה„נפלאות" דהגאולה האמיתית והשלימה („כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[10]), ובאופן ד„הי' תהא", „בהווייתו יהא"[11], שמורה על התוקף והנצחיות.

ובכל זה נוסף גם המעלה דשנה זו בענין ה„חזקה"[12] — שהתחלת השנה (ר"ה) היתה באופן משולש, ג' ימים רצופים

---

1) להעיר מהפתגם הידוע שרבינו הזקן לא הכניס בסידורו (בסוף ההגדה) „חסל סידור פסח", כיון שהפסח אינו מסתיים אלא נמשך תמיד, בכל השנה (סה"ש תש"ג ע' 75).

2) בתפלת מוסף. — ולהעיר, שמעיקר הדין היו צריכים להתחיל בלילה הראשון (בתפלת ערבית), „אלא לפי שבתפלת ערבית אין כל העם בבית הכנסת", לכן קבעו להתחיל ביום, כדי שיהי' בפירסום הכי גדול (ראה ט"ז או"ח סקי"ד סק"ב. שו"ע אדה"ז שם ס"א).

3) תענית ג, א. — וטעם הדבר, כיון שהמשכתו בדרך אתערותא דלעילא, דלא כגשם שהמשכתו בדרך אתערותא דלתתא (ראה תו"א בשלח סה, ג. לקו"ת האזינו עג, ב ואילך), ולכן שייך לחג הפסח (וחודש ניסן) שענינו אתעדל"ע (ראה לקו"ש ח"א ע' 234. ח"ב ע' 545).

4) להעיר מהשייכות ד„טל" לגאולה העתידה — טל שעתיד להחיות בו את המתים (שבת פח, ב. ירושלמי ברכות פ"ה ה"ב. תנחומא (באבער) תולדות יט).

5) מכילתא בשלח טו, א (הובא בתוס' פסחים קטז, ב). פסיקתא רבתי ויל"ש שבהערה 8.

6) ראה פרדר"א ספל"א. ירושלמי תענית פ"ב ה"ד. אותיות דר"ע אות ט'.

7) ראה פרש"י בחוקותי כו, מב. תיב"ע וארא ו, יח. יל"ש ר"פ פינחס. עירובין מג, ב. רמב"ם הל' מלכים פי"ב ה"ב.

8) ישעי' רמז תצט — מפסיקתא רבתי פל"ה.

9) „ענוים" דייקא — מעלת הביטול, ששייך במיוחד לחג הפסח („זמן חרותנו") שנקרא בתושב"כ „חג המצות", כידוע ש„מצה" ענינה ביטול (ראה לקו"ת צו יג, ג. ובכ"מ).

10) מיכה ז, טו. וראה אוה"ת נ"ך (ח"א) עה"פ (ע' תפז).

11) ראה ברכות יג, א. מגילה ט, א. יז, ר"ש ע"ב. בכורות ד, ב.

12) ראה גם מכתב י"א ניסן שנה זו.

דיו"ט ושבת, וכן ימים ראשונים דחג הסוכות ושמע"צ ושמח"ת באופן משולש, ג' פעמים משולש, ושייך במיוחד לחג הפסח שיש בו שלשה דברים עיקריים, פסח מצה ומרור[13] – שנעשה התוקף ד"חזקה" בכל הענינים האמורים.

ויה"ר והוא העיקר – שמהדיבור בכל זה (ששייך לפסח, כדאיתא בכתבי האריז"ל[14] ש"פסח" הוא "פה סח") יומשך ויבוא המעשה בפועל תיכף ומיד, כולל ובמיוחד בנוגע להקרבת קרבן פסח מחר, בערב פסח, שלא יהי' צורך באמירת "סדר קרבן פסח" בדיבור (כמ"ש[15] "ונשלמה פרים שפתינו"), כיון שיקריבו קרבן פסח במעשה בפועל בבית המקדש השלישי.

כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה אל הרב (הרה"ג וכו' הרי"י שי' פיקרסקי) ואמר: ומסתמא תמצאו היתר שיוכלו להקריב קרבן פסח גם ללא ביקור ד' ימים[16].

ואח"כ פנה להערב קבלן (ר"מ שי' הכהן ריבקין), ואמר: ותתכוננו לברך הברכה המשולשת, ברכת כהנים, בבית המקדש השלישי, בחג הפסח זה.

וסיים: תודה רבה, וחג הפסח כשר ושמח.

13) ד"כל שלא אמר שלשה דברים אלו לא יצא ידי חובתו" (הגדה של פסח פיסקא "רבן גמליאל הי' אומר" – ממשנה פסחים קטז, א־ב).

14) פע"ח שער חג המצות פ"ז. ובכ"מ.

15) הושע יד, ג. סידור אדה"ז לפני "סדר קרבן פסח".

